STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09824

# TAGE-BUKH FUN A ELENDE MEYDEL, ODER

Miriam Karpilove

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# טאַגע־בוך

פון

# אַ עלענדע מיידעל

אָדער

## דער קאַמפף געגען פרייע ליעבע

פון


מרים קאַרפּילאָוו.



פערלאַג

S. KANTROWITZ
129 Lafayette Street
New York

# עלענד

נעכטען אין דער צייט איז ער געווען ביי מיר און — איינגעשלאָסען אין זיינע ארעמס, האָב איך זיך געפיהלט קליין און עלענד. ער איז מיר ניט געקומען געבען גליק ; ער איז נאָר געקומען נעהמען, אויך ניט אין גאַנצען : ער רעכענט זיך גוט אויס, וויפיעל ליעבע צו שענקען, אום ער זאָל ניט אריינפאלען אין א חוב...

איך האָב איהם געוואָלט זאָגען, דאָס איך וועל איהם צו קיינע פליכטען ניט מאָהנען, — ער וועט מיך מעגען איבערלאָזען אין מיין עלענדקייט, ווען ער וועט מיך מעהר ניט ליעבען. איך בין וויליג צוליעב אביסעל גליק אונגליקליכער צו זיין... אָבער איך האָב עס ניט געקענט ארויסרעדען... איך האָב מיך געשעהמט און געשראָקען פאר זיין ניט גלויבען און מיין אָפּפערוויליגע ליעבע... זיין איבערפלעכליכע ליעבע, די אונשעדליכע צערטליכקייטען, האָט אָבגענומען מיין שפּראַך. זיינע לייכטע ווערטער איבער מיין צערנסטען אריינטראכטען זיך אין קינדערשע שטיעפעריי, האָבען מיר דייטליך געוויזען, דאָס ער וויל, איך זאָל פערשטעהן, אז צווישען אונז קען גאָרנישט זיין...

עס איז אפשר ניט שעהן, ניט פּראַקטיש צו פאַרגעסען זיך... עס איז אָבער פיעל מאָהל ערגער, אזוי ווי ער, צו גערענקען זיך... זיין וואָכעדיגע, קאַלטע נשמה בעגרייפט עס ניט, און איך קען דאָס איהם ניט ערקלעהרען...

נאָך זיין אוועקגעהן האָב איך זיך א צייט בעטראַכט אין שפּיעגעל און געצעהלט די צייכענס, וואָס זיינע קושען האָבען אויף מיר איבערגעלאָזען. איך האָב ניט געשמייכעלט אוים גליק ביי דיעזער ערינערונג ; בעליידיגט האָב איך זיך געפיהלט.

טרעהרען ווילען זיך גיסען פון הארציגען ים געפיהלען, און וועלכען עס ווייקט זיך מיין נשמה. איך זוך דעם ים מיט געדאַנ־

קען־שטיינער צו פערוואַרפען. איך מאַך ביי זיך אָב צו זיין שלעכט, ווען ער וועט אַ צווייטען מאָל קומען, וואַרפען אַ שפּאַטישען, פּרע־כען געלעכטער איהם אין געזיכט אריין. איהם העלפען אין זיין לייכטזיניג ביז אויסגערעכענטקייט און דערנאָך, ווען ער וועט שוין האַלטען דאָס הענטעל פון טהיר אום אוועקצוגעהן, איבערלאָזען מיך ווייטער אליין, ביז ער וועט האָבען צייט צו קומען צו מיר, — דאַן איהם זאָגען, דאָס אומזיסט האָט ער מורא געהאַט מיך צו נעהמען. איך בין ווייט פון צו זיין דאָס, וואָס ער מיינט... איך וואָלט קיין רעכט האָבען צו פאָדערען פון איהם פּפליכטען... זיין עהרליכקייט מאַכט איהם אַזוי לעכערליך. האָט ער ניט פערשטאַ־נען, וואָס איך האָב אַזוי פרעהלאַך געלאַכט? דאָס האָב איך גע־לאַכט איבער איהם, איבער זיין מורא פאַר דאָס, וואָס עס איז ניטאָ פאַר וואָס צו שרעקען זיך.

ווי פאַרלאָרען און פערשעהמט ער וועט בלייבען שטעהן! עס קען זיין, ער וועט זיך פּלוצלונג געבען אַ כאַפּ צו מיר... איך וועל דאַן שטרענג אויסשטרעקען מיין האַנד און אָנווייזען אויפ׳ן טהיר. דאָס וואָלט געוועזען מיין ראַכע פאַר זיין ל י ע ב ע.

ניין, איך ווייס ניט אויב איך וואָלט דאָס געקענט טהאָן...

... אַליין געה איך ארום איבער די טומעלדיגע גאַסען פון ניו יאָרק. מיט הערבסט־געדאַנקען בעגעגען איך דעם זומער. אַ ווינטערדיגע קעלט נעהמט ארום מיין נשמה. ווען אַלעס ארום מיר לעבט, פיהל איך ווי אין מיר שטאַרבט עפּעס אָב... איך ווייס וואָס דאָס איז — ס׳איז די האָפנונג. זי געהט אין מיר אויס...

מיר איז ענג אין מיין צימער, וואו אַלעס דערמאָהנט מיך אָן איהם. איך טאָר וועגען איהם ניט טראַכטען. ער איז פאַר מיר געשטאָרבען. ער ליעבט אַנדערע. ער קען צוטהיילען זיין ליעבע און איך קען עס ניט; איך קען ליעבען נאָר א י י נ ע ם. אָבער, איך ליעב איהם שוין מעהר ניט. איך האָב נאָר פיינט מיין עלענד־קייט. ער קען געהן וואו ער וויל. אז ער איז מיט מיר, פיהל איך נאָך שטאַרקער די ווייטקייט, וואָס צוטהיילט אונז. ווען ער איז ניטאָ, קען איך קלעהרען וועגען זיין זיין מיט מיר; ווען ער איז דאָ, קלעהר איך נאָר ווי אַזוי ער וועט אוועקגעהן...

* * *

איך קען מעהר ניט זיצען אזוי אין מיין צימער און ווארטען, וויסענדיג דאָס ס'איז אומזיסט מיין ווארטען — ער וועט ניט קו־מען. איך וועל אַוועק ווייטער איבער'ן טומעל. זאָל ער קומען און מיך ניט טרעפען ביי זיך... איך וועל זיך זעצען אויף א קאַר, וועלכע פאָהרט ווייט, ווייט. זאָל זי מיך פיהרען מיט מיינע שווע־רע געדאַנקען. עס וועט זיין גרינגער ווי ארומצוטראַגען זיך מיט זיי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געפאָהרען אזוי ווייט מיט א קאַר, פול מיט מענשען, ביז זי האָט זיך אָבגעשטעלט. אַלע פּאַסאַזשירען זיינען אראָפּ און איך אויך. דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען אומקעהרען די ווענטלאַך פון די בענק אום צו פאָהרען צוריק און געקוקט אויף מיר. איך בין געשטאַנען און געהאַלטען זיך מיט איין האנד אָן דער קאַר, ווי מורא האָבענדיג זי זאָל ניט אוועקפאָהרען פון מיר... „נאָך דער, וועט דאָך קומען א צווייטע", האָב איך מיר געזאָגט און בע־שלאָסען ארומגעהן אביסעל, פערזייהען מיינע געדאַנקען איבער'ן גרינעם פעלד, זעהן וואו איך געפין זיך.

פּלוצלונג האָב איך דערזעהן א בית עולם. איך בין געפאָה־רען צו א בית עולם גאָר ניט וויסענדיג דערפון... די, וועלכע זיי־נען מיטגעפאָהרען האָבען עס יאָ געוואוסט. אָן געהען זיי אַלע ארום צווישען די קברים... און א חוץ זיי נאָך אַנדערע, מיט בלו־מען. צו וואָס דאַרפען די טויטע בלומען, אז זיי קענען זיי ניט זעהען, ניט שמעקען?...

איך בין צוגעגאַנגען צו א שטיין, גענומען לעזען דעם איינ־געקריצטען נאָמען מיט די גאָלדענע בוכשטאַבען פון א פערשטאָר־בענער, זיך פערטראַכט איבער'ן טויט, ווען פּלוצלונג האָב איך דער־זעהן לעבען זיך א מאַן שטעהענדיג. ער האָט מיך מיט א פראַגענד־פערוואונדערטען בליק אָנגעקוקט. איך האָב שטיל אָבגעטראָטען און ער איז נעהנטער צוגעטראַטען צו זיין... וואָס איז זי איהם געוועזען?...

איך האָב שוין אויסגעמיידט די קברים, צו וועלכע אַנדערע האָבען זיך דערנעהנטערט... פערבייגעגאַנגען גלייך, ביי וועלכע אַנ־

דערע זיינען געשטאַנען. מיר האָט געדוכט, דאָס איך מיט מיין אַנוועזענהייט שטער די אונטערהאַלטונגען צווישען די לעבעדיגע און זייערע טויטע. און די טויטע, ווארטענדיג אויף זייערע לעבעדיגע בעזוכער, בעלײדיגען זיך אויף מיר פאַר מיין טעמפען, גלייכגילטיגען אַרומקוקען זייערע קברים... וואָס האָב איך א פרעמדע צו זיי, דאָ ארומצוגעהן שטערען זייער רוה!... איך האָב זיך געשעהמט פאַר זיי. וואָלט איך ווען דאָרט געהאַט, וואָלט ע ר דאָרט געווען... ווי אַנדערש איך וואָלט מיך דאָ געפיהלט! נ י ט א ז ו י איבעריג, נ י ט א ז ו י עלענד...

עלענד צווישען לעבעדיגע און טויטע...

# יאוש

א בריעף פון א י ה ם. מיין הארץ האָט אויפגעהערט קלאַפּען. איך האָב איהם געעפענט.

ער וויל מיך זעהן, צו מיר קומען. ווי א בליץ האָט אַ שטראַהל האָפנונג דורכגעשניטען דעם שווארצען וואָלקען פון מיין יאוש. אַלעם פאַר מיינע אויגען האָט זיך א ווירבעל געטהאָן, ווי געוואָלט פאַלען צו מיינע פיס, זינקען און מיך מיטשלעפּען מיט זיך... איך האָב מיך אָנגעהאַלטען אָן ווענטעל פון מיין בעט, וועלכע האָט, אין איהר אונבעפלעקטע ווייסקייט, ווי מיט פאָרוואורף געקוקט אויף מיר פאַר דערלאָזען אַ פערלאַנג נאָך זיין קומען.

מיט וואָס פאַר אַ רוהיגקייט עס אָטעמט זיין האַנדשריפט! וויפיעל פאָרזיכטיגע אויסגערעכענטקייט עס ליעגט אין זיין שרייבען! ער שרייבט אַזוי, אַז אַלע וואָלטען עס מעגען לעזען. פאַר מיר לאָזט ער איבער פּלאַץ צווישען די שמאָלע שורות... דאָס האָט ער קיין מורא ניט צו טהאָן; ער איז זיכער, דאָס איך וועל קיינעם ניט אויסזאָגען וואָס איך לעז צווישען זיי...

ווען איך קען איהם אָבזאָגען פון צו זעהען מיך, וואָלט איך, קען זיין, מעהר אויף שפּעטער געוואונען, אָבער... ניין, א י ך וויל דאָך א י ה ם זעהען! איך... יע, איך וועל איהם ענטפערען. אין קאַלטע געצעהלטע ווערטער וועל איך איהם שרייבען אזוי, אַז אַלע וואָלטע מעגען לעזען, און ביי זיין קומען, זיין, אַוועקגעהן — וועל איך אַרויסווייזען איהם גלייכגילטיגקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער איז ערשט אַוועק. איך פיהל דאָס צווישען אונז איז אַלעם געענדיגט און איך בין אַרומגענומען פון א הייסען וואונש נ י ט צ ו ז י י ן.

ווען מען קען וועמען ניט פערטראָגען, הייסט מען יענעם אוועק־געהן אָדער מען געהט אליין אוועק. וואָס טהוט מען אָבער מיט זיך? איך בין זיך איבעריג, און איך קען פון זיך ניט אוועק.

א לאַנגע צייט האָב איך איהם נאָכגעקוקט, נאָכגעטראַכט און — געשיקט נאָך איהם די ווערטער און געדאַנקען, וועלכע איך וואָלט איהם בעדאַרפט זאָגען און האָב ניט געזאָגט. די שפּראַך ווערט פער־גליווערט אין מיר דורך זיין שווערען שווייגען, אָדער לייכטען רעדען איבער אַנדערע, אַלגעמיינע זאַכען. עס איז שווער צו טראַכטען פון איין זאַך און רעדען פון גאָר אַנדערע. וועלען זאָגען איהם ד ו און גאָר ענטפערן א י ה ר אום צו בעטאָנען די ווייטקייט פון דער נאָהענטקייט. ווארטענדיג פאַר איהם, האָט זיך מיר, ניט ווילענדיג, געוואָלט ער זאָל ניט קומען; איך וואָלט שוין בעסער בלייבען ביי מיין בענקעניש, איידער מיט דער פאַרטזעצונג פון ג אָ ר נ י ש ט.

א ווײַלע האָט מיר געדוכט, דאָס ווען ער וויים ווי איך לייד, וואָלט ער אַלעס אָפּגעבען פאַר מיר, אַפילו די ליעבע צו יענער, אונ־בעשטימטער, וועלכע קוקט צו איהם אַרוים פון צווישען גראַנדיעזע פּלענער פאַר דער צוקונפט.

איך האָס זיין ליעבע. איך וויל זי מעהר ניט. א ליעבע, וועל־כע האָט פאַר זיך ניט קיין צוקונפט, איז ניט פיעל ווערטה אין דער געגענוואַרט. ווייטע בעציהונגען זיינען שעהן נור דאַן, ווען נאָך זיי קומען נאָהענטע. מען מעג זיין אין אַלעס פריידענקער, נור ניט אין ליעבע. ליעבע וויל פאַנאַטיקער. ער איז דאָס ניט. ער איז ווי א שפּיעלער, וועלכער שטעלט אין קאָן פּונקט אַזוי פיעל וויפיעל איהם אַרט ניט ער זאָל פערליערען...

איך האָב געוויינט. געוויינט ביז איך האָב זיך אויסגעוויינט. די טרערען האָבען אַראָפּגעוואַשען דעם לעצטען ביטערען פיל פון ענ־טוישונג, פון גענאַרטען גלויבען אין א נס — איז זיין ליעבע ווי מיינע...

דערפאַר, וואָס איך האָב געוואָלט זיין גלייכגילטיג צו איהם און ניט געקענט, (ווייל איך פערליר זיך אין מיין ליעבע. זי איז גרעסער פון מיר), האָב איך איהם אויסדריקליך געזאָגט, דאָס ס'איז בעסער פאַר אונזביידען, מיר זאָלען זיך מעהר ניט זעהן. ער האָט געשוויי־

גען... אַזוי האָב איך געטהאָן. מיר האָבען זיך שטום די הענד געדריקט און אַוועקקוקענדיג איינס פונ'ם אַנדערען — צוגאַנגען.

זי איז געשטאָרבען, די ליעבע. איך וועל קיין אָנשטרענגונג מאַכען זי אָפּצורופען. אַ טױדטע זאַך, אַז מען רופט אָפּ מאַטערט זיך עס נאָר, אָבער צוריק צום לעבען קומט עס ניט...

# ווייטער פריהלינג...

ווייטער פריהלינג.

„ווידער איז ער דאָ, דער יום טוב פון ליעבע, די ערוואכונג פון דער נאַטור, מיט איהרע ווייך גלעטענדע סאמעטענע ווינטעלאך, ניי־ערוואכטע פערלאנגען און האָפנונגען אויף גליק.“ — אזוי זאָגען פיעלע וועלכע שרייבען, בעשרייבען און בעזינגען דעם פריהלינג.

איך... זאָג עס ניט. איך פיהל אַנדערש. ווען איך דערזעה דעם פריהלינג, טראַכט זיך מיר: באַלד ווייטער ווינטער...

קוקענדיג אויף דער נאָך איינגעשלאָסענער קנאַספּע, זעה איך שוין די פערוועלקטע בלום. ווען די בוימער טהוען זיך אָן אין זייערע ניי־גרינע קליידער, זעה איך שוין, ווי די פּערגעלטע, צודאַרטע בלעטלאך פאלען צום באָדען און שטילען שרייען פון בייזען ווינט...
איך זעה דעם טויט פון זאכען, ווען זיי ווערען ערשט געבאָרען...

---

גאַנצע אבענדען זיץ איך אָפּ אליין מיט זיך און ווייס, קיינער וועט צו מיר ניט קומען. מיר ווילט זיך אויך צו קיינעם ניט געהן. איך קוק שטונדען לאַנג ארויס פון מיין פענסטער, וואָס קוקט טרויעריג אַרויס צו אַ סך אַנדערע פענסטער, ווי מיינע, וואָס שניידען זיך אין גאַנצע שורות אין די גרויסע טענעמענט הייזער, ווי זיי קוקען אַרויס מיט בענקעניש און אומעט איבער דער פּוסטקייט וואָס פיהלט אוים דאָס אָרים לעבען אונטער זיי...

אין איינע פון די פענסטער זעה איך זי, די יעניגע, וועלכע האָט נאָך אליין ניט אָנגעפאנגען צו לעבען נאָר דורך לאנגע יאהרען שווערע ארבייט געהאָלפען „איהם“ צו „ענדיגען“... „ער“ קוקט איצט אויף איהר פון אויבען אראָפּ. פון איהרע מיעדע אויגען קוקט שרעק

אַרוים איבער דעם גערדאַנק, אַז באַלד וועט ער אויף איהר ניט וועלען קוקען...

איך זעה זי שוין אַ איבערגעפּאַהרענע אונטער די רעדער פון׳ם רייט־וואַגען אויף וועלכען „ער“ טראַגט זיך אין געיעג נאָך ערפּאָלג...

ווי אומגליקליך זי קוקט אוים צו זיין! ווי דערשלאָגען, ווי ענטמוטהיגט ווען זי וואַרט פאַר איהם און ער קומט ניט! און ווען ער קומט, זעהט אוים, ווי זי וואָלט זיך פאַר איהם וועלען פערוואַנד־לען אין אַן אַנדערער... אַ אינגערע, אַ שעהנערע, אַ מעהר צופריעדענ־שטעלענדע. ער זעהט עס... און דאָס פערגרעסערט דעם אומגליק; ליעבע איז אַ שפּיעל אין וועלכע מען טהאָר ניט ווייזען די קאַרטען...

די יוגענד פון דער פרוי איז דער פריהלינג פון איהר לעבען. דאָס איז די יוגענד פון דער ר י י כ ע פרוי. די אַרימע, עלענדע וויים ניט פון פריהלינג, פאַר איהר איז אייביג הערבסט און ווינטער...

---

אַ מאַן וויל שטענדיג אויסזעהען צו זיין דער שטאַרקערער פון דער פרוי. און ווערט ער שטאַרק אויפ׳ן רעכענונג פון איהר... שוואַכקייט, ווערט ער איהר דערפאַר אַ שונא...

ניטשע זאָגט: „ווען דו האָסט איינמאָל איינעם געגעבען די געלעגענהייט צו ווייזען זיין גרויסקייט, און ער האָט זיך דערמיט צו דער צייט ניט בענוצט, וועט ער דאָס דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין...“

---

איך קוק אויף מיין האַנד און קוש דעם קוש, וואָס ע ר האָט אויף איהר, צום לעצטען מאָל, פאַר אוועקגעהן, איבערגעלאָזען. איך האָב איהם... ליעב. ער ווייסט ניט, ווי שטאַרק איך ליעב איהם, און איך וועל דאָס איהם... איך קען דאָס איהם ניט זאָגען. זיין ניט ליעבען מיך, ניט ווינסענדיג, ווי היים איך ליעב איהם וועט פער־וואונדען מיין האַרץ. זיין ניט ליעבען ווינסענדיג ווי איך ליעב — בעליידיגען מיין שטאָלץ. מיין בעליידיגטען שטאָלץ וועלען אַלע קענען זעהן, מיין צו־וועהטאָגטע האַרץ — ניט. איך קען מיינע ליידען בעהאַלטען... גוט, ג ו ט בעהאַלטען...

און זיי זיינען מיר טייער מיינע ליידען. איך פערשטאַרק זיי נאָך מיט פערשיעדענע פאָרשטעלונגען וועגען זיין ליעבע צו אַנדערע

און פיהל אַ פּיינליכען פערגעניגען אין מאַטערען זיך, אין ליידען פאַר איהם...

---

ער האָט מיך אַזוי געבעטען צו איהם קומען! ביי איהם, זאָגט ער, איז שטיל און גוט. ניטאָ קיין זייטיגע, פרעמדע מענשען, וועלכע זאָלען שטערען צו ליעבע. איהם אַרט ניט די עפענטליכע מיינונג, און דאָך זוכט ער זיך פון איהר צו בעהאַלטען... אויב די ליעבע זיינע איז בערעכטיגט פון זיין האַרץ, זיין נשמה, זיין געוויסען, פאַר וואָס זאָל ער זיך וועלען אַזוי מיט איהר בעהאַלטען, ווי מיט אַ פערברעכען?

אויב ער וויל זיין דער זיעגער, וויל איך ניט זיין די בעזיעגטע, זאָל מיין זיעג בעשטיין אין דעם, וואָס איך וועל זיך ניט לאָזען בעזיעגען. איך מוז זיין די הערשערין פון מיין ווילען, אויב איך וועל איהם ניט מאַכען פאַר אַ שקלאַף צו זיין געוויסען, צו וואָס בריינגען איהם דערצו ער זאָל דערנאָך דאַרפען פאַר מיר ל י י ד ע ן?!

ניין. איך וועל צו איהם ניט געהן, מעג ער מעהר צו מיר קיינמאָל ניט קומען!

---

איך האָב בלויז געוואָלט זעהן די הויז, אין וועלכע ער וואוינט. די פענסטער פון זיין צימער.

זי איז געווען האַלב-בעלויכטען. — קיינער האָט זיך דורכ'ן געדיכטען פאָרהאַנג ניט געזעהען. — איך בין געשטאַנען אין אַ פינסטער ווינקעל אויף דער זייט גאַס געגענאיבער, און מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט: זיין פענסטער. ס'איז ליכטיג... ווען איך געה איצט אריין צו איהם, בין איך ניט מעהר אַליין. נאָר אריינגעהן און גלייך אוועק. אוועקטראָגען מיט זיך די בעריהרונג פון זיין האַנד, אַ קוש, אַ בליק, אַ וואָרט...

אָבער ניין. איך האָב זיך אויף דעם ניט געקענט בעשליסען. וואָס וועט ער, אפילו ער אַליין דענקען וועגען מיר?! ניין, איך טאָהר צו איהם ניט געהן, ער קען דאָך צו מיר קומען. און דאָס, אין וואָס מיין ווייסער צימער מיט די דינגע וועגט און נאָהענטע צו איהם מענשען שטערען איהם, דאַרף סיי ווי ניט געשעהן...

דאָס איז זיין פענסטער. ער זיצט געוויס אין אַ ווינקעל פון

זיין אָפּגעזונדערטען צימער און לעזט. אָדער ליעגט אויף זיין בעט־טעל און טראַכט, טראַכט קען זיין וועגען מיר. וואָס וואָלט ער טהאָן, ווען ער וויים, דאָס איך שטעה דאָ אזוי נאָהענט... ער וואָלט לויפען צו מיר און רופען, בעטען צו זיך...

די פאָרהאַנג אויף זיין פענסטער האָט זיך צונומען. א פרויען־פיגור האָט זיך הינטער איהר בעוויזען. זי האָט ארויסגערוקט איהר קאָפּ אין דרויסען, געקוקט צום הימעל... נאָך איהר איז ער צוגע־קומען. ער, ע ר !.. זי האָט אויסגעדרייט צו איהם איהר געזיכט, איהרע ליפען פאר א קוש... זיין קאָפּ האָט זיך איבער איהר אָנגע־בויגען. זיי זיינען ביידע מיט אמאָל ניעדריגער געוואָרען, א ווענטעל פון א שטוהל האָט זיי פערשטעלט. און איבער דער ווענ־טעל האָבען זיך צוויי ווייט ענטבלויזטע שניי־ווייסע אָרעמס גע־פלאָכטען...

דערנאָך די אָרעמס פערשווינדען. אין צימער איז געווארען פינסטער... און אפשר איז דאָס מיר פינסטער געווארען פאר די אוי־גען פון דער שווארצער כמארע, וואס האָט ארומגעכאפּט מיין נשמה, צונויפגעדריקט מיין הארץ און געמאכט פיהלען, ווי ארויסגעשטויסען פון דער וועלט...

ווי בין איך צו זיך געלאָפען ! ווי געיאָגט פון בייזע גייסטער. אָבער איצט... איצט בין איך רוהיג... איך האָב מיר געהייסען זיין רוהיג און בין איצט רוהיג, רוהיג ווי א טויטע...

א ווייכער ווינטעל קיהלט מיין הייסען שטערען, אימיצער זינגט פון פריהלינג... פון גליק, פון ליעבע...

# שבת־נאַכט

דער טיק־טאַק פון דעם זייגער, דער פּולס פון דער צייט קלאַפּט, קלאַפּט ווי מיין האַרץ; רעגעלמעסיג, איינטאָניג. פּלוצלונג שפּרינגט עס אונטער... פערשטאַרבט... און קלאַפּט ווייטער. —

איך האָב פּראָבירט צו שיקען מיינע געדאַנקען ווייט, איבער דער גאַנצער וועלט, און זיי זיינען באַלד צוריקגעקומען צו קאָנצענטרירען זיך אין מיר, אַרום מיר אליין. ווי אַ פּוסטע זאַך, ווי אַ ליידיג שיפעל שווימט אַרוים מיין קליינע וועלטעל איבער'ן גרויסען ים פון לעבען.

און וויפיעל איך וויל מיך פערנעהמען מיט די צרות פון דער גאַנצער וועלט, מיט די ליידען פון דער מענשהייט, העלפט ניט. אומזיסט. מיין „איך" וויל ניט, קען ניט זיין גלייכגילטיג צו זיך, און מיין פּעסימיזם, אַנשטאַט ברייגנען מיך צום דענקען וועגען זעלבסט־מאָרד, דערגעהט אַזוי ווייט אַז — מיך אַרט ניט וואָס איך לעב...

---

עס איז מיר אומעדיג, אַזוי פּיינליך, שרעקליך אומעדיג, היינטיגען אָבענד מעהר ווי אין וועלכען ניט איז אַנדער אבענד פון דער וואָך. און איך ווייס שוין גאָר ניט פאַר וואָס דאָס איז, — היינט איז שבת־נאַכט...

דער שבת־נאַכט אומעט האָט זיך אין מיר געהאָדעוועט צייט פון די קינדער־יאָהרען אָן און איז אויסגעוואַקסען אין אַ כראָנישען טרויער, אין אַ מין רעליגיעזע מעלאַנכאָליע.

איך קעהר מיך אין געדאַנקען אום צוריק צו מיינע קינדער־יאָהרען, מאַך צו די אויגען און זעה זיך אין אַ פרייטאָג צו נאַכט צווישען מיינע אייגענע אין יענער, אַלטער וועלט. ווי שעהן מען פלעגט ביי אונז בעגעגענען דעם שבת! גוטמוטיג פלעגט מיט'ן

שבת ווערען דער שטרענגער טאַטע. ווייך און הארציג — די שטילע מאַמע. אַלע הויזיגע האָבען אויסגעקוקט ווי בענייעטע און מעהר פון אַלעמען — די באָבע. זי פלעגט זיך אויספּוצען אין איהרע בעסטע קליידער און מיט א קינדערש שמייכעל, מיט פרומע ליפּען צו־טהיילען יעדערען א גוט וואָרט. און דער זיידע, דער תמיד בע־זאָרגטער, איבר'ן לאַנגען גלות אריינגעטראַכטער זיידע, מיט וואָס פאַר א הארציג־נשמה'דיגען נגון, ער פלעגט זינגען דעם שלום עליכם צו די מלאכי השלום!

קיינמאָל האָט מען שבת ביי אונז געטהאָן וועלכע ניט איז וואָכעדיגע ארבייט. די עלטערען האָבען פערבראַכט דעם טאָג אין רוה, און די יונגע אין פ ע ר ב ר י י נ ג ע ן; עס פלעגען זיך צוזאַמענקומען יונגע לייט צו די ברידער... מיידלאַך צו די שוועס־טער... פלעגען צוזאַמען לעזען, זינגען, שפּיעלען אין „פאַנדען" און געהן שפּאַצירען.

שבת — דאָס איז געווען דער שעהנסטער, בעסטער, גרעסטער, ליעבסטער טאָג פון וואָך!

דערפאַר ווען דער שבת'דיגער טאָג פלעגט זיך נעהמען נוי־גען צום אָבענד, פלעגט א מאָדנע משא, א שווערער געפיהל, אָנ־הויבען דריקען דאָס הארץ און פרעסען. און ווען קומען פלעגט די צייט פון מאַכען הבדלה, אָפּשיידען די הייליגקייט פון וואָך, די ליכט פון פינסטערניש, פלעגט וויינען, וויינען די נשמה: איהר האָט זיך אזוי ניט געוואָלט צושיידען מיט דער אנדערער נשמה, די נשמה יתירה, וואָס פלעגט קומען נאָר אויף שבת!...

אויף דעם אָרט וואו עס האָבען פרייטאָג צו נאַכט א סך ליכט אין לייכטער געברענט, האָט זיך שבת־נאַכט טרויעריג געשמאָלצען די לאַנגע הבדלה וואָס פלעגט באַלד, נאָכ'ן הבדלה מאַכען, אויס־געלאָשען ווערען אינ'ם צוגאָסענעם אויפ'ן אָפּגעדעקטען טיש רוי־טען ווייז.

דער מאָמעס ליכטיג פנים פלעגט זיך בעציהען מיט א שטילען טרויער. זי האָט געהאָלפען דעם טאַטען זיך קלייבען אין וועג אריין, צו פאָהרען אין וואַלד, וואו ער איז געווען איין איד צווישען א סך פּויערים. זי איז איהם אלץ נאָכגעגאַנגען און פערזאָגט ער

זאל זעהן ווי ער פאהרט. דערנאך נאכגעקוקט די פוהר ביז זי האט זיך שוין מעהר ניט געזעהן.

אן אומעדיגקייט, א וואכענדיגקייט האט אויסגעפיהלט יעדער ווינקעלע אין פערדרונקעלטען הויז. עס האט זיך געלאזט הערען דער באבע'ס „גאט פון אברהם". זי האט בכיון אפגעצויגען און צוגעצויגען דעם זאגען איהר המבדיל כדי נאך א וויילע פערהאלטען די זינדיגע אין גן עדן, זיי זאלען אזוי גיך ניט דארפען געהן צוריק אין גיהנום...

די גוטע באבע, זי איז אלע מאל און צו אלעמען געווען אזוי גוט, אפילו צו די רשעים אויף יענער וועלט!

זי האט שטארק געהאלטען פון יענער וועלט, די א מ ת ' ע וועלט. ד י ו ו ע ל ט, פלעגט זי זאגען, איז נאר געמאכט געווארען כדי אויסצופרואווען דעם מענשען, זעהן וויפיעל מעשים טובים ער קען אויפטהאן. און אז ווער איז צום יעניגען ווער עס קומט א ה י ן אין ליידיגען, קומט מיט גארנישט! א מענש וואס האט גארנישט אויפגעטהאן פאר'ן לעבען, איז ניט ווערט דעם טויט... ניט ווערט די ערד זאל איהם נעהמען. אזעלכע דארף די ערד אויסשפייען.

כמעט אלע מאל שבת-נאכט פלעגט זי זיך צוריידען וועגען טויט. דער זיידע פלעגט איהר בעמערקען: „שוין, אויף א פולע וואך"... ער האט זיך ניט פארגעשטעלט קיין גליקען אויף יענער וועלט. מ'מוז געהן אהין, פלעגט ער זאגען, ווייל מען מוז. מען קען זיך פון טויט ניט ארויסדרעהען. ס'איז דאך אבער בעסער צו זיין א לעבעדיגער הונט ווי א טויטער לייב. אויב זי, די באבע, האלט זיך ביים לעבען אין איין גרייטען צום טויט איז דאך ניט שייך, אז איהר געפעלט עס אזוי, איז ער מסכים... ער וואלט אבער מוחל זיין דעם פערגעניגען, אז לעבען — דארף מען זעהן וואס מ'קען טהאן פאר'ן לעבען ניט פאר'ן טויט. נאר וויל יע, וויל ניט געהן אהין, קיין אנדער ברירה איז דאך ניטא. בעת מען ווערט געבארען איז מען דאך בעשטימט אויף צו שטארבען. פון וואס מ'ווערט גענומען צו דאס מוז מען געהן. אט, מ'טאנצט ווי עס איז אפ די נארישע חתונה, מ'לעבט אפ דאס לעבען. אלטע מוזען לאזען דעם פלאץ פאר נייע, אזוי געהט עס...

אזוי פלעגען זיי דאָס רוב ריידען שבת־נאַכט, אָבער קיינמאָל ניט פרייטאָג־צו־נאַכט, אָדער שבת. זיי האָבען זיך געהיט ניט צו פערשטערען דעם הייליגען יום טוב מיט טרויעריגע רייד. שבת האָבען זיי געדאַנקט גאָט פאַר׳ן נחת וואָס זיי האָבען פון די קינ־דער, פון די קינד׳ס קינדער, די אייניקלאך און האָבען געגאַרט צו דערלעבען זעהן די אור־אייניקלאך און געהאָפט צו דערלעבען אור־אור־אייניקלאך. דער שבת האָט אריינגעבראַכט רוה און פריעדען, מעהר פערלאַנגען און בעסערע האָפנונגען אין זייער אַלט־יונגע נשמות.

ניטאָ מעהר דער זיידע, ניטאָ מעהר די באָבע. אַלט און שוואך זיינען ערגעץ טאַטע מאַמע, צוזעהט און צושפּרייט די שוועסטער און ברידער; ניטאָ מעהר די פרייטאָגדיגע פרייד, איבערגעבליבען איז נאָר דער שבת־נאַכטיגער אומעט...

# אין קאמפף מיט זיך...

מיט פארוואורף קוקען אויף מיר די שטומע ווענט פון מיין בלאסען צימער פאר ניט ארייגלאזען צווישען זיי א שטראהל פון גליק.

פינסטער קוקען אויף מיר פייכטע אויגען פון קאלטען שפיעגעל פאר ניט לאזען זיי זעהן די ליכטיגע וועלט.

בין איך שולדיג וואס איך קען זיך ניט גליקליך מאכען? האב איך מיך פיינט וואס איך לאז זיך ניט ליעבען?

פאר וואס לאז איך די געדאנקען געהן געגען די געפיהלען וואס זיינען ווי שוועסטער צו מיינע פערלאנגען? פאר וואס, פאר וואס?

עס קען זיין איך האב זיך פיינט, בין זיך אליין א שונא...

ז י ך פיינט און קען דאך פון זיך ניט אוועקגעהן, וועל שוין מוזען זיין אזוי מיט זיך ביז דער טויט וועט קומען...

---

איך הייס מיר אוועק פון זיך אין געדאנקען, זיך פערלירען צווישען מיליאנען אנדערע אין דער גרויסער וועלט, נ י ט ז י י ן: ניטא, איך בין ניטא, אבער, ווענעם העגד שטרעקען זיך אויס נאך... א י ה ם? וועמעס ליפען רופען אויס ז י י ן נאמען?..

---

א שרעק נעהמט מיך ארום. איך האב מורא פאר משוגע ווע־רען. איך וויל צונויפנעהמען מיינע מיעדע געדאנקען אין א י י ן געדאנק איבער — — — ניט דענקען... איך וועל אונטערדריקען מיינע געפיהלען, איך וויל זיין גלייכגילטיג צו זיך, צו אלעם וואס ארום מיר, איהם צוריק רופען און זאגען: דו האסט מיך ליעב, איך האב זיך פיינט. מיך ארט ניט וואס דער סוף וועט זיין; מעג איך ווי טויזענדער אנדערע פערלארען געהן, מעג איך זיך געפינען בעליידיגט, פערלארען, פערשטויסען אויף שפעטער. איך וויל מעהר

ניט זיין וואָס איך בין; זיין איינזאַם און עלענד. ליגען אַזוי איינ־געוויקעלט אין טיעפען טרויער נאָך מיין טויטען לעבען...

רופען איהם צוריק נאָך דעם ווי ער איז דאָ געווען און איז אוועק, קען זיין, מיט דעם בעשלוס מעהר קיינמאָל ניט צו קומען! פאַר וואָס האָב איך פריהער, מיט אַ ווײַלע צוריק, ווען ער איז דאָ נעבען מיר געזעסען, איהם ווי ניט געזעהן... ער האָט געקוקט אויף מיינע האַלב צוגעמאַכטע אויגען, געזאָגט איך בין זעהר בלאַס, קוק אויס צו זיין מיעד, קראַנק, געפרעגט וואָס מיר איז און איך האָב געענטפערט — ג אָ ר נ י ש ט.

אויב אַזאַ שווייגען ווי דער, וואָס איך האָב געשוויגען, קען גאָרנישט זאָגען, איז אומזיסט דאָס ליידען... ווער עס פערשטעהט ניט די שפּראַך פון שווייגען, פון די אויגען, פון דער האַנד, פון דער שטימע — דער ליעבט ניט.

ער ליעבט מיך ניט. אָבער, אַז ער ליעבט ניט, איז צו וואָס קומט ער? איז דאָס נייגעריגקייט וואָס ברייננגט איהם צו מיר צו ז ע ה ן אויב א י ך ליעב איהם? איז דאָס אַ פערלאַנג צו פערגלייכען מיך מיט אַנדערע?

איך האָב געקוקט אויף זיין האַלז און ג ע ז ע ה ן די צוויי אָרעמס וואָס האָבען זיך אַרום איהם געפלאָכטען ווען איך, ווי אַן אַרויסגעשטויסענע פון דער וועלט, בין אין דונקעלען ווינקעל פאַר'ן פענסטער פון זיין צימער געשטאַנען. אַ נאָגענדער ווייטאָג האָט זיך ווי אַ שאַרף פון אַ שפּיעז אין מיין האַרצען אריינגעשטאָכען ביי דער ערינערונג. איך האָב מיינע פינגער פון זיין האַנד בע־פרייט, דעם ווייטאָג פערדריקט ער זאָל זיך דורך אַ קרעכץ ניט אַרויסגעבען.

און וואָס איז ער שולדיג אַז ער ליעבט מיך אַזוי — — ווי אַנדערע! ער וויל לעבען ווי ער וויל. ער וויל צובייטען דעם גרוי־סען געפיהל פון איין גרויסע ליעבע אויף אַ סך. ווען איך פרעג איהם פאַר וואָס האָט ער אין זיין צימער ג ע ל י ע ב ט אַן אַנדערע, וואָלט ער מיר קענען ענטפערען — דערפאַר וואָס א י ך בין ניט געקומען. איך האָב יענע מיין פּלאַץ אָפּגעטראָטען, זיך אַליין פון איהם צוריקגעצויגען...

וויפיעל איך וואָלט איהם געקענט אויף אַזאַ ענטפער ענטפע־

רען! אָבער, איך האָב געשוויגען, געשוויגען ווי אַלע מאָל ווען איך האָב אַ סך, אַ סך צו זאָגען. געשוויגען און זיך ווייטער דערווייטערט ווען ער האָט זיך געוואָלט צו מיר דערנעהענטערען, און ער איז אַוועק, אַוועק מיט זיין בעליידיגטען שטאָלץ.

ביי מענער איז דאָ גאָר אַן אַנדער סאָרט שטאָלץ ווי ביי פרויען, פרויען זיינען שטאָלץ אויף זייער טוגענד, מענער — אויף זייער זינד...

ווען פרויען ווילען ליעבען, ווילען מענער ל ע ב ע ן. אָבער ליעבע און לעבען זיינען גאָר צוויי בעזונדערע זאַכען כאָטש זיי געהן אָפט באַנאַנד. ליעבע איז די דעקאָראַציע פון לעבען, ווען לעבען, אין פּראָסטען זינן פון וואָרט, איז דער טויט פון דער ליעבע...

---

איך זוך צו בעפרייען מיינע געפיהלען פון אונטער דעם קאָנטראָלירענדען געדאַנק. דער קלאָהרער פערשטאַנד הייסט מיר אויפגעבען דעם משוגענעם געפיהל פאַר פאַנאַטישע ליעבע אויב איך וויל ניט געהן געגען זיך, אויב איך וויל אויסער מיין ליעבע צו זיך אויך זעלבסט־אַכטונג פערליערען.

עס איז, דאַכט מיר, ניטאָ קיין שווערער קאַמפף פאַר אַ פרוי ווי צווישען ליעבע און זעלבסט־אַכטונג.

וועל איך דעם קאַמפף געווינען?

**זיך זעלבסט צו בעקעמפפען איז דער גרעסטער קאַמפף, זיך אַליין בעזיעגען, דער שעהנסטער זיעג.**

# אין טרויער

פאראן אזא געפיהל א צארטער אין אונזער נשמה וואס איז אזוי דין, אזוי עדעל, אז וואס פאר ווער־טער מען זאל ניט זוכען איהם ארויסצוזאגען, וועט עס דאך ארויסקומען אנדערש ווי דאס איז. און דערפאר האב איך אזוי לאנג געשוויגען ווען ע ר האט געוואלט איך זאלריידען... איינגעקלא־מערט אין שטארקע צוואנגען פון טיעפען אנגסט, האב איך גע־ווארט ער זאל אהן ווערטער מיך פערשטעהן.

אבער ער האט מיך ניט פערשטאנען...

ווי א קאוויאר האב איך מיך אין מיינע געדאנקען פאר זיינע פיס געשפרייט און געוואלט ער זאל אויף מיר טרעטען. און וואלט איך נאך דעם ווי ער וואלט איבער מיר אריבערגעהן בלייבען אליין, וואלט איך שטיל די טריט פון זיינע פיס געקושט. זיך אפזאגען פון אלעס, בעהאלטען זיך מיט מיינע ליידען, איהם אין וועג ניט צו זיין, — אין וועג צו א בעסערען, פארברייכען לעבען צו וועלכען ע ר שטרעבט.

וועגען וואס טראכט איך, האט ער געוואלט וויסען.

— וועגען לעבען...

— וואס איז לעבען?

— לעבען איז... ליידען...

— אויב עס זאל זיין אמת וואס מען זאגט, בעשטייט א פרוי'ס לעבען אין ליעבען.

— און א מאנ'ס לעבען — אין וואס?

— אין... ל ע ב ע ן.

ווייטער איז מיין געפיהל און געדאנק, נשמה און הארץ ארויס אין קאמפף געגען לעבען, אין פראטעסט געגען זיין ענטשיעדענע אונבעשטימטקייט. מיט פערצווייפלונג האט זיך געריסען אין מיר א פערלאנג אוועקצורייסען מיך פון זיך: געזוכט מיט איין מאל צו־

שטערען אין זיך די איינגעבאָרענע זיך אינסטינקטיווע פערטהיידי־גענדע קראַפט: בעפרייען זיך אין גאַנצען פון קאָנטראָלירענדען געדאַנק און אריינוואַרפען זיך אין די אַרעמס פון ל ע ב ע ן!

מיינע הענט, מיינע פינגער, וועלכע האָבען זיך אַרומגעקלאַ־מערט אָן איהם ווען ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן — האָבען שטום איבערגעגעבען מיין פערלאַנגען, מיין ווילען, מיין בעשלוס צו מקריב זיין מיין ליעבע פאַר זיין לעבען.

— מאָדנע, מערקווירדיגע הענט! — האָט ער זיי בעוואונדע־רענדיג געזאָגט, — זיי ציהען צו זיך ווי מיט צוואַנגען. ווי גוט דאָס וואָלט געווען צו קענען זיי האָבען מיט זיך. זיי שטענדיג אונטער דער מאַגנעטישער קראַפט פון אָט די... דאַרשטיגע פינגער!

— עס וואָלט שוין גרינגער געווען מ י ך צוצונעהמען פון מיר ווי מיינע הענד. זיי זיינען צו מיר אַזוי שטאַרק צוגעבונדען, — האָב איך טרויעריג אַ לאַך געטהאָן.

— אויף ווי לאַנג וואָלט איהר זיך געלאָזט אַוועקנעהמען פון זיך?

— אַזוי לאַנג, האָב איך איינהאַלטענדיג דאָס קלאַפּען פון מיין הארצען געזאָגט, ביז... מען וואָלט מיך ליעב געהאַט.

— און דערנאָך?

— וואָס דערנאָך? — נאַרנישט...

— וואָס וואָלט פון אייך דערנאָך געוואָרען?

— און וואָס וועט פון מיר אַזוי ווערען?

ער האָט מיך אָנגעקוקט און געשוויגען. איך האָב מיר געבי־סען די ליפּען ווי זיי וואָלטען שולדיג געווען אין ארויסלאָזען די ל ע צ ט ע ווערטער... די ווערטער, וואָס איך האָב אין זיך אַזוי אויפריכטיג אַזאַ לאַנגע צייט בעהאַלטען. מיינע בליקען זיינען צו דער ערד געזונקען, ווי געזוכט פאַר זיך אַ גרוב צו קענען זיך אַ לעבעדיגע בעגראָבען. איך האָב מיך ארויסגעזאָגט, געוויזען נאַ־קעט מיין מיידעלשע נשמה פאַר אַזעלכען וועלכער האָט זי ניט פער־שטאַנען, ערגער דערפון: פ א ל ש פערשטאַנען. איך האָב גע־פיהלט דאָס ער קוקט אויף מיר ווי אויף איינער וואָס זוכט זיך אונ־טערצוגעבען כדי דערנאָך צו קענען הערשען. אריינגאַרען, אריינ־כאַפּען!

און ווי וועלענדיג צוריק בעהאַלטען פון איהם דעם בעגעהר פון מיין נשמה, האָב איך מיינע הענד פון זיינע געוואָלט אוועקנעהמען. נאָר ער האָט זיי ניט געוואָלט ארויסלאָזען. ער האָט געזוכט צו זיין גוט צו מיר, ווי א טיראַן צו זיין אָפּפער וועלכען ער וויל נאָך פערהיטען כדי לייכטער צו האָבען וועמען צו מאַטערען...

ער האָט זיך געזוכט צו פערענטפערען: ער האָט מורא פאַר זיך, ער איז אין זיך ניט זיכער. ער ווייס ניט אויב ער וואָלט קענען לעבען מיט איין גאַנצען געפיהל, פאַר איין מענשען און נאָך א ז א מענשען וואָס איז בערייט צו שטעלען אין קאָן דאָס גאַנצע לעבען. ער וואָלט זיך פערטראַכטען אויב ער וואָלט מיסברויכען דעם צוטרויען פון אַזא גלויבענדע, ריינע, גוטע און ליעבע מיידעל. אַזא איז ווערטה א סך א בעסערען ווי ער איז, א סך א בעסערען !..

---

איך האָב איהם געבעטען אוועקגעהן פון מיר און ניט געבעטען מעהר קומען. איך האָס מיין ליעבע, זי האָט מיך געמאַכט צו אָנבאָטען זי אַזעלכען וואָס וויל זי ניט, און ניט אויס פיינקייט, נאָר אויס פאַרזיכטיגקייט. יאָ, פאַרזיכטיגקייט. ער האָט מורא די ליעבע זאָל איהם ניט ברייננגען צו פליכטען...

עס מוז זיין אמת וואָס איינע האָט מיר אמאָל געזאָגט: עס זיינען ניטאָ קיין פיינע מענער, ס'זיינען נאָר דאָ פאַרזיכטיגע...

איך פיהל ווי איינצוועסען זיך מיט מיינע נעגעל אין מיין אייגען לייב, זיך ביז טויט שלאָגען, ארויסרייסען מיין הארץ און צוטרעטען זי, צוטרעטען מיט די אייגענע פיס...

איך קען מעהר ניט קוקען אויף זיך. איך וויל זיך ניט זעהן. איך האָב פערהאַנגען מיין שפּיעגעל מיט א שווארצען טוך. איצט קוקט מיין צימער אויס ווי א פערשאָלטענער ווינקעל אין א הויז פון אן אבל.

איך בין אן אבל. איך בין מיר געשטאָרבען. איך קום ערשט צו זיך פון דער לויה נאָך מיין גליק, מיינע לעצטע האָפנונגען. איך בין אין טרויער, אין טיעפען, גרענצלאָזען טרויער...

---

# די בריעף

אנערוואָרטעט האָב איך זיך מיט איהם נאָך א לאַנגע צייט ניט זעהען זיך — בעגעגענט. ווי דערשראָקען איך האָב מיך פאַר דער גרויסער פרייד וואָס האָט ווי א פייער ארומגעכאַפּט מיין נשמה! אזא פרייד, האָב איך געוואוסט, ווער זיך ווייטער ענדיגען אין טרויער — — — — — — — — — —

אויך ער האָט זיך דערפרעהט, און אויך ער ווי איך, האָט די פרייד געזוכט צו בעהאלטען. איך, אום ניט ארויסצואווייזען דאס מעגליך גענארטע האָפנונג אויף גליק פאַר שפּעטער, און ער — אויס זיין נאטירליכע פאַרזיכטיגקייט ניט ארויסצוזאָגען וואָס ער פיהלט, כדי שפּעטער, ווען זיין צייטווייליג־ראָמאַנטישע שטימונג וועט פערטראָטען ווערען פון פראקטישען בליק אויפ׳ן לעבען, זאָל ער ניט דארפען זיך פיהלען פעראַנטוואָרטליך פאַר א ר ו י ס ג ע ז אָ ג ט ע ווערטער...

איך האָב ביי זיך בעשלאָסען אויך איינצושליסען זיך אין זיך, ניט לאָזען איהם אריינקוקען אין די טיעפּענישען פון מיין נשמה. מיר האָט זיך נאָך צו גוט געדענקט מיין ארויסזאָגען זיך. און איך האָב דעם מאָל דורך געמאכטע גלייכגילטיגקייט געוואָלט פערגלעטען מיין דאמאָלסדיגע אָפענהערציגע ערקלעהרונג. און ווי שטארק מיין הארץ האָט געקלאפּט, ווי זי וואָלט דערמיט וועלען אויסדריקען איהר אפּלאָדיסמענט פאר דער ליעבע, האָבען מיינע ליפּען קיין איין וואָרט ניט ארויסגעלאָזט וואָס זאָל מיך ארויסגעבען...

— איהר זעהט אויס זעהר גוט, — האָט ער געזאָגט, צייט מיר האָבען זיך ניט געזעהן זייט איהר אסך שעהנער געווארען.

— איך פיהל מיך גוט. — האָב איך איינפאך געענטפערט.

— מיר האָבען זיך שוין אזא לאנגע צייט ניט געזעהען — האָט ער נאָך א קורצען שווייגען געזאָגט — איך האָב צו אייך געוואָלט ארויפקומען אָבער, כ׳בין געוועזן אזוי פערנומען!..

— איך אויך.

— איהר אויך? מיט וואָס? —

— מיט פערשיעדענעס...

— און איך האָב געמיינט דאָס איהר זייט שטענדיג נאָך פערנומען מיט זיך...

— געווען אמאָל.

— און איצט?

— מיט — — — אנדערע.

— איהר האָט דורך דער צייט געמאכט נייע בעקאַנטשאַפט?

— יע...

— ...אינטערעסאנטע... מענשען?

— אַ פּאָר גאַנץ אינטערעסאַנטע...

— זעהט איהר, דאָס איז גוט: — נייע מענשען ברייגנען אריין נייעם אינטערעס אין לעבען. איהר פלעגט פריהער אויסמיידען נייע מענשען.

— כ'האָב מיך צופיעל געהאַט צוגעוואוינט צו די אַלטע...

— איצט האָט איהר זיך שוין צוגעוואוינט צו די...?

— כ'האָב מיר געמאכט אַ געוואָהנהייט ניט צו האָבען קיינע געוואָהנהייטען.

— דאָס איז גוט...

„דאָס איז גוט"... פאַר וואָס זשע האָט ער דאָס זאָגענדיג אויסגעקוקט צו זיין אונצופריעדען? — אפנים אז וואָס פאַר איינעם איז גוט איז פאַר'ן צווייטען ניט אזוי...

— וואָלט איהר וועלען געהן מיט מיר אין פּארק? — האָט ער מיט אַ גיט זיכערען טאָן געפרעגט.

— זאָל זיין אין פּארק. דער וועטער איז אזוי שעהן, אָבער, ניט אויף לאַנג...

— ווי לאַנג איהר וועט וועלען.

— דאָס איז גוט...

— וואָס איז, איהר זייט היינט פערנומען?

איך האָב צושטימיג אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— ע ר דאַרף היינט קומען? האָט ער אַ פרעג געטהאָן מיט אַ זעהר ניט געלונגענעם שמייכעל.

— איך דאַרף זיין... כ'האָב צוגעזאָגט זיין צו אַ בעשטימטער צייט אין איין פּלאַטץ. — האָב איך מיט ערנסט געזאָגט.

— איז עס זעהר וויכטיג?

— יע, עס איז וויכטיג.

— אויב אַזוי... וועל איך אייך לאַנג ניט פערהאַלטען. כ'וועל אייך לאָזען געהען.

— לאָזען צו ניט לאָזען, איך וועל מוזען געהען.

— אָה, ווי ענטשיעדען איהר זיינט.

— אַזוי בין איך.

ער האָט געשוויגען און אויסגעקוקט צו זיין אונצופריעדען. זיין אונצופריעדענקייט האָט אין מיר צופריעדענהייט אַרויסגערופען. געבראַכט אין אַ גרינגע, כמעט זאָרגלאָזע שטימונג. איך האָב גע־טראַכט: ווי גרינג עס איז צו מאַכען גלויבען אין אַ ליגען: און ווי גוט עס איז אַמאָל צו מאַכען יענעם פיהלען שלעכט — — —

שווייגענדיג, ווי נאָך ע פּ ע ס זיינען מיר ביידע צום פּאַרק געגאַנגען. ער האָט אָפּט אויף מיר פון דער זייט פאַרשענדע בליקען געוואָרפען. מיר זיינען אַנטקעגען דער פערגעהענדער זון געקומען, און אַ צייט אין שטומע ענטציקונג פאַר איהר שטעהן געבליבען.

— ווי שעהן די זון פערגעהט! האָט ער אויסגערופען, עס וואָלט אַזוי שעהן געווען צו זיצען דאָ און וואַרטען ביז זי וועט אויפ־געהן...

מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטהאָן: פיהלט ער מיט מיר ווי צו זיצען דאָ אַ גאַנצע נאַכט, אָדער ער וויל מיך אויספּרואווען?..

— וואָלט איהר וועלען מיט מיר דאָ זיצען ביז טאָג?

— ניט היינט.

— פאַר וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— איהר ווייסט, כ'האָב שוין געזאָגט.

— אָה, יעה!..

ער האָט פערביסען די ליפּען: אָפּגעבראָכען אַ שטיקעל צווייג און געשלאָגען דערמיט די בוימער. זיין בעליידיגטע אייגענליעבע האָט פּראָטעסטירט. די, וועלכע ער איז געווען אַזוי זיכער צו קע־נען נעבען זיך אויף אַלע מאָל פערהאַלטען, האָט זיך פון זיין פאַר־שלאַג מיט איהם לענגער אַ ווײַלע צו פערבלייבען — אָפּגעזאָגט!...

— מוזט איהר ה. ד. האַלטען וואָרט?.... — האָט ער נאָכ־דענקענד געזאָגט. — אזוי איז דאָס מיט א וואָרט. עס קען צו־שטערען א פּאָר אנגענעהמע שטונדען. — אָפּטמאָל דאָס גאנצע לעבען...

מיר האָבען אַ צייט געשוויעגען. עס איז אזוי שווער צוצו־הערען זיך צום שווייגען ווען מען וואָלט קענען אזוי פיעל רעדען! וויפיעל גוטע, ווייכע ווערטער וואָלט איך איהם קענען זאָגען! ווי־פיעל וואָלט איך איהם קענען דערצעהלען פון מיין בענקען נאָך איהם די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבען זיך ניט געזעהען! און דאָך בין איך געזעסען נעבען איהם און געשוויגען. מיין האַרץ איז מיר געזונקען, פערשטאָרבען און שוין געזאָגט פון בענקעניש אויף שפּע־טער, ווען איך וועל זיך באַלד מיט איהם צושיידען און בלייבען אליין מיט זיך אין מיין מיך שרעקענדער איינזאמקייט. א פיינלי־כער פערדרוס האָט מיך ארומגענומען געגען איהם, דעם שולדיגען פון מיינע ליידען. מיר האָט זיך פערוואָלט איהם וועה טאָן, אָפּנע־מען פון איהם זיין רוהיגקייט, זיין זיכערקייט און אַלעס. מאַכען איהם צווייפלען אויב מיינע געפיהלען צו איהם זיינען געווען אמת'ע און דער מיט אונטערגראָבען זיין גלויבען אין אנדערע...

— מוזט איהר באַלד אוועקגעהן?...

ער האָט, ווייזט אויס, וועגען דעם געטראַכט...

— יע, איך מוז געהן און טאַקע שוין אויך, עס טהוט מיר לייד... און כ'האָב זיך געלאָזען געהן צום ארויסגאנג פון פּארק.

איך בין געגאַנגען, געיאָגט פון דער פראַגע: פון וועמען צו וועמען אנטלויף איך?! פון איהם צו זיך. — ווער דאַרף זיך... וואוהין זאָל איך פון זיך אנטלויפען!..

ער איז מיטגעגאַנגען און אָפען געקוקט אין די געזיכטער פון די אנטקעגען־קומענדע שפּאַצירענדע מיידלאַך. זיי האָבען אזוי קאָ־קעטיש, איינלאַדענד צו איהם געקוקט און זיינע שטומע בליקען האָ־בען ווי צוגעזאָגט זיי באַלד צו זעהען, זאָל איך נאָר אוועקגעהען...

— איהר געהט צו שנעל — האָט ער בעמערקט — אז איהר היילט זיך אזוי טאָ נעהמט בעסער די קאַר.

— די קאַר? יאָ, איהר האָט רעכט... איך וועל נעהמען די קאַר. גוד־באַי. —

— איך וועל אייך צופיהרען צום קאר, האט ער מיין אויסגע־שטרעקטע צום אפשיעד האנד ניט גענומען.

מיר איז שוין געווען אלץ איינס, יא צופיהרען ניט צופיהרען; נאך עטליכע מינוט און איך וועל סיי ווי בלייבען אליין.

א שארפער וועהטאג האט מיין הארץ אין שטיקער געשניטען. איך האב געפיהלט ווי צו שרייען... מיט בעהאלטענעם שרעק האב איך מיך אויף איהם אומגעקוקט אויב ער זעהט ניט וואס אין מיר קומט פאר...

— איהר ווילט עפעס זאגען? האט ער אויפכאפענדיג מיין בליק געפרעגט.

— זאגען? — (יא, מיר האט זיך איהם פערוואלט זאגען, זא־גען עפעס וואס ער זאל האבען צו געדענקען...) יא... מיינע בריעף, איהר האט דאך זיי אלע?..

— איך האב זיי. —

— און... איהר דארפט דאך זיי ניט האבען...

— וואס איז, איהר דארפט זיי?

—איך... יא. איך וואלט זיי וועלען האבען.

ער האט מיך אזוי מאדנע אנגעקוקט, פערביסען די ליפען און נאך א לאנגען שווייגען געענטפערט:

— איהר ווילט איך זאל אייך ברענגען?

— איהר קענט זיי מיר אז איהר ווילט, אפשיקען...

ווייטער א לאנגער שווייגען און... א שטילער, פערביסענער — „אלל־רייט."

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

...די בריעף... די בריעף וואס האבען צו איהם בעלאנגט, ליעגען אלע פאר מיינע אויגען, זיי פרעגען שטום, ווי אזוי האב איך זיי געקענט אפנעהמען... ווי אזוי האט ער זיי געקענט צוריקגעבען. און איך ענטפער זיי:

„ער האט מיך ניט ליעב." — — —

די לעצטע פאדים מיט'ן אנדענקען פון פערגאנגענהייט האב איך אליין, צוריקנעהמענדיג די בריעף — צוריסען.

איך וויל זיי צורייסען, די בוכשטעבליכע צייכענס פון מיין

אין זיי קוים אַרויסגעוויזענע ליעבע, צופּליקען, פּערברענען, און איך קען ניט. מיין האַרץ הויבט אָן שטאַרק צו קלאַפּען, די הענד לאָזען זיך מאַכטלאָז אַרונטער, אַ פּונק האָפענונג, ווי אַ בליטץ צווישען שוואַרצע וואָלקענס טהוט אַ שיין אין מיין יאוש: עס קען זיין... עס קען זיין ער וועט קומען נאָך זיי. — צוריקבעטען ביי מיר מיינע בריעף, זיי זיינען דאָך זיינע!..

# חלומות

איך האָב זיך דערוואוסט דאָס ער איז קראַנק און, דאָס האָט מיך — — — דערפרעהט... איך האָב גלייך בעשלאָסען געהן צו איהם.

אָט זעה איך זיך ווי שטיל איך קלאַפּ אָן אין זיין טיהר, געה שטיל אריין און בלייב שטעהען ביי זיין בעט ווי א שולדיגע, קוק ווי ער ליעגט מיט א בלאַס געזיכט און צוגעמאַכטע אויגען און איך האַלט איין דעם אָטהעם. איך הייס שטיל קלאַפּען מיין האַרץ זי זאָל איהם ניט אויפוועקען... ער דערפיהלט מיין אַנוועזענהייט, עפענט האַלב די אויגען, א פיינליכער שמייכעל בעווייזט זיך אויף זיינען ליפּען, ער שטרעקט אוים זיין טרוקען הייסע האַנד צו מיר. — — —

איך לאָז מיך אַראָפּ אויף די קניע פאַר זיין בעט און דריק צו זיין האַנד צו מיינע ליפּען. ער קוקט אויף מיר מיט א שוואַכען צו־פריעדענעם שמייכעל און זאָגט:

— דו ביזט געקומען, איך האָב געוואוסט דאָס דו וועסט קומען. דו גוטע, געה ניט אַוועק פון מיר. זיץ דאָ. האַלט דיין האַנד אויף מיין שטערען, איך האָב אַזוי ליעב די בעריהרונג פון דיינע פינגער!

— פאַרוואָס, פאַרוואָס — דערמאָנט ער זיך, — האָסטו ביי מיר דיינע בריעף צוריק־געבעטען? איך האָב זיי דיר אָפּגעגעבען, אָפּ־געשיקט, אָבער, מיר האָט עס אַזוי וועה געטהאָן!

— איך בין אויף זיי אייפערזיכטיג געווען... ענטפער איך מיט א טרויעריגען שמייכעל, זיי האָסטו געהאַלטען נעבען זיך און מיך באַלד פערלאָזען...

— וועסטו זיי מיר צוריקגעבען? האָסט דאָך זיי ניט צוריסען?

— צוריסען דיינע בריעף? זיינען דאָך דיינע! איך וועל זיי דיר אַלע מיטברייגנען. אַלע און צו די נאָך נייע שרייבען. — — —

— איך וועל דיר פערשפּאָרען שרייבען... וועסט מיר אַלץ וואָס דו האָסט צו זאָגען — אַרויסריידען. וועסטו?

— איך וועל.

מיר רעדען אָבער ניט, אונזערע אויגען, אונזער שווייגען — רעדט... מיר פערשטעהען זיך אָהן ווערטער. מיר האָבען זיך ליעב, ליעב, ליעב!

אזוי האָב איך זיך מיט איהם געזעהן אין מיין פאנטאזיע אויפ'ן וועג צו איהם, און קומענדיג נאָהענט צום הויז אין וועלכע ער וואוינט האָט מיך ארומגענומען א אינסטינקטיווער שרעק פאר די ווירקליכקייט... די פיס האָבען זיך אונטער מיר געבויגען, מיין האנד האָט זיך ניט זיכער אויסגעשטרעקט צו קלאָפען אין זיין טהיר.

האָב איך אָנגעקלאָפט? איך גלויב קוים — — אָבער די טהיר האָט זיך גלייך געעפענט און ער מיט נאָך איינעם זיינען פאר איהר ערשיענען, פרעהליכע, ווי זיי וואָלטען אין ערוואַרטונג צו פער־ברענגען א גוטע צייט געגאנגען. איך האָב זיך געוואָלט א וואָרף טהאָן לויפען אראָפ די טרעפ אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, ער האָט מיך געזעהן, און זיך ענדערענדיג אביסעל אין שטימע פער־וואונדערט געפרעגט וואָס איך — ——— וויינש.

— גאָרנישט... איך האָב געהאָט א טעות... ס'איז ניט די טיהר... ענטשולדיגט. — און דאָס געזאָגט בין איך געקראָכען ארויף די טרעפ... וויסענדיג דאָס איך דאָרף דאָרט צו קיינעם...

ער האָט מיך ווי ערשטוינט נאָכגעקוקט. ער וואָלט געוויס נאָך מיר געגאנגען, אָבער דער אַנדערער האָט איהם גערופען, געאיילט ערגעץ וואו ניט צו פערשפּעטיגען. איך, ווי א גנב האָב זיך פער־שטעלט אין א ווינקעל, אָפּגעוואַרט ביז נאָך זיי האָט זיך די גאַס טיהר פערקלאָפּט און ערשט דאַן א פערשעהמטע פאר זיך, א פער־ניכטעטע אהיים צו זיך געפאָרען...

---

איך בין א צייט געלעגען מיט אָפענע אויגען און געטראַכט פון מיין חלום אויפ'ן וואָהר. געטראַכט ביז די געדאַנקען האָבען זיך אויסגעמישט, די אויגען צוגעשלאָסען און איך האָב געפיהלט ווי איך ווער געהויבען העכער, העכער, ביז צו די הימלען, צו גאָט.

— וואָס ווינשט דו? — איז צו מיר א מלאך צוגעפלויגען: דיין בקשה!

— איך וויל — — אוועק פון דער ערד. איך וויל זיין אויפ'ן הימעל.

— דיין צייט די ערד צו פערלאזען איז נאָך ניט געקומען, בעט עפּעס אז דו דאַרפסט. —

— בעטען? וואָס זאָל איך בעטען? אפשר א וואָג און מאָס פאר מיין ליעבע?

— זאָלסט עס ניט בעטען, האָט דער מלאך געזאָגט. ס'איז ניט שעהן, ס'איז צו ביליג, צו קליין. גיעב ליעבע אָהן וואָג און אָהן מאָס, מעג אפילו דיינע אריבער, ווערה איז צו דעם וואָס מעסט עס און וועגט. אָט קום אביסעל העכער, דאָרט קומט באלד דער משפט איבער איינעם אין וועמענס שטיינערנע הארץ עס האָבען ניט גע־קענט טרעפען די פיילען פון גאָט פון ליעבע. קום!

ארומגענומען פון מלאך'ס ווייסען פליגעל בין איך העכער געפלויגען און אויף דעם הויף פון א שניי־ווייסען וואָלקען געבליבען זיצען.

„דער משפט געהט!" — האָט מיר מיין מלאך ווי א סוד אריינגעזאָגט אין אויער און איך מיט א פערכאפּטען אָטעם האָב זיך אָנגעשטרענגט ניט צו פערפעהלען א וואָרט.

דער מענש, — האָט איינער פון די אלטע מלאכים אָנגעוויזען אויף א יונגען מאַן, — אליין שעהן ווי א מלאך, האָט זיך זעהר אָפּ־געגעבען מיט אָפּמעסטען, מיט אויסרעכענען זיין יעדע גאָב צו אנ־דער. ער האָט געקארגט, אלץ בעהאלטען פאר זיך, אויף שפּעטער, און אנדערע האָבען דורך דעם שטארק געליטען, איצט לאָמיר הערען וואָס ער האָט צו זאָגען אין זיין פערטהיידיגונג.

א שטומער שווייגען האָט געהערשט צווישען די מלאכים. א פורכטבארער אויסדרוק איז געלעגען אין זייערע הימלישע אויגען און פון דער שטילקייט האָט ווי אָן אָנגעבראָכענע אָפּגעקלונגען די שטימע פון דעם בעשולדיגטען:

— איך האָב מיך אויסגערעכענט אויף יעדע זאַך וייל... איך האָב ניט געוואוסט ווי לאַנג איך וועל לעבען. איך האָב מיין ליעבע ניט געקענט אָפּגעבען צו איינער ווייל איך האָב געהאַט א גרויסע הארץ און זי געוואָלט געבען צו א סך...

— א הארץ גרויס פאר א סך און קליין פאר איינער וועלכע

האָט דיר אַלץ, איהר גאַנצען לעבען אָוועקגעגעבען! האָט אַ מלאך, בייז אויסגערופען: גענוג! מיר וועלען דעם זינדיגען געבען זיין שטראָף.

אַלע מלאכים זיינען זיך צופלויגען, זיך ניט לאַנג געזאַמט און באַלד צוריקגעקומען צו פליהען מיט'ן פסק דין:

„דער מענש מיט'ן וואָג און מאָס זאָל בעשטראָפט ווערען מיט... זיין אייגענער מאָס און וואָג. ער זאָל דאָ זעהען גוטעס און ניט מעהר קריגען וויעפיעל ער איז דאָס פעהיג געווען צו געבען. ער וועט דוקה זיין אין גן עדן. אָבער דער פּלאַץ גן עדן וועט פאַר איהם זיין אזוי בעשרענקט דאָס ער וועט זיך פאַר איהם אין אַ גיהנם פערוואַנדלען.

איך האָב געקוקט אויף דעם אָנגעקלאָגטען, דעם פער'משפט'ן, און זיך דערמאָנט אויף איהם. אויך אזוי יונג און שעהן, אויך אזוי קארג און אויסגערעכענט, און איך האָב גאָט געבעטען:

— פערגיעב איהם, דו האָסט דאָך איהם געגעבען די וואָג און מאָס, און דו האָסט האָך ניט ווייך געמאַכט זיין הארץ. ווען דו וואָלסט וועלען וואָלסט דו געקענט בערייכערען זיין נשמה, פערבעסערען זיין ווילען!

— די טענה איז קיין טענה ניט. איז צו מיין פראגע פון אוי־בען געקומען אַן ענטפער, זעהר פיעל זאַכען ווערען צום מענשען גע־געבען, אָבער ווי מיט זיי אַנצוגעהן הענגט אָפּ פון איהם, ער דאַרף דאָס אַליין וויסען.

— גאָר אַליין?

— אַליין.

— און... שכל גיט מען איהם אויך גענוג דערצו?

— שכל אויך.

— הארץ אויך?

— הארץ אויך.

— נשמה אויך?

— נשמה אויך.

— ווילען אויך?

— ווילען אויך, ווילען אויך, ווילען אויך!!! — האָט שוין די שטימע בייז געענטפערט.

— האָסטו דאָס אַלעם געגעבען צו... דעם יעניגען וועמען איך האָב אַזוי ליעב?

גאָט האָט געשוויעגען...

— גיעב דאָס צו איהם, האָב איך איהם געבעטען.

— דו בת ישראל, דערצאָרען ניט דעם וואָס לעבט אייביג מיט בקשות פאַר אַנדערע. — האָט מיר מיין מלאך געזאָגט.

— אָבער אָן דעם אַנדערען הענגט דאָך אָפּ מיין גליק.

— ער אַליין דאַרף עס קומען בעטען.

— ער אַליין? — —

אוועק איז פון מיר מיין מלאך. שווערע וואָלקענס האָבען זיך איבער מיר גענומען טראָגען און אַראָפּגעפּרעסט צו דער ערד. פאַר מיינע אויגען האָט געשווינדעלט, איך בין אַ פאַל געטהאָן אַראָפּ מיט אַ ציטער און האָב זיך אויפגעכאַפּט. — — —

# אַליין און מיט אַנדערע

בין געווען אין פּאַרק און, געטראַכט וועגן איהם. די באַנק אויף וועלכער מיר זיינען ביידע אמאָל געזעסען איז איצט טיעף צו דער ערד געזונקען. גרויסע, קלאָהרע טראָפּענס פון טהוי זיינען אויף די גראָזען נעבען באַנק געהאַנגען, און מיר האָט גע־דאַכט אַז דאָס זיינען נאָך די טרערען וואָס זיינען דאָ אמאָל שטיל אין דער פינסטער פון מיינע אויגען געפאַלען... זיי ווילען זייט דאַן ניט טריקענען...

האַרט נעבען באַנק ליעגט אַ שטיין. ווי אַ מצבה אויפ'ן קבר פון טויטער ליעבע האָט עס מיר אויסגעקוקט...

איך האָב זיך פון דעם שטיין מיט האַרטקייט געוואָלט אָנ־נעמען, מיין געפיהל פון ליעבע און האָס צו איהם דערטרינקען. אָבער האָס צו איהם קען זיך אין מיר ניט האַלטען, ער ווערט צו־גאַנגען, אין טרערען מוז עס זיך דורך מיינע אויגען ארויסגיסען.

אָבער, ניין. איך זאָל ניט וויינען! ניט מעהר זאָל איך אַזוי פיעל ליעבען דעם, וועלכער וויל בלויז ל ע ב ע ן... אין טו־מעל פונ'ם ארומיגען לעבען, צווישען אַנדערע, זאָל איך איהם פער־געסען!

* * *

איך בין אריינגעגאַנגען אין אַ הויז פון מיינע בעקאַנטע או'ן א י ה ם דאָרט געטראָפען. מיר האָט זיך גלייך געוואָלט אוועקגעהן, אָבער איך האָב מיך בעהערשט און בעשלאָסען פער־בלייבען, ניט ווייזען איהם און אַנדערע וואָס איך פיהל, זיך מאַכען פרעהליך.

צווישען אַנדערע זיינען דאָרט געווען דער ליעבלינג פון אַלע בעקאַנטע מר. ב. מיט זיין פרוי. זי איז אַ שעהנע.

אַלע האַלטען זי פאַר אַ שעהנע און אַ נאַרישע, איהר מאַן, דוקא, פאַר אַ סימפּאַטישען און זעהר אַ קלוגען.

ע ר האָט אויף מרס. ב. געקוקט. עס איז גוט אויף איהר צו קוקען. זי א י ז שעהן. איהרע פעך־שווארצע האָר פאסען זיך אזוי גוט צו איהר שנעע־ווייסען פנים. ווען זי לאַכט ווייזען זיך ארויס איהרע שעהנע צייהנער. עס קען זיין אז צוליעב דעם לאַכט זי אזוי אָפט...

מיר איז געווען ענג. כ'האָב מיך ניט געוואוסט וואו אהינ־צוטהאָן, וואָס מיט זיך צו טהאָן. ווען איך בין צו יענער צייט אליין וואָלט איך פיעלייכט געוויינט, אָבער איך בין געווען מיט אנדערע און בעשלאָסען צו לאַכען.

אויסער א י ה ם איז מר. ב. געווען דער איינציגער צווישען די איבריגע, וואָס איז געווען פערדעכטיגט ביי אלעמען צו זיין אינ־טערעסאַנט. און איך האָב איהם ערלויבט צו זעצען זיך נעבען מיר און ריידען וואס ער וויל. ער וויל, האָט ער געזאָגט, צו מיר ריידען וועגען עפעס, וואָס טראָגט זיך שוין א לענגערע צייט אין זיין מח. די זאך הויבט שוין אָן צו דערגעהן שטארק צום הארצען... ער מ ו ז זיך ארויסזאָגען.

— וועל. —

— האָב איך אייך ניט געזאָגט אמאָל, מיט א יאָהר צוריק, דאָס איהר זייט מיר זעהר שטארק געפעלען? איהר גערענקט ניט? — האָט ער קוקענדיג מיר גלייך אין געזיכט מיט זיינע לעבעדיגע, גרויע אויגען געפרעגט.

— איך גערענק עפעס — — —

— גוט. איהר האָט מיר אָבער ניט געגלויבט. אזא מזל האָב איך שוין. זאָג איך א זאך ערנסט, נעהמט מען עס אויף אָן פאר א שפאָס. איצט קען איך אייך זאָגען דאָס איהר האָט מיר ניט אויפ־געהערט צו געפעלען, פארקעהרט, נאָך מעהר ווי פריהער. אין אייך איז עפעס פאראן אזעלכעס וואָס ציהט צו, מיט די אויגען, מיט'ן גאַנצען וועזען רופט איהר צו זיך און מיט די ליפען, מיט ווערטער שטויסט איהר אוועק...

— איצט דערמאָהן איך זיך, האָב איך געלאַכט, פונקט דאָס זעלבע האָט איהר מיר דאמאָלס געזאָגט.

— דעסטאָ בעסער. דאָס ווייזט אז איך האָב וועגען אייך א בעשטימטע מיינונג. איך ענדער מיך ניט אין מיינע מיינונגען אזוי

גיך ווי אַנדערע. און דאָס וואָס איך האָב אייך דאַן געוואָלט זאָגען וועל איך היינט... זאָל איך? איהר ערלויבט?

— איך וויים דאָך ניט וואס איהר ווילט זאָגען, — האָב איך קוים געשמייכעלט.

— וואָלט איהר מיר קענען ליעבען?

— דאָס איז ניט געזאָגט, ס'איז געפרעגט.

— נו, גוט, זאָל זיין אזוי: לאָמיר זיך פּרואוזוען ליעבען. זאָל זיין אויף אזוי לאַנג ביז מיר וועלען זיך קענען ליעבען. נו, שטימט איהר צו?.. זאָגט יאָ...

— דאָס איז ג ע ב ע ט ע ן.

— זאָל זיין געבעטען. איז הערט צו מיין געבעט. איהר וועט קיין חרטה ניט האָבען. איך קען אזוי שעהן ליעבען, אזוי שעהן! צו וואס זאָלט איהר זיך ניט לאָזען ליעבען ווי אַנדערע? פּרובירט ל ע ב ע ן און איהר וועט זעהן ווי איהר וועט עס ליעבען. אייער ענגע וועלטעל וועט ווערען גרוים און ברייט, איהר וועט ערשט דאַן בעגרייפען וואָס לעבען הייסט.

— דאָס איז שוין ג ע ר א ט ה ע ן.

— נו, וואָס מאכט עס אוים אין וואָס פאר א פאָרמע איך דריק מיך אוים. די הויפּט זאַך איז דאָך די זאַך אליין, דאָס גע־פיהל וועגען וועלכען מיר ריידען. איך מאַך אייך א פאָרשלאַג. לאָ־מיר אָפּמאַכען א צייט, זאָל זיין א צוויי, דריי מאָנאַטען אויף זיך צו ליעבען. נו, וואָס לאַכט איהר? ווי לאַנג דענקט איהר קען מען זיך ליעבען? ווי לאַנג, דענקט איהר קען מען ליעבען אזא מענשען ווי איך בין?

— א ז א מענשען — אַן... אייביגקייט...

אָהן איראָניע, איך מיין ערנסט. ווי לאַנג דענקט איהר קען אַנהאַלטען א הייסע ליעבע?

— אזוי לאַנג ביז — — — זי קיהלט זיך אָפּ.

— א י י ך, זעהט איהר, האָט ער זיך צורוקענדיג נעהענטער צו מיר, שטיל געזאָגט, וואָלט איך קענען ליעבען א סך לייגגער ווי אַנדערע. אין אייך איז פאַראַן די שטילע גוטסקייט וואָס קען מאַ־כען מען זאָל זיך צו אייך צובינדען. עס וואָלט געווען א פערברע־כען אוועקגעהן פון אייך בעפאָר א י ה ר זאָלט אויפהערען צו

ליעבען. אָט טאַקע דערפאַר וואָס איהר זייט פון די וואָס קענען שטיל ליידען און שווייגען, וואָלט זיך אייך ניט געוואָלט פערשאַפען קיין איבריגע ערגערניש.

ער האָט גערעדט און איך האָב איהם קוים געהערט. זיין ווייב האָט גערעדט צו א י ה ם, געלאַכט, און ע ר האָט אויך געלאַכט. ער האָט אויסגעמיידט צו קוקען אין מיין זייט, געוואָרפען בלויז א פערביישוועבענדען בליק ווען איך האָב עס ניט געזעהן.. האָט ער אויך ווי איך געוואָלט מיט געמאַכטע פרעהליכקייט פערדעקען דעם אינערליכען אומעט אָדער ס'איז איהם געווען גוט, גוט אַזוי צו פערברייננגען מיט א שעהנער, מעג אפילו זיין ניט אַזא קלוגע פרוי?..

און דער פרוי'ס מאַן איז פון מיר ניט אָפּגעטראָטען. איך זאָל, איך מ ו ז איהם געבען אַן ענטפער אויף זיין פראַגע... איך האָב געוואוסט, דאָס לויט די געזעלשאַפטליכע אויפפאַסונג אויף א ז ו י נ ע פ ר א ג ע ן וואָלט איך מיך בעדאַרפט פיהלען בעליידיגט, פּראָטעסטירען, אויסריידען, א. ז. וו. איך האָב עס ניט געטהאָן. א געפיהל פון גלייכגילטיגקייט צו זיך האָט געמאַכט איך זאָל זיך פאַר זיך ניט אָננעהמען. מיך האָט ניט געאַרט ער זאָל מיך אַזוי בעליידיגען... וועניגסטען קען איך מיך דאָך פערענטפערען דערמיט וואָס איך נעהם עס אָן אַלס שפּאַס...

— איך זעה, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איהר זייט פון די איינגעשפּאַרטע און דאָס געפעלט מיר דוקא, ס'איז דאָ ק א מ פ ף, און שטאַרקער קאַמפף מאַכט זיסער דעם זיעג... אַלזאָ, וועלען מיר זיך ליעבען?

איך האָב אַזוי טעמפּ געקוקט אין זיינע שאַרפע, פייערדיגע אויגען און נאַכלעסיג געשטעלט די באַנאַלע פראַגע וואָס יעדע איינפאַכע מיידעל וואָלט צו אַזא פראַגע שטעלען.

— וואָס וואָלט אייער ווייב אויף אַזא זאַך זאָגען?

— מיין ווייב? — האָט ער איבערגעפרעגט — גאָר נישט. וואָס דאַרף זי פון אַזא זאַך וויסען? אָט אונטערהאַלט זי זיך אַליין מיט א שעהנעם יונגען מאַן, פאַרוועהר איך איהר? איהר זעהט מיט א שעהנערען און א אינגערען פון מיר.

— און... איהר זייט ניט אייפערזיכטיג?

— ניין. איפערזוכט איז ניט אין מיין „ל א י ן!“ אגב איז זי ניט פון די, ניט אזא ו ו י י ט ע צו וויסען פון די חכמות ווי צו נארען דעם מאַן. און אז זי וועט אמאָל קומען צום שכל און מאַכען אזוי אַז איך זאָל גאָר ניט וויסען, וועט מיך אויך ניט ארען.

— איהר האָט זי ניט ליעב?

— ליעב? איך ווייס? ווי אמאָל, איהר ווייסט דאָך, — אַ ווייב!

— ניין, פון וואַנען זאָל א י ך וויסען — האָב איך געלאַכט.

— ווייסט איהר ניט, וועט איהר וויסען ווען א י ה ר וועט חתונה האָבען.

— איך צווייפעל אויב איך וועל חתונה האָבען.

— בעסער ניט.

— פאַר וואָס ב ע ס ע ר ניט?

— ווייל, איך האָב אייך ליעב, איהר געפעלט מיר שטארק. איהר פערשטעהט?

— און... ווער וואָלט אייך דען שטערען אזוי צו ליעבען ווען איך בין פערהייראטה?

— ווער? אייער מאַן! און אפשר, האָט ער נאָכגעדענקט געזאָגט, וואָלט עס נאָך געוועזען בעסער, מיר וואָלטען איהם אָפּ־נארען...

— מעג מען?

— ס'איז ניטאָ אזא זאַך ווי ניט מעגען ווען מ'וויל נאָר. ס'איז א געזעץ פון דער נאַטור.

— אַ נייער געזעץ אזא?

— אַ נייער, צו אַן אלטער, אבי אַ גוטער. וועט איהר מיך ליעבען?

— גאָט ווייס...

— וועט איהר זיך ל אָ ז ע ן ליעבען? איך וועל צו אייך קומען, איהר וואָהנט דאָך אין אַ צימער? איך וויל אייך זעהן אין אייער צימער, אייך אליין, אָהן אָט די אלע אנדערע. בלויז מיט מיר. מירביידע אליין.

איך האָב זיך געכאַפּט אז ס'איז מיר שוין צייט אוועקצוגעהן.

מר. ב. האָט זיך אויסגערופען מיך אַ היים צו בעגלייטען. זיין פרוי דערזעהענדיג דאָס איהר מאַן וויל אַוועקגעהן, האָט זיך אויך פון איהר אָרט אויפגעהויבען. ער, נאָך אַ קורצען נאָכדענקען, האָט זי נאָכגעפאָלגט. און זיי אַלע האָבען מיך צום הויז וואו ס'האָט זיך געפינען מיין צימער, בעגלייט.

איך האָב זיי אַלעמען איין „גוד־באַי" געזאָגט און זיך פון פינסטערען האָל, הינטער דער מאַסיווער טהיר, געלאָזט פערשלינגען.

ב. האָט זיך נאָך אַמאָל אויפריכטיג אומגעקוקט אויף צוריק, צום טיהר פון דער הויז. ע ר האָט זיך ניט אומגעקוקט.

* * *

איך האָב אַ לאַנגע צייט אויף זיין בילד געקוקט און ז י ך אין איהם געזעהן. זיך, מיט מיין פערביסענע עקשנות ניט אַרויס־צו־ווייזען וואָס אין מיר קומט פאָר. אויך ער זוכט מיר איצט צו בעגעגענען כדי צו קענען אויסמיידען. אויך ער וויל שווייגען און וואַרטען ביז איך זאָל אָנהויבען ריידען, צוריק גוט־מאַכען דאָס צושטערטע „פ ר י י נ ד ש אַ פ ט".

ווער פון אונז וועט נאָכגעבען? ווער, ווער! און... ווען?

זאָל עס נעהמען ווי לאַנג עס וויל נאָר... ניט א י ך זאָל א י ה ם צו זיך רופען, נ י ט איך.

# „לאָמיר זיך איבערבעטען...“

זונטאג. בין געזעסען ביי מיין פענסטער, געקוקט אויף דאס פערבייגעהענע לעבען און געזעהן א צוקונפט פאר זיך אין איינזאמקייט, ווען ר ע י, א מיידעל אזוי איינזאם ווי איך, נאָר מיט וועניגער געדולד דערצו, איז מיך געקומען רופען געהן מיט איהר צו א פיקניק.

„ווארטען“, האָט זי מיט א סקעפּטישע גרימאסע געזאָגט, „ביז אן „ער“ וועט קומען „אויסנעהמען“, לוינט זיך ניט. מען דארף קענען א ל י י ן „אויסגעהן“... קומט מען וואו און מען טרעפט בעקאַנטע, איז גוט, אַז ניט — שליסט מען נייע בעקאַנטשאַפט.“

— אליין זוכען צו מאַכען בעקאַנטשאַפט?..

— נו, איז וואָס? פאַר וואָס נ י ט אליין? טאָרען מיר זיך אליין ניט האַלטען ווי מענשען, דערפאַר וואס מיר זיינען מיידלאך? פאַרוואס עפּעס ז י י מעגען א ל ץ און מיר — ג אָ ר נ י ש ט?

— אַן אַלטע פראַגע.

— אַן אַלטע, יאָ, און דערפאַר טאַקע וואָלט זי שוין צייט געווען לאַנג צו פּערענטפערען. עס ווערט ענדליך נודנע צו זיין די צוריקגעהאַלטענע צירליך מאַנירליך׳דיגע, ערקלעהרונג׳ס־און־פאַרשלאַג׳ס־ערוואַרטענדע מיידעל. די גאַנצע האַלטונג איז ווערט א — — לאַך! וויל מען, האָט מען וואס צו זאגען, און מען וויים נאָר ווי, איז — זאָל מען!

— פונדעסטוועגען, — האָב איך געזאָגט, — וואָלט א י ה ר די ערשטע ניט צוגעגאַנגען צו אַ מאַן, מיט איהם צו פערבינדען בעקאַנטשאַפט?

—צוגעהן צו איהם ווי „ער“ צו „איהר“ טאַקע ניט, אָבער מאַכען אַזוי, אַז ער זאָל צוגעהן — — —

איך האָב זיך צולאַכט. זי האָט זיך געכאַפּט, דאָס זי איז אַריינגעפאַלען און איז אין כעס געוואָרען:

— אָהן איראָניע, נאָר אָהן איראָניע! — לאָמיר בעסער רע־דען צו ד ע ר פראַגע: ווילט איהר מיט מיר געהן צום פּיק־ניק

— טאָ קומט, אויב ניט —

— אויב ניט? —

— געה איך אליין!

— גאַנץ אליין?

— יעס, אליין. איך וועל זיך ניט איינשפּאַרען אין מיין „רומקע" און וואַרטען פּאַר — — גאָרנישט. איך וויל פון זיך אוועק, וויל זיך געפינען צווישען מענשען, כ'וויל זיין... פרעהליך!

— איך וועל אויך געהן. — האָב איך געענפערט, — אויך א י ך וויל פרעהליך זיין...

א געדאַנק איז אין מיין מוח דורגעלאָפען, אז ס'קען זיין, איך וועל א י ה ם דאָרט טרעפען מיט איינער, יונג און שעהן ווי א מלאך — — און... דאַן בין איך שוין זיכער געווען, וועל איך גע־ווים — — זיין פרעהליך...

---

ווען מיר זיינען אין פּאַרק געקומען, איז שוין דער פּיק־ניק גע־ווען אין פולען גאַנג. דאָ און דאָרט אויפ'ן גראָז, צווישען בוימער, זיינען געזעסען אָדער האַלב געלעגען גרויסע און קליינע גרופּען מענ־שען. א געהיימער, אינסטינקטיווער שרעק האָט מיך אַרומגענומען ביים געדאַנק וועגען דער מעגליכקייט א י ה ם דאָרט פּלוצלונג צו דערזעהען מיט אַזעלכער, א וועלכע איך האָב ווי זיך צו להכעיס פאָרגעשטעלט... דערזעהענדיג אַן אָפּגעזונדערט פּלאַטץ, פון וועל־כען מען האָט געקענט זעהן ווייט אַרום און אליין ניט זיין בעמערקט, האָב איך געבעטען רעי צוזעצען זיך און העלפען צו טראַכטען ווי אַזוי אָנצוהייבען צו זיין פרעהליך...

— וואַרט — — זעהט נאָר, ווער זיצט דאָרט! — האָט זי גע־זאָגט מיט איהרע צוגעזשמורעטע, א ביסעל קורצזיכטיגע אויגען, קוקענדיג אויף איינע פון די פיעלע גרופּען — איז דאָס ניט דער בעוואוסטער מר. ב.... מיט... מיט צוויי, פיער, זעקס, זיעבען פרויען אַרום איהם!

— יאָ, ער, מר. ב. — האָב איך צוגעגבען מיט א קלאָפּענדעם האַרץ, זוכענדיג צו זעהן, ווער נאָך איז דאָרט אַרום...

— זעהט נאַר, — האָט רעי שפּאָטיש א לאַך געטהאָן — זיע־בען אַרום איינעם!

— משיח'ס צייטען, מלחמה — — — —

— זיין ווייב איז אויך דאָרט. זאָגט מיר, איז זי טאַקע א שעהנע?

— יאָ, זי א י ז א שעהנע.

— אָבער אַ נאַר!

— אויף דעם רעכנונג פון אזא שעהנקייט, מעג זי זיך שוין פערגניגען א נאַר צו זיין...

— אפשר. זעהט ווי ב. זאָגט עפּעס און זיי אַלע ל א כ ע ן. ער איז זעהר א לעבעדיגער, אזא פרעהליכער, און דוקא ניט קיין נאַר. נאָך איינער איז, דאַכט זיך, מיט זיי, די בוים פערשטעלט, איך קען ניט זעהן. איהר קענט?

איך האָב געקוקט און... געפיהלט ווי דער פּאַרק מיט אַלע מענ־שען האָט זיך א וויעג געטהאָן פאַר מיינע אויגען: ע ר איז ד א ר ט געווען. ע ר מיט זיי... נעבען מרס. ב.... מיר האָט שוין באַנק געטהאָן, וואָס איך בין געקומען, אָבער... צוריק געהן... אַנט־לויפען? דאָס ניט... עס איז איבערגעבליבען איין זאַך — זיין פרעהליך...

רעי האָט געוואָלט מיר זאָלען געהן צו זיי און איך האָב זיך דערפון אָפּגעזאָגט: — זיינען מיר דען געקומען פערגרעסערען מיט צוויי די צאָהל פון די זיעבען אַרום מר. ב.? זאָלען זיי א ו נ ז זוכען. בעסער געהן אַהין פון וואַנען עס הערט זיך דאָס געזאַנג און בעגלייטונג פון גיטאַר. —

מיר זיינען אוועק צו דער זינגענדער גרופּע און געפונען צווי־שען זיי אייניגע בעקאַנטע וועלכע האָבען אונז מיט פרייד אויפ־גענומען, געבעטען זיך זעצען און העלפען זינגען.

מיר האָבען זיך געזעצט, איך עטוואָס וויטער פון דער גרופּע ווי רעי. רעי האָט פראָטעסטירט געגען די רוסישע ליעדער און גענומען זינגען איהרע בעליעבטע אידישע פאָלקס־ליעדלאַך. פון אַרום און אַרום האָבען זיך גענומען קלייבען מענשען. און דאָס

האָט דער זינגערין צוגעגעבען מעהר חשק צום זינגען. פּלוצלונג האָב איך דערפיהלט אַ האַנד אויף מיין קאָפּ. כ'האָב זיך אומגעקוקט און דערזעהן מר. ב. האַלב אָנגעבויגען איבער מיר.

ער האָט זיך אויף איין קניע אראָפּגעלאָזען אויפ'ן גראָז און שטיל געפרעגט וואס איך מאַך, פאַרוואָס אנטלויף איך פון איהם, פאַרוואָס מייד איך אוים מענשען?

— ווייל — — איך האָב זיי ליעבער פון ווייטען... — האָב איך לייכט געשמייכעלט.

— מ י ך אויך — — פון ווייטען?

— וואָס זיינט איהר, קיין מענש ניט?

— אָבער איך האָב אייך ליעב פון נאָהענטען...

— אַ דאַנק אייך!

— זאָגט בעסער — זאָל זיין צו־געזונד.

— ניטאָ פאר וואָס...

ער האָט מיט געלעכטער מיר דערפאַר מיין האַנד שטאַרק אַ דריק געטהאָן. איך האָב לייכט אויפגעשריען. צו אונז זיינען צוגעקומען די איבריגע פון ב.'ס קאָמפּאַניע. ע ר האָט זיך געהאַלטען עטוואָס פון ווייטען. מיר האָבען זיך דורך אַ לייכטען נויג מיט'ן קאָפּ קוים בעגריסט.

— איך וויל אייך זעהן ביי אייך, האָט ב. מיר ווי אַ סוד אין אויער געאיילט אריינגערעדט, א י י ך אליין. איך וועל צו אייך קומען. די טעג: מאָרגען, איבערמאָרגען קום איך צו אייך...

מרס. ב. האָט זיך צוגעזעצט נעבען איהר מאַן, זיך אָנשפּאַרענדיג מיט איהר האַנד אָן זיין אַקסעל. ע ר האָט מיט די אויגען געזוכט אַ פּלאַץ און עס צווישען מיר און מרס. ב. געפונען.

— פאַר וואָס זינגט א י ה ר ניט? האָט ע ר מיר געפרעגט.

— ווען איך הער אַנדערע זינגען בעסער פון מיר, האָב איך ליעב צו שווייגען. — האָב איך א י ה ם געענטפערט.

— מיר געפעלען ניט אָט די פאָלקס־ליעדלאַך. זיי זיינען צו פּרימיטיוו.

— אז מען זינגט זיי הארציג, מיט געפיהל, זיינען זיי שעהן, און בעזונדערס שעהן צוליעב דאָס פּרימיטיווע, זי, — האָב איך אָנגעוויזען אויף רעי — זינגט זיי זעהר גוט.

ער האָט גלייכגילטיג אַ הויב געטהאָן די אַקסלען און אַוועקגעקוקט ווי אַ ברוגז'ער. רעי האָט אָפּגעזונגען „אויפ'ן פּריפּעטשאָק" און גענומען זינגען דאָס בעסטע ליעדעל מיט די ווערטער פון שלום עליכם:

לאָמיר זיך איבערבעטען,
האָב אויף מיר רחמנות:
לאָמיר זיך איבערבעטען,
כ'האָב דיך ליעב סכנות.

לאָמיר זיך איבערבעטען,
כ'בעט דיך זיי מיר מוחל;
לאָמיר זיך איבערבעטען
שענק מיר דיינס אַ שמייכעל.

לאָמיר זיך איבערבעטען,
גיכער האָב נישט מורא.
לאָמיר זיך איבערבעטען,
די צייט איז אַנ'עברה.

**א. ז. וו.**

— אַך, דאָס איז פיין! — האָט ע ר הויך אויסגערופען, — אָט ד י ליעדעל געפעלט מיר! „לאָמיר זיך איבערבעטען, די צייט איז אַנ'עברה!" — האָט ער נאָכגעזונגען און רעי האָט עס פאַר איהם געמוזט איבערזינגען, ביז ער האָט אינגאַנצען אַ י־ ב ע ר ג ע נ ו מ ע ן. פון בעגייסטערונג פאַר דאָס ליעד האָט ער היים מיין האַנד אַ דריק געטאָהן.

„לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען" — האָט ער געזונגען און זיינע אויגען האָבען גלייך געקוקט אויף מיר אַזוי אַז — מיין גאַנצער פערדרוס, ברוגז, וואָס איך האָב אויף איהם געהאַט האָט זיך מיט אַמאָל ווי פערלוירען. און הויך אין מיינע געדאַנקען האָט זיך אויסגעזונגען:

„לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען".
אַלע, אַלעס אַרום אונז האָט ווי פאַר אונז געזונגען:
„לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען" — — — —

# זיך איבערגעבעטען

ער האט אזוי שעהן אין זיין בעגייסטערונג ביים איבערזינגען דעם „לאמיר זיך איבערבעטען“ אויסגעזעהן, אזוי היים מיין האנד א דריק געטאהן, אז די גאנצע ביטערקייט וואס האט זיך אין מיר געגען א י ה ם אנגעקליבען איז פערשוואונדען. איך האב געפיהלט איהם אלעס, אלעס אין דער מינוט צו פערגעבען!

געטהע האט געוואוסט ווען ער האט געזאגט דאס: „די וואהרע ליעבע בלייבט אימער די זעלבע, סיי מען פערשאפט איהר אלעס, סיי מען ענטזאגט איהר אלעס“...

מיט'ן אנקומען פון די פינסטערניש האבען א סך אויגען מעהר אנגעהויבען לייכטען. דער פיק־ניק האט זיך ווי ערשט אנגעהויבען, גרויסע גרופען זיינען זיך אין קליינע צופאלען...

רעי, מיעד־ווערענדיג פון מאכען זיך פרעהליך, און ניט אזוי זיך ווי אנדערע, האט אויפגעהערט צו זינגען, זיך נעבען מיר אויפ'ן גראז געלייגט, איין האנד ארומגעווארפען ארום מיין טאליע, די צווייטע זיך אריבער'ן קאפ פערלייגט און מיט אן אונבעשטימטען בליק אין דער וויטער דונקעלהייט הויך אויסגערופען:

„אזוי איז דאס לעבען!“

— עס וואלט גע — — קענט זיין בעסער? יא? — האט ע ר א זאג געטהאן, און מיר האט געדוכט דאס ער לאכט שטיל אין זיך איבער אונז, צוויי איינזאמע מיידלאך, וועלכע זוכען זיך צו מאכען פרעהליך און קענען ניט...

איך האב מיין האנד פון אונטער זיינער אוועקגענומען. זיין האנד איז ווי א בעליידיגטע אויפ'ן גראז אליין געבליבען ליגען...

ב. האט אויף זיין האנד געמוזט מיינען אז דאס איז מיינע, זי האט אין גראז אזוי ווייס און שטיל אויסגעקוקט, האט ער פארגנב'עטערהייד אז... די ווייב זאל ניט זעהן, זיין קאפ נידריגער

אַנגעבויגען, און... זי — — אַ קוש געטאָהן !.. ער האָט אַ ציטער געטאָהן, מיך אַ רגע ווי ערשטוינט אָנגעקוקט און... דערזעהענדיג דאָס איך שטיק זיך פון געלעכטער, אַלץ פערשטאַנען וועגען דעם טעות, זיין האנד מיט כעס פון גראָז צוגענומען און מיט פערבי־סענע ליפּען ביין זיך געקוקט.

ער האָט זיך דערווייליע מיט מיר שוין גערעכענט... ער האָט זיך גענומען מאַכען נאָהענט צו מרס. ב. די גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט איהר געשיינקט, אראָפּגענומען פון זיך זיין אויבעררואָק פאר איהר, עס זאָל איהר ניט זיין קאַלט... געוואָלט עס גאָר פאר איהר אונטערשפּרייטען, וויל... „די גראָז איז פייכט“... זי זאָל זיך ניט פערקיהלען. און איז איהר בעקוועם אזוי צו זיצען ? זאָל זי זיך, אַז זי וויל, אָן איהם אָנשפּארען. ער האָט איהר אונטער־געשטעלט זיין אַקסעל, זי זאָל זיך מאַכען בעקוועם.

— אָה, ווי גוט, — האָט מרס. ב. צופריעדען געזאָגט, — ס'איז גוט צו האָבען אַ פריינד, איז דאָס ניט ? — האָט זי איהר מאַן געפרעגט.

— איך מיין אויך אזוי ! — האָט איהר מאַן געענטפערט, און מיך געוואָלט צוציהען אזוי אַז זיין קאָפּ זאָל זיך אויף מיין אַקסעל לייגען.

איך האָב געפיהלט ווי... ווי צו וויינען, און דערפאר גענומען לאַכען, שטיפען... געריסען גראָז און עס אין הויפענס אויף ב. געוואָרפען. ער האָט געכאַפּט בייסען מיינע פינגער, איך האָב איהם מענשען־פרעסער גערופען, גע'מסר'ט רעי דאָס ער בייסט מיך.

— היט זיך פון הידראָפאָביא, — האָט רעי געלאַכט.

ב. האָט זיך צו רעי גענומען: וואָס איז ער אַ הונט, וואָס ? אזא... חוצפה ! ניין, ער מוז ביידען, אַט די ביידע מיידלאך גע־בען אזעלכע... קלעפּ, אַז זיי זאָלען איהם האָבען צו געדיינקען !

מרס. ב. האָט זיך ווי פון אַ זיסען דרעמיל אויפגעכאַפּט און גענומען קוקען אויף איהר מאַן ווי ער „מאַכט ליעבע“ צו די מיידלאך.

ע ר האָט אויסגעמיידט אויף מיר צו קוקען... גענגען מיין ווילען האָט זיך אין מיטען פון דער „פרעהליכקייט“ ביי מיר אַ טיעפער זיפץ אַרויסגעריסען.

— קינדער, זי איז פערליעבט! — האָט ב. הויך אויסגערופען.

— טאַקע? — האָט זיך רעי פערוואונדערט, — אין וועמען?

— אזעלכע זאכען, האָט מרס. ב. מיט בעדייטונג געזאָגט, קען מען ביי היינטיגע צייטען ניט דערגעהן, ווייל.. דאָס רוב טרעפט אז דער געליעבטער האָט א ווייב...

— אָרימער געליעבטער! — האָט רעי מיט געמאַכטען טרויער א זיפץ געטאָהן — איך בין איהם שוין ניט מקנא.

— די געליעבטע איז אין אזא פאַל נאָך מעהר אויף צרות...

— נאָך מעהר? נ־נ־א! אמאָל קען מען ניט וויסען, נאָך אלעמען איז דאָך א ווייב א זאך וואָס מ'קען אָפּ'גט'ן...

— אפשר וואָלט איהר בעסער עפּעס זינגען? האָט ער זיך צו רעי געווענדעט.

— זינגען? ניין. איך גלייך בעסער צו ריידען מיט א „קלוגען" מענשען... און די טהעמא איז פאַר מיר, מעגט איהר וויסען, א גאַנץ אינטערעסאַנטע, ווארום איך אויך, ווי איהר זעהט מיך, בין אויפ'ן וועג צו פערליעבען זיך אין א מאַן וואָס האָט א ווייב...

— איהר קענט זיך דאָך פערליעבען אין א בחור — האָט מרס. ב. געזאָגט.

— אין א בחור? אָט דאָ, זעהט איהר, ליעגט דער הונד בעגראָבען! די בחורים היינטיגע ליעבען זיך דוקא אין ווייבלאַך...

— פאַר וואָס?

— פאַר וואָס? פאַר דאָס! מסתמא לוינט זיך זיי בעסער...

איך האָב געמאַכט א פאָרשלאָג מיר זאָלען זיך דורגעהן; גענוג צו זיצען אויף איין אָרט. ב. האָט מיך, ווען כ'האָב זיך געוואָלט שטעלען, צוריק א שלעפּ געטאָהן און נעבען זיך אוועקגעזעצט. ענדליך האָב איך זיך פון זיינע הענד אַרויסגעריסען און זיך געלאָזט פון איהם געהן, כמעט לויפען. און ער האָט מיך נאָכגעיאָגט.

די איבריגע זיינען צו אונז צוגעקומען און מיר זיינען אלע צוזאמען אוועק יעדער מיט די אייגענע געדאַנקען פערנומען..

* * *

— וועט איהר מיר ערלויבען צו אייך צו ריידען? — האָב איך נעבען זיך, ווען די איבריגע זיינען געווען ווייטער פאָראויס גע־

גאַנגען, זיין שטימע דערהערט, און מיין האַרץ האָט שטאַרק גענומען קלאַפּן ווען איך האָב געענטפערט:

— רעדט...

איך וויל אייך עפּעס ראַטהען.

— אַה, איך דאַנק אייך, וועגען וואָס איז דאָס?

— דאָס איז... איהר זאָלט זיך פון ב. האַלטען וואָס ווייטער.

— פאַר וואָס?..

— איהר ווייסט אַליין, ער איז דאָך אַ פערהייראַטער מאַן...

— יעס.

— ער ווייסט די קונסט פון ליעבע...

— אַה, איז ליעבע אַ קונסט?.... און איך האָב געמיינט ס'איז אַ געפיהל אַזאַ.

— ס'איז ווי מיט ווען. מיט איהם איז דאָס אַ קונסט. אַ מיידעל דאַרף מיט אַזעלכע זיין זעהר... פאָרזיכטיג. איך זאָג עס אייך ווי אַ... גוטער פריינד.

„ווי אַ גוטער פריינד"... זעהר נאַבעל, הויכמוטהיג, אַ גרויסער פריינד... אפשר אַז ס'זיינען דאָ שלעכטע פריינד אויך. ער איז מיך געקומען פערהיטען פון אַן... אַנדערען. פאַר וועמען? פאַר זיך? ניין. פאַר אַן... אַנדערען! ער איז דאָך נאָר געקומען וואַרנען ווי „אַ גוטער פריינד". פיין, גרויס, ערהאַבען!..

— איז דאָס אַלעס וואָס איהר האָט מיר געהאַט צו זאָגען?

— האָב איך מיט ניט בעהאַלטענעם, לייכטען סאַרקאַזם געפרעגט.

— דאָס... אַלעס. ניין, נאָך עפּעס, איך האָב אייך עפּעס געוואָלט בעטען, — זאָל איך?

— בעט.

— לאָמיר זיין פריינד ווי געוועזן — „לאָמיר — — האָט ער מיט זיין ווי שולדיגען שמייכעל צוגעגעבען — זיך איבערבעטען!" לאָמיר זיין פריינד.

— דאָס אַלעס?

אַ מאָדנע פוסטקייט האָט מיין האַרץ ביים געדאַנק וועגען פריינדשאַפט אָנגעפיהלט. ווי קען מען, ווי קען מען זיין אַ פריינד און נאָך אַ גוטער פריינד צו אַ מענשען וועמען מען האָט ליעב!..

# פריינדשאַפט...

ער האָט מיך פון פיק־ניק שוין אַלס פ ר י י נ ד אַהיים בעגלייט און האָט אַ סך געשוויגען.

אַזוי פלעגט ער אַמאָל שווייגען, ווען ער פלעגט זיך קלייבען דאָס שווייגען מיט אַן אַנדער סאָרט שווייגען ביי מיר, אין מיין צימער צו פערענטפערען...

מיט איין זאַך איז ע ר אמת׳ער פון די אַנ־דערע, וועלכע קענען זאָגען אַ ליגען; ע ר קען ש ו ו י י ג ע ן אַ ליגען.

„עס קען זיין ליידענשאַפט אָהן ליעבע, עס קען ניט זיין קיין ליעבע אָהן ליידענשאַפט.“ דערמיט פלעג איך איהם אָפט פאַר זיך זוכען צו פערענטפערען, ווען ער האָט מיך ניט ליעבענדיג — ג ע ל י ע ב ט. זיין איצטיגע ליידענשאַפט, וועלכע ער זוכט אונטער אויסגעשפּראָכענע פריינדשאַפט שטומערהייד ארויסצו־ווייזען, קען איך ניט פערענטפערען. און דערפאַר האָב איך בע־שלאָסען, אויף וויפיעל ער זוכט פאַר אַלעמען זיין „ליעבע“ צו בעהאַלטען. נאָך מעהר פריינדליכקייט צו איהם אַרויסווייזען. איך זאָל מיין ליעבע א י ן ז י ך פערשליסען, בעהאַלטען, פערשטיקען, מיינע הארציגע געפיהלען מיט געדאַנקען שטיי־נער פערוואָרפען, כדי ער זאָל אין מיר אַ פריינד, ניט מעהר ווי אַ פריינד, זעהן און ווייטער פון פריינדשאַפט ניט קענען געהן...

---

זיינע רוהיגע, מעסיגע, זיכערע טריט, מיט וועלכע ער איז מיר בעגלייטענדיג אין דער ריכטונג צו מיין וואוינונג געגאַנגען, האָבען זיך אין מיין מוח אָפּגערופען און ווי מיט האַמערס אַ פעסטען בעשלוס אויסגעקלאַפּט, איך זאָל איהם ווייטער ווי ביז׳ן גאַס־טיהר ניט לאָזען געהן...

ניט מעהר זאָל ער, ווי אַמאָל, אויפ׳ן ראַנד פון מיין בעט זיך זעצען, די פעדים פון ליעבע אין אַ שעהנעם ליגען אַרום

מיין נשמה וועבען, כדי זיי אַן איבעריגען מאָל צורייסען. ניט מעהר זאָל איך ווי אַ פער׳יתום׳ט קינד אין די אָרעמס פון אַ שטיעפמאַמע זיך זוכען איינשליסען. ניט מעהר זאָל איך זיך לאָזען פערשווייגען. זאָל זיין ג אָ ר אָדער ג אָ ר נ י ש ט; ליעבע אָדער פריינדשאַפט.

פאַרוואָס רעדט איהר גאָרניט? — האָט דער וועגען וועמענס שווייגען איך האָב אַזוי פיעל געטראַכט, מיך פלוצלינג געפרעגט.

—פאַרוואָס? — איך האָב איהם פראַגענד אָנגעקוקט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָר ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגען...

— יא, פאַרוואָס? און אייער שווייגען איז אַזא מאָדנער.

— אַן אַנדערער ווי אייערער?

— אַן אַנדערער. איהר ווילט עפּעס זאָגען און שווייגט.

— און איהר?

— איך... האָב ניט וואָס צו זאָגען.

— אַה, איהר האָט ניט ו ו אָ ס צו זאָגען... דאָס אַליין הייסט שוין אַ סך געזאָגט...

— אַז איך זאָג עפּעס פערשטעהט איהר מיך אויך ניט ריכטיג.

— צום ביישפּיעל? —

— אָט האָט איהר, כ׳בין זיכער, מיינע ווערטער אין בעצוג צו ב. ניט גוט פערשטאַנען.

— וואָס איז דאָ געווען צו פערשטעהן?

— אַ סך. איהר דאַרפט איהם וועגען זיך ניט לאָזען טראַכטען.

— ס׳איז שווער אייגענע געדאַנקען צו ערעסטירען, בפרט נאָך יענעם׳ס.

— ער איז אַ פערהייראַטער מאַן און האָט קיין רעכט אין זיך אַ מיידעל צו פערליעבען.

איך האָב געשוויגען...

— זאָגט מיר — האָט ער נאָכדענקענד געפרעגט — פאַרוואָס האָט איהר ביי מיר אייערע בריעף צוריק געבעטען? איך האָב עס ניט געקענט פערשטעהן און איצט אויך. אויף וואָס האָט איהר זיי געדאַרפט? און אייער פערשווינדען פּלוצלונג פון מיין טיהר, ווען איהר זייט פאַר איהר אַזוי אונגעריכט ערשיענען? וואָס האָט דאָס געזאָלט בעדייטען?

— איך האָב געהערט זאָגענדיג דאָס איהר זייט קראַנק און איך געוואָלט געוואָהר ווערען.

ע ר האָט אויף מיר ו ו א ר י ם א קוק געטהאָן, מיט דאַנק מיין האַנד געדריקט און מיר זיינען, אַזוי שווייגענדיג, האַנד אין האַנד א צייט געגאַנגען.

---

איך האָב די טיהר פונ'ם הויז, וואו מיין צימער געפינט זיך, געוואָלט פערבייגעהן, אָבער ער האָט זיך פאַר איהר אָפּגעשטעלט, זי אָן עפּען געטאָהן, מיך ביים אָרעם אָננעמענדיג פאַראויס געשיקט און מיך נאָכגעפאָלגט ווי אַמאָל, ווען פון פ ר י י נ ד־ ש א פ ט איז קיין רייד ניט געווען.

מיין האַרץ האָט שטאַרק גענומען קלאַפּען. אַלע פריהערדיגע בעשליסע האָבען מיך מיט אַמאָל פערלאָזען. איך האָב זיך געשלאָגען מיט דער דעה: לאָזען איהם אזוי געהן נאָך זיך, כדי דאָרט, אין דער שטילער דונקעלהייט, אָן פריינדשאַפט פערגעסען, אָדער איהם דאָ, אויפ'ן אָרט, די פ ר י י נ ד ש א פ ט ארויסווייזען און דערמיט די וועג צו זיך פערשטעלען?

דער שטאָלץ וואָס האָט מיך ניט געלאָזען זיין פריינדשאַפט צוריקצואוווייזען, ער זאָל דורך דעם ניט זעהן, אַז איך וויל נאָר ליעבע, האָט זיך איצט איינגעשטעלט איך זאָל ווייטער פון פריינדשאַפט ניט לאָזען געהן, און איך האָב איהם צו נעהמען אָפּשייד די האַנד געגעבען.

— איך האָב אייך דאָרט, אויבען, געוואָלט א גוטע נאַכט זאָגען.

— זאָגט עס שוין דאָ.

— אָבער, עס איז דאָך נאָך גאָר ניט שפּעט. מיר וואָלטען קענען אויבען א צייט פערברענגען. מיר ווילט זיך נאָך מיט אייך ריידען.

— איז קומט אין גאַס נאָך אַביסעל ארומגעהן — האָב איך געזאָגט.

— איך בין שוין מיעד ארומצוגעהן, איך וויל זיך צוזעצען.

— אָבער ס'איז צו שפּעט.

— פלעגען מיר ניט אָפט פיעל שפּעטער פערברייגגען?

— אַז מען פערברייננגט שוין איז אנדערש. אָבער אַרויפּ־קומען.
— זאָגט, דאָס איהר האָט מורא וואָס אנדערע וועלען זאָגען...
— וועל . . .
— אָבער טאָרען ניט פריינד...
— אָט, וואָס ווייסען זיי, די אַנדערע, וועגען פריינדשאפט! ביי זיי איז אַלץ ליעבע, נאָר ליעבע, זינדיגע מענשען וואָס זיי זיינען!
— מוז מען שוין, הייסט עס, צו אייך פאָר פריה קומען, אום צו קענען שפּעטער אוועקגעהן. אויב אַזוי, איז —
— גוד נאַיט! — האָב איך פערכאַפּט צו ענדיגען.
— יעס... גוד נאַיט! און מיר ווילט זיך נאָך גאָר ניט שלאָפען.
— אה, ביז איהר וועט צו זיך קומען, וועט איהר שלעפעריג ווערען.
— און איהר וועט זיך טאַקע גלייך לייגען שלאָפען?
— איך וועל נאָך א ווײַלע לעזען: מיין געוואוינהייט.
— וועל איך צו אייך אַן אַנדער מאָל קומען.
— זאָל זיין אַן אַנדער מאָל. נאָר אויב איהר ווילט מיך טרעפען ביי זיך, דאַרפט איהר זיך אָנזאָגען ו ו ע ן.
— איך וועל אייך שרייבען. אָלל־רייט?
— אָלל־רייט.

---

ער איז ניט ווילענדיג אַוועק און איך בין ניט ווילענדיג אַרויף צו זיך מיט'ן געדאנק וועגען איהם מיט זיין פ ר י י נ ד ־ ש א פ ט, וואָס איז ווי אַן אייזערנע וואַנט געשטאַנען פאַר מיין ליעבע.

פריינדשאַפט קען מען אָנהויבען בעפאָר מען הויבט אָן צו ליעבען אָדער ווען מען הערט שוין אויף צו ליעבען, אָבער ניט ווען מען ליעבט.

# גאָרנישט...

עוועק און — ניטאָ. געקומען און — אוועק.

מיר קענען זיך ניט ליעבען. מיר קענען קיין פריינד ניט זיין.

עס קומט מיר עפּעס פאָר ווי איהר וואָלט זיך אויף אַן אַנדערע פערביטען, — האָט ע ר געזאָגט, אונצו־פריעדען מיט מיין ניט לאָזען זיך אונטער דעם אויסרייד פון פריינדשאַפט פערשווייגען, פערוויעגען און פערקושען...

— איך וויל אָפּהיטען פריינדשאַפט...

— אָבער, טאָרען ניט פריינד...

— ?? — —

— אזוי פערברייגגען? —

— ניין. אזוי מעגען בלויז... פערליעבטע.

— ... האָט איהר מיך ניט ליעב?

איך האָב געשוויגען.

— איך פרעג דאָך אייך...

— צו וואָס?! וואָס געהט אייך אָן אויב א י ך האָב ליעב, פאַר אייך איז נאָר וויכטיג וואָס א י ה ר . . . ליעבט ניט . . .

— פון וואַנען ווייסט איהר אַז איך ליעב ניט?

— פון . . . פון אייער פאַרשלאָגען פריינדשאַפט . . .

— וואָס האָב איך אייך געזאָלט פ אָ ר ש ל אָ ג ע ן —

— ... ג אָ ר נ י ש ט.

* * *

רעי איז צו מיר געקומען איך זאָל זיך מיט איהר אביסעל דורכגעהן. איך בין געגאַנגען. זי האָט גערעדט וועגען ב.

— אַלע, האָט זי געזאָגט, ריידען וועגען ב. ער איז איצט די הויפּט פיגור צווישען אַלע אונזערע בעקאַנטע און אַלץ דערפאַר וואָס ער האָט ערפאָלג ביי פרויען. מען מוז צוגעבען דאָס ער א י ז אינטערעסאַנט. מיט איהם צו פערברייגגען איז שוין גאָר

ניט לאַנגווייליג. וועגען וואָס ער זאָל ניט ריידען, אין שפּאַס צו ערנסט, איז איהם גוט צו הערען.

רעי האָט וועגען ב. גערעדט און איך האָב גאָר וועגען א י ה ם געטראַכט. וועגען א י ה ם מיט׳ן „גאָרנישט“ וואָס איך האָב צווישען אונז געלאָזט פאַלען: ווי האָט ע ר מיך פערשטאַנען?... וועט ער נאָך אַמאָל קומען? — — —

איך האָב געוואָלט אויפכאַפּען רעי׳ס לעצטע ווערטער, פון זיי צו טרעפען דעם אינהאַלט פון די פריהערדיגע וועלכע כ׳האָב איבער מיינע געדאַנקען פערהערט. זי איז שטאַרק רויט געוואָרען:

— וואָס קוקט א י ה ר אויף מיר אַזוי? איהר אויך זייט מיר חושד דאָס איך בין אין א י ה ם פערליעבט? — האָט זי בייזליך א לאַך געטאָהן — אַלע ווי איינע!.. אָבער זאָל מען דענקען וועגען מיר ווי מען וויל, ווען ארט עס! אז איך וויל קען איך זיך אין איהם פערליעבען, דוקא, צולהכעיס אַלע ווייבער. אז אונזערע יונגע לייט פיהרען ליעבעס מיט זיי, קען איך זיך ליעבען מיט איינעם פון זייערע מענער.

— וועט א י ה ר זיי אָפּטאָהן.

— זאָל אפילו זיין זיך אויך...

— מעהר זיך ווי זיי.

— אָבער, גאָט מיינער! — האָט רעי דראַמאַטיש אויסגע־רופען — דאָס לעבען איז דאָך אַזוי פּוסט! מיט וואָס זאָל מען עס אויספילען? אָט נעהמט ז י ך, צום ביישפּיעל, אין וואָס פער־ברייננגט איהר אייער צייט, מיט ו ו ע מ ע ן? אָבער מיט א בוך און ווידער מיט א בוך, כסדר לעזען, לעזען, לעזען! די פראַגע פון לעבען וועט עס דאָך ניט לייזען. פיהלט איהר ניט ווי צו האָבען א פריינד, א פריינד — — —

— איך האָב פריינד.

— ב ע ק א נ ט ע, מיינט איהר.

— זאָל זיין בעקאַנטע.

— וואָס געבען זיי אייך?

— וואָס איך געב זיי.

— און וואָס גיט איהר זיי?

— ג אָ ר נ י ש ט...

— גאָרנישט, גאָרנישט! אַט דאָס איז דאָך דער אומגליק אונזערער וואָס מיר געבען און מיר נעהמען ג אָ ר נ י ש ט! — האָט זיך רעי אויף מיר ווי געבייזערט — מיר פערוועלקען אזוי אײדער מיר בליהען, מיר שטארבען אײדער מיר לעבען...

* * *

א געדאַנק, אז מיר איז א בריעף פון א י ה ם אָנגעקומען — האָט מיך א היים געטריבען. רעי האָט מיך ניט אָבגעהאַלטען. זי האָט זיך גערן אָנגעבאָטען צו בעגלייטען מיך א ביסעל. א פּאָר מאָל האָט זי זיך נאָר אומגעקוקט אויף צוריק און פערטראַכט מיט מיר געגאַנגען.

— האַלט! — האָט זיך פּלוצלונג הינטער אונז א בעפעהל פאַנאַנדערגעגעבען. מיר האָבען זיך דערשראָקען און אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען מר. ב.

— בעדאַרפט בעסער דערמאָנען משיח'ן, — האָט רעי געלאַכט.

— אזוי? — וואָס האָט איהר וועגען מיר גערעדט? — האָט ב. געפרעגט דריקענדיג אונזערביידענס הענט אויף אַמאָל.

— דאָס ווילען מיר אייך שוין ניט זאָגען! — האָט זיך רעי גערייצט.

— און איהר? — האָט ער זיך צו מיר געווענדעט, — „וואָס מאַכט איהר עפּעס, וואָס?" וואָס טהוט איהר היינט מיט זיך?

— ג אָ ר נ י ש ט...

— נו, גאָר נישט איז ביי אַנדערע אויך עפּעס. זייט איהר נאָך אַלץ די זעלבע ש ל ע כ ט ע מיידעל?

— דיזעלבע.

ב. האָט ארויסגענומען זיין זייגער, א קוק געטהאָן און געפרעגט אויב מיר ווילען איהם העלפען הרג'ענען א שטונדע; זיך דורכגעהן אביסעל.

— וואָס פאר אַן אינטערעס — האָט זיך רעי אָפּגערופען, — מיט א פערהייראַטען מאַן צו געהן?

— נו, זאָל איך געבען דער ווייב א גט אויף צו נעהמען מיט אייך א „וואָק"?

רעי האָט זיך צולאַכט. ער האָט זיך ווייטער גע'חכמה'ט,

געוויזען זיין שאַרפזינן. ער האָט איהר געמאַכט אַ פּאָר קאָמפּלי־מענטען און געקוקט אויף מיר ווי אויסצוגעפּונען וואָס פּאַר אַן איינדרוק דאָס האָט אויף מ י ר געמאַכט. איך האָב זיך מיט ביידען געזעגענט און אַוועק אַליין אַ היים.

געעפענט דאָס בריעף־קעסטעל: — דאָרט איז געווען — ג אָ ר נ י ש ט.

* * *

ב. איז ביי מיר געווען. ער איז געקומען מיט אַ סך, אַ סך לעבעדיגע בלומען. ווי גוט זיי שמעקען!

— איך בין געקומען, האָט ער אריינקומענדיג, מיט שפּאַס געזאָגט, בעשטימען די צייט פאַר אונזער ליעבע, אַלזאָ, אָנגעפאַנגען האָבען מיר.

— ש ו י ן אָנגעפאַנגען?

— געוויס, צום פּיק־ניק, ניין? זאָל זיין ניט. נאָך בע־סער; וועלען מיר עס א י צ ט אָנהויבען „ביז, ביז... אָט איז דער קאַלענדאר, וואָס איז היינט, דער ערשטער? וועלען מיר עס מאַכען ביז'ן לעצטען פון נעקסטען מאָנאַט. גענוג?

— ס'איז אַביסעל צופּיעל — האָב איך געשמייכעלט.

— ווען איהר וואָלט וויסען ווי שעהן איך קען ליעבען וואָלט איהר זאָגען אַז דאָס איז ווייניג. אָט וועלען מיר בעצייכנען דעם לעצטען טאָג — האָט ער ארויסגענומען זיין פאַנטיין־פּען און הויך געטראַכט:

„וואָס זאָלען מיר דאָ אָנשרייבען? וועלל... זאָל זיין, אַזוי ווי איהר זאָגט: ג אָ ר נ י ש ט“.

און ער האָט אָנגעשריעבען — ג אָ ר נ י ש ט.

— איצט נעהמען מיר זיך ליעבען, — האָט ער מיך נעבען זיך אַוועקגעזעצט.

— נאָר — — — אָהן הענט...

— אָהן הענט... וואָס בין איך דען אַ... ק ק ק אַ ל י ק ע?

— אַ גייסטיגע קאַליקע, אַז איהר ווילט, אויב איהר וועט מיט די הענד זוכען צו „מאַכען ליעבע“. בעווייזט בעסער די מאַכט פון אייער גייסט...

— דאַרף איך דאָך פריהער קענען א י י ע ר גייסט. וואו

איז ער ביי איך, דער דאָזיגער גייסט אייערער? ווייזט מיר איהם!

— זוכט איהם אַליין אויסצוגעפינען.

— אַלל־רייט. מיר וועלען איהם שוין געפינען. ער וועט זיך פון אונז ניט בעהאַלטען, מיר האָבען שוין געזעהען גייסטער!

פון שפאס זיינען מיר צו ערנסט אַריבער. ער האָט זעהר שעהן דערציילט עראינערונגען פון זיינע קינדער־יאָהרען. מיר האָבען ניט בעמערקט ווי דער אָבענד איז אַריבער.

* * *

עס קען זיין אַז ווען ב. האָט ביי מיר פערבראַכט איז ער ביי מרס. ב. געווען.

...און צו וואָס האָב איך איהם, ב., געלאָזט בעשטימען אויף מאָרגען ווייטער צו קומען? וואָס וועט פון זיין קומען אַרויס־קומען?

איך דאַרף ניט ווייט זוכען אַן ענטפער. כ'הויב אויף דאָס בלעטעל פון קאַלענדאַר און זעה: ג אָ ר נ י ש ט...

# ע פ ע ס...

א קוש פון אן אונפערהייראטען האט, דאכט זיך, פאר זיך א צוקונפט, ווען א קוש פון א פערהייראטען מעג גלייך צוגערעכענט ווערען צו דער פערגאנגענהייט...

ב. גלויבט ניט אין קיין צוקונפט און רעכענט זיך ניט מיט קיין פערגאנגענהייט, ער אנערקענט בלויז די געגענוואַרט.

—אייער פערטראַכטען זיך אזוי וועגען שפּעטער, האט מר. ב. היינט געזאגט, רויבט פון אייך אוועק יעדער פערגעניגען פונ׳ם איצט, ג:ון דאס איז א... שאדען, אויב ניט קיין פערברעכען. נעהמט צום ביישפּיעל, שאפּענהויער. ער זאגט:

„יעדער טאג איז א לעבען אין א קליינעם פאָרמאַט; יעדעס ערוואַכען איז א קליינע געבורט, יעדער מאָרגען — א קליינע יוגענד און יעדעס איינשלאָפען — א קליינער טויט“.

„לייכטזיניגקייט, — ווי בערנע זאגט, — איז דאס בעסטע שווימגאַרטעל אינ׳ם שטראָם פון לעבען“. און אפילו א י י ע ר גאָרקי זאגט, אז „מען דארף זיך בעציהען צום לעבען גלייכגילטיג און זיך עס ניט פערשטערען דורך פילאָזאָפירען, און שטעלען פראגען“.

— דער זעלבער גאָרקי, מ י י ן גאָרקי, ווי איהר זאגט, האב איך איהם געענטפערט, זאגט אויך דאס „יעדע מינוט פון אונזער לעבען מוז האבען איהר הויכען ציעל“.

— וועלל?

— און וואס פאר א ציעל איז דא אין אזא ליעבע וועלכע בעציייכענט דעם אָנפאנג מיט אן ענדע וואס הייסט ג א ר־נ י ש ט!

— עס איז אָבער דאָ אן ע פ ע ס צווישען אָנפאנג מיט דער ענדע.

— אה, ד ע ר עפּעס!
— בעסער עפּעס איידער גאָרנישט.
— בעסער גאָרניט איידער עפּעס.
— איך בין מיט אייך נ י ט איינפערשטאַנען.
— איך בין איינפערשטאַנען מיט אייער ניט איינפערשטאַנענקייט, ד. ה., פון א י י ע ר שטאַנדפּונקט. האָב איך געזאָגט... ביי אַ מענשען, ביי וועלכען עס איז פאַראַן אַ פערלאַנג צו פערטרייבען די לאַנגווייליגקייט אין די אַנטראַקטען צווישען די אַקטען פון אַ... נודנעם פאַמיליען לעבען, איז דער ע פּ ע ס אַ גוטער צייט־פערטרייב. אַזאַ אָבער, ביי וועמען דער עפּעס איז ניט קיין לייכטער עפּיזאָד, נאָר אַ וויכטיגע פּאַסירונג אין לעבען, דאַרף זיך דערפון צוריקהאַלטען.

— איך קוק אויף אייך — האָט ב. מיט צוגעזשמורעטע אויגען נאָך אַ לאַנגען שווייגען געזאָגט, — און קען אייך ניט פערשטעהן. קומט אייער פּלאַטאָניש־מעסיגקייט אויס... ראָמאַנטיזם אָדער אויס אַ פּראַקטישען בליק אויפ׳ן לעבען. וואָס אייגענטליך זיינט איהר ?!

— געפינט עס אליין אויס...

— אָבער איך קען ניט! שוין באַלד דריי וואָכען צייט אַז מיר „ליעבען" זיך, און אַנשטאַט בעסער צו קענען אייך, ווערט איהר פאַר מיר מעהר רעטעניש. איהר זייט ווי די לבנה; וואָס מעהר מען געהט צו נאָך, אַלץ מעהר דערווייטערט זי זיך. אַנשטאַט צו געהן מיט אייך פאָרוועררטס געה איך אויף צוריק. וואָס וועט זיין די ענדע פון אַזאַ גאַנג? איך ווייס ניט, איך בין צוטומעלט!

— די ענדע וועט זיין אַז ווי איהר וועט ניט געהן — וועט איהר צו זיך קומען. צו זיך, אַ היים...

— איהר פערפאָלגט מיך אין דער היים אויך. איהר מאַכט מיך זעהר פיעל צו טראַכטען.

— אבי ניט צו פ י ה ל ע ן...

— פיהלען אויך. איך האָב מורא דאָס איך וועל זיך אין אייך ערנסט, ז ע ה ר ערנסט פערליעבען.

— זייט איהר פעהיג אויף דעם ?..

— מעהר ווי איהר קענט זיך דענקען. און וואָס וועט דאַ־מאָלס זיין מיט מ י ר ?

וואָס דאַרפט איהר איצט קלערען וואָס... אַגב אַז איהר האָט טאַקע שטאַרק מורא פאַר'ן שפּעטער קענט איהר זיך דאָך שוין איצט דערפון צוריקציהען.

— איהר ווילט איך זאָל פון אייך אַוועקגעהן ?

— ... ניין. צו וואָס לייקענען ; מיט אייך איז דאָך נאָך אַלעמען ניט אַזוי לאַנגוויילינג ווי... אָהן אייך.

— אַ דאַנק !

— אַ דאַנק פאַר אַ דאַנק...

* * *

עפּעס איז דאָ אין ב. וואָס מאַכט פון איהם טראַכטען און לאָזט איבער אַ פערלאַנג איהם ווייטער אַמאָל צו זעהן.

איך האָב מורא איך וועל אויס האַס צו מיין איינזאַמקייט איהם אָנפאַנגען צו ליעבען...

קומט ניט דער וועמען איך האָב מיט מיין גאַנצען האַרצען ליעב, וועל איך לאָזען קומען דעם וועלכער האָט מיך ליעב, וועלכער זאָגט מיר אַרוים ליעבע אין ווערטער, פיין געקליבענע, שעהנע ווערטער.

יאָ, עס קען זיין איך זאָל ב. אָנהויבען ליעבען פאַר העלפען מיר צייטענווייז אַ י ה ם אַ ווײַלע פערגעסען. ווען ב. וואָלט נאָך קענען אין גאַנצען אַ יה ם פון מיין נשמה פערטרייבען...

אָבער דאָס וועט ער ניט קענען. קיינער וועט ניט קענען טוי־טען דעם טויט וואָס ע ר האָט אין מיר איבערגעלאָזען דורך זיין רייסען זיך צום ל ע ב ע ן. צו אַ בעסערען, בעקוועמערען, בע־שטימטען לעבען פון וועלכען איך בין אויסגעשלאָסען.

* * *

אַ בריעף פון אַ י ה ם... בלויז עטליכע ווערטער : געוואָלט שרייבען, אַרויפקומען און קיין צייט ניט געהאַט, געווען זעהר שטאַרק פערנומען. וועט, מעגליך, זיין די טעג ווען ער וועט זיין אין דעם געגענד...

זעהר גוט. זאָל ע ר צו מיר פ ע ר ב י י ג ע ה ע נ ד י ג אַרויפקומען, מיין „פריינד", און איינאָטעהמען דעם דופט פון די לע־בעדיגע בלומען מיט וועלכע ב. פילט אָן מיין צימער. און אַזוי

ווי איך האָב אים ליעב אין זיין אבוועזענהייט, וועל איך אין זיין אנוועזענהייט... טראַכטען וועגען ב. ער וועט מיך פרעגען וועגען וואָס אָדער וועמען איך טראַכט אזוי און איך וועל איהם זאָגען... דאָס וועט זיין מיין ראַכע...

דערפאַר וואָס ער איז אזוי קאַרג, פאַרזיכטיג, אויסגערעכענט און וויל מיר זיין ליעבע ניט געבען וועל איך פון איהם ראַכע נעהמען...

# די איינזאַמקייט...

דריי אָבענדען בין איך אין מיין צימער געזעסען, אויף מיין טיהר געקוקט און, ע ר איז ניט געקומען.

איך האָב דערפאַר בעשלאָסען ניט מעהר פאַר א י ה ם צו ווארטען און, אויף דעם רוף פון אַן אַנדערען זיך אָפּצורופען.

„זאָל ע ר קומען און אַנשטאָט מיר אַ פערשלאָ־סענע טיהר טרעפען, — האָב איך אויפ'ן וועג צו דעם אַנדערען, צו ב.„ געטראַכט, — און קיינמאָל זאָל ער ניט וויסען וואָס איך האָב פאַר איהם אזוי פיעל געוואָרט!“

---

— ווי גוט דאָס איז פון אייך וואָס איהר זיינט געקומען! — האָט ב. מיט פרייד צו מיר אויסגערופען. —איך האָב מיך אַזוי געשראָקען דאָס איהר וועט מיין בריעף מיט איינעם פון אייערע מעלאַנכאָלישע שמייכלען אָן אַ זייט אַוועקלייגען, אָדער, צורייסען און פערגעסען.

— קען זיין עס וואָלט טאַקי גלייכער געוועזן צו טאָהן אזוי...

— פאַר וואָס גלייכער? קינד, פאַר וואָס! איז ניט בעסער מיר זאָלעןביידע דעם אָווענד פערברייגנען אַנשטאָט זיין בעזונדער און... בייַנקען? שוין פינף טעג ווי מיר האָבען זיך ניט געזעהן!

— דאָס איז שרעקליך!..

— דאָס א י ז שרעקליך. וועלען זעהן אַ בעליעבטע פּערזאָן און ניט קענען, איז שרעקליך שווער. איך האָב אָבער ניט געקענט צו אייך קומען. — איהר פרעגט גאָר ניט פאַר וואָס? —

— איהר וועט עס, גלויב איך, אַליין זאָגען.

— ווי... קאַלט איהר זיינט!

— איך האָב געדולד.

— שוין אַביסעל צופיעל... אָבער איך וועל עס אייך אַליין... זאָגען. — ווען איך בין פון אייך לעצטען מאָל שפּעט אַהיים גע־

פאַרען, האָב איך קומענדיג, מיין ווייב זיך באַדענדיג אין טרעהרען געפונען. זי האָט אזוי געוויינט, און ו ו י געוויינט! זי וויים דאָס איך קען ניט פערטראָגען אז מען וויינט, האָט זי דוקא געוויינט...

— אַרימער!..

— זאָגט: אונגליקליכער...

— ניט געקענט פערטראָגען דאָס, וואָס איהר האָט אליין פער־אורזאכט...

דער פאקט וואָס מען איז אליין אין א זאך שולדיג, מאכט נאָך שווערער די זאך פערטראָגען. ס'איז אזוי ניט אנגענעהם. —

— איינפערשטאַנען. איז וואָס האָט איהר געטהאָן דאָס אונ־אנגענעהמע אָבצושאַפען?

— איך וואָלט א י י ך וועלען זעהן אין מיין לאַגע און וויסען וואָס א י ה ר וואָלט אין אזא פאַל געטאָהן?

— איך? — — איך וואָלט איהר צוזאָגען מעהר קיינמאָל ניט צו קומען שפּעט, אָדער, גאָר ניט אוועקגעהן. איך וואָלט איהר זעהן צו איבערצייגען אז דאָס פערברייננגען מיט אנדערע איז... גאָרנישט מיט גאָרנישט. ס'איז ניט ווערטה איהרע טרעהערען. איך וואָלט איהר זאָגען דאָס זי איז די איינציגע, די בעסטע, די ליעבסטע, און איך טהו נאָר אמאָל א קוק אויף אן אנדערע, כדי זי מיט יענער צו פערגלייכען און נאָך אן איבעריגען מאָל זעהן אויף וויפיעל זי איז שעהנער. איך וואָלט זאָגען: דו ביסט מיין ווייב, פערשטעהסט, מ י י ן ווייב, און דערפאר אליין האָב איך דיך שוין ליעב!

— אָבער... דאָס וואָלט דאָך געווען א ליעגען, ווען א י ך זאָג דאָס — האָט זיך ב. ערנסט אָפּגערופען — זי איז לויט דאָס געזעץ מיין ווייב, אָבער ליעב האָב איך נ י ט זי, נאָר — — — —

— ז י ך.

— עס קען זיין איך האָב ז י ך און א י י ך ליעב — האָט ב. נאָכדענקענד געזאָגט. — אן עהנליכע צו אייער האַלטונג האָב איך בעצוג צו אנדערע בענוצט. איהר האָט פון מיר מיין איראָ־ניע אוועקגענומען און איך האָב זיך פאר אייך, ווי אנדערע פאר מיר — פערלאָרען... א י ה ר זיעגט, דורך אייער ניט זוכען צו

זיעגען... אָבער מיר וועלען זיך צוריק־קעהרען צו מיין ווייב: איך און זי זיינען צוויי בעזונדערע מענשען.

— נאַטירליך.

— איך מיין מיר זיינען פרעמדע, פרעמדע אין גייסט. „חיי־ראטה, זאָגט מען, איז א קבר פאר פרייהייט“ און דאָס איז אמת. ווען איך וואָלט איצטער פריי געווען וואָלט איך —

— געהייראטה.

— ...יעס, מיט א י י ך.

— איין קבר פאר פרייהייט איז, ווייזט אויס, פאר אזא מאַן ווי איהר ווייניג...

— מיט אייך וואָלט מיר דאָס גאנצע לעבען, דאכט זיך, גע־ווען א פערגעניגען אפילו צו שטארבען! אָבער, פאר וואָס, זאָגט זאָלען מיר א ז ו י ניט נעהמען פון לעבען וואָס מען קען? מיר קענען דאָך, אז מיר ווילען, נעהמען אַלץ, אַלץ, א ל ץ!

— ווי בעשיידען איהר זיינט!

— „נור לומפּע זינד בעשיידען“ — האָט ב. מיט געטהע׳ס בעריהמטע בעמערקונג געענטפערט.

מיר זיינען ביידע, ריידענדיג, אין א פּארק אריינגעקומען און כמעט שווייגענדיג, ביז שפּעט אין דער נאכט, אויף א בעזונדערע באנק, אין א פינסטערע אַלעע, צווישען געדיכטע בוימער געזעסען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב ערשט מיין בוך געעפענט און די ווערטער ווי אין ענטפער צו מיינע געדאנקען געפונען: —

„עס איז געווים ניטאָ א פערזאָן וואָס זאָל אמאָל זיין גלייכ־גילטיג צו די גוטסקייט און צערטליכקייט פון אן אנדערען. דער מאַן אָדער די פרוי וועלכע ווערען געקושט פון א בעליעבטע (איך וואָלט זאָגען — סימפּאטישע) פּערזאָן פיהלט זיך צופריעדען, שטאָלץ און — — — — געניוגט צו ענטפערען.“ —

— „א יונגער מאַן האָט געקלאפּט, — האָט מיר היינט מיין „מיסעס“ געזאָגט. אזא שעהנער, א הויכער. אזוי איז דאָס שוין: מ׳קען אָפּזיצען אָבענדען גאנצע און קיינער זאָל ניט קומען, געהט מען נאָר אוועק — איז מען דאָ.“

— יאָ, אזוי איז דאָס שוין. — האָב איך צוגעשטימט. כמעט

אַלע מאָל אַזוי. — און אריין צו זיך צו בלייבען אליין מיט די בייזע געדאַנקען וועלכע האָבען זיך אין מיין מח ווי אָפּצוהאַלטען אַ מיטינג געקליבען...

איך בין ניט אויסגעשלאָפען און קען ניט איינשלאָפען. איך האָב מיך פון שלאָף ארויסגעשלאָגען. ווי מיעד איך בין!

זיך שפּעט ל י ע ב ע ן ווען מען דאַרף פריה אויפשטעהן צו „מאַכען אַ לעבען" איז אַ... לוקסוס זאַך. אָבער, — — — די איינזאַמקייט!..

---

ב. איז ביי מיר היינט ווייטער געווען. געקומען אויף אַ ווייל
לע, נאָר זעהן מיך, וואָס איך מאַך און צו יעדער מאָל ווען ער האָט זיך געשטעלט אוועק צו געהן, ווייטער געבליבען זיצען.

— איך האָב זעהר געביינקט נאָך אייך! געבטען מעהר ווי ווען עס איז ביז איצט, האָט ער צו מיר געזאָגט. איהר ווערט מיר אַזוי טייער: — און אריינפאַלענדיג אין טרויעריגען טראַכטען איבער דעם וואָס איך ווער איהם אַזוי טייער, איז ער מיט מיינע פינגער אין זיינע הענט אַ לאַנגע צייט געזעסען.

— געהט אַהיים, ב., עס ווערט שפּעט. — האָב איך איהם געבעטען.

— איך וועל ניט געהן אַהיים, — איך וויל דאָ זיין מיט אייך.

— איהר... האָט אַ ווייב, האָב איך איהם דערמאָנט, און... זי וועט ווייטער וויינען.

— וואָס אַרט אייך פאַר מיין ווייב, אַרט איהר פאַר אייך?

— א י ה ר פ אַ ר מ י ר! — דאָס איז אַ שפּאַס. געהט געהט צו איהר.

— זי וועט ניט אַנטלויפען.

— זי וועט אָבער ליידען. אומזיסט, פאַר ג אָ ר נ י ט ליידען.

— איך לייד אויך, און איהר... ד ו, דו ליידסט ניט? האָסטו מיך גאָרניט, גאָרניט ליעב? — — — —

... איך ... האָב פיינט די איינזאַמקייט...

---

# אַ נאַכט מיט ב.

עס טאָגט שוין, און ב. איז ערשט פון מיר אַוועק. וועל זיך שוין איצט ניט לייגען שלאָפען. כ'וואָלט באַלד דאָך סיי ווי דאַרפען אויפשטעהן.

ער איז אוועק און איך האָב פרייער אויפגעגאָ־טהעמט; איצט אַרט מיך ניט אויב יענע דאָרט, אי־בער'ן וואַנט שלאָפען ניט. איך קען מיין טהיר גאָר לאָזען אָפען, זאָלען זיי צו מיר אריינקומען און זעהן דאָס איך בין אליין.

געוויס מוז פאַר אַ מאַן זיין אינטערעסאַנט צו פערברייינגען אין אַ מיידעל'ס צימער ביז טאָג, ריידען צו איהר פון ליעבע, רופען צום ל ע ב ע ן און גנב'ענען קושען... אָבער, פאַר דער מיידעל איז עס זעהר, זעהר ניט בעקוועם. נאָך ניט גענוג וואָס דער ערוועקטער אין איהר געפיהל פאַר — — — ליידענשאַפט מוז בעהערשט ווערען פון איהר קאָנטראָלירענדען געדאַנק, געפּענ־טעט פון איהר בעשיידענהייט און פאָרזיכטיגקייט ניט צו „פאַלען", דאַרף זי נאָכטראַכטען וועגען דעם וואָס אַנדערע וועלען קלעהרען, וואָס וועט די מוסטערהאַפטע „מיסעס" זאָגען, ווען זי זאָל דער־הערען דאָס ביי „איהר" מיידעל געפינט זיך גאָר אַ מאַן אין צימער, און נאָך אויסגעפינען דאָס דער מאַן, צו אַלע צרות, איז נאָך אַ פערהייראַטער! עס וואָלט זיין, אח, הימעל עפען זיך! אָדער, בעסער אַ גרוב, צו קענען אין איהר זיך לעבעדיגערהייד בעגראָבען...

קיין וואונדער, אַז דורך אַזעלכע זאַכען זאָל דאָס ראָמאַנטי־שע ווערען לעכערליך, דאָס ערענסטע זיך אין שפּאַס פערוואַנד־לען, א. ז. וו.

ע ר, למשל, בעגייסטערט פאַר א י ה ר, טהוט זיך אַ וואָרף אויף די קניה, שרייט אויס: „ליעבע!" „טייערע", „מלאך!" און פערזיגעלט, נאָך דעם ליעבעס־מאָנאָלאָג, איהרע ליפּען מיט אַ שטאַרקען, קלינגענדען קוש...

זי, אנשטאט צו פערוואָרפען, ווי עס פּאסט אין אזא גרויסען מאָמענט, איהר געלאָקטען קאָפּ אויף זיין אקסעל, טהוט זיך נאָר א ריס אויף צוריק, פּרעסט צו די פינגער צו איהר מויל, קוקט זיך ארום, הערט זיך צו און קערט זיך אָפּ.

„וואָס איז?" דערגעהט ער ביי איהר, מיינענדיג דאָס ער האָט מיט זיין שטאַרקען קוש איהרע שוואַכע ציינער אויסגעזעצט, וואָס איז!?...

— אך, זאָגט זי, ווי אונפּאָרזיכטיג א מענש קען זיין...

— אום גאָטעס ווילען! — קוקט ער איהר צושראָקען אין מויל אריין...

— מען דאַרף פערשטעהן אז מען איז ניט אין א וואַלד; דאָ איבער'ן וואַנט שלאָפען מענשען...

— נו, שלאָפען זיי דאָך...

— שלאָפען זיי דאָך!.. ווער וויים אויב זיי שלאָפען? אפשר הערען זיי אונטער? צוליעב א קוש זיך ארויסגעבען און פּארפּאַטשקען זיך דעם נאָמען פאַר לייטען.

„קוש, פּאַטשקען, פּע!" לויפט דורך א פערדראָסיגען געדאַנק אינ'ם קושער'ס מוח: „אין אזא מאָמענט ליגען איהר אין קאָפּ די וואָס שלאָפען אונטער'ן וואַנט!"

עטוואָס עהנליכעס איז צווישען מיר מיט ב. די נאַכט פּאָרגעקומען. צו יעדער מאָל ווען זיינע התפעלות פאַר מיר, האָבען זיך אין קלינגענדע קושען געוואָלט אויסדריקען, האָב איך מיין האַנד אויף זיין מויל געלייגט און ער האָט זיך געפיהלט ווי בעליידיגט.

— פאַר וועמען, קינד, פאַר וועמען האָסטו מורא? — האָט ער מיט הארץ געפרעגט. נו, ווילסטו, וועל איך פון קיינעם מיין ליעבע צו דיר ניט בעהאַלטען. איך קען זיי דאָ, די נאַכטיגע צוהערער דיינע, זאָגען ווער איך בין, וואָס איך בין, פאַר וואָס איך קום צו דיר. און ווילסטו, וועל איך דאָס מיין פרוי זאָגען... זי פערשטעהט שוין פון מיין גלייכגילטיגקייט צו איהר, דאָס איך האָב אַן אַנדערע ליעב, און ווען זי זאָל זיך דערוויסען ווי שטאַרק איך ליעב די אַנדערע וועט זי אליין ניט וועלען לייגער מיט מיר אין איין הויז פערבלייבען. זי וועט פון מיר אוועקגעהן און מיר ביידע... נעהם אראָפּ דיין האַנד פון מויל, לאָז מיך ריידען.

— ...ש ש ש ו ו י י ג ט...

— שווייגען? שווייגען ווען איך פיהל ווי צו כאַפּען דיך אויף די הענד, לויפען מיט דיר און שרייען, ווילד שרייען אז איך האָב דיך ליעב, ליעב, ליעב!

— פּליעז, ל י ע ב ׳ ט אביסעל שטילער... האָב איך איהם געבעטען.

— פאר וואָס שטילער, פאר וואָס? נו, זאָג פאר וואָס, קינד, האָסטו מורא? אויפ׳ן לעצטען פאַל, אז ס׳זאָל אפילו געשעהן דאָס וואָס יענע דאָרטען איבערוואַנטיגע קענען פערקלעהרען, איז וואָס וואָלט דאָ געווען פאר אן אומגליק. פערקעהרט, איך וואָלט עס נאָך פאר גליק בעטראַכטען; שטעל זיך פאָר, טייערע, ווי שעהן, ווי וואונדערליך, ווי פּראַכטפאָל עס וואָלט געווען ווען דו האָסט א קינד! ניין?

— יאָ, זעהר שעהן...

— דיר דאַרף ניט, ס׳טאָר דיר גאָר ניט קומען אין געדאַנקען דאָס איך וואָלט מיך דערפון וועלען אָפּזאָגען —

— נאָ, נעווער!..

— איך וואָלט דיך קיין מאָל אליין ניט לאָזען —

— ניין, ניט אליין, נאָר מיט א קינד..

— איך וואָלט דיך מיט׳ן קינד געוויס ניט געלאָזען —

— ניט מיך מיט׳ן קינד, איז דאָס קינד מיט מיר.

— אלזאָ, האָב, וועסטו זעהן!

— איך האָב קיין צייט ניט, בעט׳ס אימיצען אנדערש...

* * *

זעהענדיג אז זיין ערנסט ווערט אויף שפּאָס גענומען, האָט ב. שוין מעהר אזוי ניט גערעדט. ער האָט זיין געזיכט איןביידע הענט בעהאַלטען און ס׳איז מיר שווער געווען צו טרעפען אויב ער האָט געוויינט אָדער געלאַכט... איך האָב פערשטאַנען דאָס ער וועט לאַנג אזא פּאָזע ניט אָנהאַלטען אָניב איך וועל ביי איהם ניט דערגעהן וואָס מיט איהם איז, עס וועט איהם לאַנגווײלען און... איך האָב אזא פּאָזע ווי זיינע צונגנומען: זאָל ע ר מ י ך פרעגען...

אהא, עס האָט איהם דערעסען זיין פּאָזע, שנעלער ווי איך האָב

עס ערוואַרטעט. איך פּיעל זיין האַנד אויף מיין אַקסעל, מיין האַלז, מיין קאָפּ, זי גלעט מיינע האָר, זוכט מיינע הענט פון גע־זיכט אוועקנעהמען, וויל וויסען אויב איך וויין... איך ווער שיער צופּלאַצט פון פערשטיקטען געלעכטער, און ער מיינט ס׳איז הים־טעריקע... פרעגט מיך אויב איך וויין... וואָס איז מיר, וואָס... וואָס...! ער קען ניט זעהן מיינע טרערען... ענדליך האָבען זיי־נע פינגער די הענט פון מיין פּנים אָפּגעריסען און איך האָב איהם אין קישען פערגראָבען. מיט גרויס אָנשטרענגונג איז איהם דאָך געלונגען מיט זיינע פינגער זיך צו מיינע אויגען דערקלייבען, אויס־געפינען אַזוי אויב זיי זיינען נאַס; — אַ סימן אַז איך האָב גע־וויינט... אָבער, זיי האָבען זיי, די אויגען מיינע, געפונען צו זיין טרוקען און אַן ענטוישטער איז ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און שטומען שווייגען אַ צייט געבליבען זיצען...

ק אָ מ י ש ...

איך פיהל ווי דער אויסדרוק פון מיין געזיכט פערראַטה מיך היינט. עס שמייכעלט זיך פון זיך אַליין. ווי אַנדערש וואָלט איך געקוקט ווען אַלעס וואָלט געווען אַנדערש!.. געוויס וואָלט איך געווען פערטרויערט און דערשלאָגען...

# מיט רעי

איך ליעב א., ב. ליעבט מיך, און רעי ליעבט ב....
דריי ניט קיין איינגעגעבענע ליעבעס...
עס קומט עפּעס אויס ווי איינער וואָלט זיך
אָפּגערעכענט מיט א צווייטען פאַר אַן אַנדערען...
מען ליעבט פאַר — — — ניט לאָזען זיך
ליעבען...

---

בין געווען אין לייבּרערי און דאָרטען רעי געטראָפען. זי קוקט אויס שלעכט, בלאַס און נידערשלאָגען. זי האָט אויף מיר א בליק פול פערדאַכט געוואָרפען און איך האָב מיך ווי שולדיג געגען איהר דערפיהלט...

זי האָט געזוכט א בוך וואָס מען האָט איהר געראַטהען צו לעזען.

— איך מוז, האָט זי געזאָגט, די זאַך איבערלעזען. דאָס רופט זיך: „ווען גאָט לאַכט" פון דזשעק לאָנדאָן. העלפט עס מיר זוכען.

איך האָב איהר געהאָלפען זוכען, אָבער מיין העלפען האָט ניט געהאָלפען; מיר האָבען עס ניט געפונען. זי האָט געפרעגט די לייבּרעריען און יענע האָט איהר פאַרגעלעגט פאַר דעם אַן אַפּלי־קיישאָן אויסצופילען.

— ביז איך וועל זיך אויף דעם דערוואַרטען! האָט רעי אַרויסגעהענדיג נאָך מיר פון לייבּרערי אונצופריעדען אויסגערופען און מיך האַסטיג א פרעג געטהאָן:

— האָט איהר עס געלעזען?

— יאָ. איך האָב עס געלעזען.

— האָט זיך דאָס אייך געלוינט צו לעזען? האָט איהר אויף דעם קיין חרטה ניט געהאַט?..

— חרטה? — פאַר וואָס?

— פאר... עפּעס... איך וועל אייך אַן אַנדערש מאָל זאָגען, איצט אויב איהר ווילט מיר טהאָן די געפעליגקייט, גיט מיר איבער דעם אינהאַלט דערפון. איך וויל עס וואָס פריהער וויסען. ווילט איהר?

— מיט פערגניגען. „צוויי, אַ ן ע ר, פערשטעהט זיך, מיט אַ ז י, ליעבען זיך זעהר, ז ע ה ר שטארק. און, אום די ליעבע ניט צו טויטען, בעשליסען זיי צו האַלטען זיך איינס פונ׳ם אַנדערען פון ווייטען. אַזוי אויך נאָך דער חתונה. זיי מיידען אויס אומארמונג, אַ קוש כדי די ליעבע זייערע ניט צו פערבילליגען. זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען ביידע פאר ליעבע, און זיי שפּיעלען זיך אין לאַגיק: אַלץ איז גוט ביז מען בעזיצט עס ניט. זאַטקייט, זאָגען זיי, איז טויט".

„אַזוי ליעבען זיי זיך פאר מאָנאַטען, פאר יאָהרען, קיינער פערשטעהט זיי ניט. פרויען בעדויערען זי וואָס זי האָט קיין קינדער ניט, קיינער ווייס ניט זייער סוד... אַזוי האָבען די צוויי פערליעבטע מענשען אַ צייט געלעבט, וועלענדיג גאָט איבערשטייגען, וועו, פּלוצלונג, אין איין פריהמאָרגען, אריינקוקענדיג זיך אין די אויגען, האָבען זיי דערזעהען דאָס עפּעס איז פון זיי אַוועק. דאָס בעגעהר איז געווען טויט. די ליעבע זייערע איז געשטאָרבען. זיי האָבען זיך מיט קאַלטע בליקען אָנגעקוקט — "

„גיך נאָך דעם איז ער געשטאָרבען און זי האָט אין איהר טאָגע בוך מיט בעדויערען אריינגעשריעבען:

„עס איז ניט געווען קיין איין איינציגע שטונדע דורך וועלכער מיר וואָלטען זיך ניט וועלען קושען און — — מיר האָבען זיך נ י ט געקושט"...

— אָה, די איראָניע דערפון!.. האָט רעי מיט וואוטה אויסגערופען.

— יאָ, זיי האָבען געטויט די ליעבע וייל... זיי האָבען זי אַזוי ניט געהאַלט טויטען! אַנשטאַט צו ליעבען זיך האָבען זיי זיך געשפּיעלט אין לאָגיק. הונגער, ווייזט אויס, ברייננט דאָך אַ מעהר זיכערען טויט ווי זאַטקייט...

— איצט, האָט רעי פערטראַכט געזאָגט, פערשטעה איך שוין

פאַר וואָס ער האָט עס מיר געהייסען לעזען... ווען האָט איהר איהם געזעהן? — האָט זי זיך צו מיר האסטיג געווענדעט.

— ...ווענען?..

— איהר ווייסט וועמען איך מיין... ב. איך וואָלט איהם זעהר וועלען זעהען. זאָל איך אייך זאָגען צוליעב וואָס איך — — וויל איהם זעהען?

— ווי איהר ווילט...

— ...עס איז דאָ אזא זאַך: ב. האָט זיך זעהר און זעהר גוט בעפריינדעט מיט א מיידעל, מיינע א... גוטע בעקאַנטע, איהר קענט זי ניט... וועל, ער האָט איהר געזאָגט דאָס ער איז פאַר גרייט אַלע און אַלעס צו פערלאָזען נאָר זי זאָל... איהם, ווי ער זי — ליעבען. ער וואָלט מיט איהר אפילו געוואָלט חתונה האָבען...

— ווי אזוי, אז — — ער איז שוין א פערהייראַטער — ?

— וועל, ער האָט זיך פאַר איהר געוואָלט אפילו צוגעהן מיט זיין ווייב. נאָר פּלוצלונג האָט ער צו איהר אויפגעהערט קומען. ניט און ניט. זי ווייס ניט וואָס צו קלערען. זי פיהלט זיך אזוי ערנידעריגט, אזוי בעליידיגט. זי וואָלט איהם כאָטש וועלען זעהען און זאָגען איהם וואָס זי טראַכט וועגען איהם... וואָס דענקט איהר, וואָלט זי איצט בעדאַרפט טהאָן? — האָט רעי קוקענדיג אויף מיר מיט דורכדרינגליכע בליקען געפרעגט.

— גאָרנישט.

— גאָרנישט! יענע איז אזוי ענטוישט, זי איז פערצווייפעלט, זאָגט איהר זיך קאַלט אָפּ: גאָרנישט. וואָס וואָלט א י ה ר אין אזא פאַל געטהאָן?

— ...שווייגען...

— וואָס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען?

— דאָס זעלבע וואָס פון רעדען.

— ניין, האָט ער איהר ניט בעדאַרפט לאָזען אין זיך איינליעבען. ניט בעדאַרפט צו איהר אזוי גוט רעדען. ניט בעדאַרפט מאַכען גלויבען אין עפּעס און איבערלאָזען אזוי ווי מיט גאָרנישט.

— זי האָט עס בעדאַרפט ערוואַרטען.

— ווייל ער האָט א ווייב? — האָט רעי איראָניש א לאַך געטהאָן. אָבער, לאָזט מיר אייך זאָגען, דאָס ער איז ניט צו זיין

ווייב פון איהר אוועק, נאר צו... אן אנדער מיידעל.

— ער וועט פון דער אנדער מיידעל אויך אוועק. פון נאך א סך אנדערע מיידלאך וועט ער אוועק און צוריק צו זיין ווייב קומען.

— האט ער דאס אייך געזאגט? האט מיך רעי שטארק אנגעקוקט.

— געזאגט? — ניין. אזעלכע זאכען זאגט מען ניט. מען דארף עס אבער אליין קענען פערשטעהן. מיידלאך פאר א פער־הייראטען מאן זיינען ווי — — ווי סקיצען, ליעדער, פאעמען, ראמאנען, מיט איין ווארט: „פיקשען". די ווייב אבער קען מען צו דער ביבעל פערגלייכען. די פריהער דערמאנטע זיינען אינטע־רעסאנט, אנגענעהם צו לעזען, ס'איז מיט זיי גוט די צייט צו פער־ברייננגען. ניט לאנגוויילינ, אפילו, קען מען זאגען, פיקאנט, רייי־צענד. מען קען מיט זיי אויף א געוויסע צייט שטארק היגעריסען ווערען, אבער, אזוי גיך ווי מען לעזט זיי איבער — פערגעסט מען... און ווי א חשוב'ער בעל הבית, געהט ער, דער מאן, צוריק צו זיין ביבעל. מעג זי ווי פערשטויבט זיין, ווי בעקאנט אין אינהאלט, וועט ער זיך נאך ביי איהר אפשטעלען. זי איז דאך אזא בע־שטימטע און פון אלעמען שוין אנערקענטע!..

— אמת, אלץ אמת ווי — — דאס איז. וואס טהוט מען אבער אז די ליעבע וויל ניט וויסען פון קיין לאגיק. דער בלינדער געפיהל וויל ניט וויסען פונ'ם קלאהרען פערשטאנד. ווילסט איי־נעם האסען און — עס ליעבט זיך דאך, פערשטעהט איהר עס?

איך האב וועגען א. א טראכט געטהאן און צושטימיג... גע־שוויגען.

— וועט ב., זאגט איהר, פון... דער מיידעל אויך אוועק־געהן? — האט מיר רעי ביי מיין האנד אנגענומען.

— יא. ער וועט פון איהר אוועק. האב איך מיט א פעסטע שטימע געענטפערט.

— דאס איז — — גוט צו הערען. יענע מיידעל... מיין בעקאנטע, וועט זיין צופריעדען דאס צו וויסען... אויף דער ביבעל זיינער וועט זי זיכער אייפערזיכטיג נ י ט זיין. איהם וועט דאך

צו איהר ניט פיהרען די ליעבע נאר דאס געזעץ, פליכט און — — שלעכטע געוואהנהייט !..

זי האט זיך הייזעריג צולאכט, פאר זיך א שמייכעל געטהאן, א דריק געטהאן מיין האנד און איז פון מיר אוועק.

איך האב זי נאכגעקוקט, א צייט נאכגעטראכט און, דאכט זיך, יענע מיידעל, איהר גוטע בעקאנטע — וואס הייסט רעי, גוט פערשטאנען...

---

## מיין נאמען...

זיין צוויי וואכען זייט ב. איז ביי מיר ניט געוועזן. איז דאס מיין פערוואונדעטע אייגענליעבע וואס מאכט מיך דערפון צו ליידען ? דער בעליידיגטער פרויען שטאלץ |אדער... בענקעניש ? זיך מעג איך דאך זאגען דעם אמת, צו וואס פון זיך בעהאלטען ! ? — —

אבער, ניין. ניט ב. האב איך ליעב, נ י ט ב... איך האב נאר ליעב זיין ליעבע, און די אויך וייל... איך האב אזוי פיינט מיין איינזאמקייט ! — —

---

רעי האט ביי מיר גענעכטיגט. מיר האבען א סך גערעדט ביז מיר זיינען איינגעשלאפען. זי האט מיר אלץ דערצעהלט פון יענער מיידעל וואס האט ב. אזוי ליעב, אזוי ליעב אז... זי וויים, זי וועט שוין אן אנדערען קיינמאל ניט ליעבען. טרערען האבען זיך אין רעי'ס אויגען געוויעזען ווען זי האט איבער די בעליידיגטע געפיהלען פון יענער מיידעל גערעדט. ארימע — — — רעי !..

אין דער פריה האבען זיך פער'גנב'עט טריט הינטערען טהיר פון מיין צימער געהערט און אימיצער האט אנגעקלאפט.

איך בין שנעל פון בעט אראפ, די קימאנא אויף זיך ארויפ־

געבאַפּט און די טהיר ביז האַלב געעפענט. די „מיסעס" איז פאַר מיר ערשיענען:

— איך האָב געמיינט איהר וועט... איהר האָט זיך פערשלאָ־פען, האָב איך אייך געוואָלט אויפוועקען. איהר ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: „ארבייט מאַכט דאָס לעבען זיס"... — האָט זי זיך ווי פערענטפערט.

— מען וואָלט בעסער בעדאַרפט זאָגען „ארבייט מאַכט דאָס לעבען מיאוס" — אָבער אויפשטעהן דאַרף מען סיי ווי סיי, און א דאַנק פאַר אויפוועקען...

— איהר זיינט ניט אויסגעשלאָפען: שפּעט געזעסען...

— געלעגען. — האָב איך איהר פערריכט.

— אָבער... איהר האָט דאָך געהאַט קאָמפּאַני?..

— יע — ס —

— איז... ווי אזוי?.. — — —

— אָה, איך זעה! — האָט זיך די „מיסעס" צושמייכעלט ווען זי האָט דורך דער האַלב אָפענער טהיר, אין וועלכען זי האָט ריידענדיג מיט מיר די גאַנצע צייט אריינגעקוקט — רעי דערזעהן. איך זעה שוין... און אז ס'איז שוין אזוי, וועל איך אייך זאָגען ווי א מאַמע, אז... מיר טהוט'ס הנאה. איהר ווייסט דאָך, לייטישע צינגער... א מיידעל דאַרף זעהר היטען איהר נאָמען. אז ס'איז שוין געקומען צו רייד וועל איך אייך זאָגען, מען האָט מיך דאָ לענגער געפרעגט: „ווער געהט עס צו אייער מיידעל ארויף צו אראָפּ אזוי... שפּעט", האָב איך זיי געזאָגט אז פאַר מיין מיידעל זאָל קיינעם די קאָפּ ניט וועה טהאָן, זי ווייס אליין ווי צו היטען איהר נאָמען.

ווער ווייס ווי לאַנג זי וואָלט נאָך וועגען מיין נאָמען גערעדט ווען זי וואָלט זיך ניט דערמאָנט דאָס זי האָט די מילך אויפ'ן „געז־סטאָוו" געלאָזען און ס'קען נאָך אויסלייפען.

---

א בריעף פון ב. זיין פרוי האָט איהם א קינד געבאָרען.

„דאָס קינד, — שרייבט ב. — האָט מיך איצטער גאָר צוטור־מעלט. ס'איז געקומען אין אזא צייט ווען איך וואָלט אזוי געוואָלט אוועקגעהן... איצט פיהל איך מיך צוויי מאָל געבונדען"...

„איך זיץ ניט ווייט פון איהר מיט'ן קינד און טראַכט... גע־זעצלאָזע געדאַנקען: איך וויל זיין מיט דיר. דיך ווי אַ קינד אין מיינע אָרעמס האַלטען. דיך, נאָר דיך ליעבען, ווייל... איך האָב דיך אַזוי ליעב!“

„איך קוק אויף מיין ווייב מיט'ן קינד און אַ שווערער אומעט דריקט מיין האַרץ. פאַר וואָס ביזטו פריהער ניט געקומען? איך וואָלט דאָך איצט אַזוי גליקליך געקענט זיין ווען דו און ניט אַן אַנ־דערע וואָלט די מוטער פון מיין קינד געווען!..“

ער בעט איך זאָל איהם שרייבען ווי איך פיהל איצט, אויב איך וואָלט איהם, ווי ער מיך, וועלען זעהען, אָבער, איך וועל דאָס איהם ניט שרייבען. צו וואָס, צו וואָס?!

איך וועל איהם אָפּגעבען אַ מזל טוב און גאָר. ניט מעהר. זאָל איך מיך צו אַ צוויי מאָל געבונדענעם בינדען?..

* * *

ווי מאָדנע. געהסט אַרום מיט אַ פאָרשטעלונג וועגען אַ מענשען ווי וועגען אַ גאָט און דערזעהסט איהם פּלוצלונג אין אַ גום־רעגען מיט אַן אויסגעדרעהטען פון ווינט רעגען־שירעם, אין קאַלאָשען און בעדרייטענדען קאַטער אין נאָז און עס דערפיהלט זיך, ווי מען וואָלט זיך די גאַנצע צייט גענאַרט...

אַזוי האָב איך געפיהלט ווען איך האָב היינט איהם, א., אויף איינעם פון די צוויי זייטיגע „על“ סטיישאָנס געטראָפען.

מיין האַרץ האָט אין מיר אַ ציטער געטהאָן, איך האָב זיך איהם געוואָלט מאַכען ניט זעהענדיג, אָבער ער איז צו מיר צוגעטראָטען און איך האָב צו זיין אויסגעשטרעקטער האַנד מיין האַנד געגעבען.

— וואוהין, אין אַזאַ וועטער? — האָט ער מיר געפרעגט.

— אַפּ־טאַון. און איהר?

— דאַון טאַון. וואָס מאַכט איהר, ווי פערברענגט איהר די צייט?

— ווי... אַמאָל. ניט ערגער פון אייך צו הערען...

— איך בין ביי אייך ניט לאַנג צוריק געווען — האָט א. מיט אַ פאַרשעמטען בליק אין מיינע אויגען געזאָגט, כ'האָב געזעהען ס'איז געווען ליכטיג אין אייער פענסטער, און האָב געוואָלט אַרויפ־געהען. ווען איך בין אָבער צום טהיר געקומען, איז שוין געווען

פינסטער און איהר האָט זי, אויף מיין קלאַפּען ניט געעפענט...

— איך גלויב ס'איז שוין געווען.. ניט פריה. — האָב איך גע־זאָגט זוכענדיג זיך צו בעהערשען ניט רויט צו ווערען : איך האָב זיך דערמאָנט ווי ב. האָט יענעם אווענד געוואָלט קלענער מאַכען דעם פייער און עס אין גאַנצען איינגעדרעהט. נאָך דעם אז ס'האָט זיך דערהערט א קלאַפּען אין טהיר, האָט שוין ניט געפּאַסט צו עפענען : מיין נאָמען... וואָס וואָלטען אַנדערע קלערען ווען מען טרעפט מיך מיט איינעם אין דער פינסטער — ?

— מוז מען צו אייך פאַר פריה קומען אַז מען וויל אייך זעהן ? — האָט א. אין נאָכדענקען געפרעגט.

— יאָ. וואָס פריהער — אַלץ בעסער.

— מיר וועלען דאָס געדענקען. ביז... קומענדע וואָך ! — האָט ער געזאָגט זיך אין דער אָנקומענדער טריין אריינכאַפּענדיג, און געהויבען די העט ביים אָפּפאָהרען.

מיין טריין האָט מיך ווי א בעליידיגטע, א פערלאָרענע — געפונען : פאַר וואָס איז זי שפּעטער פון זיין טריין געקומען ? און א טרויעריגער געדאַנק האָט מיך די גאַנצע צייט פון מיין רייזע בעגלייט אַז, אונזערע ביידענס וועגען אין לעבען, וועלען זיך ווי די טריינס, אין בעזונדערע זייטען צעגעהן...

---

נאָך א בריעף פון ב.

„דו האָסט — שרייבט ער — מיר אויף מיין בעטען דיך שריי־בען ווי דו פיהלסט — ניט געענטפערט, אָבער איך פערשטעה דיך. איך פערשטעה דיין שווייגען. דו ליידעסט און דו ווילסט ניט ארויסווייזען דיינע ליידען. ביזט צו שטאָלץ און... צו גוט צו די צוויי שוואכע בעשעפענישען צו וועלכע איך וואָלט צוליעב דיר, אוים ליעבע צו דיר, קענען שלעכט זיין."

„ווייסטו, ליעבסטע, וואָס איך האָב געטהאָן ? — איך האָב מיין קינד דיין נאָמען געגעבען ! איצט וועל איך מיך ניט דאַרפען ארומקוקען צו זעהן אויב אימיצער האָט ניט דערהערט, ווי עס האָט זיך פון מיינע ליפּען דיין נאָמען פון זיך אליין אויסגערופען... איך וועל דיך שוין קענען פריי און אָפען הויך דערמאָנען, ד י י ן נאָמען

— דאס איז דאך דאס שעהנסטע וואס איך האב איצט מיין טאכ־טער געקענט געבען !"

„איך הער ווי דו טראכסט: „ווען זי זאל דאס וויסען"... אבער זי וועט דאס ניט וויסען, און א פיינליכע צופריעדענהייט איז די וואס איך פיהל איצט איבער דעם סוד וואס ליעגט אין דעם נאמען פערבארגען. אויב עס וועלען צערטליכקייטען פון מיר צום קינד ארויסגעוויזען ווערען, וועט עס זיין דיין נאמען צו פער־דאנקען"...

מיין נאמען... מיין נאמען וועט איהם מאכען זיין קינד מעהר צו ליעבען, מ י י ן נאמען...

---

# ג ע ס ט

מיט א ציטער האט זיך מיין הארץ אויף זיין קלאפ אין מיין טהיר אפגערופען. זי האט פאר איהם אזוי געוואַרט! און איך האב בעשלאסען ניט מעהר צו לאזען איהר שטערען. זאל זי ליעבען וויפעל זי וויל, וויפיעל זי קען. מעג זי זיך אפילו אויסליעבען ביז אין גאנצען צובראכען צו ווערען!..

— ניט צו שפעט? — האט ער מיט איינעם פון זיינע האלבע שמייכלען ארייננקומענדיג געפרעגט.

— פונקט אין צייט, — האב איך איהם מיט א גאנצען שמיי־כעל געענטפערט.

— אייערע ווענט, האט ער בעטראכטענדיג מיין צימער שוין זיצענדיג געזאגט — קוקען אויף מיר אזוי מאדנע, פון אויבען אראפ... אזוי כמורנע.

— זיי מוזען זיין ברוגז פאר וואס איהר זייט דא אזוי לאנג ניט געווען...

— איהר האט מיר פאר זיי פאר׳מסור׳ט?

— ...אביסעל... אבער... וואס מאכט איהר?

— איך לעב.
— ס׳איז מעהר ווי איך קען זאָגען...
— וואָס איז, איהר לעבט ניט?
— ניין... מ י ר עקזיסטירען...
— איהר ווייסט, אייערע האָר זיינען פאַר דער צייט וואָס איך האָב זיי ניט געזעהן, בעדייטענד לענגער געוואָרען. — האָט ער וועגענדיג אויף זיין האַנד מיין צאָפּ נאָך אַ היבשע פּאַוזע געזאָגט.
— ס׳איז דינער געוואָרען, קוקט עס אויס לענגער.
— איהר מוזט אויף זיך אַלע מאָל געפינען אַ חסרון.
— ס׳איז אום צו לאָזען אַנדערע אין מיר... זוכען מעלות...
— איהר ווילט אַנדערע זאָלען פאַר אייך האָבען בעסערע ווערטער ווי איהר פאַר זיך אַליין?
— געוויס. וואָלט איהר זיך קענען אַליין אַ קוש טהאָן?
— ...ניין.
— זעהט איהר, מיט ליעבע איז גאָר אַזוי ווי מיט... בעס — מען זוכט עס נאָר צו אַנדערע אויסצולאָזען...
ארום טהיר האָבען זיך טריט געהערט און אַ. האָט מיט אַן אונצופריעדענעם בליק אויף די ליכטיג ברענענדע גאַז אַ קוק געטהאָן... ב. אויף זיין אָרט וואָלט קיין סך ניט געטראַכט און נעהמען דעם פייער קלענער מאַכען ביז... עס וואָלט מיט אַמאָל פינסטער געוואָרען, און דערנאָך וואָלט ער ניט געפונען קיין „מעטש“ צוריק ליכטיג צו מאַכען... אַ. האָט ניט געוואגט, האָב איך דאָס געזאָלט טהאָן? אָבער, דאָס וואָלט דאָך פּשוט געהייסען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ קלאַפּ אין טהיר. די „מיסעס“. אַ בריעף פאַר מיר. מר. ב.׳ס האַנדשריפט... לעזען אַ בריעף פון ב. אין אַ.׳ס אַנוועזענהייט!
— שטערט אייך ניט, לעזט! איך וועל מיך דערווייל דאָ מיט אייערע ביכער בעקענען, איך זעה אַ סך נייע זיינען צוגעקומען — האָט אַ. געזאָגט און איך האָב עס אויף גיך מיט די אויגען גע־לעזען:
„ליעבסטע מיינע, טייערסטע! קענסטו זיך פאָרשטעלען מיט וואָס פאַר אַן אונגעדולד איך רייס מיך צו דיר קומען? עס איז

שוין דריי וואָכען צייט, איך בין ביי דיר ניט געווען. דריי וואָכען! דאָס איז דאָך אַן אייביגקייט. דערפאַר וועל איך מאָרגען אָדער, איבערמאָרגען — בעשטימט — קומען צו דיר אויף אַ גאַנצען אָבענד און אפשר ביז... ווי דאַמאָלסט, ביז טאָג... איך האָב דיר פיעל צו דערצעהלען צו זאָגען, און, ווי דו האָסט ליעב: צו — שווייגען! דיין ב. וואָס ליעבט דיך נאָך אפשר מעהר ווי זיך אַליין וואָס דאָס איז זעהר אַן אויסערגעוועהנליכע זאַך!"

„הערסטו, קינד, ווי מיין הארץ קלאַפּט איצט פאַר דיר? ניין, דו הערסט ניט. און איך זעה ווי דיינע אויגען די ווייכע, די גוטע, די שלעכטע, די קלוגע שמייכלען, שמייכלען ביז צום לאַכען... אַך, דו, ליעבע!!!"

— שוין איבערגעלעזען? — האָט זיך א. געוואונדערט, — גיך. וואָס שרייבט „ער"? האָט ער אין שפּאָט געפרעגט.

— געזונד גאָט צו דאנקען. דאָס נעמליכע פון אייך צו הערען...

— ווען קומט „ער"?..

— מ'קען ניט וויסען...

— אפשר היינט?..

— וואָלט איהר וועלען אימיצער זאָל נאָך היינט קומען?

— ...וואָלט איהר עס וועלען?

— ניין. האָב איך איהם קוקענדיג גלייך אין די אויגען אָפען געענטפערט. און אַ טראַכט טהאָענדיג אז ב. קען זיין, זאָל יאָ קומען, פאַרגעשלאָגען אז מיר זאָלען זיך אביסעל דורגעהען. אָבער ער האָט געזאָגט דאָס ער וויל בעסער זיצען אַזוי, מיט מיין האנד אין זיינער און הערען מיך רעדען. ס'איז אַזוי ווארים און גוט אין צימער. אין דרויסען איז אַ שטאַרקער ווינד מיט אַ סך מענשען. —

מיר זיינען ביידע נאָהענט געזעסען און מיט איין געדאנק אויף די געז געקוקט; נחאי וואָלט זיך דאָס פון זיך אַליין אויסגעלאָשען!..

— שניידט איך ניט פון די געז אין די אויגען? — האָט א. שטיל געפרעגט.

— יע — ס... זאָל איך עס קלענער מאַכען?

— ניין, איך וועל — —

מיין האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּען, ווי זי וואָלט איהם פאַר זיין טהאָט וועלען אַפּלאָדירען. איך האָב אונז שוין גע־זעהען אין דער פינסטער ווי מיר זיצען שטאַרק אַרומגענומען. איך רייד, דערצעהל שטיל וועגען זיך וואָס מיינט דורכאויס וועגען איהם... ער פערשטעהט עס און קושט היים מיינע ליפּען, מיינע אויגען, מיינע הענד, מיך אין גאַנצען. — — —

אַ קלאַפּ אין טהיר. ווי אַ דונער האָט עס אונז געטראָפען. אַ. איז מיט אַן אויפגעהויבענע האַנד צו די גאַנצע געבליבען שטעהען... איך האָב איהם צומישט אָנגעקוקט.

— וועל, עפּענט. — און ער איז צו די ביכער אוועק...

יאָ, קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט געהאַט. געעפענט. רעי און נאָך אַ מיידעל מיט פייער רויטע האָר און בלוט רויטע ליפּען זיינען אריינגעקומען.

— אָך, דאָס זייט איהר! — האָט די פייערדיגע מיידעל מיט אַ ברען אויסגערופען אָנכאַפּענדיג מיינעביידע הענד. — איך האָב אַזוי פיעל געהערט וועגען אייך! רעי זאָגט דאָס איהר זייט די קלוגסטע מיידעל אויף דער וועלט. און איך בין קאַטיאַ.

„אָה, קאַטיאַ...“ כ'האָב מיך דערמאָנט וואָס רעי האָט מיר עפּעס דערמאָנט וועגען אַ קאַטיאַ, אַ מיידעל מיט אַ הייסע נשמה, מיט בעגייסטערונג פאַר דער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס'ט פיינט מענער און ליעב דאָס לעבען. זעהר אַן אָריגינעלע, און „עקסצענ־טריטשנע“. איך האָב זי מיט אַ. בעקענט.

— רעדט איהר רוסיש? — האָט זי איהם גלייך געפרעגט.

— ...ניין. האָט אַ. געענטפערט.

— אָבער איהר פערשטעהט!

— מאַלע וואָס איך פערשטעה...

— איהר זייט אַ רוסישער.

— איך בין אַ איד.

— אַלץ איינס, ווי באַלד איהר קומט פון ראַסעיע.

— איך בין דאָ אַן אַמעריקאַנער בירגער.

— אַ בירגער, ווי באַנאַל! און — פאַר וועמען וואָוט איהר?

— דאָס טאָר מען ניט אויסזאָגען...

— זייט איהר פאַר פרויען רעכטע?

— פּאר— רעכטע פּרויען.

אַ קלאַפּ אין טהיר. אַן עפען. און ב. איז ערשיענען. רעי איז זעהר בלאַס געוואָרען. זיך געגומען מיט א. מעהערער רעדען... ב. האַט אַלעמען אַזוי מאָדנע אָנגעקוקט, זיין בליק איז געבליבען הענגען אויף קאַטיא'ן... איך האָב איהם פאר איהר פאָרגעשטעלט: מר. ב. —

— און מיין נאָמען איז קאַטיא! — האָט זי זיך אליין פאָר־געשטעלט.

— אָה, קאַטיא? — האָט ב. איבערגערעדט און אַ לאַך געטהאָן — איז וואס מאַכט איהר עפּעס קאַטיא?

— ...איך לעב.

—ס'איז זעהר גוט וואָס איהר לעבט... און וואָס מאַכט איהר האָט ער זיך צו רעי אַ קעהר געטהאָן.

— איך לעב אויך.

— אַלע, הייסט דאָס, לעבען. פיין! און ווייסט איהר וואָס איך בין צו אייך געקומען? — האָט זיך ב. צו מיר געווענדעט — בעטען אין נאָמען פון מיין טאַכטער קומען צו אונז אויף אַ „פּאַרטי“, און איהר זייט שוין דאָ, — האָט ער זיך צו א. און רעי געווענדעט, וועל איך מיר פערשפּאָרען אַ גאַנג אָדער סטעמפּס און טאַקי גלייך איינלאַדען. דאָס וועט שטאַטפינדען אין אַ וואָך פון היינט. אָנ־גענומען די איינלאַדונג? גוט! און איהר, קאַטיא, קענט אויך קומען.

— איהר'ט האָבען אַ רוסישען קרוזשאָק?

— אַ קרו — וואָס? אָה, קאָמפּאַניע, געוויס, אַ רוסישען סאַמאָוואַר אויך.

— איהר זייט געבוירען אין רוסלאַנד?

— נו, יע, וואו דען ווערט מען געבוירען?

קאַטיא האָט געשטעלט פראַגען ווי אַ גאַנצער קינדערגאָרטען. ב.'ס ענטפערס האָבען אַלעמען געמאַכט צו לאַכען. ער האָט זיך אָפּט איבערקוקט מיט א. אויף איהר רעכנונג און צונעשמייכעלט. אַזוי איז דער אָבענד אַוועק און נאָכ'ן אָבענד — די געסט...

איך בין אַ צייט אין פענסטער געשטאַנען און געזעהן ווי זיי זיינען אַלע אין סטריט געגאַנגען. רעי מיט ב. און א. מיט דער

קאטיא'ן... זי האט זיין ארם גענומען, צו איהם מיט איהרע וואמפיר־ליפען ארויפגעקוקט און... האס אנשטאט ליעבע האט מיין הארץ אנגעפיהלט. טויט האט מיין נשמה ארומגענומען.

מיין ליעבע זוכט רויזען און געפינט דערנער.

---

## די „פארטי"

א גאנצע וואך האב איך זיך גענארט מיט דער האפנונג אז א. וועט מיך קומען צו ב.'ס „פארטי" נעהמען. געקומען איז נאך מיר ב. און איך בין מיט איהם ניט ווילענדיג, צו להכעים א. געפאהרען: זאל א., ווען ער וועט אהין, קען זיין, מיט אן אנדערע קומען, זעהן דאס איך האב פאר איהם ניט געווארט.

איך האב שוין דארט ביי ב. א היבשע ביסעל געסט געטראפען; מרס. ב.'ס חבר'טעם מיט זייערע מענער און קינדער. איינינגע נאך אהן מענער און, פערשטעהט זיך, אהן קינדער. מרס. ב. האט אונז אלעמען איהר בייבי־טאכטער געוויזען:

„איז'נ'ט שי ביוטיפול?" — האט זי מיט בעגייסטערונג געפרעגט. — „און דער נאמען איהרער איז אויך א שעהנער, דאס האט איהר מיין מאן געגעבען. דער ערשטער נאמען פאר א טאכטער בעלאנגט צו מיר. אבער, אזוי ווי זיין נאמען איז געוועזן א שעהנערער ווי דער וואס איך האב געהאט צו געבען, האב איך איהם נאכגעגעבען. דערפאר האט ער מיר צוגעזאגט דאס צום צווייטען קינד, מעג עס זיין א באי, וועט ער מיר לאזען א נאמען געבען נאך וועמען א י ך וועל וועלען".

ב. האט דאס קינד עטליכע מאל ביים נאמען אנגערופען, געגעבען א פאר קושען און פון דער זייט צו מיר צוגעוואונקען. ווי א גרויסער שטיפער האט ער אויסגעזעהן.

רעי איז געקומען. זי איז געוועזן שעהן אנגעטהאן, אבער

אויסגעזעהן שלעכט. אַנגעשטרענגט ניט צו האַלטען זיך געצוואונ־גען, האָט זי מיט איבערטריבענע פרייע בעוועגונגען פון זיך איהר העט און „גלאָווס" אראָפּגענומען. איך האָב געטראַכט אז ווען איך וואָלט אזוי ווי זי ליעבען ב., וואָלט איך צו איהם אין הויז ניט געקומען. איך וואָלט זיין ווייב אין די אויגען ניט קענען קוקען. אַזוי אויך, ווי דאָס איז, פיהל איך מיך ניט אַנגענעהם. אָבער דאָס בעוואוסטזיין אז איך ווייז צוריק זיין ליעבע, אַלענפאַלס, איך זוך זי ניט. לאָזט ריין מיין געוויסען. זי, מרס. ב., וואָלט נאָך מיר דוקא געמעגט דאַנקען, ער איז צוליעב מיר אַזוי גוט צו איהר מיט'ן קינד, וועלכען ער רופט אזוי צערטליך מיט מיין נאָמען...

ב. האָט זיך פאַר רעי זעהר העפליך פערנייגט און געבעטען איהר מאַכען זיך היימיש. ער אליין, ווי עס האָט מיר אויסגעוויזען, האָט זיך ביי זיך, אין זיין היים, ניט זעהר היימיש געפיהלט. ווי א גאַסט ביי זיינע געסט האָט ער מינוטען־ווייז אויסגעזעהן...

רעי האָט זיך נעבען מיר צוגעזעצט. געזאָגט דאָס זי האָט אַהער אליין ניט געוואָלט געהן, אָבער זי איז געווען ביי מיר און שוין מיך ניט געפונען, איז זי אַליין געקומען. — „און וואו איז א.?" — האָט זי זיך אַרומקוקענדיג געפרעגט — „זייט איהר ניט מיט איהם געקומען?"

— ניין.

— נו, קאַטיא האָט איהם שוין געמוזט זיין קאָפּ פערדרעהען. זי, אַז זי וויל — קען זי. ווי געפעהלט זי אייך, די קאַטיא? אמת, זי איז אַן אָריגינעלע מיידעל?

— עס קען זיין.

— אויף אייך האָט זי געזאָגט דאָס איהר זייט פון דעם טיפּ מיידלאַך, וואָס קענען שווייגען. מען קען ניט וויסען אויף זיכער, וואָס איהר זיינט...

— ניין, מען קען ניט...

— זי דענקט דאָס איהר זייט אין א. פערליעבט, און אפשר אין ב......

— זי דענקט...

— און... וואָס זאָגט איהר אויף דעם?

ווי א שטורם־ווינד האָט זיך אין דער רגע קאַטיא אין הויז

אַריינגעריסען און איך האָב אַזוי פערשפּאָרט צו זאָגען וואָס א י ך זאָג... איהרע קופּער־רויטע האָר מיט די פּורפּור־רויטע ליפּען האָבען ווי אַ פייער־קרעקער מיינע אויגען אַ שניט געטאָהן. נאָך איהר איז מיט געשלאָסענע, ווי געמאָסטענע, טריט א. אַריינגעקומען. ב. האָט זיי מיט אַ הויכען „העלאָו“ בעגעגענט. די הויז מיט די מענשען האָבען זיך פאַר מיינע אויגען אַזאַ מאָדנעם וויעג און אַ זונק אַראָפּ געטאָהן. מיין הארץ האָט איין שטאַרקען ציטער געטאָהן און אויפגעהערט צו קלאַפּען...

א. איז פאַר מיר געשטאַנען. ער האָט פריהער רעי דערנאָך מיר זיין האַנד דערלאַנגט.

— וואָס פאַר אַ קאַלטע האַנד! — האָט ער זיך געוואונדערט.

— ס'איז אַ סימן פון אַ הייסע הארץ... — האָט רעי געזאָגט.

— אָך, ווי באַנאַל דאָס איז! — האָט קאַטיאַ אויסגערופען. און איהר, רעי, זאָלט עס זאָגען! קומט, קאַוואַלער מיינער, בעקענט מיך מיט מרס. ב.

— בעט מר. ב. — האָט איהר א. געענטפערט. — אָט איז ער.

— אה, ווי — —

— באַנאַל איהר זייט! — האָט פאַר איהר ב. מיט אַ שמייכעל דערזאָגט.

ווי... ניט העפליך! — האָב איך געוואָלט זאָגען. זי איז מיט ב. אַוועק און איז באַלד צוריק מיט אַ בעריכט געקומען: ב. האָט זעהר אַ שעהנע ווייב און דאָס קינד איז ווי אַ קוקאָלקע. און אַ שעהנע היים אויך. וואָס פעהלט איהם נאָך? — אַ גליקליכער מענש! איך האָב ליעב צו זעהן גליקליכע. אָך, וואָס מאַכט א י ה ר? — האָט זי מיך ווי ערשט דערזעהן. ווי לעבט זיך? איהר געדענקט ווען מיר זיינען פון אייך אַוועק? זיינען מיר נאָך אַ צייט אין סטריט אַרומגעגאַנגען. דערנאָך האָט מר. ב. אין עפּעס אַ וויין קעלער אַוועקגעשלעפּט. ס'איז געווען אינטערעסאַנט; ניט אמת, מר. ב.?

— אמת, אמת, קאַטיאַ. אָבער, וואָס טויגען אייך אַזוי פיעל אמת'ן? בעסער נעהמט עפּעס אין מויל — האָט איהר ב. אויפ'ן געגרייטען טיש מיט וויין און פערשיעדענע גוטע זאַכען אָנגעווי־

זען. — געניסט! — קאַטיא האָט זיך ניט לאַנג געלאָזט בעטען און גענומען געניסען.

— און איהר — האָט זיך ב. צו רעי געווענדעט — זינגט אונז עפּעס איינע פון אייערע שעהנע פאָלקס־ליעדעלאַך. אָט יענע:

„אַך, דו שעהנע מיידעלע,
אַך, דו פיינע מיידעלע,
ווי ווערסטו געהן —
אין אַזאַ ווייטען וועג?"

רעי האָט אַ דרעה געטאָהן מיט'ן קאָפּ אויף ניט און מיט אַ בליק פול אונצוהערעניש צו ב. עפּעס געזונגען:

„אַ ליעבע צו פיהרען
איז דאָך טאַקע כדאי,
אוי, ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען?
מיט איינער — ניט מיט דריי!" —

קאַטיא האָט גענומען מאַכען מיט די הענד: זי וועט זינגען —

„דיעסיאַט ליובילאַ, דיעוויאַט ראַזלובילאַ! — "

עס איז געוואָרען טומעלדיג. איך האָב מיך פון טומעל אָן אַ זייט אַוועקגענומען, און גאַס ארויסגעקוקט. אויפ'ן דונקעלען הי־מעל האָבען זיך וואָלקענס געצויגען. אָן עלענדער שטערענדעל האָט זיך שוואַך פאַר מיר געפינטעלט.

מיין שטערען...

— פאַר וואָס זיינט איהר אַזאַ... פאַר'זיך'דיגע? — האָט אַ. צוקומענדיג צו מיר געפרעגט. — ארום איז אַזוי פריילעך און איהר ווילט דורכאויס זיצען אַליין מיט'ן אומעט...

פרעהליכקייט געהט גיך אריבער, דער אומעט האלט זיך לענ־גער...

— געפעלט אייך בעסער דאָס וואָס ס'געהט ניט גיך אריבער?
— .... יאָ. (פּאַוזע).
— מעג איך אייך פון דאַנען אַ היים נעהמען?..
— ...וואָלט איהר עס ניט בעסער פרעגען דער, וועמען איהר האָט אַהער גענומען?..
— איך האָב זי ניט גענומען זי איז צו מיר

געקומען. זי ווייס ניט, האָט זי געזאָגט, ווי אליין צו פאָהרען. איך זאָל איהר ווייזען דעם וועג. איצט קען זי שוין איהר וועג אליין געפינען, ווי מיינט איהר?

— איך... ווייס ניט; זי טרינקט א סך...

— איז זאָל זי... דאָ נעכטיגען. ב. האָט דאָך זי איינגעלאַדען. ס'איז זיין גאסט. זאָל ער מיט איהר טאָהן וואָס ער וויל.

מיר איז שוין מעהר ניט געווען אומעדיג, איך האָב מיך אָן געלאכט. ב., ווען ניט בעמערקט פון אנדערע, האָט מיר דערפאר וואָרים די האנד געדריקט...

ב. האָט אין נ אָ מ ע ן פון זיין טאָכטער א רעדע געהאלטען. איך האָב פון מיין האלז דעם מעדאַליאָן אויסגעטאָהן, אזא גאָל-דענע הערצעלע מיט'ן ערשטען בוכשטאב פון מיין נאָמען אויף דעם איינגעקריצט, און דאָס אויף דער בייבי'ס העלזעלע אָנגעטאָהן. מרס. ב. איז געווען ענטציקט פון דעם פרעזענט און א. האָט צו מיר שטיל געזאָגט:

— וואָס פאר א ליעבע און גוטע איהר זיינט איצט ווי מיט אמאָל געוואָרען...

— דאָס איז ווייל... מיר איז אזוי גוט...

— פון וואָס אזוי גוט?..

—...איך וועל עס אייך אויפ'ן וועג אהיים זאָגען...

— ניין, אין דער היים... יאָ? —

—... יאָ!

* * *

פיעלע מענשען וואָלטען זעהר אנגענעהמע פריינד געקענט זיין, ווען זיי וואָלטען געוואוסט ו ו ע ן זיך פון אנדערע אוועקצונעהמען. אָבער זיי ווייסען עס ניט, זיי בינדען זיך דוקא דאמאָלסט אָן ווען זיי זיינען אזוי איבעריג. א ז ו י איבעריג!..

נאָך מיר און א. זיינען קאטיא, רעי און נאָך אנדערע געגאַנ-גען. רעי האָט זיך ניט געוואָלט אזוי שפעט צו זיך אהיים קומען און רינגען די בעל, ווייל זי האָט דעם שליסעל פון טיהר אין איהר רום פערגעסען. און זי האָט זיך אליין איינגעלאַדען געהן צו מיר נעכטיגען. קאטיא, וועלכע האָט שוין גראדע יאָ געהאט א שליסעל, האָט פון פרעהליכקייט וועגען געוואָלט געהן צו רעי נעכטיגען. ווי

באַלד אַז רעי איז געגאַנגען צו מיר, האָט זי דאָך אַליין אַהיים ניט געוואָלט געהן און... א. האָט זי געמוזט בעגלייטען.

## דער נסיון...

בין מיט ב. אין טהעאַטער געוועזן און נאָך דעם אַ לאַנגע צייט אין אַ פּאַרק אַרומגעגאַנגען.

ער ווייס ניט, האָט ער געזאָגט, וואָס צו טאָהן מיט זיך. זיין ווייב מיט'ן קינד זיינען אין דער היים ניטאָ; צו איהר מאַמע, אין אַ דערבייאיגער שטעדטעל אויף אַ וואָך־צוויי אַוועקגעפאָהרען, זיצט ער אַליין אין הויז און בייַנקט נאָך — — — מיר...

מיר זיינען ניט ווייט פון זיין הויז געוועזן און ער האָט מיך עבעטען איך זאָל צו איהם אַרויפגעהן. איך האָב זיך דערפון נטזאגט.

וואָס מעהר איך האָב מיך ענטזאַגט, אַלץ מעהר האָט ער מיך עבעטען, און ווען ער האָט געזעהען דאָס זיין בעטען מיך העלפט ים, האָט ער מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל געזאָגט:

— דו האָסט מורא...

— ...זאָל זיין איך האָב מורא!..

— אָבער איך פערזיכער דיך, אַז מיר וועלען בלויז אַ ווייַלע פערברייַנגען און איך וועל דיך דערנאָך אָבפיהרען אַ היים. קום, אויב די ווילסט ניט אַז איך זאָל דענקען דאָס דו דענקסט שלעכט וועגען מיר...

— איך וועל נ י ט געהן.

ער האָט שוין, דוכט זיך, אויפגעגעבען דאָס בעטען מיך, און ווייטער אָנגעהויבען. און, ווען ער האָט זיך שוין מעהר ניט געריכט דאָס איך וועל איהם נאָכגעבען, האָב איך, גערייצט פון זיין „האָסט מורא"... — זיך פלוצלינג פון גאַנג אָבגעשטעלט:

— קומט!

פאַר מורא איך זאָל אויף דעם אונערוואַרטעטען „קומט" קיין חרטה ניט האָבען, האָט מיך ב. מיט שנעלע טריט צום הויז געפיהרט. איך האָב איהם מיט אַ מין בייזע, פעסטע ענטשלאָסענהייט נאָכ־געפאָלגט; איך בין געגאַנגען דערווייזען דאָס איך האָב פאַר איהם קיין מורא ניט...

— מאַכט ליכטיג, האָב איך אויף דער אַנדער זייט טיהר געזאָגט.

ער האָט ליכטיג געמאַכט. איך האָב פאַר זיך דערזעהן אַ פוסטע הויז און דאָך פול מיט אַ י ה ר, זיין ווייב, וועלכע איז געווען אַנוועזענד מיט איהר אַבוועזענהייט... איהר גייסט איז דאָרט געווען...

— וואָס קוקסטו אַזוי?.. — האָט ער מיך, מיט אָנשטרענגונג ליכט צו שמייכלען, שטיל געפרעגט.

— אַלעס קוקט אויף מיר אַזוי ווי ס'וואָלט מיר הייסען ש ו י ן אַוועקגעהן...

— פיהלסטו שוין ווי אַוועקצוגעהן?

— יאָ, ב. איך וויל אַהיים.

— ווי אַ קינד: איך וויל אַ היים... קוק ניט אויף קיין זאַך, קוק אויף מיר! נו, זעה ווי איך האָב דיך ליעב. —

— איך זעה...

— קום אַריין ווייטער. מאַך זיך בעקוועם. ווייסטו וואָס? מיר וועלען האָבען טהיי, אַביסעל זיצען, דערנאָך וועסטו זיך לייגען שלאָפען. קענסט מיך, אַז דו ווילסט, אין אַ צווייטען צימער פער־שליסען און שלאָפען מיט'ן שליסעל, ניט? נאָר געה ניט אַוועק פון דאַנען. איך בעט דיך! — — —

— נו, זיי אַ גוט מיידעל. ביזט דאָך אַזוי קלוג! מיט איין וואָרט דיינעם קענסטו מיט מיר טאָהן וואָס דו ווילסט. איך וועל דיר זיין געהאָרכזאַם ווי אַ קינד. איך וועל דיך נאָר פאַר'ן שלאָף גוט אָנקושען, אַזוי קושען ווי מען קושט אַ ריינינקייט. ווי דו פלעגסט עס אַמאָל טהאָן אין שוהל ווען דו ביזט געווען אַ קליינע מיידעל.

— דאָס פלעגט זיין שמחת תורה.

— זאָל ביי אונז היינט זיין שמחת תורה! זאָל זיין וואָס עס

ווייל. וואס עס זאָל ניט זיין, ליעבסטע, וועל איך פאַר אַלץ זיין פערראַנטוואָרטליך... איך האָב דיך ליעב, כ'האָב דיך זעהר שטאַרק ליעב און וויל אַז דו זאָלסט זיין מ — — — — דאָ. איך האָב דיך אַ ז ו י ליעב! איך וואָלט אַלעס פאַר דיר געקענט אַוועקגעבען. דו ביזט דער אינהאַלט פון מיין לעבען. קום...

פאַר מיינע אויגען האָט זיך אַ גרויסע בעט און אַ קליין קינדערש בעטעלע בעוויזען. איך האָב זיך פון ב.'ס הענד אַרויסגעריסען און, מיט אַן איינגעשפּאַרטען אין זיין בליק, ביים טהיר געבליבען שטעהן.

— ...קום...

— ניין!

— פאַר וואָס?..

מיינע אויגען האָבען נאָר געקוקט צו די צוויי בעטען. פון זיי — צו איהם... איך גלויב דאָס מיינע בליקען האָבען אַלץ וואָס איך האָב געטראַכט און געפיהלט — אויסגעדריקט, ווייל ער האָט זיינע בליקען צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט און שטיל אָבער דייטליך אַרויסגערעדט:

— דו ביזט גערעכט...

איך האָב איהם ביים האַנד אָנגענומען און שטיל, ווי מורא האָבענדיג אימיצען ניט אויפצוועקען, פון דעם צימער אַרויסגעפיהרט.

ער האָט זיך אין צווייטען צימער אויף אַ שטול אַוועקגעזעצט און זיין געזיכט איןביידע הענד בעהאַלטען. איך האָב זיינע האָר געגלעט. מיין האַרץ האָט אַזוי וואַרים געקלאַפּט פאַר איהם: ער האָט מיך פערשטאַנען. ער האָט זיך מעהר מיט מיינע געפיהלען ווי מיט זיינע פערלאַנגען גערעכענט. כ'האָב געפיהלט ווי צו שטעלען זיך פאַר איהם אויף די קניע, אַרומנעהמען איהם שטאַרק און — — — ליעבען.

„ניט דאָ, ניט דאָ" — האָט אַ שטימע אין מיר געשריען און איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָהן גיכער אַוועקצוגעהן.

ער האָט מיך אָהן ווערטער אַ היים בעגלייט. מיך צו מיר אין רום אַריינגעפיהרט און איז ביים טהיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, ווי אַ שולדיגער שטעהן געבליבען.

איך האָב מיך אין דער פינסטער גיך איבערגעטאָהן און איהם מיינעביידע הענד געגעבען. ער האָט מיך ליידענשאַפטליך צו זיך צוגעצויגען און מיר האָבען זיך ביידע אויפ'ן ראַנד פון מיין שמאָלען בעטעל געזעצט.

— זעה וויפיעל דיר איז בעסער ווי מיר. — האָט ער נאָכדענקענדיג געזאָגט. — ניטאָ ביי דיר קיינער ווער עס זאָל דיר שטערען. דו ביזט פריי צו טהאָן וואס דו ווילסט.

— און דאָך. — — —

— יעס, און דאָך!.. פאַר וואָס, פאַר וועמען האָסטו מורא?

— עס קען זיין פאַר דעם וועמען איך קען נאָך גאָר ניט...

— דאָס קען זיין. א מאָדנער מענש ביזטו, אָבער איך האָב דיך ליעב ווי פריהער. און אפשר נאָך מעהר. איך האָב היינט צוליעב דיר אין מיר א נייעם מענשען געפונען... איך וואָלט קיינמאָל אויף מיר ניט געקענט גלויבען, דאָס איך זאָל קענען ביישטעהן אזא נסיון. איך! ווייסט ניט, קינד, וואָס איך בין... אָבער דיינע אויגען, דיין קענען זיך אזוי פיעל אין שווייגען ארויסזאָגען! — דיין קענען צו זיך דערהויבען און ניט לאָזען פאַלען... ווייסט ניט וואָס פאַר א שטאַרקע קראַפט דו בעזיצט, און אפשר ווייסטו דאָס. יאָ, דו ווייסט עס, האָסט דאָס אין דיין „קומט!“ ארויסגעזאָגט...

---

אמאָל איז געווען א תנא, וועלכער, זיך פיהלענדיג ניט שטאַרק גענוג ביישטעהן אזא נסיון, האָט זיך אין טהיר פון זיין געצעלט געשטעלט און מיט אַלע כוחות גענומען שרייען אז מענשען זאָלען זיך צונויפלויפען און איהם אזוי שטערען צו זינדיגען.

מיר האָבען ביידע יענעם גרויסען תנא אויסגעלאַכט. מיר, אין דער שטיל, גאָר אָהן געוואָלדען, זיינען, א דאַנק אונזערע „איך'ן“, גרעסערע פון איהם העלדען ארויסגעקומען.

---

ווידער איז ב. ביי מיר געווען און איך האָב די קושען וואָס כ'האָב אין געדאַנק פאַר א. געהאַלטען אָנגעגרייט — צו ב. אוועקגעגעבען...

א. האָב איך ליעב פאר מיין ליעבע צו איהם, און ב. — פאר זיין ליעבע צו מיר...

איך בין פאר ב. דאָס וואָס א. איז פאר מיר. ס'איז שווער אזעלכע אויפצוהערען גיך צו ליעבען, ווייל זיי לאָזען זיך ניט אויס־ליעבען, ווען זיי ליעבען ניט שטארק גענוג אליין...

אָבער ב. וועט מיך גיכער אויפהערען צו ליעבען ווי איך —א. א מאַן קען ניט אזוי ווי א מיידעל ליעבען די ליעבע. ער ליעבט די פרוי...

נאָך אביסעל און, די הארץ זאָגט מיר, ב. וועט פון מיר אוועק־געהן. ער וועט זוכען גליק ביי אנדערע. און איך... איך אין מיין איינזאמקייט וועל נאָך איהם בענקען.

שבת

## ב.׳ס בריעף

ליעבע! איך אליין הײם מיר הײנט דיך ניט צו געהן זעהן. עס איז מיר שווער צו זיין נאָהענט נעבען דיר און דאָך אזוי ווייט... עס איז ניט גרינג, גע־ליעבטע, צו זיין א העלד. אָך, גאָט מיינער, יעדער מאָל א העלד ווען — — ווען מען איז ניט מעהר ווי א מענש — !

מיט דיר — קען מען קיין פשוט׳ער מענשליכער מענש ניט זיין. דו שעהן־ליעבענדע, צאַרטע מיידעל, צווינגסט די שפּיצען פינגער פון דיינע הענד און פיס צו קושען, און געהאָרכזאַם זיך פאַר דיין אונבויגזאַמען ווילען בויגען. פאַר דיין ווילען וואָס איז אזוי שטאַרק אויף — — ניט צו ווערלען...

עס קען זיין איך וועל אין דיינע גייסטיגע אויגען א סך פער־ליערען, ווען איך וועל דיר זאָגען דאָס איך... האָב חרטה אויף מיין לאָזען זיך ביישטעהען דעם נסיון... אָבער, דאָס איז דאָך אזוי. דו וואָלסט דאָך שוין מיינע געווען, און וואָלסטו שוין איינמאָל מיינע זיין, וואָלט דיך ווייטער צו מיר ציהען... יאָ, איך האָב חרטה, שטאַרק חרטה פאַר וואָס — דו האָסט ניט אויף וואָס חרטה צו האָבען...

פערשטעהסטו מיך? — —

דיין ב.

---

מאָנטאָג.

...דו זאָגסט אז דו פערשטעהסט מיך און דענקסט, דאָס לאָ־זענדיג זיך פון שכל קאָנטראָלירען, וועל איך — געהאָלפען ווערען... אָבער, טהייערע מיינע, איך וויל איהם ניט קענען, דעם שכל. איך וויל ניט פון איהם געהאָלפען ווערען. איך וויל ליעבען און לעבען. און דיר, ליעבע, וואָלט איך אן עצה געגעבען, זיך כאָטש אויף

וויפיעל ניט איז מיט דיין שכל פאַנאַנדערגנעהן, פערלאָז איהם און קום צו מיין... „נאַרישקייט“, לאָז זיך נאַרען, נאַר זיך אַליין—לעב!

שרייב מיר איך זאָל צו דיר קומען און איך וועל. איך וועל דיר אַזוי ליעבען, אַך, גאָט מיינער, אַזוי ליעבען ווי כ'האָב נאָך קיינעם ניט געליעבט!

רוף מיך צו זיך און איך וועל ערשט דאַן פערשטעהן דאָס דו האָסט מיך ריכטיג פערשטאַנען...

**דיין ב.**

---

**פרייטאַג.**

...בעסער שיקען אַ בריעף ווי אַליין קומען? אַ דאַנק! איך שעץ ווי געהעריג דיין ליעבע צו מיינע בריעף. אמת, קענסט מיט זיי רוהיג — שלאָפען? מיט אַ בריעף איז דאָך גרינגער צו פיהרען אַ פּלאַטאָנישע ליעבע ווי מיט אַ לעבעדיגען מענשען. דאָ האָסטו מיין בריעף. בעסטען גליק! גוטע נאַכט!

**ב.**

---

**זונטאַג.**

כ'בין ביי דיר נעכטען אָווענד געוועזן און אַ צייט פאַר דער פערשלאָסענער טהיר פון דיין צימער געשטאַנען. וואו ביזטו געוועזן? כ'האָב דיך אַזוי געוואָלט זעהן! אַן עלענדער האָב איך זיך אין די גאַסען צווישען מענשען ארומגעדרעהט און וועגען דיר געטראַכט: כ'האָב דיך ליעב, ליעב, ליעב.

כ'האָב ד י ך אין געזיכט פון יעדע פרוי געזוכט... כ'האָב רעי בעגעגענט און זי האָט זיך מיט מיר, ווי... איך וואָלט זיך מיט דיר — דערפרעהט... בין צו איהר ארויף, מיט איהר פערבראַכט און... וועגען ד י ר געטראַכט: טראַכסטו וועגען מיר? האָסט ד ו מ י ך ליעב? האָסט דאָס מיר נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט. — — —

---

**דיענסטאַג.**

דו קענסט ניט ליעבען? ד ו ? ! דו ביזט דאָך די פּערסערפערונג פון ליעבע. זאָג שוין בעסער אָפען אַ ז ד ו ו ו י ל ס ט ניט ליעבען. דו האָסט מורא, ווייל, איך בין

ניט קיין פרייער... ווילסט איך זאל מיך שיידען פון די, צו וועלכע איך בין דורך גנועג געבונדען? — זאג... אפשר וועל איך — כ'האב דאך דיך אזוי ליעב. — —

---

דאנערשטאג.

...דיין אפרעדען מיך פון וועלען פאר דיר אן אפפער ברייני־גען — איז זעהר פיין. פיין און ניט מעהר... ביזט זעהר מעסיג. דיין מעסיגקייט קומט פון — גלייכגילטיגקייט. אזוי קלאהר דער־קען וועגען ליעבע קען מען נאר דאן, ווען מען... ליעבט ניט. דיין אננעהמען זיך אזוי פאר מיין פאמיליע'ס אינטערעסען, ווייזט מיר נאר דאס דו אינטערעסירט זיך ניט גענוג מיט מיר.

דיין בריעף וואלט אפילו מיין ווייב געמעגט לעזען: אזוי שטייף, אזוי טרוקען. פון אויבען ביז ארונטער שטריינג פערקנע־פעלט. קענסט זיך אויסגעצייכענט גוט האלטען אין די גרענעצען פון אנשטענדיגקייט. מיט אכטונג!

ב.

---

זונטאג.

דו אליין מיט דיין אוועקשטויסען מיר פון זיך שטויסט מיך אין די ארעמס פון אנדערע. דו מיט דיין שטרענגער מאראל צווינגסט מיך מיין ווייב „ליעבע" ארויסצווייזען... וואלסטו די מוטער פון מיין קינד געווען — וואלט קיין אנדערע דעם אויבען־אן ניט פערנומען. אבער דו ווילסט דאך ניט. ווילסט זיך נאר אנהאלטען אן דיינע הויכע אידעאלען. איך קען צו זיי ניט דער־לאנגען.

כ'האב היינט די לעבענס-לוסטיגע קאטיא געזהן. זי איז ווי אין כעס געווען אויף א. פאר וואס ער האט איהר אין עפעס „ראזא־טשאראוועט".

א נאריש מיידעל, די קאטיא. אבער, צו וואס די חכמה? זי מיט איהר נארישקייט לעבט מעהר ווי... דו מיט דיין שכל. א., ווייזט אויס, איז שוין מיט איהר ווייט פערגאנגען, אבער, ער איז א פראקטישער, פארזיכטיגער בחור און וועט זיך וויסען ווי פון איהר אין צייט אויסדרעהען... זי אליין איז ניט פון די וואס

קענען זיך שטארק צו איינעם צובינדען. און, ווי זאָגט רעי: „גוט פאַר א י ה ר!“

כ'וועל ביי דיר מאָרגען אָוועגד זיין. וועל שוין מעהר דיין ערלויבנים אויף מיין קומען ניט בעטען. וועל קומען און גאָר.

דיין ב.

---

## דיענסטאָג.

...איך בין היינט... ווי ניט איך. מיינע ליפּען ציטערען נאָך פון דיינע ווילדע, פּ ע ר צ ו ו י י פּ ע ל ט ע, וואָלט איך זאָגען, קושען. אין קאָפּ מישען זיך מאָדנע געדאַנקען. האָסטו עס מ י ך אַזוי געקושט אָדער אַן אַנדערען דורך מיר?.. ווייל מיך, ז אָ ג ס ט ו, ליעבסטו דאָך ניט... נ י ט אַזוי ווי מען דאַרף ליעבען. איך וואונדער זיך: אז ניט ליעבענדיג קענסטו אַ ז ו י ליעבען, היינט ווי איז שוין ווען דו ליעבסט?! — —

דו ביזט ניט איינע, ביזט א סך, ביזט אַזוי פיעל אז... איך פערליר מיך אין דיר.

בין אייפערזיכטיג אויף... יענעם, וועמען דו וועסט ליעבען, אויב דו ליעבסט נאָך ניט. און אפשר ליעבסטו „איהם“ שוין. ווער איז ע ר? איך וואָלט „איהם“ זאָגען דאָס איך האָב דיין וואונדערשעהן לייב געזעהן. אויף דיר צייכענס פון מיינע קושען איבערגעלאָזען... זאָל ער עס ויסען, זאָל ער וויסען...

אויב מיין ליעבע צו דיר וועט נאָך לאַנג אַזוי אָנהאַלטען וועט זי אין האס מוזען אַריבער. דיין אונצוטריטבארקייט וועט מיך פון זיך ארויסברייגען. איך וועל זיך אָננעהמען מיט מוטה און שטעלען דיר דעם אולטימאַטום: „גאָר, אָדער גאָרניט...“

וועסט מוזען אויף דעם עפּעס ענטפערען...

דיין ב.

---

## דאָנערשטאָג.

ליעבסטע, וואָס איז מיט דיר? פאַר וואָס אַזאַ שטראָף? — דער אויפהערען שרייבען ווענען... דיין ליעבע צו מיר?.. פאַר וואָס? האָסטו מורא אימיצער וועט ביי דיר מיינע בריעף לעזען און דו שעהמסט זיך פאַר דיין ל י ע ב ע (?) ווילסט איך זאָל

דיר נאר פון מיין ליעבע שרייבען, כדי דו זאלסט האבען פאר אנ־דערע איבער וואס צו לאכען ?.. אך, דו — ! נאך אלעמען האב איך דיך ליעב. איך מאך צו די אויגען און מיר דוכט זיך, כ׳בין אזוי ווי א קינד אין דיינע ווייכע ארעמס איינגעשלאפען... כ׳פיהל דיין אטהעם, כ׳הער דאס קלאפען פון דיין הארצען.

פערשטעהסטו, קינד, וואס ס׳הייסט פערוועוען אזוי צו שריי־בען ?..

אפען ווי א לאנדקארטע,

דיין ב.

שבת.

דו בייזע, ליעבע מיידעל !

שוין מעהר ווי א וואך אז דו ענטפערסט מיר ניט אויף מיין שרייבען... איז דאס ווייל דו ווילסט כ׳זאל דיר ווענען דעם ניט שרייבען ?..

ביזט בייז אויף מיר און כ׳גיב צו — כ׳בין עס ווערטה. עפעס א מאדנער געפיהל א צורייצטער האט מיך געשטויסען דיך אזוי צו רייצען. כ׳בין פאר דיין אויסגעהאלטענקייט און כאראקטער אויף זיך געווען אין כעס און, ז י ך דורך ד י ר געוואלט ווערה טהאן. —

פערגיעב מיר, טייערע, פערגיעב ! גיעב מיר א געלעגענהייט פאר דיר זיך צו פערענטפערען. נאך אלעמען בין איך האך ניט מעהר ווי א מענש און מיינע נערוועו זיינען ניט פון גראבע שטריק געמאכט. דיין ארויסגעוויזענע אין בריעף גלייכגילטיגקייט, נאך דעם ווי דו האסט, דוכט זיך, אזוי ווארים, אזוי ווייך־הארציג... געשוויגען — האט מיך ווילד געמאכט.

איך וועל ביי דיר מארגען — אונבעדינגט — זיין און כ׳האף דאס דו וועסט פערשטעהן דיין ב., וועלכער הערט ז י ך אויף צו פערשטעהן ווייל ער ליעבט דיך אזוי שטארק, אזוי הייס, אזוי האפנונגסלאז !

# אין קריעג

ער האט זיך שוין ארומגעזעהן, אז ס'לוינט זיך ניט אויף מיר צופיעל צייט אויסצוברייננגען. ער האט שוין מעהר ניט קיין געדולד צו ליעבען. עס קומט מיר אויס ווי ער וואלט אנשטאט ווען, ווי מען זאגט, זאגען: „שלאף גיכער, מ'דארף די קישען". איילען: „ליעב גיעכער, כ'האב קיין צייט ניט!.."

ער איז אויף מיר שטארק אין כעס פאר וואס כ'לאז מיך ניט פון איהם לערנען ווי צו ליעבען אויף דער וועלט. און ניט אזוי לעבען, ווי געניסען פון לעבען...

—האסטו ווען גענאסען פון לעבען? — האט ער מיך מיט קאפ־שאקלענדיגען בעדויערען, געפרעגט.

— איך האב גענאסען פון — — א קאטער. האב איך, צו מאכען א וויץ פון דעם געוויסען געניסען, אין שפאס געענטפערט.

אבער, ער איז אויף מיר דערפאר שרעקליך בייז געווארען און גע־זאגט, דאס איך בין א קאקעטקע: איך זוך צו ערוועקען געוויסע פערלאנגען וועלכע, איך וויים אין פאראויס דאס איך וועל זיי ניט נאכגעבען... און ער, ער האט עס מיך אזוי הארציג געליעבט!

— געליעבט!

— און כ'ליעב דיך נאך איצט אויך! איך ליעב דיך געגען מיין ווילען. איך בעט דיך פערשטעה מיך, —

— איך פערשטעה...

— זאג מיר, ווי פערשטעהסטו מיך?

— . . . כ'וויל זיך ניט קריעגען....

— מיינסט מיך צו בעליידיגען?...

— איך מיין זיך ניט צו לאזען בעליידיגען.

— דו בעליידיגסט זיך אליין.

— כ'וועל שוין זעהן ביי מיר קריגען פערגעבונג.
— ווילסטו טאַקע, — האָט ער מיט שפּאָט מיך געפרעגט — אויף אייביג פערבלייבען א מיידעל?
— אייביג לעבט מען דאָך ניט.
— ווילסטו . . . שטאַרבען א מיידעל?
— צו שטאַרבען מאַכט דאָך שוין ניט אויס וואָס מען איז.
— ס'מאַכט שוין גאָר אויס, מען קען זיך כאָטש טרויסטען פאַר'ן טויט, דאָס מען האָט ביי'ם לעבען געלעבט. דו וועסט דאָס ניט קענען זאָגען, ווייל דו לעבסט ניט. פאַר וואָס לעבסטו ניט?
— איך לעב.
— ניט ווי דו ווילסט!!
— וויל איך ניט לעבען ווי . . . איך וויל.
— ווילסט זיך אונגליקליך מאַכען...
— . . . ווען מען אַרט'ס!
— איינגעשפּאַרטע! אזעלכע צוריקגעשטאַנענע פון לעבען רופען ביי דער געזעלשאַפט ארויס בלויז שפּאָט און פעראַכטונג.
— א . . . טייערע געזעלשאַפט! . . .
— זי געפעלט דיר ניט?
— ווער בעשטעהט אום איהר!
— בעשטעהסט שוין גאָר; שטויסט צוליעב איהר אָפּ ליעבע פון זיך און ציעלסט זיך צו — — הייראַטה. ווען דו, ווי אנדערע, ביזט ביי היינטיגען טאָג פערהייראַטה, וואָלט מיר מיט דיר געוועזען א סך פערשפּאָרט צו ריידען...
— אָה! — איך וואָלט דאַן געוויס געוועזען געשיצט פון.... דער געזעלשאַפט?
— וואָלסט האָבען דאַן אויף ווען די שולד ארויפצו־ווארפען...
— און אזוי?
— אזוי אָבער, ספּעקולירסטו: — ביזנעס...
— אמעריקא!
— ביזטו א פרוי? איך דענק, אז ניט.
— איך דענק, אויך אזוי.

— וואס דען ביזטו?

— א מ י י ד ע ל.

— און ווילסט אזעלכע פערבלייבען?

— . . . יעס, סער . . .

— מיט גליק!

— א דאַנק!

ער איז מיט כעס אַוועק און . . . די „מיסעס" מיינע איז אַריינגעקומען.

— זאָגט מיר — האָט זי בייזליך געבעטען — איז דאָס אַן אמת, וואס מען האָט מיר געזאָגט, אז דער מאַן וואָס איז ערשט פון אייך אַוועק, האָט אַ ווייב?

— יא, א קינד אויך. וואס איז?

— וואָס האָט ער דאָ ביי אייך צו טהאָן?

— וואס? . . . ער . . . רעדט מיר א שדוך.

— אזוי גאָר — — דאָס איז פון איהם פיין.

— זעהר פיין...

— נו, זאָל זיין מיט גליק —

— א דאַנק!

די מיסיס איז א צופריעדענגעשטעלטע מיט דעם וואס זי האָט געהערט — אַוועק.

פונדעסטוועגען דענק איך, אז מ'דאַרף בעסער פאר זיך אַן אנדער צימער אויפזוכען.

---

איך וועל שוין מ ו ז ע ן אַן אַנדער צימער געפינען: די „מיסיס" לאָזט מיך ניט אָפּ מיט'ן שדוך. אזוי ווי זי איז מיר אַ גוטער פריינד, ווי אַ מאַמע, זאָגט זי, וואָלט זי זיך אויף ד ע ם, וואָס ד ע ר רעדט פאַר מיר, נאָכפרעגען. ווארום היינטיגע צייטען דאַרף מען זיך צעהן מאָל מישב זיין בעפאָר מ'געהט א י י ן מאָל טהאָן. ס'אַמעריקע: מ'ווייסט ניט מיט ו ו ע מ ע ן מ'טהוט. דער קען זיך טאַקע יענעם קענען, אָבער וואָס טויג א מאַן'ס קענען א צווייטען מאַן? דער ווייס איינס און יענער ווייס צוויי. ס'איז די, וואס דאַרף מיט איהם געהן אַ לעבען פיהרען, דאַרף איהם גוט אויסגעפינען וואס ער איז. נאָר אזוי ווי פאר א מיי־

דעל פּאַסט ניט אויף אַ פרעמדען מאַן זיך נאָכצופרעגען, און זי האָט ניט קיינעם פון איהרע אייגענע, איז אַן עלענדע, איז, ווייל זי, די מיסים, בעווייזען דאָס די וועלט איז ניט אָהן אַ גוטען מענ־שען, און דערפאַר האָט זי, מיט אַ גוטסקייט וואָס לאָזט זיך ניט צוריקווייזען, געזאָגט: „וועל איך טאַנצען אויף אייער חתונה און נאָך פון אייך נחת האָבען..."

אָרימע מיסים! זי וועט שוין דאָ פון מיר קיין נחת נ י ט האָבען. איהר גוטסקייט וועט מיך נאָר גיכער מאַכען צו „מופען". כ'וואָלט איהר אפילו קענען זאָגען, דאָס דער שדוך, וואָס ער רעדט, געפעלט מיר ניט, און דאָ ווייטער וואוינען, אָבער זי וועט דאָך דערגעהן פאַר וואָס געהט צו מיר דער „שדכן" ווען מיר גע־פעלט ניט זיין שדוך, און... וואָס וועל איך איהר דאַן ענטפערען?

— איך וויים, ער וועט נאָך קומען; מיר זיינען אין קריעג, אָבער נאָך ניט אין גאַנצען צוקריעגט, און ביז ער וועט זיך מיט מיר אינגאַנצען צוקריעגען, וועט ער נאָך עטליכע מאָל מאַכען אַ פּער־זוך גוט־פריינד צו ווערען: ער האָט אַזוי פיעל צייט אין דער ל י ע ב ע אינוועסטעט, פאַר וואָס זאָל ער זי אַזוי גיך אויפגע־בען?! . . .

— ווען אייער שדכן וועט צו אייך קומען — איז מיר די מיסים אריינגעקומען אָנזאָגען — זאָלט איהר מיך אַ רוף טהאָן: איך וויל מיט איהם רעדען. איך בין, פערשטעהט איהר מיך, אַ פערהייראַטע פרוי און וויים בעסער פון אייך אין אַזעלכע זאַכען... אַ שדוך טהאָן איז ניט אַ בייגעל אויפצועסען.

און איך האָב איהר ג ע מ ו ז ט צוזאָגען, זי אריינצור־רופען, אז ז י זאָל מיט איהם רעדען.

# צוקריעגט

איצט מ ו ז איך שוין מופען: א מאַן, וואס האָט אמאָל ביי מיין מיסים געוואוינט, איז צו איהר געקומען בעטען זי זאָל איהם ביי זיך ווייטער לאָזען „איינשטעהען“ זי האָט איהם מיט אַן „עס טהוט מיר לייד“ געוויזען דאָס זיין אמאָליגע רום איז מיט מיר פערנומען. ער האָט געזאָגט דאָס ווען ער קריגט איצט אַזאַ צימער, וואָלט ער נאָך מיט אַ פּאָר דאָלאר מעהר ווי אמאָל געצאָהלט. און, איך האָב איהם דאָס צימער אָפּגעלאָזען.

— און איהר וואָס וועט טהאָן? — האָט מיך די מיסים אָנגעקוקט.

— מופען, פערשטעהט זיך. ווי באַלד אַז ער גיט אַזוי פיעל מעהר —

— און איז א מאַן אויך דערצו, — האָט זי צוגעגעבען. — איהר פערשטעהט דאָך: אַ מאַן איז ניט קיין מיידעל. ס'זיצט ניט ביי זיך אַזוי פיעל, ס'געהט ערגעץ אַוועק און מ'זעהט עס ניט אָן און די פּאָר דאָלאר מעהר... אָבער, איך וויל אייך „חאַליילע“ ניט מאַכען צו מופען, סיידען איהר אַליין...

איך האָב איהר געמוזט פערזיכערען אַז איך, איך אַליין מאַך מיך צו „מופען“ און, זי האָט שוין ביים מאַן אַן אויפגאָב אויף דעם רום גענומען. אין דריי טעג אַרום מופט ער אריין. איצט, אַלזאָ, מ ו ז איך שוין „מופען“.

---

בין א מיעדע פון זוכען אַ צימער — און ניט געפינען — צו זיך געקומען ווען איך האָב שטימען פון מיין צימער דערהערט:

— ווי איהר זעהט מיך לעבען, זי איז מיר טהייער ווי אַן אייגען קינד מיינס, איך אַז איך בינד מיך צו אימיצען צו, קען איך מיך ניט אָפּבינדען.

— אַזוי ווייזט עס אויס...

— דערקענט מען אָן מיר אז איך בין א גוטע? זעהט איהר! איהר אַליין האָט דאָך, זאָל געזונד זיין א ווייב און . . . א קינד אויך? . . מוזט איהר דאָך וויסען וואָס, וואָס פאר א מיידעל מיינט א שדוך, פון וואַנען קומט איהר אליין?

— פון דאָרטען פון וואַנען אלע קומען....

— איך מיין, וואו זייט איהר געבאָרען?

— אין . . . בעט.

— איהר שפּאַסט. ס'ניט גוט אזוי צו לאַכען איבער —

כ'האָב די טהיר אויפגעשלאָסען און אין צימער אריין. די מיסים האָט מיר גלייך ערקלערט דאָס דער מאן (ב.) האָט מיך ביי זיך ניט געטראָפען, האָט זי איהם אריינגענומען ער זאָל אָפּוואַרטען, ווארום זי וויס דאָך וועגען וואָס ער קומט... זי האָט איהם דאָ דערווייל "פּערנומען" און איצט, דאַרף זי געהן זעהען וואָס כ'טהוט זיך ביי איהר אין „קיטשען" אודאי ט'עפּעס אויסגעברענט. —

— וואָס וויל זי פון מיר מיט א . . . שדוך? — האָט מיר ב. נאָך איהר אוועקגעהן, לאַכענדיג געפרעגט. — וואס בין איך דאָ, א שדכן?

— יאָ, א שדכן, אזוי איז מיר איהר אויסגעקומען צו זאָגען... און ווי קומט איהר איצט אַהער?

— דיך זעהן. כ'האָב אזוי געבענקט... ווי מיעד דו זעהסט אויס! — האָט ער אריינגעהמענדיג מיין קאָפּ אין זיינע הענד מיר אין די אויגען אריינגעקוקט. — האָסטו נאָך מיר געבענקט? זאָג מיר, זאָג!

זיין בעמערקען מיין מיעדקייט האָט אין מיר א מאָדנעם רחמנות צו זיך ארויסגערופען. מיר האָט זיך וויינען פערוואָלט, און כדי די טרעהרען ניט צו ווייזען האָב איך מיין געזיכט אין זיינע ביידע הענד בעהאלטען. עס איז אזוי אנגענעהם אין מינוטען פון אזא פיהלען, א זאַרגפולע, צערטליכע האַנד צו פיהלען. — — —

— מיר האָט אזוי באַנג געטהאָן, — האָט ער קושענדיג מיינע האָר שטיל געזאָגט, וואָס איך האָב דיך צו קריעג ארויסגערופען. כ'האָב דערפון שרעקליך געליטען, דו ביזט דאָך אזא

ליעבע, אזא גוטע, ווי קען איך ד י ר ווען טהאָן? — האָסטו מיר שוין אלעם פערגעבען?

— ב., — האָב איך גלעטענדיג זיינע הענד געבעטען, זייט ניט אזוי . . . גוט צו מיר. איך, כ'וועל ווייטער זיין אזוי שלעכט ווי געווען . . . איהר פערשטעהט, כ'קען ניט אנדערש. . . .

— פאר וואס? און צו וואָס? — דיין גאנצער קערפּער דריקט אוים איין פערלאנג: „קוש מיך, ליעב מיך, נ ע ה ם מיך", און דו —

ווי האָב איך געזאָלט אויף אזא פראגע ענטפערען? האָב איך זיך איהם, דורך איהם, אין ליעבע צו א . . . געזאָלט ערקלעהרען?... איהם נאָך אמאל זאָגען אז כ'וועל נאָר מיט איהם דעם שמערצ־ליכען פיין פון מיין איינזאמקייט פערטומלען אָדער פערשטילען?
— — כ'האָב שווייגענדיג מיך פון זיינע הענד בעפרייט און די קאָפּ אין קישען איינגעגראָבען. ער איז אָנגעבויגען איבער מיר א צייט געשטאנען, מיט זיין האנד אויף מיין קאָפּ, די האָר געגלעט. דערנאָך — אוועק פון מיר, איך האָב די אויגען געעפענט און . . . זיך אין דער פינסטער דערזעהן; ער האָט די גאז איינגעדרעהט...
— ב. — . . .

— „טו בי אָר נאָט טו בי"... — האָט ער מיך שטארק ארומ־געכאפּט, — „דאָס איז די פראגע!..." —

— ב. — האָב איך ניט וויסענדיג וואָס צו זאָגען געבעטען:
— זי, די מיסים....
— געהסט דאָך סיי ווי פון איהר „מופען"!
— ב.! . . .

— פריהער, שפּעטער; ניט איך, איז אן אנדערער . . . און איך וויל קיין נאָר ניט בלייבען. גענוג געווען ביז היינט... און דו אויך, זיי וואָס דו ביזט, ניט זיי קיין קינד...

מיין האנד האָט אין דער פינסטער איהם אין געזיכט גע־טראָפען.

— ווילדע! האָסט דאָך מיך געקענט בלינד מאַכען! זיי ניט אזוי ווילד. —

אָבער איך האָב נאָר געוואָלט „ווילד" זיין... און ער האָט מיך ררוטאל גענומען . . . צ י ו ו י ל י ז י ר ע ן, און ער האָט מיך

מיט פיינדשאפט, פאר וואס איך לאז זיך ניט ליעבען, אפגעשטוי־סען. און ער האט געזאגט דאס ער וועט שוין מעהר צו מיר ניט קומען. אז ס'איז בעסער מיט אזא ווי איך — ניט אנצוהויבען. ווארום, מ'וועט זיך איהר דערנאך דעם גאנצען לעבען ניט קענען אויסצאהלען. און נאך אלעמען בין איך דאך ניט די איינציגע אויף דער וועלט, ס'פאראן נאך אנדערע וואס . . . האבען מעהר שכל ווי צו לעבען . . . ס'איז נאר א שאד וואס אזוי פיעל צייט אומזיסט גע'פטור'ט....

— — — — — — — — — — — — — — —

עס איז קוים דער קלאפ פון ב.'ס צומאכען די גאס־טהיר אין די שטילקייט פון ארום פערשטארבען, ווי די מיסים איז צו מיר, ניט אנקלאפענדיג, אריינגעקומען, געפרעגט פאר וואס איך זיץ אין דער פינסטער, און פאר וואס איז עפעס ד ע ר אזוי גיך אוועק־געגאנגען, און וואס הערט זיך וועגען דעם שדוך וואס ער רעדט מיר? — כ'האב איהר געזאגט דאס . . . מיר איז ניט געפעלען דער שדוך...

— דעם אמת זאגענדיג — האט זיך די מיסים אפגערופען — געפעלט מיר ניט דער שדכן. ער איז פול מיט לצנות, ווי זאגט די וועלט? — א הונד טאר קיין קצב ניט זיין . . . עפעס רעדט ער אלץ ווי אויף קאטאוועס. . . א מיידעל דארף זיך וויסען ווי פון אזעלכע צו היטען. זיי כאפען אן א תירוץ: א שדוך און, — מיינען עפעס אנדערש . . . און וואס הערט זיך וועגען א רום?

— נאך ניט געפונען. וועל מארגען א זוך טהאן.

— איהר דארפט זיך טאקע צואיילען, ווארום דער מאן דארף אריינמופען. כ'וואלט איהם ניט וועלען צוריק אפגעבען דעם דע־פאזיט. אווארט איז א ווארט. מ'דארף יענעם ניט אפפיהרען...

אהן ב.'ס קומען, וואלט איך דאך דא קענען רוהיג וואוינען, אבער איך האב דאך שוין דעם צימער אויפגעגעבען און, איצט מוז איך שוין „מופען“, איך מוז מיר אן אנדער איינזאמען ווינ־קעל אויפזוכען.

און מיט ב. בין איך צוקריעגט... אבער ס'איז בעסער א בעשטימטע צוקריעגטקייט ווי א צווייפעלהאפטער פריעדען...

. . . היינט פאַנגט זיך אָן א נייער בלעטעל אין דער געשיכטע פון מיין — — טאָגע־בוך. אין אן אנדער טהייל פון שטאָדט, אין א נייען צימער, צווישען אונבעקאנטע, פרעמדע מענשען.

איך שרייב די ווערטער און הער ווי א מענער־שטימע דאָרט, אין פראָנט־רום פרעגט:

— שוין פערדונגען די רום?

— פערדונגען, — ענטפערט א פרויען שטימע — צו א מיידעל.

— עפּעס א שעהנע מיידעל?

— אהא, כ'האָב ערוואַרט איהר זאָלט עס פרעגען!

— פאר וואס זאָל איך ניט פרעגען? ס'איז נאַטירליך.

— וואָס געהט עס א י י ך אָן?

— איהר ווייסט דאָך אז מיר געפעלען נאָר שעהנע. אזא טבע האָב איך שוין.

— א מיאוסע טבע.

— אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען!

— אָבער ניט אויף מיין צוקינפטיגען איידים, ער מוז בלויז מיין טאָכטער זיין געפעלען.

— נו, געוויס, ער קען דאָך מיט דער טאָכטער'ס מאמע ניט חתונה האָבען. ס'קומט שוין אויס אזוי. מסתמא איז עס בעשערט. האָלט האָבען די מאמע און חתונה האָבען מיט איהר טאָכטער....

— מאכט צו דאָס מויל!

— שוין צוגעמאכט. איצט, ווי זעהט מען פאָרט די נייע באָרדערקע?

— היינט וועט זי זיך געוויס ניט לאָזען זעהן. זי האָט געזאָגט זי וועט קומען פארנאכט, ווייל זי דארף עפּעס א סך זאַכען איינקויפען.

— נו, מילא, וועלען מיר זי זעהן אָן אנדער מאָל, אָבער זעהן וועלען מיר זי.

זיי האָבען זיך פון מיין צימער דערווייטערט... ווען זיי ווייסען דאָס איך בין דאָ... שוין לאנג צוריק פון מיינע גאנ־

גען געקומען. און זאָלען זיי דאָס ניט וויסען אויך. איך וועל זיין אזוי שטיל, אז זיי זאָלען דאָס נאָך ניט וויסען. איך פיהל א שטארקען פערלאנג אויסצומיידען אלעמען. זיין פרעמד צו די פרעמדע, זיין מיט זיך אליין און מיט ביכער. ביכער זיינען אזוי פיעל בעסער פון מענשען: זיי זוכען דיך ניט אויסצוגעפינען ווער און וואס דו ביזט. זיי האלטען דיר אין איין דערצעהלען און דאָס אויך ווען דו ווילסט.

די מענער שטימע וואס האָט אויף מיר נאָכגעפרעגט, מוז בעלאנגען צו דעם יונגען מאן וואס געהט אריין צוליעב דער טאָכטער אין הויז, און די פרויען שטימע איז דער מאמעס... גלייך ווי זי האָט מיט מיר עטליכע ווערטער אויסגערעדט האָט זי מיר דערצעהלט דאָס זי, די טאָכטער, האָט שוין א „באָי", א „פעלאָו", א „דזשענטעלמען פרענד". ער איז א סיילסמען, מאכט א כך געלד און „קערט" פאר איהר. „אָה, הי איז דזשאָסט קרייזי פאָר מי!" האָט זי מיך פערזיכערט און מיר צוגעזאָגט איהם אמאָל צו ווייזען. מיינד יו, קרייזי פאר א צוקינפטיגער שוויגער!...

האָב איך ווען? — האָט זי מיך געפרעגט און ווען איך האָב איהר געזאָגט אז כ'האָב ניט, האָט זי געזאָגט: „טו בעד", און געטרייסט אז איך וועל מיט דער צייט אימיצען קריגען. אלץ וואָס מען דארף אויף צו קריגען א דזשענטעלמען פרענד איז, וויסען ווי צו דרעסען זיך, זיין סטיילִיש, אָפּ טו דייט, און אין דעם וועט זי, איהר טאָכטער וואָס דרעסט זיך ווי א דאל, מ י ר ש ו י ן ה ע ל פ ע ן.

איך האָב איהר בעדאנקט פאר איהר וועלען מיר אין דעם דעם העלפען און בין געצוואונגען געווען איהר צו ענטפערן אויף פראגען ווי:

ווען האָב איך דאָ, ווי אלט בין איך, צי האָב איך א סטעדי פּאָזישאָן, צי נעהם איך וואקיישאָן, צי האָב איך אין ראסיע פּאסיעשטשאיעט גימנאזיע, צי בין איך גוט בעקאנט מיט די רוסישע קלאסיקער, אויב איך בין א פּאקלאניצע פון דער מאָדערנער ליטעראטור, ווארום זי אליין איז א סטראסטנע לעזערין פון אלץ וואס איז רוסיש. זי האָט אקאנטשעט גימנאזיע מיט א

גאָלדענעם מעדאַל, זי וואָלט איהם מיר וועלען ווייזען איז ער ניטאָ, ווי אין וואסער אריינגעפאַלען. אז מען קומט אין אמע־ריקא, מ׳ווערט אַ מאַמע פון עטליכע קינדער קריכט שוין ניט אין קאָפּ צו האַלטען זיך מיט מעדאַלען. מ׳ווערט אַלט פאר דער צייט. אָבגעלעבט און צוריקגעשטאַנען פון אַלעם. אז די קינ־דער ווערען גרעסער מוז מען שוין זיי נאָכטאַנצען, מאַכען זיך פאַר גאַנצע אמעריקאנער אויב מען וויל ניט זיי זאָלען פון דיר לאַכען.

ס׳איז איינגעשטאַנען ביי זיי אַ מיידעל — האָט זי מיר דערצעהלט. ט׳אויסגעוויזען צו זיין אַ גאַנץ אינטעליגענטע מיי־דעל. מען איז צו איהר געווען גוט ווי נאָר אינטעליגענטע מענ־שען קענען גוט זיין צו אַן עלענדער און איינזאַמער מיידעל וואָס בעזיצט אַ שטיקעל אבראַזאָוואַניע, האָט זי דאָס אָבער ניט גע־וואוסט ווי אָפּצושעצען, האָבען אזעלכע אונדאַנקבאַרע — און ט׳צאָך זעהר „פיין" פּאַדפּיסעוועט!

איך האָב ניט מעהר וועגען יענער מיידעל געוואָלט הערען און ביי זיך בעשלאָסען ניט דערלאָזען קיינעם צו מיר גוט זיין. זאָל מען אויף מיר פריהער קיין רחמנות ניט לייגען און דערנאָך פאַר אַנדערע ניט בערײדען.

* * *

איך קוק אויף די ברודיג־ראָזע וועגט פון מיין לאַנגליך שמאָ־לען צימער און אַ שווערער אומעט דריקט מיין הארץ. עס בײנקט זיך נאָך יענעם צימער וואס איז אויף דער אַנדער זייט פון דער גרויסער שטאָדט אָהן מיר פערבליבען. איך דערמאָן מיך אָן דעם וואָס כ׳האָב דאָרט איבערגעלעבט און פרעג מיך שטום ביי ד י ווענט, וואס וועט מיט מיר דאָ זיין, וועל איך קענען אויסהאַלטען די איינזאַמקייט צו וועלכער איך האָב מיך נאָך אַלע ענטוישונגען פאַר דער לעצטער צייט פּעראורטהיילט, אָדער עס וועט מיך דאָ ציהען צו . . . צוויײזאַמקייט ? — —

מיט וועמען מיר זאָל דאָ ניט אויסקומען מיין אומעט צו טהיילען, וועט עס שוין ניט זיין מיט א. און ניט ב. מיט זיי איז אַלעס געענדיגט. מיין פאַנאַטישע ליעבע צו א. און ב.׳ס עקשנות׳דיגע . . . ליידענשאַפט צו מיר — זאָל דעם סוף אין

קבר פון פערגאנגענהייט געפינען, זאָלען פערשיעדענע קאַטיאָ'ס זייער לוסט צום ל ע ב ע ן נאָכקומען. איך בין ניט פאר אזעל-כע ליעבעס בעשאַפען. מיין מאַמאַ זאָל זיין איינער אָדער קיינער. אלע מאָל, אדער קיינמאָל, גאָר אָדער גאָרניט.

זיי האָבען צו מיר אין טהיר אָנגעקלאַפּט און גערופען, אויב איך וויל טהיי טרינקען. איך האָב זיי בעדאנקט און זיך ענטזאגט, זאָגענדיג דאָס כ'האָב ערשט ניט לאַנג געטרונקען. לאָמיך מיט זיי ניט ניט זיין צוערשט נאָהענט, וועל איך מיך ניט דארפען אָנ-שטרענגען שפּעטער צו זיין ווייט. יעדענפאַלס וועלען זיי מעהר אכטונג פאר מיר האָבען ווען איך וועל זייער גוטסקייט ניט אָנ-נעהמען. זיי אלע, איבערהויפּט די מ א מ ע פון דער פאַמיליע, האלטען אזוי פיעל אין ריידען וועגען זייער אינטעליגענץ . . . אז איך הויב שוין אין דעם אָן צו צווייפלען . . .

יא, איך וועל מיט זיי זיין פיין פון ווייטען. איך וועל זיך מיט זיי, ווי יענע מיידעל, ניט צוקריעגען ווייל . . . איך וועל מיט זיי ניט זיין אזוי גוט, אזוי נאָהענט, אז . . . ס'זאָל גאָר צו קריעג קומען. איך האָב ביי זיי געדונגען א צימער און דארף צאָהלען פאר איהם, דאָס אלעס. —

---

ווייטער זיי. אפשר וועל איך געהן אין מואווינג-פּיקטשורס.

— ניין, א דאנק, איך וויל ניט. — האָב איך זיך העפליך אָפּגעזאָגט.

— דענקט איהר א גאַנצען אָבענד אין הויז צו זיצען?

— יא, איך דענק אזוי.

— וואס וועט איהר טהאָן?

וואס געהט עס זיי אָן? — האָב איך געפיהלט ווי צו זאָ-גען. כ'האָב עס אָבער ניט געזאָגט. כ'האָב — געשוויגען.

— איהר וועט זיך אודאי לייגען שלאָפען?

— עס קען זיין.

— דאָס איז פאר אלטע לייט אַן עסק. זיי דארפען האָבען רוה.

— איך דארף עס אויך האָבען....

— אָה, איהר זיינט מיעד.

— איך ב י ן מיעד.

אונצופריעדען פון מיינע ענטפּערס איז זי, די מאַמע פון דער כלה־טאָכטער, אוועקגעגאַנגען. זי האָט מיך אפּנים געמיינט, גלייך פון ערשטען טאָג, פאַר איהר חבר'טע צו מאַכען. עס קען זיין ס'איז ניט גוט פון מיר אזוי שלעכט צו זיין און ניט אָנ־נעהמען יענעמ'ס פריינדשאַפט. נאָר איך טהו דאָס אין נאָמען פון שפּעטערדיגע גוטסקייט וועגען. צו וואָס זאָל איך מיך פון אָנהויב מאַכען גוט און מיט דער צייט קען זיין, ווערען שלעכט? וועל איך מיך בעסער פון אָנהויב האַלטען פון ווייטען, און אַז איך וועל אויסגעפינען דאָס זיי זיינען ווירקליך אַנגענעהמע מענ־שען, — ווערען נעהנטער.

---

א קלאַפּ אין טהיר. דער מיסטער. אפשר ווייס איך וואו־רין די מיסיס איז אוועק!

„אין מואווינג פּיקטשורס" — האָב איך איהם געוואָלט זאָגען, אָבער כ'האָב מיך דערפון גלייך אָבגעהאַלטען און בעסער געזאָגט דאָס איך ווייס ניט. זאָל ער גלייך אָנהויבען וויסען דאָס איך ווייס ניט וואוהין זיין „מיסיס" געהט אוועק און מיך מעהר וועגען דעם נ י ט פרעגען...

— זי האָט אייך גאָר ניט געזאָגט וואוהין זי געהט? אזא סקאַנדאַל, קום אהיים און טרעף אַ פּוסטע הויז, ניטאָ צו ווע‏מען א וואָרט אויסצורייידען. און איהר האָט שוין אַלץ איינגעאָר־דענט? אַ פיינע רומקע, האַ? מיר האָבען פאַר איהר ביי א מאַן גענומען 11 דאָלאַר, נאָר פאַר אַ מיידעל האָבען מיר עס אָפּ־געגעבען פאַר 9. מיט אַ מיידעל דאַרף מען מעהר איינזעהעניש האָבען. אַ מיידעל מאַכט דאָך ניט אזוי פיעל געלד, ניין? עס איז גאָר זעלטען ווען אַ מיידעל נעהמט פאַר זיך אַליין אַ רום. דאָס רוב לייגען זיך צונויף צוויי מיידלאַך איין רום צו נעהמען, און אַמאָל דריי אויך. איהר מוזט זיין אַ גוטע פערדיענערין, ניין?

— יעס.

— דאָס איז גוט. ביי היינטיגע צייטען איז שווער אַ לע־בען, אַן אַנשטענדיגען לעבען צו מאַכען. ווער רעדט ווען מ'איז נאָך אַ טאַטע פון קינדער, פון גרויסע קינדער.

— גרויסע קינדער פערדיענען דאך שוין אליין.

— וואסער אויף קאשע, — דאס איז וואס זיי פערדיענען. מ'מאכט אן אנשטעל אז מען פערדיענט א סך און צום סוף, אז מ'קוקט זיך גוט צו איז ניט מעהר ווי — א פייג אונטער א דע־כעלע. אין דער היים האב איך געשפיעלט א גרויסע ראליע; בין מיט'ן טשאסטני פריסטאוו געווען איין גוף מיט איין נשמה. געהאלטען א ביליארדנע אין וועלכען דעם גובערנאטאר'ס זוהן פלעגט אנשטעהן צו קומען, האב ארויסגענומען מענשען פון פריי־זיוו און דא, וואס, מיינט איהר, טהו איך? בין אן אנגעשטעל־טער ביי א פירמע צוצושטעלען און אנצושטעלען פאנאגראפס! איז דאס נאך ווייניג — פעדעל איך אונטער מיט טהעע, מיט פאפאוו'ס טהעע, אויב איהר ווייסט. ס'אמעריקא! און איהר האט דא קיינעם ניט אין ניו יארק קיין אייגענע, קיין פריינד?

— איך האב פריינד . . .

— אפשר שוין א כלה?

— . . . דערווייל נאך ניט.

— יעדע מיידעל איז א כלה.

— יא? אבער ניט יעדע כלה האט א חתן . . .

— פריהער־שפעטער, — אלע האבען חתונה. אידישע טעכ־טער פערזיצען ניט. וויפיעל איך האב געקענט, האבען אלע חתונה געהאט.

— איך קען א סך וואס האבען ניט חתונה געהאט.

— וועלען זיי האבען! חתונה האבען און שטארבען קען מען ניט אויסמיידען. ס'א נאטור־זאך. מ'קען געגען דער נא־טור ניט געהן. איהר פערשטעהט?

כ'האב געזאגט אז איך פערשטעה, כדי ער זאל מיר ניט דארפען דאס ערקלעהרען און זאל שוין אוועקגעהן, אבער ער האט זיך ניט געאיילט, און איך האב געמוזט אויסהערען זיינע רייד ביז זיין ווייב איז געקומען.

ביידע זיינען זיי גראבע, פעטע, אזעלכע אפגעגעסענע און רעדעוודיגע, ביידע אזעלכע נייגעריגע און טאקטלאזע, און ביי־דע קענען גאר ניט פערגעסען וואס פאר א גרויסע אינטעליגענ־טען זיי זיינען. און איך האב עפעס א מאדנע געפיהל געגען זיי,

איך האָב זיי ניט אַזוי פיינט איצט ווי . . . איך האָב זיי פיינט אויף שפּעטער...

---

אום אויסצומיידען די צוגעלאָזענקייט פון מיינע בעל־הבתים, געה איך כמעט אַלע אבענד אוועק פון מיין רום ביז, איך דענק דאָס זיי שלאָפען שוין. איך געה אוועק אין לייברערי און לעז דאָרט ביז זי מאַכט זיך צו, דערנאָך געה איך זיך דורך אביסעל און קום שטיל אריין צו זיך אין צימער. כ'מאַך ליכטיג כ'זאָל קענען ווייטער לעזען, און אַמאָל זיץ איך אין דער פינסטער און טראַכט.

טראַכטען קען מען אין דער פינסטער. מיט צוגעמאַכטע אויגען זעה איך נאָך בעסער וואס מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, טונקענדיג איהר פּענזיל אין פערשיעדענע פארבען, מאָהלט פאר מיר. מיין פאַנטאַזיע איז פול מיט א י ה ם, דוקא מיט דעם וועלכען איך וויל פון מיין געדאַנק פערטרייבען. ע ר קומט אונגעבעטענערהייד. ער בעזעצט זיך אין מיינע געהירן און צווינגט מיך וועגען איהם צו דענקען. אָבער איך וועל איהם מיט דער צייט פון זיך פערטרייבען און, קען זיין, אין גאַנצען פערגעסען . . .

קיינער וויים ניט וואו איך בין, קיינער אויסער רעי, און זי וועט קיינעם מיין אדרעס ניט אויסזאָגען. ס'איז ניט אין איהרע אינטערעסען ב. זאָל וויסען וואו מיך צו געפינען. זי האָט איהם נאָך ליעב . . .

---

איך האָב מיך אליין אין דער פרעמד פערשיקט. איך ריכט אָפּ גלות . . . איך מוז אין מיין צימער אויסוויינען צו זיין, כדי מיינע בעלי־הבתים זאָלען זיך צוגעוויינען מיך ניט צו געפינען ווען זיי דארפען אז אימיצער זאָל זיך צווישען זיי אריינלייגען מאַכען שלום. פאראיינס זיי ספּאָרען מיט די קינדער פאר ברייגגען אר־גומענטען געגען זייער פּאָטערלאַנד און אינטעליגענטסטוווע. יע־נע מיידעל, זאָגען זיי, איז געוועזן א נייטראַלע, פלעגט האַלטען גלייך פאר אַלעמען. איך וויל אויס צו זיין פּאַרטייאיש, וואָרים

איך וויל זיך גאָר ניט מישען. . . און וואוהין געה איך דאָס אוועק אין אָוועגד?

— אין לייברערי.

— איהר געהט אויף עפּעס? אויף וואָס געהט איהר?

— אויף די פּיס, — האָב איך מיט שפּאַס געענטפערט און ערנסט, כדי זיי זאָלען ניט פּעראיבעל האָבען, צוגעגעבען: — איך לערן מיך, אויב לעזען מיינט זיך לערנען צוליעב זיך, פאר זיך, אָהן צו קריגען דערפאר א דיפּלאָמע.

— אָה, איהר זייט, הייסט דאָס, האָט מיר די מיסיס ער־קלעהרט — פאר „סאמא אָבראזאָוואַניע."

— יא, דאָס איז פאר וואס איך בין.

— וואָס קומט דערפון ארויס, — האָט זיך דער מיסטער אָפּ־גערופען, (זיי זיינען ביידע, אין דער טהיר וואס צו זייער פראָנט־רום געשטאַנען) וואס מעהר מען לערנט זיך אַלץ ווייניגער וויים מען.

— איהר מיינט מסתמא, אַלץ מעהר וויים מען דאָס מען וויים ווייניג.

— איך מיין, — האָט זיך הינטער זיי, זייער טאָכטער בע־וויזען, — דאָס צופיעל לעזען איז ניט גוט. ספּעשעלי פאר מייד־לעך. זיי דארפען האָבען זייער מאינד אויף צו „סעטלען". א מאַן וויל ניט קיין מאָל האָבען א פילאָסאָפער. ער וויל א גוטע האוז קיפּער, — א הויז פרוי, און אזא מיט וועלכער ער זאָל זיך ניט דארפען שעהמען צו ווייזען פאר לייטען. א מיידעל דארף זיך וויסען ווי צו דרעסען, זי דארף קענען אונטערהאַלטען קאָמפּאַני און פיהרען א הויז. איז'נ'ט דהאט סאָ, מאָטהער?

מאָטהער האָט געענטפערט אז דאָס איז „דזשאָסט סאָ". דער פאטהער האָט זיך געקליבען צו געבען נאָך אַן אנדער מיינונג, זיינען די זיהן געקומען און זייערע אויסגעשרייען "מא", „פאָפ" און „סיס" האָבען זיי אַלעמען פון טהיר אוועקגענומען. איך האָב זי דאַן צוגעקייטעלט, ווארים זי פערשליסט זיך ניט און . . . און גאָר נישט. האָב אזו לאַנג זיך געפרעגט וואס הייסט לעבען ביז איך האָב זיך ניט געהאָט וואָס צו ענטפערען און האָב בע־

שלאָפען אַז דאָס בעסטע וואָס איך קען טהאָן איז, זיך לייגען און שלאָפען.

* * *

שוין וויפיעל מאָל ווי איך האָב בעמערקט אַן אונבעקאַנטען יונגען מאַן וואָס האָט מיך כסדר מיט זיינע בליקען פערפאָלגט און אַלץ ווי געקליבען זיך מיט מיר בעקאַנטשאַפט צו שליסען! איך האָב זיך דאָס געמאַכט ניט זעהענדיג. פאַר די לעצטע עט־ליכע אָווענדען האָב איך זיך שוין אַזוי געהאַט צוגעוואָהנט צו זיין נאָכקוקען מיר, אַז ווען ער קוקט ניט וואָלט מיר שוין ווי עפּעס געפעהלט . . .

מיר געפעלט צייטענווייז מען זאָל אויף מיר קוקען און מיי־נען, אַז איך זעה עס ניט... אָבער דעם'ס בליקען האָבען ביי מיר קיין בעזאָנדער אַנגענעהמען געפיהל ניט אַרויסגערופען. פער־קעהרט, עס האָט מיך אַזוי אויפגערעגט, געמאַכט אפילו צו זיין אין כעס. נאָר דער כעס איז פאַר מיר אויך געוועזען בעסער ווי גאָר נישט. איך פיהל ניט גוט ווען איך קען ניט פיהלען. אַ פּוֹלע פּוסטקייט מאַכט איינג מיין נשמה. איך מוז — אויב ניט האָבען וואָס צו ליעבען — האָבען וואָס פיינט צו האָבען, איך מוז האָבען ע פּ ע ס אויף וואָס כאָטש אַ טהייל פון מיינע גע־פיהלען צו פערברויכען. און דער יונגער מאַן איז ווי בעשאַפען געוואָרען, האָב איך מיר געטראַכט, אַז מען זאָל איהם ניט קענען פערטראַגען. איך האָב אויך געטראַכט אַז ווען מיר וואָלטען, דורך אַ וועלכען ניט איז צופאַל אָנהייבען ריידען איז די ערשטע זאַך וואָס איך וואָלט איהם געזאָגט וואָלט געווען:

„געהט וואַשט זיך איין".

עפּעס אַ מאָדנע בלאַטיגע הויט האָט ער, און אפשר איז דאָס אַזאַ „קאָמפּלעקשאָן"? ער איז הויך געוואַקסען, טראָגט די־קע אויגען־גלעזער אויף פערזשמורעטע, ווי ניט אויסגעשלאָפענע, קורצזיכטיגע אויגען. די האָר פון בלאָטיג־בלאָנדען פאַרב לאַנגע, גלייכע אין „אַרטיסטישער" אונאָרדנונג צוואָרפען. זיין אַראָפּ־קוקענדער נאָז און אַרויסגעטראָטענע אונטערשטע ליפּ, גיבען איהם צו אַן אויסדרוק פון נאַכלעסיגקייט, קאַפּריז, אָדער עקשנות. די קליידונג כמעט אָרים און שטאַרק אָבגעלאָזען.

איך האָב בעמערקט דאָס ער האָט זיך אין לייברערי גע־האַלטען נאָהענט צו די אבטהיילונגען פון קונסט און פילאָסאָפיע, איך האָב זיך מעהר געפונען ביי ליטעראַטור און פיקשאָן. מיט גרויס ווירדע האָבען זיינע בעגלעזערטע אויגען פון הינטער א ווי־סענשאַפטליכען בוך געקוקט צו מיר איך זאָל זעהן מיט וואָס ער פערנעהמט זיך און איך האָב מיך גאָר ניט וויסענדיג געמאַכט... דאַן פלעגט ער אָפט צו מ י י נ ע „שעלווס“ צוקומען, און ווי אויף טשיקאַוואָסט קוקען וואס דער „עולם“ נעהמט צום לעזען. ער איז אין דער לייברערי אַ שטענדיגער איינגעהער און האַלט זיך דאָרט היימיש. פון צייט צו צייט כאַפּט ער א שמועס מיט די לייברעריענס און מאַכט זיי צו געהן אויפזוכען פאַר איהם עפּעס א בוך וואס ס'איז ניטאַ. ער באַט זיך אָפט אָן צו געבען א ראטה צו די וועלכע ווייסען ניט אַליין וואס צו נעהמען. איך האָב געפיהלט אַז אַט, אַט און מיין שטונדע וועט שלאָגען, ער וועט צו מיר אָנהויבען ריידען.

און היינט איז דאָס געשעהן!

איך האָב אין א זייטיגען ווינקעל „קריעג און פריעדען“ פון טאָלסטאָי געלעזען. איך האָב עס שוין לאַנג אין רוסיש געלייענט און האָב נאָר געוואָלט זעהן ווי דאָס „קלינגט“ אין דער ענגלישער איבערזעצונג. דערווייל האָב איך זיך אזוי פארלעזען אז כ'האָב ניט בעמערקט ווי אימיצער איז צו מיר נאָהענט צוגעקומען. איך האָב עס אָבער דערפיהלט און די אויגען פון בוך אוועקגענומען. ד ע ר איז נעבען מיר געשטאַנען.

— ענטשולדיגט מיר, מיסס, — האָט ער מיט א שטימע וואס האָט געוואָלט זיין וויך און איז ארויסגעקומען סקריפּענדיג, שטיל געזאָגט: — איך... וויל איך וואָס פרעגען.

איך האָב איהם פראַגענד אָנגעקוקט.

— ערלויבט איהר מיר צו שטעלען אייך א פראַגע? קענט איהר איינע א מיידעל, ביי דעם נאָמען אַלטע, אַלטקע צי אַננאַ?

— נ י י ן.

— ווירקליך ניט? — האָט ער זיך מאָדנע פערוואונדערט.

— און מיר האָט זיך אויסגעדוכט דאָס איהר זייט איהרע א שוועסטער, אזוי עהנליך!

כ׳האָב אויסגעוואָרט ביז ער האָט זיך אָבגעוואַנדערט און צוריק אין בוך געגומען קוקען, ווען ער האָט מיך ווייטער געבעטען איך זאָל איהם ענטשולדיגען.

— ? —

— איהר קומט פון ... פּאַלעסטינא ?

— פון פּאַלעסטינא ? — האָב איך זיך שוין פערוואונדערט, בין קיינמאָל פון דאָרטען ניט געקומען.

— קומט איהר פון פּוילען און אז ניט איז פון דער ליטא ...

— נו, יא, פון ערגעץ קום איך ! ...

— איהר לעזט א סך, און אלץ ... ראָמאַנען ?

— איך דענק אז ... מען טאָר דאָ ניט ריידען ... ס׳איז א לייברערי. ס׳שטערט יענעם צו לעזען.

— שטיל ריידען מעג מען, — האָט ער געזאָגט און געגומען מיט א טאָן נידריגער, — מערקווירדיג וויפיעל מענשען זיינען געניינט צו לעזען אויסגעטראכטע זאכען, ווען אזוי פיעל אמת׳ן ווערען פערמיעדען, איגנאָרירט.

— די אויסגעטראכטע מוזען זיין שעהנערע פון די אמת׳ע, דאריבער —

— דאריבער איז וואָס ? דאַרף מען זיי פערבייגעהן, אויס־מיידען, ניט וויסען ? דערנאָך אז מען קומט אין צוזאמענשטויס מיט זיי פערליערט מען זיך. וויסענשאַפט — דאָס דאַרף זיין די גרונד אידעע, דער גרונד פּרינציפּ פאַר אלעם און פאַר אלעמען ! א מענש מוז זיך פריהער פון אלעם לערנען צו פערשטעהן דאָס לעבען. פערשטעהן איהם אין פולען זינן פון וואָרט קען מען נאָר דאַן, ווען מען שטודירט איהם און נ י ט פון בוך, נאָר פון לע־בען גופא !

ער האָט שוין געגומען מיט צוויי אָקטאַווען העכער, און, ווי עס האָט אויסגעוויזען, זיך געגומען ערשט צו נעהמען נאָך העכער. איך האָב זיך אונרוהיג ארומגעקוקט צו זעהן וואס פאַר אַן איינדרוק דער ניט גאָר שטילער טומעל מאַכט אויף די ארו־מיגע.

— איהר וואָרט דאָ פאַר וועמען ? — האָט ער מיך שוין ווי א בעקאַנטער געפרעגט. — פיעלע קומען אהער ניט צוליעב

לעזען, נאָר צוליעב „ראַנדעוואוס", ווי מען רופט עס ביי אייך.

— יא? און ווי רופט מען דאָס ביי אייך?

— ביי אונז, ביי אונז . . . וועל איך אייך בעסער ניט זאָגען ווי מען רופט עס. סיידען איהר וועט מיר צוזאָגען ניט זיין אויף מיר אין כעס, ווייל איך בין א מענש וואָס'ט האַלט אַנצורופען זאַכען ביי זייערע ריכטיגע נעמען. איך קוק פון וויסענשאַפטלי־כען, פון פילאָסאָפישען שטאַנדפונקט.

— אָה, — האָב איך געזאָגט, איהם געלאָזען קוקען פון וועל־כען שטאַנדפונקט ער וויל און זיך אויפגעהויבען פון מיין פּלאַץ אוועקצוגעהן.

— איהר געהט שוין אוועק?

— איהר זעהט דאָך.

— מעג איך אייך בעגלייטען? — האָט ער געפרעגט און זיך געלאָזט געהן נאָך מיר.

— ניט נויטיג. איך וואוין דאָ . . . ניט ווייט. — האָב איך זיך ענטזאגט, עפּעס אזוי ווי ווייט וואָלט ער מיך יאָ מעגען בעגלייטען.

— ס'מאַכט ניט. — איז ער אויף די נאָהענטקייט איינגע־גאַנגען. — איך בין שוין סיי ווי מיעד פון דעם זיצען אין לייב־רערי. — און ער איז מיר נאָכגעגאַנגען.

איך האָב געקלערט דאָס איך דאַרף איהם ניט לאָזען נאָך מיר נאָכגעהן, אז ער געפעלט מיר גאָר ניט. אָבער עפּעס איז אין זיין נאָכגעהן געווען וואָס האָט מיך אָהן אַרויסצואווייזען פּראָ־טעסט פאַראויסצוגעהן געשטויסען. איך האָב בעשלאָסען צו זיין אונפריינדליך צו איהם ווי מעגליך. ער מוז זיין, האָב איך גע־קלערט, איינער פון די איסט סייד'ער שטודירענדע נודניקעס און מ'דאַרף זיך פון איהם זעהן גיכער אָפּטשעפּען.

— וואוינט איהר דאָ טאַקע אויף דער איסט־סייד? — האָט ער מיר נאָכגעהענד געפרעגט, — און טאַקע אַרום „איסט בראָדוועיסקאַיאַ אוליצאַ?"

שפּאָט האָט זיך אין דער פראַגע געהערט און איך האָב אויף איהר ניט געענטפערט.

— אויפ'ן נעקסטען בלאָק קענט איהר מיר זאָגען „גוד־באַי" — האָב איך איהם אָנגעזאָגט.

— פאר וואס ניט ווייטער? איהר ווילט ניט איך זאָל זעהן וואו איהר וואוינט? איך וועל דאָך אָהן אייער איינלאַדונג צו אייך ביי ווי ניט ארויפקומען.

— גוד באַי, — האָב איך געזאָגט, ווען מיר זיינען שוין ביים נעקסטען בלאָק געווען, און געוואָלט אוועקגעהן, ווען ער איז מיר דעם וועג אפריהער פערלאפען.

„אזאַ פרעכהייט" — האָב איך געטראכט און איהם מיט אַ שטרענגען בליק פון אויבען ביז אראפּ אָפּגעמאָסטען. אָבער ער האָט זיך דערפון גאָר ניט פערלאָרען, ער איז נאָך דוקא מיט מעהר דרייסטע טריט הארט ביי מיין זייט געגומען שפּאַנען. איך האָב זיך געגרייט מיט איהם ביז'ן הויז צו געהן, און דאָרטען ניט זאָגענדיג קיין גוד באַי איהם לאָזען שטעהן און אוועקגעהן.

— איהר זייט זעהר אַן אינטערעסאנטע מיידעל, — האָט ער נאָכדענקענד געזאָגט. — ניטאָ אין אייך קיין שום צייכען פון פערלאַנג צו וועלען געפעלען ווערען. עס טרעפט מיר דאָס ערשטע מאָל צו טרעפען אזעלכע. מיט וואָס וואָלט איהר דאָס ערקלעהרען?

— דערמיט אז . . . איך זוך קיין מאָל ניט צו געפעלען ווע־רען אזעלכע וועלכע זיינען מיר ניט געפעלען . . .

— ווי אָפענהערציג איהר זייט! בין איך אייך ניט געפע־לען. פאר וואס?

— איהר בינדט זיך אָן צו א מענשען.

—ענטשולדיגט, דאָס הייסט שוין בעליידיגט.

— איהר בעט זיך אָן אויף בעליידיגונג.

— אָבער, אַלס אַ ליידי —

— אַ ליידי איז אַ מענש ווי —

— אַ ליידי איז פריהער פון אַלעם אַ ליידי. איך וואָלט מיר קיין מאָהל ניט ערלויבען צו מאכען בעקאַנטשאפט מיט אזא וואס וואָלט מיר ניט אויסזעהן אינטעליגענט גענוג דערפאַר. איך בין, מוז איך אייך זאָגען, א גענענדיגטער לאָיער און אַ דאָקטאָר מע־דיציני. בין אין צווייטען יאָהר קאלעדזש און האלט וויסענשאפט־

ליבע לעקטשורס. איך לערן זיך אויף א פרי סקאַלערשיפּ. דאָס קען אייך דיענען אלס בעווייז וואס פאר אן אויסגעצייכענטער סטודענט איך בין. אויב איך האָב מיך מיט אייך פעראינטערעסירט איז עס ניט ווייל איך וויל אייך יאָ אָדער ניט געפעלען. עס פערשטעהט זיך, אז ס'איז בעסער אז יאָ. נאָר ווייל איהר זייט מ י ר געפעלען, אַ זאַך וואס פּאסירט זעהר זעלטען, איך מיין אז אימיצער זאָל מ י ר געפעלען ווערען. איך קען נאָך אפילו געננוי ניט זאָגען וואס אין אייך איז אזעלכעס וואס האָט מיין אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען. געוויס ניט אייער שעהנקייט, ווארים איהר זענט גאָר ניט אַזוי שעהן. איהר זיינט, קען מען זאָגען, חנ'עוודיג, און . . . זעהר יונג זענט איהר שוין אויך ניט. אייערע אויגען זיינען פול מיט בעהאַלטענעם טרויער, און די ליפּען פּרעסט איהר אָפּט אזוי צוזאמען ווי איהר וואָלט א זיפץ ניט וועלען אַרויסלאָזען אז אַנדערע זאָלען איהם דערהערען. איהר זיינט צו שטאָלץ צו ווייזען זיך פאַר אַלעמען ווי אונגליקליך איהר זיינט. אָפּט, האָב איך בעמערקט ווי איהר קוקט אין א בוך און לעזט ניט. איהר געהט מיט די געדאנקען ערגעץ ווייט אוועק און דאַן קוקט האַס אדער ערביטערונג פון אייערע אויגען ארויס. איהר ווילט אויסמיידען צו זעהן מענשען כדי זיי זאָלען אייך ניט זעהן, און מאכט עס אזוי ווי דער האָהן וואס מאכט צו די אויגען ווען ער קרייעט כדי אנדערע זאָלען ניט הערען. איך וואָלט זעהר וועלען זעהן ווי איהר קוקט אוים ווען איהר לאַכט. איך שטעל מיר פאָר דאָס מיט'ן מויל, מיט די ליפּען לאכט איהר, אָבער אין די אויגען מוז זיין דער זעלבער טרויער... איז ביי אייך פּילייכט אימיצער געשטארבען? אויב יאָ, איז עס געוויס א זעהר, זעהר בעליעבטע פּערזאָן, פּילייכט א . . . געליעבטער? אָה, איהר דארפט ניט אַזוי אוועקקוקען, איך קען, ניט קוקענדיג אויף אייך, זאָגען וואס איהר פיהלט. איך קען די פּסיכאָלאָגיע פון מענשען ווי מיינע צוואנציג פינגער. אייער שטרענגקייט שרעקט מיך ניט אָפּ, איהר זענט דוקא זעהר א מילדע אין כאַראקטער און א . . . בויגזאמע. איהר זענט פעהיג צו זיין ווייך ווי וואַקס. איהר האָט נאָך, ווייזט אוים, ניט בעגעגענט אין לעבען דעם סקולפּטאָר, וועלכער זאָל פון אייך קענען מאַכען די

פיגור וואס ער זאָל וועלען. איך וואָלט אייך ווייזען דאָס אין בערלויף פון גאָר א קורצער צייט וואָלט איך אייער פולען צור־טרויען, פריינדשאפט און נאָך אפשר ליעבע אויך געוואונען.

איך האָב שפּאָטיש, בלויז מיט די ליפּען א שמייכעל געטהאָן. ער האָט עס בעמערקט.

— אמת, אייך גלויבט זיך דאָס ניט?

— ס׳איז איבריג צו גלויבען אין זאכען וואס געהען געגען איבערצייגונג — האָב איך איהם געענטפערט.

— מיט א ווייל צוריק האָט איהר מיר געזאָגט „גוד באַי" און אָט זייט איהר נאָך דעם געגאנגען און אויסגעהערט אלץ וואס כ׳האָב געזאָגט.

דאָס איז געווען אמת... איך בין אפילו מיין צימער פערביי־געגאנגען... ער איז אין דעם פאַל געווען גערעכט און איך האָב געטראכט וואס איך זאָל איהם איצט ענטפערען.

— איהר האָט מיך אויסגעהערט — האָט ער ניט ווארטענ־דיג אויף מיין ענטפער געזאָגט — ווייל איך האָב וועגען א י י ך גערעדט. איהר אינטערעסירט זיך מיט זיך זעהר שטארק. איהר זייט פון די וואָס ווערען ניט מיעד צו גריבלען זיך אין זייער אייגענער נשמה. איך האָב אייך, מיט דעם וואָס איך האָב גע־זאָגט, צוגעטראפען... און אויב עפּעס איז אייך פון דאָס געזאָגטע ניט געפעלען, וועט איהר עס אויך ניט זאָגען. איהר וועט עס פערשווייגען. אָבער, ביי זיך וועט איהר טראכטען אז דאָס איז אמת, און זיך וואונדערען פון וואנען איך וויים דאָס, ווי אזוי איך טרעף אלץ. האָב איך ניט געטראפען? טרעף איך ניט ריכ־טיג צום פונקט?

— איהר טרעפט ווי . . . א בלינדער פערד אין גרוב.

— דער פערגלייך איז אויסער וואס ניט עסטעטיש, אויך ניט קיין גלייבער.

— איהר רעדט אזוי פיעל, — אז ע פּ ע ס מוז אין דעם זיין אמת.

— אָה, איהר גיט צו אז איך וויים דעם אמת. איהר וועגען מיר וואָלט ניט פיעל געקענט זאָגען.

— איך מיין אז יאָ . . .

— אדרבה.

— איהר וועט אָבער אויף מיר שטארק, קען זיין פאראיבעל האָבען.

— ס'מאַכט ניט, רעדט.

— איהר, איהר זייט אַ מענש מיט . . . העזה, איך וואָלט אייער ארויסטריט ניט אָננעהמען פאר געוואגטקייט, נאָר פרעכהייט. איהר זוכט צו מאַכען אַן איינדרוק מיט . . . אייערע שלעכטע מאַניערען. איהר קאָקעטירט מיט די „אמת'ן" וועגען י ע נ ע ם, וועגען דער פערזאָן מיין איך, צו וועלכער איהר רעדט. איהר ווילט זיין אָריגינאַל, איבערראשען מיט אויסערגעוועהנליכען האַלטען זיך, ארויפצווינגען אייערע מיינונגען, אייער געזעלשאפט דוקא דערפאר וואס מען וויל עס ניט . . . ווען איהר זאָלט אנשטאַט צופיעל קוקען אויף אַנדערע זיך בעסער אויף זיך אומקוקען, וואָלט איהר אַ סך מעהר עסטעטישע פערגלייכונגען ארויסגערופען. איהר . . . וועל, איהר גלויבט ניט אין וואסער . . .

— וואס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין אז . . . איהר . . . האַלט ניט דערפון.

— איהר מיינט אז איך . . . וואַש מיך ניט?

— געטראָפען.

— אָבער פון וואנען נעהמט איהר דאָס?

— פון . . . אייער פנים.

— איך בין אָבגעברענט פון זון.

— אָה, אזוי פיעל, ביז, ביז אונטער די נעגעל?

— אָה, ס'איז גאָר נישט, — האָט ער אויף זיינע נעגעל אַ קוק געטהאָן און זיי גיך בעהאַלטען.

— ס'איז גאָרנישט. ס'בלאָטע. . .

ער האָט געשוויגען און איך האָב מיך בייז אין זיך געפרעהט. אָט האָב איך זיך מיט איהם דאָך אָפגערעכענט... און דוקא ווי מיט אַ חדר אינגעל! מיר האָט זיך שוין איצט געוואָלט הערען וואס ער וועט זאָגען, אָבער ער האָט זעהר געשיקט געשוויגען און מיר דערמיט געמאַכט אביסעל אונבעקוועם פיהלען. צי האָב איך מיט דער בלאָטע ניט צופיעל אמאָל זיין נשמה אָנגעריהרט?... אָבער עפּעס האָט מיך גערייצט ווייטער אזוי שלעכט צו זיין און

איך האָב איהם געזאָגט דאָס זיך ערגערן דערפון, שטארק די . . . בלאָטע צו הארצען נעהמען, איז ניט כדאי. אביסעל וואסער קען דאָס ריין וואשען....

— איהר ווייסט וואָס איך טראכט איצט? — האָט ער ווי ניט הערענדיג וואס איך רייד געזאָגט.

— איך . . . וואָלט עס טאקע וועלען וויסען . . .

— איהר . . . וועט מיך ליעבען.

— פאר וואס?

— אָט דערפאר טאקע וואס איהר האָט מיך איצט פיינט . . . געוועהנליכע, איינפאכע מענשען הויבען אָן פריהער צו ליעבען און דערנאָך האָבען זיי פיינט. איהר זיינט ניט קיין געוועהנליכע. איהר זענט א מאָדערנע, איהר הויבט אָן די ליעבע פון האס. דאָס הייסט, דעם סוף פון אָנהויב. איהר פיהלט אינסטינקטיוו דעם קאמפף וואס אייך שטעהט פאָר, און זיך צו בעשיצען, בעפאנ־צערט איהר זיך מיט האס . . . איהר ווילט זיך איצט, פאר אייער נידערלאגע אויף שפעטער, מיט מיר אָפּרעכענען.

איך האָב אויף איהם געקוקט ווי ער האָט גערעדט און מאָד־נע, איך האָב אין זיינע ווערטער א דראָהונג פאר אן אונפערמיי־דליכע געפאהר דערפיהלט. ווי קען דאָס א מענש אין אזא זיכערען טאָן אזעלכע ווערטער ריידען, וואס איז דאָס פאר א סוביעקט אזא?

— גוד באי, — האָט ער זיך פאר מיר פּלוצלונג פערנייגט און איז, וואָלט איך קענען זאָגען, נ י ט געוואָרען. איך האָב איהם מיט מאכטלאָזען צאָרן ניט זעהענדיג נאָכגעקוקט. א י ך האָב בעדארפט זיין די ערשטע איהם איבערצולאָזען. אויב איך וואָלט אין אן אנדער פאל אויסמיידען צו געהן אין דער לייב־רערי, וועל איך שוין אָבער איצט געווים געהן איהם פאר דער בעליידיגונג מיט בעליידיגונג אָפּצאָהלען. ווי וואגט ער מיט מיר זיך אזוי צו בענעהמען? — —

* * *

רעי איז ביי מיר געוועזן. דעם ערשטען מאָל צייט איך האָב מיך אין דעם צימער אריינגעצויגען און דאָס איז שוין, ווי זי אליין זאָגט: אן אייביגקייט. אָבער, זי האָט פריהער ניט געקענט

קומען. זי האָט זיך אָבגעזאָגט, זאָגט זי, פון איהרע אלטע בע־קענטע און געוואונטע זוכען נייע. צוגויפליגען די הענד און ווארטען ביז גאָט וועט אימיצען פון הימעל אראָפּוואַרפען איז, זאָגט זי, ניט אין א י ה ר גייסט. אז מען זוכט — געפינט מען, און, זי האָט טאַקי געפונען א מענשען.

— אן אמת'ן מענשען? — האָב איך זי מיט שפּאַס און געמאַכטע פערוואונדערונג געפרעגט.

— יא, א מענש, אן אמת'ער מענש, נאָר ניט קיין „גע־ענדיגטער".

— אָה, וואס געהט ער זיין?

— אן אינזשיניר. מיר האָבען זיך צו א „געבורטה קאָנ־טראָל" לעקטשור בעקענט און פון ערשטען קוק פערליעבט. די צרה איז אָבער וואס מען קען ביי ליעבע ניט בלייבען, מ'מוז דאָך חתונה האָבען, און דאָ ליגט דער הונד בעגראָבען... ער האָט נאָך דריי יאהר צו ענדיגען. ער האָט שפּעט אָנגעהויבען לערנען. נו, דריי יאהר איהם העלפען שטודירען, עס קען אויסגעהן די נשמה ווארטענדיג, נעהמען זיך איצט ערציהען פאר זיך א מענשען.

— וויל ער איצט חתונה האָבען?

— וועלל, אז איך זאָל עס וועלען — —

— האָט איהר איהם זעהר ליעב?

— אך, וואס מיר ליעב, ווער מיר ליעב! — האָט רעי מיט'ן האנד אוועקגעמאַכט. — אונזער ליעבע געהט דאָס רוב אוועק פאר די וואס — — ליעבען אנדערע . . . ער געפעלט מיר. איך וואָלט מיט איהם קענען, דאכט מיר, דורכקומען. אָבער, דער ווארטען! דערצו טרעפט אז מ'ווארט, מ'ווארט און צום סוף קומט ארויס אז ווען ער ע נ ד י ג ט ווערט מען שוין ניט קיין ג ל י י כ ע מענשען. איהם הויבען ערשט דאן אָן צו געפעלען אנדערע און — — ס'איז גרויסע צרות?

— איז ער זעהר יונג?

— אינגער פון מיר. אלזאָ בין איך מיט איהם ניט זיכער, אויב ער וועט ווי איך, קענען אזא לאנגע ליעבע אויסהאלטען.

— זיכער איז מען דאָך ניט מיט'ן גאַנצען לעבען!

— געוויס ניט, אָבער דאָך ווילט זיך דאָס ביסעל וואס מען

לעבט, זיך וויפיעל ניט איז איינאָרדנען, און אז מען נעהמט צווייפלען האָט מען מורא צו ליעבען.

— ליעבע איז שטארקער פון דער מורא. קיין אינשורענס פּאָליסי — האָב איך מיט בעדויערען געשמייכעלט — קען מען אויף דעם ניט ארויסנעהמען. מען דארף ריזיקירען.

— יא, ריזיקירען, ריזיקירען, — האָט רעי מיט צווייפעל אָן דער ריזיקע געזאָגט, — אזוי איז דאָס שוין, קומט עפּעס רעכטעס, טויג עס ניט.

זי איז ביי מיר א צייט געזעסען, דערמאָהנט ב., ער איז, האָט זי געזאָגט, פאר דער לעצטער צייט נאָהענט געווארען מיט קאטיא'ן. א. האָט זי פון זיך א פּוהר מיט א גלעקעל געגעבען, איז זי צו ב. איבערגעגאנגען, און זי, רעי, האָט עס פון איהר אזוי פיעל געהאלטען! מילא, ס'טרעפט מען מאכט א טעות אין א מענשען, און וואָלט זשע דאָס געווען א מענש, איז דאָס א גאָר נישט, געהט איבער פון איינעם צום אנדערען.

— האָט זי דען א. ניט געליעבט?

— געליעבט! וואס פאר א קינד איהר זייט! — האָט רעי אויסגערופען, — אלץ הייסט ביי אייך ליעבע. ער האָט אויסגענוצט א געלעגענהייט, דאָס אלעס. איצט איז ער פערנומען מיט אָן אנדערער, דער קאטיא'ס א בעקענטע. אזא'ן „אויסנאהם" ווי די, אביסעלע א שטילערע.

איך האָב געפיהלט ווי מיין הארץ האָט א פער'חלש'טע זיך געוואָלט אָפּזאָגען מעהרער צו קלאפּען. א נאָגענדער שארפער וועהטאָג האָט זיך אין איהר ווי איינגעשטאָכען. דער צימער האָט זיך פאר מיינע אויגען א וויעגל געטהאָן.? איך האָב זיך דאָך בעהערשט און זיך פאר רעי ניט ארויסגעגעבען. א געפיהל פאר ראכע האָט מיך בעהערשט. זיך אָפּרעכענען מיט א. דורך דער „ליעבע" מיט אָן אנדערען. גוט ארומוואשען דעם אנדערטהאלבען מאָל געגענדיגטען לייבערערי־בעקאנטעו און לאָזען א. גלויבען דאָס איך ליעב איהם. זיין אייגען־ליעבע וואָלט דערביי געווים ליידען, ער וואָלט זיך וואונדערן און ערגערן וואס איך בין אין אָן אנדערען, אויסער איהם, אזוי שטארק פערליעבט. און מיט דעם פערכען קערל וועל איך זיך דערווייל אויף אָברעכענען. איך וועל

איהם אויסנוצען פאר א נקמה צוועק און דערנאך איבערלאזען מיט גאר נישט. זאל ער וויסען ווי צו זיין זיכער אין ליעבע צו איהם. זאל ער!

היינט האב איך צוליעב רעי אין לייברערי ניט געקענט זיין. מארגען וועל איך אבער יא זיין און אנהויבען אין דער צווייפאכער שפיעל א ראלע צו שפיעלען. מיינע נערוועס זיינען צופיעל צורייצט איך זאל אזוי פאסיוו צו אלעס זיך קענען פערהאלטען, איך מוז, איך מוז עפעס טהאן כדי איך זאל.... ווייניגער וועגען א י ה ם, וועגען דעם אייביגען א. טראכטען. איך ליעב איהם, אבער איך האס די געדאנקען וועגען איהם, זיי טהוען מיר אזוי וועה....

מיין קאפ איז איצט ווי אויף פייער. אין די אויערען זיי־נען מיר רעי'ס ווערטער פערבליבען, „אביסעל א שטילערע“... א. האט פיינט דאס וואולגארע, דאס שרייענדע, ער האט ליעב די שטילערע . . . ער וועט זי, קען זיין, אזוי לאנג ליעבען ביז . . . ער וועט בעשליסען זיין צוקונפט מיט איהרע פעראייניגען. און איך? — — — — — — — — — — — — —

וואס וועט מיט מיר זיין?

— — — — — — — — — — — — — —

* * *

איך האב א פארגעפיהל פאר עפעס א גרויסע געפאהר און איך ווארט אז דאס זאל קומען. ווייל איך זי גיכער איבערקומען? ווייל איך נייע צרות כדי דורך זיי די אלטע קענען פערגעסען? איך ווייס ניט; איך פיהל נאר, אז וואס מעהר שלעכטעס איך ערווארט, אלץ מעהר מוטה קריעג איך זיך געגען דאס שלעכטע צו שטעלען.

האב איהם ווייטער אין לייברערי געטראפען. איצט ווייס איך שוין זיין נאמען. גאל... גרשון גאלקין, האט ער געזאגט איז דער ריכטיגער נאמען, נאך דער מאמע'ס צד. ער האט דעם „קין“ אראפגענומען, ס'זאל זיין גרינגער אויסצוריידען, און ס'זאל קלינגען מעהר אמעריקאניש.

— און ווי רופט ער זיך נאכ'ן טאטען נאך? — האב איך געפרעגט, — ער האט דאך זיכער געהאט א טאטען.

— זיכער, זיכער. — האט ער צוגעגעבען, — אבער, מען איז אלע מאל זיכערער מיט דער מאמען... האט איהר געלעזען דעם „פא־

טער" פון סטרינדבערג? קיין פאַטער קען ניט זיין זיכער, ד. ה. ער קען ניט אויף זיכער זאָגען אויב דאָס איז ז י י ן קינד, ווען די מוטער ווייס אויף בעשטימט אז זי איז די מוטער. איך וואָלט געווען פאַר דעם אז מען זאָל איינפיהרען מ א ט ר י א ר כ א ט; די קינדער זאָלען געהן נאָך דער מוטער'ס ליניע, אין א י ה ר נאָמען. דאַן אויך וואָלט ניט געווען אזוי פיעל זאָרג מיט אונגעזעצליכע קינדער. עס וואָלט דאָס וואָרט א ו נ ג ע ז ע צ ל י כ ע אָבּ־געשאַפט געוואָרען. יעדער מוטער וואָלט האָבען א רעכט צו האָבען א קינד אָהן א מאַן —

— און דער מאַן וואָלט זיך לייכט קענען בעפרייען פון דעם יאָך צו זאָרגען פאַר א פאַמיליע.

— אויך אמת, און דאָס וואָלט געווען ניט מעהר ווי רעכט, פאַר וואָס זאָל דער מאַן זיין גאַנצען לעבען מוזען ווידמענען פאַר אנדערע, נעהמענדיג בלויז מינוטען פאַר דעם. ס'איז ניט ריכטיג. דער מאַן דאַרף זיין פריי, פריי אין אלע הינזיכטען צו שאַפען. די פרוי איז ניט בעשאַפען צו זיין אזוי פריי. די נאַטור אליין האָט זי פערשקלאַפט צו איהר פרויענשאַפט וואָס געהט אוועק אין גאַנצען אויף מוטערשאַפט.

— איז ווי רופט מען אייך? נאָכ'ן טאַטענ'ס נאָמען? — האָב איך, צו געבען די רייד אַן אנדער ווענדונג, געפרעגט.

— א מיאוסער נאָמען, מאָרס. ס'מיינט אין לעטיין טויט, דער גאָט פון טויט, איך האָס אלץ וואָס איז מיט טויט פערבונדען. איך אנערקען דאָס לעבען. כל זמן מען לעבט דאַרף מען לעבען.

— אָבער גאל איז ביטער.

— ניט אין ענגליש. דזשאָרדזש גאל קלינגט זעהר פיין. דזשי, דזשי, א סך מענשען, האָט איהר בעמערקט, זאָגען „אָה, דזשי!"

— דאָס זאָגען, דאַכט זיך, די איירישע.

— וואָס איז דער אונטערשיעד? אבי מען זאָגט. און ס'איז זעהר איינגענעהם צו האָבען א נאָמען וועלכען מען רופט אויס ווי מען דאַרף זיך ווענדען צו גאָט.

ער האָט זיך צו ריידען איבער גאָט גענומען און איך האָב איהם דערווייל בעטראַכט. ער איז שוין ניט געווען אזוי בלאַטיג

ווי — — געוועז. מיינע ווערטער האָבען ה. ד. געהאַט אַ ווירקונג. עס האָט זיך אַפילו געלאָזט בעמערקען אַ געוויסע אויסערגעוויינ־ליכע אויפריכטיגקייט אין בעציהונג צו זיין אַנצוג. קיין קנעפּלעך האָבע שוין ניט געפעלט. דער קאָלער איז געווען אַ פּאַפּירענער צו אַ גומענער, אָבער... ווייסער. און דער פּנים... ווי ער וואָלט איהם געגעבען אַ מאַסאַזש. דונקעל, אָבער, גלאַטער, ריינער. מיר זיינען געשטאַנען אין האָל פון לייבערערי ביים אריינגאַנג און ער האָט זיך ערעל בעזייטיגט ווען אַנדערע האָבען בעדאַרפט דורכגעהן. ער האָט, ווי עס האָט אויסגעזעהן, בעשלאָסען צו בייטען מיט מיר דעם טאָן. ניט זוכען מיך צו איבערראַשען מיט פּלוצלינגע ארויסגעזאָגטע ש ט אַ ר ק ע זאַכען, ניט נעהמען אויף זיכער", נאָר רוהיג גלאַסען.

— איך האָב ניט פיעל צייט — האָט ער קוקענדיג אויף זיין אינגערסאָל זייגער געזאָגט. איז אויב איהר וואָלט צו מיר געוואָלט זיין אַזוי גוט, וואָלט איהר מיט מיר מיטגעגאַנגען צו דורכגעהן זיך אַביסעל, ווייל דאָ שטעהן איז ניט בעקוועם און דערנאָך, וועט מיר אויסקומען אַ סך צו זיצען, וואָלט ניט מעהר ווי רעכט געווען צו „נעהמען אַ וואָק".

איך האָב צוגעשטימט, סאַי ווי וואָלט איך די צייט אויף בע־סערס ניט געקענט פערברייינגען. און מיט איהם איז היינט גאָר ניט מיאוס געווען צו געהן אין סטריט. ער האָט אויסגעזעהן גאַנץ אַנציהענד און אינטעליגענט.

— מיר וועלען געהן וואו עס איז שטילער — האָט ער אָראָב־געהענדיג די טרעפּען געזאָגט, — וועלען מיר קענען ריידען אויך.

— זאָל זיין וואו ס'איז שטילער. — מיר זיינען אַ צייט, אַ לאַנגע צייט, ארומגעגאַנגען. ער האָט גאָר פערגעסען וואָס ער האָט ניט פיעל צייט געהאַט. זיין אינגערסאָל איז אַן איגנאָריר־טער אין זיין פּאַקעט געלעגען און ער איז מיט זיינע רייד אָנגע־גאַנגען, ארויסווייזענדיג אַ שטאַרקע קראַפט אין אָראַטאָרי און אין זיין פיעל בעלעזען. נאָך אַלעמען האָט מען פון זיינע רייד געקענט עפּעס לערנען. ער ערקלעהרט גוט זאַכען, ד. ה., צוגעבענדיג זיי זיין אייגענע בעלייכטונג און בעדייטונג.

— האָט איהר זיך געפיהלט בעליידיגט — האָט ער מיך

פאַר'ן פאַנאַנדערגעהן זיך געפּרעגט, — ווען איך האָב אייך דאָן אַזוי פלוצלינג מיט אַ „גוד באַי" איבערגעלאָזען.

— אָה, ניין! — האָב איך אויסגערופען, — דאָס איז דאָך געווען דאָס בעסטע וואָס איהר האָט דאַן געטהאָן...

— דאָס בעסטע, האָט איהר פּילייכט געטראַכט, וואָלט געווען איך זאָל גאָר צו אייך ניט צוגעהן. איהר האָט זיך געקלעהרט: וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש אַזאַ, עפּעס אַ נודניק האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר כאָטש נעהם און רוף צו איהם אַ פּאָליסמאַן, אמת?

— אמת.

— אַזוי פיעל טראַכט איהר וועגען מיר איצט אויך?

— איצט... ניט אַזוי פיעל.

— איצט בין איך אייך ניט אַזוי איבערדריסיג ווי דאַן?

— ניט אַזוי.

— דאָס פרעהט מיך. איך האָב מיך זעהר געערגערט איבער מיין דאַמאָלסדיגע האַנדלונג. צו דער ערשטער בעקאַנטשאַפט אַזוי רײדען ווי איך האָב גערעדט — דאָס האָט געמוזט אַ שלעכ־טען איינדרוק מאַכען און אַ ניט גינסטיגען מיינונג וועגען מיר בעשאַפען. איצט האָף איך זיך פון שלעכטען מיינונג אויסצוקויי־פען ביי גוטע טהאַטען. און ווייסט איהר פאַר וועמען?

— ...פאַר דער... מענשהייט? — —

— ניין, דוקא פאַר אייך. איך מוז אייך געבען וואָס אייך פעהלט.

— וואָס פעהלט מיר דען?

— ענגליש. אַ גוטען ענגליש. אייער ענגליש איז ניט שלעכט, אָבער צו אָרעם. איהר בעזיצט ניט גענוג ווערטער צו קענען זיך אין גאַנצען אַרויסזאָגען.

— איך וויל זיך ניט אין גאַנצען אַרויסזאָגען, און אַז איך זאָל וועלען, קען איך דאָס אין אידיש.

— אידיש איז ניט קיין שפּראַך. אין אידיש האָט איהר אַ געמישעכטס פון אַזוי פיעל שפּראַכען.

— איז אידיש ניט איין שפּראַך, נאָך בעסער: וועל איך מיר אין אַ סך שפּראַכען אַרויסזאָגען.

— איך פעהלט א לעהרער.
— שוין ניט ענגליש, נאָר א לעהרער...
— ער זאָל סיסטעמאַטיזירען וואָס איהר קענט.
— ווילט איהר מיר געבען אַ לעהרער.
— איך וועל עס אַליין זיין.
— וויפיעל נעהמט איהר פאר א לעסאָן?
— ביי אייך — גאָרנישט.
— פאַר וואָס קומט עס מיר?
— אזוי. איך וויל אזוי.
— אָבער, איך וויל ניט. צייט איז געלד, און איך וויל קיין געלד ביי קיינעם ניט פערנעהמען. זאָגט א פרייז.
— 50 סענט אַ שטונדע. שוין, גוט? ביי אַנדערע נעהם איך א דאָלאַר.
— מיט א גאַנצען האַלבען דאָלאַר ווייניגער ביי מיר?
— נו, זאָל זיין 75 סענט. איך וועל אייך דערפאַר ברייננען קענדי.
— כ'עס ניט קיין קענדי.
— וועל איך אייך ברייננען א בלום, וועל איך אייך אביסעל מעהר צייט געבען. איהר וועט שוין אויסשלאָגען דעם קוואָדער מיט פראָצענט. איהר וועט צו מיר גאָרניט צולייגען. איהר וועט האָבען אייער געלד'ס ווערטה.

ווי א מארק אידענע האָט ער זיך צורעדט און שוין באַלד אין גאַנצען גע'פטור'ט דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט. ער האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט אַז ער איז אַראָפּ פון וועג. און זיך צוריק אויף זיין פערדעל, זיין וויסענשאַפט ארויפגעכאַפּט און, מיך דערמיט אָן איבריגע האַלבע שטונדע ביים טהיר פונ'ם הויז וואו עס געפינט זיך מיין צימער — אָבגעהאַלטען.

* * *

ווען איך האָב אויף דער מיסעס' פראַגע, ווער קומט עס צו מיר אריין, געזאָגט, אז א לעהרער — האָט זיך א פעטער שמייכער אויף איהרע ליפּען בעוויזען און זי האָט מיט א פינטעל פון אויג צוגע־וואונקען:

— מיר ווייסען שוין די לעהרער. וואָס טויג אייך נאָך ענגליש?

— האָט דער מיסטער, וואס איז דערביי געזעסען, געפרעגט. דאָס איז געווען אין דער־פריה, ווען איך בין זיך אין הויז אריין איינוואַ־שען.ביידע האָבען זיי אויסגעקוקט אַפּגעלאָזען און צושוואומען. אָבער אויף זיך האָבען זיי עס ניט געזעהן, נאָר אויף מיר קוקענדיג האָבען זיי געזאָגט, דאָס איך קוק אוים צו זיין ניט אויסגעשלאָפען, אַזוי שפּעט געזעסען.

— וויפיעל שטונדען גיט ער אייך?... — האָט זיך די מי־סעס געפרעגט.

— וואָס געהט עס דיר אָן? — האָט דער מיסטער פאַר מיר געענטפערט. — ער גיט וויפיעל ער וויל. דו לייגסט צו איהם גאָרנישט ניט צו...

— ער נעהמט ביי אייך געלד דערפאַר, אדער ער צאָהלט נאָך אייך צו? — האָט זי מיך לאַבענדיג געפרעגט.

איך האָב אַ טראַכט געטאָהן, אַז אויב איך זאָל זי נעהמען ערנסט דאַרף איך זיך מיט איהר קריעגען. דאָס האָט זיך מיר, צוליעב מיין אייגענעם כבוד וועגען ניט געוואָלט, און האָב איהר און איהר מאַן געענטפערט, אַז מיר קומען שוין דורך.

— גאָר אָהן פערמיטלער?

— אָהן.

— דער בחור איז אין אייך פערליעבט, האָט זי געזאָגט. און איהר נעהמט ביי איהם לעסאָנס. גיט א י ה ם אַ לעסאָן!..

— זאָל ער מיט אייך חתונה האָבען, — האָט זיך דער מיסטער אָבגערופען. אַז איהר ווילט, וועל איך זיך אין דער זאַך אריינמישען און אויספיהרען אַ שידוך. אַ מיידעל איז אַמאָל גע־גליכען צו אַן אָקס, ס'האָט אַ לאַנגען צונג און ס'קען ניט ריידען...

כ'האָב געלאַכט פון זיין חכמה און איהם האָט עס הנאה געטהאָן. זיי האָבען זיך מיט מיר זעהר היימיש דערפיהלט, וואס איך האָב זיי צו זיך אַזוי געלאָזט ריידען. און איך, איך... קען ניט פערשטעהן פאַר וואָס איך לאָז זיי צו מיר אַזוי ריידען. פיהל איך זיך אין עפּעס שולדיג? איך האָב דאָך קיין פערברעכען ניט בע־גאַנגען. אפשר פיהל איך זיך שוין שולדיג אויף שפּעטער? איך זעה, עס געהט צו עפּעס וואו איך וועל אַ סך כוחות דאַרפען אָנ־ווענדען אַ גרויסען קאַמפּף דורכצומאַכען. מיין גלייכגילטיגקייט

צו זיך קען אמאל ברייננגען דערצו איך זאל מיך פון איינעם, ווע־מען איך האב גאר ניט ליעב, לאזען נעהמען...

שוין דריי לעסאנס האט ער מיר געגעבען. און איך מוז אלעס וואס איך האב וועגען ענגליש געלערנט פערגעסען, ווען איך דער־מאן מיך, וואס ער האט צו מיר פון ל ע ב ע ן גערעדט. ווי ניט איינפערשטאנען איך זאל מיט איהם זיין, מוז איך צוגעבען דאס ס'איז א סך, א סך אמת פאראן אין דעם, וואס ער זאגט ארויס. און דעם אמת צו הערען איז — וועגען זיך — אזוי ביטער, אזוי ביטער...

ער זאגט מיר אז מיין לעבען און הייסט מיר דעריבער אריינ־כאפען אזוי פיעל לעבען, וויפיעל עס איז נאר מעגליך, — מען קען לעבען ניט לעבענדיג, אבער, ער זעהט ניט איין פאר וואס איך זאל שוין ניט קענען לעבען.

איך קוק אויף איהם, ווען ער רעדט, און טראכט: איז ער צו מיר פון בייזען שיקזאל געשיקט געווארען צו זאגען דעם אמת און מיך נאך דערמיט א ווייליע צום לעבען ברייננגען, אדער איז ער געקומען מיך אין זיין נעץ פערנארען?...

· ווער איז ער? וואס איז ער? און פארוואס היים איך איהם פון זיך ניט געהן? בין איך שוין ווירקליך אזוי עלענד, אז דאס, וואס איך האב פיינט איז מיר... ליעב? בין איך מיר אליין א שונא וואס איך זוך אויף די בעדייטונג פון געוויסע ווערטער זיך ניט ווייסענדיג מאכען? אדער וויל איך איהם מאכען גלויבען, דאס איך גלויב אין אלץ, וואס ער זאגט מיר, כדי ער זאל נאך מעהר צו מיר אזוי ריידען און דערמיט פערטרייבען די שאטענס פון עלענד אויף די ווענט פון מיין צימער. איך גלויב ניט אפט קיין 99 ווערטער פון הונדערט, וואס ער זאגט מיר, און דאך לאז איך איהם צו מיר ריידען. איך דריק דעם ווערטאג צו מיין האר־צען, ווי א מ א מ ע א קראנקע קינד צום ברוסט — וואס ווערט ארויסגערופען איבער ליעבע, וועלכע ס'איז ניטא צו וועמען אויס־צולאזען...

ווען א. וואלט צו מיר אזוי גערעדט! גאט מיינער, ווי גליק־ליך איך וואלט געווען! וואלט אפילו דעם ג. ג.'ס גאנצע ווייסענ־

שאַפט זיין דאַגעגען! און דאַ, — דאַ וואַלגערט זיך אַ מענש אין שטויב פאַר מיינע פיס מיט גאַנצע פעק ווּיסענשאַפט, וואָס האָט געגעבען אַ בערעכטיגונג אויף אַלעם וואָס אַ מענש, וואָס צ ו ו י י מענשען ווילען טהאָן, און איך, ווי אַ פערשטיינערטע הער זיך צו אָהן גייסט, אָהן נשמה, און זאָג מיך אָפּ...

— איך וועל ניט מיעד ווערען ערקלעהרענדיג, — האָט ג. ג. געזאָגט — וואָס מיר זיינען און צו וואָס מיר זיינען אין לעבען בעשאַפען, ביז איהר וועט מיך פערשטעהען און קומענדיג צו מיין שטאַנדפונקט זאָגען:

„דאָ בין איך. אין גאַנצען פאַר היינט. קיינע פאַרבערייטונגען פאַר'ן מאָרגען. אַנאַרכיע, פולע אַנאַרכיע זאָל הערשען דאָ, וואו עס האָט ביז ערשט די פינסטערע רעאַקציאָן געוועלטיגט. מיין יונגער קערפּער האָט שוין גענוג איבער מיין א ל ט ע ן גייסט געליטען. לאָמיך מיך פון זיך אָפּטיילען, אָדער זאָל מיין גייסט איצט נאָכפאָלגען דעם קערפּער וואוהין, ווי די ווּיסענשאַפט בעהויפּטעט, ער מוז געהן".

— נאַרישקייטען, איך וועל דאָס קיינמאָל ניט זאָגען. — האָב איך סקעפּטיש אַרויסגעזאָגט.

— איהר וועט עס י אָ זאָגען, — האָט ער מיט מאָדנע זיכערהייט, וואָס לאָזט זיך ניט ווידערשפּרעכען, געזאָגט. איהר וועט מ ו ז ע ן זאָגען.

— פאַר וואָס מוזען?

— די ווּיסענשאַפט זאָגט —

— זאָל זיך זאָגען די ווּיסענשאַפט, וואָס זי וויל. ווי איך ווייס ניט פון איהר, אַזוי וועט זי מיר ניט שאַטען...

אַזוי, אין אַזעלכע רייד הייבען זיך אָן און ס'ענדיגען זיך די „לעסאָנס". די מיסעס, וועמעס אויער ליעגט אָפט ביים טהיר, מ ו ז אויב ניט אין גאַנצען, איז אַ טייל פון דעם „לערנען" הערען, און דאָס איז פאַר וואָס זי צווינגט זיך ניט מיט מיר טאַקטישער צו זיין...

דער מיסטער זוכט מיט מיר צו פערברייינגען. ער האַלט עס פאַר אַ חוב צו דערצעהלען וועגען זיין „אָפּיט", ערפאַהרונגען, וואָס ער האָט אין לעבען, כדי אַנדערע זאָלען דערפון קענען לערנען.

דער טאָכטער'ס „דזשענטעלמען פרענד" בין איך ניט גע־פעלען. ס'איז ביי מיר ניטאָ די שעהנקייט, וואָס ער „גלייכט". ער גלייכט „אַ פּיטש", אַ לעבעדיגעס, און איך בין עפּעס אַ בלאַסע, אַ — פערכמורעטע. און גוט וואָס ער גלייכט מיר ניט, אַזוי וואָלט איך פון איהם אויך עפּעס דאַרפען לערנען.

נעכטען האָט די טאָכטער מיט שוים אויף די ליפען גערעדט וועגען די לאַנג האָריגע „אינטעליגענטען": אַלעס וואָס זיי האָ־בען ליעב איז צו פיהרען ליעבע. חתונה האָבען, זאָגען זיי, זאָל אימיצער אַנדערש.

* * *

איך האָב בעשלאָסען אויפצוגעבען די לעסאָנס. איך קען דורך זיי מעהר פערגעסען וואָס איך קען, ווי לערנען. און צו וואָס דאַרף איך דאָס ווערען „די רייד פון דער הויז"? אַלע קוקען אויף די לע־סאָנס ניט מעהר ווי אויף אַ שירמע הינטער וועלכע אַ „ליעבע" וויל זיך בעהאַלטען. איך וואָלט געגאַנגען געגען אַלעמען ווען דער איינער וואָלט מיר געווען צום הארצען. מיין הארץ אָבער קלאַפּט פאַר איהם ניט. ניין, ניט פאַר איהם, ער אַפּעלירט אַבי־סעל צו מיין געדאַנק. ניט מעהר.

איך האָב איהם געזאָגט דאָס מיר מעגען אויפגעבען דאָס לערנען זיך, און ער האָט געענטפערט דאָס ער האָט עס ערוואַר־טעט. ער וויל גאָר ניט זיין מיין לעהרער, ער וויל בעסער זיין מיין גאַסט, מיין פריינד.

איך האָב אָנגענומען זיין פריינדשאַפט אויף אַ שטונדע, צוויי אַמאָל, און דאָס אויך ניט אויף אין צימער, נאָר אין גאַס.

— קאַלטע פריינדשאַפט — האָט ער, מיך מיט זיינע בע־גלעזעלטע אויגען פערדריסליך אָנקוקענדיג, געזאָגט.

— וועל, ס'אַלעס וואָס מיר פערמאָגען.

— ניין, איהר פערמאָגט מעהר דערפון, נאָר איהר... ווילט ניט געבען. פון וואנען אַזאַ קאַרגשאַפט?

— פון... געבאָרען...

ער האָט אַ צייט געשוויגען. ער האָט מיר גענומען בעווייזען פאַקטיש, דאָס מיט אַזאַ קאַרגשאַפט אויף וואָרימקייט, ווערט מען ניט געבאָרען. די פאַקטען האָט ער גענומען פון זיך און פון

אַ סך פון זיינע אייגענע. זיי האָבען אין זיך ענטוויקעלט מיט'ן גאַנג פונ'ם לעבען צו זיין קארג און ניט נאָכגעבען דאָס וואָס ס'ווילען אנדערע. וויסענשאפטליך איז עס אבסאָלוט ניט בע־גרינדעט. ווען איך זאָל מיר נאָר הייסען זיין אנדערש ווי איך בין, וועל איך ז י י ן אנדערש.

— איך האָב מיר שוין וויפיעל מאָל געהייסען און... איך וויל מיר ניט פּאָלגען... וואָס זאָל איך טאָהן? זיך אָנשלאָגען דער־פּאַר? איך קען מיך ניט צווינגען צו זיין — ערגער ווי איך בין.

— אָה, ס'איז ווייל איהר רופט עס ערגער.

— און איהר רופט עס בעסער.

— געוויס בעסער.

— זאָל זיין בעסער. קען ניט זיין בעסער ווי איך בין.

— איהר ווילט ניט זיין בעסער.

— אפשר וויל איך טאַקע ניט.

— פאַר וואָס ניט?

— אפשר האָב איך מורא, אז פון דעם בעסער וועט זיך אויס־לאָזען ערגער. פון אייערע רייד, פאַר דער צייט וואָס מיר קענען זיך, (און גערעדט האָט איהר, מ'מוז צוגעבען, אַ היבש ביסעל), האָב איך ארויסגענומען אז... אַ פרוי מוז זיך אויפגעבען, איהר גאַנצען „איך" דאַרף בעלאַנגען צום מאַן. איהר ווילען דאַרף... וואָס? — שוין פערגעסען.

— דאַרף זיך זעהן אונטערצוגעבען זיין ווילען, זיינע פער־לאַנגען און דאַן ערשט וועט זי זיין גליקליך.

— זעהט איהר, און איך בין אַזאַ וואָס קען אָהן דעם אייגע־נעם ווילען ניט אויסקומען. איצט, למשל, וויל איך גאָר מעהר וועגען ד י ז אַ כ ע ן ניט ריידען. ס'האָט שוין דערעסען. איך וויל מיך אינגאַנצען אויסרוהען, אָפּרוהען, זיין מיט זיך אליין, מיט ביכער, מיט מיין שאָטען. — פאַר וואָס זאָל איך אַזאַ קליי־ניגקייט ניט קענען אויספיהרען?

— ווי אַלט זיינט איהר?

— איהר דערגעהט מיר שוין ווייטער די יאָהרען... איך האָב אייך דאָס שוין עטליכע מאָל געזאָגט.

— אָה, יע, אָבער, איהר זעהט אויס עלטער פון די יאָהרען.

— דאס איז טרויעריג, אבער וואס קען מען טאהן? עלטער איז עלטער.

— מען דארף ל ע ב ע ן.

— כ'האב עס שוין געהערט. איהר זייט ניט דער איינציגער וואס זארגט זיך אזוי פאר מיין ל ע ב ע ן. ס'זיינען פאראן אזעלכע וואס ווילען פשוט אנבינדען מיט געוואלד דאס ל ע ב ע ן כאטש נעהם און שטארב!

— וויפיעל צאהלט איהר פאר דעם צימער?

— 9 דאלאר. וואס עפעס פלוצלינג — — —

— יענע האט געצאהלט צעהן. איך וואלט אייך געראטען צו דינגען זיך אן אנדער רום. ערשטענס האט די רום ניט די נויטיגע אימפראוומענטס, צווייטענס זיינען די מענשען „א י נ־ ט ע ל י ג ע נ ט ע". איהר זאל וויכען פון זיי. זיי האבען זיך א מאדע אונטערצוהערען. און דער האל מיט די טרעפ זיינען דא פינסטערע, פאסקודנע.

— זעהט איהר, דערפאר אליין איז שוין בעסער איהר זאלט צו מיר ניט קומען, און אז יא קומען, איז ניט אזוי שפעט זיצען. ס'איז ניט בעקוועם.

— איהר האט פאר זיי מורא?

ס'איז ניט די מורא. איהר ווייסט דאך ווי מען זאגט: „דער וואלף האט פאר'ן הונד קיין מורא ניט, נא ער האט פיינד זיין בילען..."

— איך שטעה העכער פון זייערע רייד. איך שפיי אויף זיי!

— האט ער א שפיי געטאהן.

— וואלט איהר ניט זיין אזוי גוט ווי צו שטעהן העכער פון זיי אין א י י ע ר צימער, און דארט שפייען, וועלען זיי דאס ניט הערען און מיר וועט זיין פערשפארט אייך צו פערענטפערען?

ער האט גענומען העכער ריידען אז איך דארף איהם ניט פערענטפערען. ער קען עס אליין, און זאל איך איהם נאר לאזען וועט ער זיי, פאר וועלען האלטען וואך איבער מיר, מאכען מיט דער בלאטע צוגלייך. ער איז א לאיער, און ער וועט זיי בעווייזען אז ווען מען צאהלט זיי אפ פאר א זאך, האבען זיי קיין רעכט ניט יענעם איינצוזאגען וואס דערמיט צו טאהן!

כדי צו מאַכען אַ סוף צו זיין אָננעהמען זיך אַזוי פאַר מיר, האָב איך געכאַפּט מיין העט און קאָוט צו געהן אין גאַס. ער האָט מיר נאָכגעפאָלגט, זעהר פּאָרזיכטיג געהענדיג אויף די טרעפּ. און ווען איך האָב איבער איהם געלאַכט, וואָס פאַר אַ פּייגלינג ער איז, האָט ער געזאָגט אַז די טרעפּ רופען אין איהם ארויס ניט קיין גוטע עראינערונגען און ער פיהלט זיי ווי... אונ־טערצוציענדען.

עס איז גרינגער זיך אָבצובינדען פון אַ שטריק ווען מען האַלט זיך שוין ביי היינגען, ווי פון דעם ג. ג. גאָט מיינער, וואו נעהמט עס אַ מענש אַזוי פיעל כח צו ריידען? אַלץ איז איהם אַ טהעמא. איבער אַלץ רעדט ער און וועגען אַלץ פון וויסענשאַפטליכען שטאַנד־פונקט!

* * *

רעי איז ביי מיר היינט געווען און איך האָב איהר מיט ג. ג. בעקענט. זי איז ענטציקט פון איהם, אַזא גוטען איינדרוק האָט ער אויף איהר געמאַכט!

— ווי קען דאָס אַ מענש אַזוי פיעל קענען — האָט זי מיט פערוואונדערונג נאָך זיין אַוועקגעהן אויסגערופען. — מיין גאָט, ער איז דאָך אַ רעגעלע ענציקלאָפּעדיע! וואָס איך האָב איהם גע־פרעגט — אַלץ ווייס ער!

וויים זי אויב ער האָט איהר אויף איהרע פראַגען די ריכטיגע אַנטוואָרטען געגעבען?.. — האָב איך זי געפרעגט.

ניין, דערפאַר האָט זי זיך ניט געקענט נעהמען, אָבער אַז אַ מענש וואָלט ניט וויסען וואָלט ער זיך ניט געכאַפּט ענטפערען. ער ווייס יאָ. ס'איז זיכער אַז ער ווייס, און ער איז אַ גאַנץ — — שעהנער אויך.

— יאָ. ער האָט זעהר אַן אינטעליגענטען אויסזעהן, מ'קען אין איהם גלייך דערקענען אַ געלעהרטען. און ער קוקט זיך אַזוי שטאַרק צו —

— ער איז אַ קורצזיכטיגער.

— אָה, דאַריבער... אָבער דאָס איז אויך אַ מעלה — האָט רעי מיט אַ מעלאַנכאָלישען שמייכעל געזאָגט, — איך וואָלט ווינשען מיין פּערעהרער וואָס ווייניגער קענען זעהן, וואָלט איך

אייניגע פון מיינע חסרונות ניט בעהאַלטענדיג קענען בעהאַלטען. אַט האָב איך נעכטען מיין אינזשיניר, איך זאָג מיינעם! ער איז אזוי מיינער ווי איך בין זיינע... געוואונשען ער זאָל ניט זעהן...

— וואָס דען?

— א גרויע האָר האָט ער ביי מיר דערזעהן, און... זי געוואָלט אויסרייסען! אזא נאַר. עפּעס ווי ווען ער וואָלט מיך אויף א האָר אינגער מאַכען אויסזעהן, וואָלט מעהר גאַרנישט געפעהלט. פאַר די דריי יאָהר וואָס איך וואָלט פאַר איהם דאַרפען וואַרטען, וואָלטען דאָך א סך גרויע האָר צוגעקומען.

— וויל ער טאַקע מען זאָל פאַר איהם וואַרטען??

— יאָ. נאַר וואַרטען. וואַרטען מיט חתונה ביז ער וועט ענדיגען. זיך דערווייל אזוי ליעבען און... זעהן וואָס די צייט וועט ברייגנען. ב. האָט איהם ביי מיר געזעהן און ער געפעלט איהם ניט.

— זיך פערלאָזען אויף ב.׳ס מבינות —

— וואָס איז? פאַר וואָס ניט? ב. איז מיר א גוטער פריינד. איך פערשטעה ניט פאַר וואָס א י ה ר זייט מיט איהם אזוי ווי... צוקריגט.

— ס׳איז בעסער צו־זיין גוטע פריינד פון וויטען.

— מיין מיינונג איז ניט אזוי.

— עס גיבען מיינונגס־פערשיעדענהייטען.

— ער האָט אייך דאָך געליעבט, יאָ?..

— מען קען ניט וויסען...

— איך וויים אז יאָ. און נאָך מעהר: איהר זייט צו איהם אויך ניט געווען גלייכגילטיג... ווען ניט זיין ווייב מיט׳ן קינד, וואָלט איהר זיך פון איהם ניט אָבגעזאָגט. און איך בין, ווי איהר זעהט, אַן אנדער מענש. איך, ווען איך וואָלט ליעבען, וואָלט אויף אזעלכע זאַכען ניט געקוקט. איך וואָלט אָנגעהאַלטען די ליעבע, ביז א געוויסען גרענעץ פערשטעהט זיך, ביז עס וואָלט זיך לאָזען. וואָס איז דאָ אזוי פאַר אן אינטערעס פאַראַן אין לעבען? אַט דערפאַר בעוואונדער איך קאַטיאַ׳ן וואָס זי לעבט ווי איהר געפעלט.

רעי איז ביי מיר געבליבען נעכטיגען און אין דער פריה,

ווען מיר זיינען דורכ'ן האָל, מיט'ן שליסעל וואָס איך האָב,ביידע אריין דורכ'ן קיך־טיהר אויף צו וואַשען זיך, האָבען די הויזיגע אַזוי מאָדנע זיך איבערגעקוקט. זיי האָבען, ווי עס האָט אויסגעוויזען, געצווייפעלט אויב רעי איז נאָר־וואָס ניט געקומען צו פערטרעטען אימיצען אַנדערש... עס קען זיין, זיי האָבען אין איהר אַ מאַן פער־קליידעט אַ ל ס אַ פ ר ו י פ ע ר ד ע כ ט י ג ט...

עס פיהלט זיך אַזוי — — — בעליידיגט, און עס ווייס זיך ניט ווי פאַר זיך אין אַז פאַל אָנצונעהמען...

* * *

ג. ג. האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג מיר זאָלען זיך „ל י ע ־ ב ע ן“... אַזוי ווי קיין גרויסע שאַנסען אויף חתונה האָבען שטעהען מיר ניט פאַר, זאָל איך כאָטש, כל זמן איך לעב, אריינ־כאַפּען וויפיעל איך קען. ווארים דאָס ביסעל חן וואָס איך פער־מאָג, וועט אויך מיט דער צייט אַוועק, און מיר וועט פערדריסען וואָס איך האָב ניט גענומען פון לעבען אַזוי פיעל וויפיעל עס האָט זיך געלאָזט נעהמען.

ער האָט אַזוי צו מ י ר גערעדט און איך האָב איהם פון מיין צימער דערפאַר ניט אַרויסגעטריבען. איך האָב איהם אפילו ניט אויסגערעדט פאַר אַזאַ ריידען. איך האָב איהם געהערט... גע־הערט און געהאַסט. דער האָט האָט מיר אַ מאָדנע שטאַרקייט געגעבען אַלץ אויסצוהערען. און ניט אפילו קיין סימן פון האַס אַרויסווייזען... נאָר ווען ער האָט מיין שווייגען אַלס אַ צייכען פון צושטימונג אויפגענומען, און פון מינדליכע פּראָפּאַגאַנדאַ צו — — — פּראַקטישע אַרבייט געוואָלט איבערגעהן, האָב איך איהם רוהיג, ווי ווען איינער וואָלט מיר פרעגען די וועג אַרויסצוגעהן, אויפ'ן טהיר געוויזען...

— איהר... מיינט עס ניט... — האָט ער מיט אַ סקעפּטישען שמייכעל געזאָגט.

— פערלאָזט מיין צימער.

— אָבער... פערשטעהט דאָך אַז... מ י ך קען מען ניט אַזוי אַרויסטרייבען.

— איך... טרייב אייך ניט, איך ב ע ט אייך אַוועקגעהן.

— אָבער פאַר וואָס? איהר האָט דאָך מיך אַזוי — — — —
אויפריכטיג אויסגעהערט, צום סוף — אָה, איהר שפּאַסט!
— איהר זייט געקומען אַהער האַנדלען אַ „באַרגיין״, אַ מציאה. איהר האָט מיך געזוכט אין מיינע אויגען צו פערבילינגען, כדי איהר זאָלט מיך גרינגער קענען קריגען. איך האָב די אָבשאַצונג פון מיין ווערטהלאָזען ווערטה אויסגעהערט, און געפין דאָך אַז — איך קאָסט מיר — — טהייערער. אַלזאָ, איז — א ו י ס מסחר. געהט זוכט אייך אַן אַנדער סחורה...
— ווי בייסענד, ווי שטעכיג איהר קענט זיין! איך האָב ניט געמיינט אַזוי.
— פערענטפערט זיך ניט. אַזוי צי ניט אַזוי. מיר וועלען קיין געשעפט נ י ט מאַכען. געהט.
ער האָט מיך מיט פערביסענע ליפּען אַנגעקוקט, געגעבען אַ כאַפּ די העט, אַ וואַרף מיט'ן האַנד און אַ ריס געבענדיג די טהיר מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ זי נאָך זיך פערמאַכט.
ער איז נאָך גערעכט!

---

איך זעה ווי מיינע בעלי־בתים קוקען מיר נאָך אָן און... שעהם זיך אפילו צו ווייזען, אַז איך זעה דאָס. איך פיהל, ווי איינג מיר איז ביי זיך און דאָך זוך איך ניט פון דאַנען זיך אַרויסצוקלייבען. עפּעס אַזוי ווי מיר ווילט זיך מיר זאָל זיין שלעכט. ווי איך וואָלט זיך פאַר עפּעס אַ שונא געווען און זיך געזוכט מיט זיך צו רעכענען.
עס טרעפט, מיר ווילט זיך געגען די מאַראַל־היטענדע מענשען אוועקשטעלען און פרעגען: איז דען ניט גענוג וואָס איך אַליין היט מיך? צו וואָס זאָלט איהר מיר נאָכקוקען. איך בין שוין אַלט גענוג צו וויסען ווי אַליין אויף זיך אַכטונג צו געבען. און אַז איך זאָל אייך, טייערע געזעלשאַפט מיינע, וועלען פערשוואַרצען די אויגען, וועט איהר מיך, וויפיעל איהר זאָלט ניט היטען, — ניט קענען איינהיטען! אָבער איך שטעל זיך ניט געגען קיינעם. איך פרעג גאָרניט און זאָג גאָרניט. מיין גאַנצע זעלבסט פערטהיידי־גונג און גוטע געדאַנקען בלייבען נעבען מיר...

* * *

אַ וואָך נאָכאַנאַנד האָט מיך ג. ג. געהאַלטען אין איין פאַר־פּאָלגען מיט פאַרזיכערונגען דורך בריעף און פּערזענליך, דאָס ער וועט מעהר אַזוי צו מיר, ווי ער האָט גערעדט — ניט ריידען. איך האָב איהם ניט געוואָלט הערען סיי ער וועט אַזוי, סיי אַנדערש ריידען. איך האָב איהם איין מאָל פאַר אַלע מאָל געהייסען נעהמען אין אַנבעטראַכט דאָס איך וועל מ י י ן ווילען אונטען דעם רשות פון אַ צווייטען ווילען נ י ט אונטער־וואַרפען, און אַז מיך קען מען מיט גוואַלד צום „אידעאַל“ פון „אַ ז ע ל כ ע ל י ע ב ע ס“ ניט אַריינשלעפּען. זאָל ער זיך זוכען מעהר פאַרגעשריטענע פאַר די „הויכע“ זאַכען. איך בין פאַר דעם נ י ט אָ.

ער האָט מיר זיין עהרענוואָרט געגעבען, דאָס ער וועט שוין... שווייגען. ער וועט שוין בעסער וואַרטען ביז איך אַליין וועל צו זיינע איבערצייגונגען קומען: איך אַליין וועל פריהער־שפּעטער מוזען די פרייע ליעבע אַלס דעם העכסטען גליק, אַלס הייליגסטען אידעאַל אויף דער ערד אַנערקענען!

געגען וואַרטען ביז איך אַליין וועל צו אַזאַ איבערצייגונג... דערגרייכען צו קומען... האָב איך שוין ניט געהאַט וואָס אויס־צוזעצען. זאָל ער, אַז ער וויל, וואַרטען.

— עס וועט אייך אָבער אויסקומען זעהר לאַנג צו וואַרטען, — האָב איך איהם געוואָרנט.

— ווי לאַנג עס וועט אויסקומען! — האָט ער איינגעשטימט.

— וואָס אייגענטליך קען איך דערביי אָנווערען? איך בין דאָך אַ מאָן. איך קען מיר דערווייל לעבען ווי איך וויל. ניט גוט איז דאָס פאַר א י י ך. דאָס צוריקהאַלטען זיך פון ל ע ב ע ן מוז זיך שלעכט... אויפ'ן געזונד אָפּרופען. מ'ווערט אַלט פאַר דער צייט, פערוועלקט, צובראָכען...

איך האָב איהם וועגען דעם געבעטען ניט זאָרגען. ער זאָל מיר נאָר ניט איינריידען קיין קריינק. ווארום איך פיהל מיך פאָלקאָם געזונד און זיין סטראַשען מיך מיט אונטערגאַנג וועט גאָר ניט העלפען. וועל איך טרעפען איינעם וועלכער וועט מיט מיר טריי און ערנסט וועלען מיין אומעט לעבען טהיילען, וועל איך זיין — ווי מען רופט עס — לעבענסבעגלייטערין אפשר

ווערען. איך וועל מיר א ריינע, בעקוועמע היים מאכען און... די פאָעטישע ליעבע אויף פראָזאאישע איבערגעבענהייט אויס־בייטען. זיך אָבער אריינוואַרפען אין די כוואַליעס פון ים, וואָס ער זאָגט — שטויסט צו געהן מיט'ן שטראָם פון לעבען — וויל איך ניט. אזוי צו וואַרפען זיך דאַרף מען זיין א נאַריש פיש אָדער א געאיבטע שווימערין. איך בין ביידע זאכען ניט. איך בין בלויז א מענש אין געשטאַלט פון א מיידעל, וואָס וויל אויס־מיידען א בלאָטע, וואָס וויל זיך אויסהיטען אין א זומפּ אריינצו־קריכען: פערשטאַנען?

ער האָט געזאָגט, דאָס ער האָט מיך זעהר גוט פערשטאַנען, אזוי גוט אז בעסער דאַרף מען שוין ניט, און ער פיהלט זיך ווי אָפּצובייסען די צונג פאַר וואָס ער האָט צו מיר אזעלכע ווערטער גערעדט. ניט מעהר וועט ער צו מיר אזוי ריידען. ער וועט נאָר אַרויפקומען אביסעל זיך וועגען אַלגעמיינע זאכען דורכריידען. אביסעל לעזען וואָס אינטערעסאַנטעס צוזאמען, און אויסנעהמען מיך צו א שפּאַציער, געהן צו א קאָנצערט, אין טהעאַטער, און אפילו אין אָפּערא.

— אַלזאָ, זיינען מיר גוטע פריינד, — האָט ער אויסשטרע־קענדיג די האַנד געפרעגט.

— גוטע — — בעקאַנטע.

— ווען איהר וועט מיך פון בעסערען זייט דערקענען, וועט איהר מיין פריינדשאַפט זיכער אָננעהמען.

— מיר'ן זעהן.

עפּעס אזוי ווי אין פערהערען זיך, ווי אין א געוועט וואַלט עס דאָ געגאַנגען! און ווירקליך; איך בין כמעט ווי נייגיעריג צו זעהן אויב ער וועט דעם מאָל אויסהאַלטען כאַראַקטער און ניט זוכען פון די... טרעקס אראָפּצוגעהן... נאָך אַלעמען איז ער דאָך ניט אבי וואָס און עס איז אינטערעסאַנט אזא סוביעקט צו שטו־דירען. ער מיינט געוויס מיך צו שטודירען. ער וועט עס פון וויסענשאַפטליכען און איך פון פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט אַרויסגעהן...

* * *

עס גלויבט זיך מיר קוים, אז אין אַלעם וואָס עס האָט פאַר דער וואָך פּאַסירט, האָב איך אנטהייל גענומען, אזוי טעמפּ און פּוסט פיהל איך מיך, אזוי אַפּאַטיש צו זיך און אַלץ וואָס רינגעלט מיך ארום.

מיין געדאנק זאָגט זיך אָפּ מיט מיר צו פערנעהמען, איך בין מיר א פרעמדע, איך שטעה ביי מיין זייט און קוק צו וואָס מיט מיר וועט זיין. איך בין ניט זיכער היינט וואָס איך וועל מאָרגען מיט זיך טהאָן.

דאָס נאָכקוקען מיך פון די הויזיגע האָט מיך פון מיין צימער אין גאַס געשטויסען. איך אליין האָב אויף זיך ווי אויף א פער־ברעכערין אָנגעהויבען קוקען און מיר האָט זיך געוואָלט זעהן ווי איך וואָלט ביי די היטער אונטער'ן נאָז א פערברעכען בעגעהן. מיר האָט זיך עפּעס געוואָלט דער געזעלשאַפט אָפּטהאָן, אויס־לאָזען צו איהר מיין ערוואכטען צאָרן פאַר ניט פערדיענטע בע־ליידיגונגען. ווען ג. פלעגט קומען פלעג איך איהם מיט איבער־טריבענער גאסטפריינדליכקייט עמפּפאנגען, כדי זיי דאָרט, הינ־טער די טהירען, זאָלען הערען ווי אונגעצוואונגען איך נעהם ביי זיך אויף ווען מען קומט צו מיר און געבען זיי אויף א גאנצען אָבענד אַן ארבייט מיך צו היטען.

ג. האָט זיך זעהר אויפריכטיג ביי זיין פערשפּרעכען געהאַל־טען. ער האָט שוין צו מיר ניט מעהר אזוי גערעדט איך זאָל זיך צו זיינע איבערצייגונגען אָהן מיין ווילען קומען. ער האָט גערעדט וועגען אסטראָנאָמיע, אַנאַטאָמיע, פּסיכאָלאָגיע, מיפּאָלאָ־גיע, זאָאָלאָגיע און אַלץ איבער אַזעלכע זאכען, וואָס ווען זיי האָ־בען יא געהאַט א שייכות צו פיזיאָלאָגיע מיט ליעבע'אָלאָגיע איז עס בלויז געווען פון וויסענשאפטליכען שטאנדפּונקט. און דאָס האָב איך איהם שוין געמוזט פערגעבען. אונטערדריקען די ווי־סענשאפט וואָלט געווען א פערברעכען. גענוג געווען איהם צו אונטערדריקען זיינע געפיהלען, וועלכע, ווי ער האָט געזאָגט, ער האָט צו מיר געהאַט...

מיר זיינען ביידע אין טהעאטער און אין פערשיעדענע אַנ־דערע קונסט־טעמפּלען געגאנגען. דאָרט האָט ער זיך געפיהלט שטאָלץ, גלויבענדיג דאָס איך בין אויף איהם שטאָלץ געווען, ווייל

ער האָט פון אַלץ אַזוי פיעל געוואוסט און אַזוי ערקלעהרט, דאָס אַנדערע האָבען זיך אויך צוגעהערט. דער אמת איז, אַז מיר איז דאָס טאַקע געווען געפעלען. אָפּט, ביי אַזעלכע עקסקורסיעס איבער די מוזעאומס, פלעגט זיך מיר פאָרשטעלען דאָס מיר זיינען... פערהייראַט, מיר געהען אַזוי און בעגעגענען... א... א. ווערט בעקענט מיט ג. און גלויבט דאָס איך בין שטאַרק פערליעבט אין איהם, וויל ער וויים אַזוי פיעל, ס'איז דאָ מיט איהם ווענען וואָס צו ריידען, ס'איז דאָ איהם וואָס צו הערען. און אַ שטאַרקער טרויער נעהמט אַרום זיין נשמה אוים חרטה, פאַר וואָס ער, ניט אַזאַ געבילדעטער ווי ג. האָט מיך ניט גענומען... ווען... ווען איך האָב איהם נאָך אַ ז ו י געליעבט!

די מעהר אויפמערקזאַמקייט וואָס ער האָט צוליעב מיר זיין טואַלעט געשייגקט, האָט איהם געמאַכט אַ סך בעסער אויסקוקען. איך האָב גענומען זוכען און געפינען סימפּאַטישע שטריכען אין זיין, וויים פון צו זיין שעהן, געזיכט. כ'האָב מיר אַפילו גענומען זאָגען דאָס איך לייד פון דעם וואָס ער איז העכער פון מיר, אַ סימן: — ער שטרעבט צו העכערעס, צו בעסערעס. ער זאָגט, דאָס ער וועט זיך ביי דעם טיטל דאָקטאָר ניט אָבשטעלען, ער וועט געהן ווייטער, — אויף פּראָפעסאָר. געוויס וועט ער דאַן קענען הייראַטען אַ רייכע, אַ שעהנע מיידעל. ער וועט לעבען ברייט, מיט שיק. און מיר, מיר קען זיין, וועט דאַמאָלס פערדריסען וואָס איך בין כאָטש זיין געליעבטע ניט געוואָרען...

* * *

איך האָב מיך אַזוי פון זיינטוועגען געמאַטערט מיט פאַרשטעלונגען איבער דעם וואָס עס קען זיין, איהם אין געדאַנקען איבער זיך געהויבען און אַזוי געפונען אַ תירוץ פאַר מיינע ליידען, די אורזאַכע וועלכע זיינען באמת געווען די געצוואונגענע ערוויי־טערונג פון א.... איך האָב געזוכט מיט וואָס, מיט וועמען די פּוסט־קייט אויסצופילען, דעם סם פון יאוש אויסצוראָטען און האָב זיך אָן איהם אין געדאַנק אָנגעטשעפּעט.

מיין דעמאָנסטראַטיווע אונגעצוואונגענקייט בנוגע אַ יונגען מאַן ביי זיך אין צימער אויפנעהמען (זיי האָבען דאָך ניט יעדעס מאָל געקענט וויסען, אַז ס'איז איינער און דער זעלבער) האָט אין

געדאַנק מיט בייזען נצחון און בראַווקייט אויסצוהאַלטען. י ע נ ע ם אָבענד, דעם לעצטען אָבענד פון אַ גאַנצער וואָך פון אויסגעהן און וויזיטירען, האָט זיך מיין אַרויפגעצוואונגענע אַרויסגערופענקייט פון מיך אָפּגעטהאָן און איך האָב, דערהערענדיג די בעקאַנטע טריט, זיך ניט געלאָזט וואַרטען ביז ער וועט אָנקלאַפּען און געעפענט פאַר איהם די טהיר.

מיט בעגייסטערטע בליקען האָט ער מייגע ביידע הענד אין זיינע אַריינגענומען. ער האָט אפנים געמיינט, אַז נאָר איך שטעה ביים טהיר און וואַרט אויף זיין קומען...

— ווי שעהן דאָס איז! — האָט ער ענטציקט אויסגערופען, — די טהיר פון דער געליעבטער עפענט זיך פאַר דיר ווי דורך אַ צויבערקראַפט אליין... פערשפּאָרסט אפילו אָנצוקלאַפּען!

— זייט אַזוי גוט און... רעדט שטיל — האָב איך איהם געבעטען. — ווענען אַזעלכע זאַכען מעג מען איבערהויפּט בעסער שווייגען.

— שווייגען, אָה, ניין! איך וועל היינט, ווי דער וועלט-בעריהמטער טאָלסטאָי, זאָגען: „איך קען מעהר ניט שווייגען!...“ איך האָב היינט בעשלאָסען צו ריידען און — איך זאָל! אָט זייט איהר פאַר דער טהיר געשטאַנען און געוואַרט איך זאָל שוין קומען. צו וואָס זאָלט איהר דאָס לייקענען. איהר האָט מיך ליעב. און אַז איהר ליעבט מיך איז צו וואָס אָבלייגען דאָס לעבען אויף שפּעטער. ווער וויים נאָר צי וועלען מיר שפּעטער אין גאַנצען לעבען. לעבט מיט'ן איצט און איהר וועט אין דער צוקונפט האָבען אַ פערגאַנגענהייט. די צייט שטעהט ניט אויף איין אָרט. וואָס עס געהט היינט אַוועק, קומט ניט מעהר מאָרגען. איך וויל דעם היינט. זעהט איהר, איך פרעג אייך ניט וואָס ס'איז מיט אייך ביז היינט געווען, איך דערגעה ניט אויסצוגעפינען אייער פערגאַנגענהייט. איך וויל פון דעם גאָרנישט וויסען, ג אָ ר נ י ש ט.

— און איך וויל, אַז מען זאָל וועגען מיר א ל ץ וועלען וויסען.

— כדי וואָס? — אום צו קענען זיך אין דיין... עהרליכקייט איבערצייגען?

— און... פאַר וואָס ניט?

— אָבער ווענון אַארט'ס, ווענון געהט עס אָן! ?

— ... מיר.

— וועלל, וועלל. זאָל זיין אַזוי, איך וועל מיר דערפאַר ניט שטעלען קריעגען. איהר האָט געהאַט אַ רעכט צו זיין אַזוי עהר־ליך וויפיעל אייער הארץ האָט געלוסט. ס'איז דוקא פיין פון אייך צו זיין... פיין.

— איז נ'ט איט ?

— ... יעס, עס איז...

— טהענקס !

— צו וואָס די איראָניע, און צו וואָס דער שפּאָטישער שמייכעל ? ליעבסטע, זייט גוט. ניין, ז י י גוט. ניטאָ מעהר קיין א י ה ר. ד ו וועסט דעם פּלאַטץ פון א י ה ר פערטרעטען. לאָז מיך, לאָז מיך, — האָט ער זיך פאַר מיר אויף די קניע אראָפּגעלאָזען, — דיך גליקליך מאַכען ; לאָז מיך דיר געבען גליק !...

— צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען זעה איך אַ מענש זאָל זיך אַזוי בעטען גליק צו ג ע ב ע ן .... מעג איך פרעגען אויף ווי לאַנג ?...

— אויף אַזאַ פראַגע איז שווער צו... ענטפערען. ס'איז ווי ס'פיהלט זיך. אַמאָל טרעפט, אַז היינט ליעבט מען זיך און מאָרגען — ניט. ליעבע איז ווי לעבען. היינט לעבט עס, מאָרגען — שטאַרבט עס. וואָס קען מען וויסען ? און דאריבער פאַסט דאָ גאָר ניט די פראַגע „אויף ווי לאַנג ?" ליעבע איז פערבונדען מיט לעבען, און לעבען לעבט מען ניט אייביג. איז אַז לעבען — זאָל זיין געלעבט ! ניעדער מיט דער שקלאַפעריי צום אבערגלויבען. אָפען און שטאָלץ אויף ל ע ב ע ן דארפען מענשען ארויס פאַר זייערע מענשען־רעכטע קעמפּפען געגען דער גאַנצער וועלט. איהר האָט מיך ליעב און איך האָב אייך ליעב. דאָס איז ביי אונז ניט די ערשטע ליעבע. אָבער ס'איז דאָך זעהר מעגליך, אַז ס'זאָל זיין די לעצטע. וואָרים איהר זייט אַזאַ, וואָס קען זיך לאַנג, לאַנג ליעבען. ווייל איהר לאָזט זיך ניט ליעבען... ווי נאַריש דאָס איז פון מיר צו זאָגען דיר א י ה ר, ווען ביים ערשטען קוק אויף דיר האָב איך צו דיר אין געדאַנקען ד ו געזאָגט.

— גוט וואָס אין די געדאַנקען...

— און אַזוי ווער קען מיר פאַרוועהרען? דו, דו, דו? ביזט דאָך אַזאַ ליעבע מיידעל! און איך האָב בעשלאָסען היינט ווייזען ווי ליעב איך האָב דיך, ווי שטאַרק, שטאַרק, שטאַרק ליעב כ׳האָב דיך!

— פאַר וואָס אַזוי שטאַרק? — —

— פרעג ניט, פרעג ניט פאַר וואָס. אַזעלכע זאַכען קענען זיך ניט אויף איין פּוס ערקלערען. איך ווייס אַז איך ליעב דיך און דאָס איז פאַר מיר אַזוי וואונדערבאַר ווי, ווי... איך וואָלט פּלוצלינג... אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט וויסענשאַפט־ליכע פּראָבלעמען. און אפשר וועל איך דיר קענען ערקלעהרען „פאַר וואָס"... ס׳איז נאָך ניטאָ, דאכט זיך, אַ זאַך וואָס א י ך זאָל ניט קענען ערקלעהרען. איך האָב דיך ליעב פאַר דיין שטאַר־קען בעגעהר געליעבט צו זיין און דאָך זיך קענען אַזוי צוריקציהען. איך בעוואונדער דיין שטאַרקען און דאָך בויגזאַמען ווילען. פאַר דיין ביטערען און דאָך זיסען שמייכעל, פאַר דיין זיין איינגעשלאָ־סען אין זיך ווי אַ גרויסער דיפּלאָמאַט און דאָך אַזוי ריין און — אָפּענהערציג ווי אַ קליין קינד. פאַר דיינע שטרענגע בליקען און מילדען אויסדרוק וואָס איז הינטער דער שטרענגקייט אין דיינע אויגען בעהאַלטען, פאַר׳ן אידישען חן, פאַר דיין קערפּער, פאַר דיינע האָאַר, פאַר דיינע הענד, פאַר, פאַר... אַך, ווער קען דאָס אַ ל ץ אויסרעכענען! אפשר האָב איך דיך גאָר ליעבן טאַקע דערפאַר וואָס איך האָב דיך... ליעב?!

בעלויכטען פון סטריט לאָמפּ׳ס בלוויליך־פּיאָליעטעווען עלעק־טרישען ליכט בין איך ביים פענסטער געזעסען און ער איז ביי מיינע פיס פאַר מיר אויף זיינע קניע געשטאַנען. די געוועבטע אויף די גאַרדינען בלומען האָבען זיך אויפ׳ן וואַנט ווי אָבגעדרוקט, און זיך פון ווינטעל, וואָס האָט זיי פון׳ם אָפענעם פענסטער בע־ריהרט, ווי לעבעדיגע בעוועגען. כ׳האָב אויף איהם, ווי ער האָט אַזוי שטיל אָבער שטאַרק גערעדט, פון אויבען אַראָפּגעקוקט און ער האָט אַזוי וועניג עהנליך צו זיך דאַן אויסגעזעהן. מיר האָט געדוכט איך האָב פאַר זיך אַ פערענדערטען אביסעל א. דערזעהן... פאַראַן מסתמא מאָמענטען, ווען איין מענש און ל י ע ב ע קוקט

אוים אזוי עהנליך צום אַנדערען. די ליעבע, אוועלכע זי זאָל ניט זיין, פול מיט הויכע פערלאַנגען אָדער מיט נידריגע אפילו אינ־סטינקטען איז דאָך... שעהן ווען זי... ר ע ד ט שעהן, און נאָך מעהר ווען זי ווערט נאָכ'ן שעהן רעדען שטיל אנשוויגען...

אָבער ג. קען נאָר שעהן רעדען, שעהן שווייגען קען ער ניט. און כדי זיינע הענד זאָלען זיין צונג ניט פערטרעטען — האָב איך איהם געמאַכט צו ריידען. איין וואָרט מיינער האָט נאָך זיך גע־צויגען א גאַנצע מאַסע ווערטער, איין פראַגע — א וועלט מיט ערקלעהרונגען. ער האָט זיך געפיהלט שטאָלץ צו קענען מיר גע־בען אזוי פיעל אינפאָרמאַציאָן וויפיעל... ער האָט נאָר געקענט געבען, איבערהויפּט האָט זיך איהם געגלוסט ריידען וועגען אַנאַ־טאָמי. ער האָט א מענשען אויף פּיצלאַך, אויף ברעקלאַך צונומען און אַלץ צוליעב דעם, ער זאָל איהם קענען צוריק צונויפשטעלען. איהם האָט ניט געאַרט, וואָס עס האָט פון געוויסע צוגליעדערונ־גען געעקעלט. ער איז נאָך געווען צופריעדען, וואָס ער האָט פון וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט געקענט ערקלעהרען, אז מען דאַרף זיך פון קיין זאַך ניט פיהלען אזוי ווי... עס וואָלט עקלען. מען דאַרף נאָר די זאַך גוט פערשטעהען און דער פאַלשער געפיהל פון עקעל און שאַנדע געהט אריבער.

מיר האָט זיך אַמאָל גערוכט, דאָס ער מאַכט אויף מיר זיין לעסאָן.

— וואָס איז דאָס? — פלעגט ער, צום ביישפּיעל, צוקווע־טשען מיט א פינגער מיין נאָז, מיין אויג, מיין באַק, מיין האַלז, אָדער מיין ארם — פרעגען. און איך, ווי א קינד, וואָס הויבט שוין אָן אויף אזעלכע פראַגען צו ענטפערען, פלעג זאָגען, לייכט שמייכלענדיג, וואָס דאָס איז.

— אין לעטן, ביי אונז, רופט מען דאָס אזוי און אזוי — פלעגט ער ערקלעהרען און וויטער אָנווייזענדיג מיט א פינגער, פרעגען:

— און וואָס איז דאָס ביי דיר?

— די האַרץ? — האָב איך, ניט זעהר זיכער, אז מיין האַרץ איז פּונקט דאָ וואו ער טיקעט מיט'ן פינגער, געזאָגט. ווער וויים,

ביי איהם אין לעטן קען עס נאָך זיין ערגעץ וואו אנדערש... און אזוי איז דאָס טאקע געווען.

— ניט דאָ! — האָט ער שטרענג, ווי אן אלטער פּראָפעסאר געזאָגט. — ניט דאָ, נאָר נידריגער, א סך נידריגער. אָט־אָ־דאָ. דאָ איז דאָס און דאָ קלאפּט עס.

איך האָב שוין אלעס געוואוסט. מיר האָט קיין איין זאך ניט געפעהלט, חוץ, האָט ער געזאָגט, אביסעל מעהר טעמפּעראַ־מענט. ניט מעהר נאָר טאקע אינגאנצען, ווייל, זיך רעכענענדיג מיט דעם וואָס איך בין אזוי נאָרמאל, האָב איך בעדארפט זיין... נאָך נאָרמאלער. לאָזען, אזוי צו זאָגען, אין גאנג מיין גאנצע נ אָ ר מ א ל י ט ע ט, אויסנוצען גאָט'ס גאָב פאר מענשליכען גליק און וואָהלזיין.

איך האָב עס ניט געוואוסט (און ווייס ניט אויב איך וועל עס וויסען) ווי אזוי אויסצונוצען. אויסצונוצען אזוי אז, ווי געזאָגט, „דער וואָלף זאל זיין זאט און די ציעג — גאנץ...“ אָט ליעגט פאר מיינע פיס איינגעטונקט אין ליעבע, דורכגענומען מיט לייַ־דענשאפט, א יונגער מאַן, אָנדערהאלבען מאל א „געענדיגטער“. ער קוקט צו מיר, ווי פון מיר וואָלט די ישועה דארפען פאר איהם קומען אויף דער וועלט, און איך זיץ... זיץ און... דהאָט'ס אלל.

ער האָט מיר בעוויזען, פון ווימענשאפטליכען שטאנדפונקט, אז פאר מיר איז ניט אזא געזונטע זאך זיצען אזוי און ברעכען זיך אויפ'ן טשער, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט אין א „פּאָבליק פּליים“ געוועזען, איך בין דאָך ביי זיך אין צימער, איז פאר וואָס זאָל איך זיך ניט מאכען בעקוועם?

— פון דאנען, — האָב איך איהם געענטפערט, קען איך זעהן דעם הימעל. און איך האָב אזוי ליעב נאָכצוקוקען די מענ־שען, וועלכע געהן נאָך האלבע נאכט אין סטריט, זיי קוקען עפּעס אוים צו זיין אזוי געהיימניספאָל, יעדערער ווי ער וואָלט געהן פון א געהיימע פערזאמלונג... דאָס דערמאָהנט מיך אָן דער ווייַ־טער היים וואו... מען מוז איצט ביי טאָג אפילו אזוי ארומגעהן, ווי שאָטענס.

— טראכט ניט, ליעבע, וועגען דער היים. די היים איז שוין מעהר קיין היים ניט, — האָט ער מיט געבעט געבעטען. — אונזער

היים איז דאָ וואו מיר זיינען. מיר זיינען בירגער פון דער גאַנצער וועלט. אָט איז פּוילען, וועמעס הייסעסטער פּאַטריאָט איך בין אַמאָל געווען, בעלאַנגט שוין ניט מעהר צו אונז. מען האָט מיך דאָרט אונטער די אויגען פּאָר אַ דייטש געמאַכט. נו, זאָל זיין אַ דייטש, אַ פראַנצויז, אַ טערק, אַן עסקימאָ אפילו, אבי... מען לעבט. דאָס לעבען, אָבער לעבען טאַקע אין פולען זינן פון וואָרט, איז דאָס שעהנסטע אין לעבען וואָס מיר פערמאָגען. איך קוק איצט אויף דיר און זעה ווי שעהן דו ביזט. דער מאַט־בלאַסער שיין פונ'ם עלעקטרישען לאָמפּ אין סטריט פאַלט אויף דיר און צינדט דיין בליק, וועלכער, פאַלענדיג אויף מיר, וואַרימט און היצט מיין נשמה. מיר דוכט זיך, זי וועט באַלד בעקומען פליעגלען און ווייט ארויף אין דער הויכער הויך אוועקפליהען, מיך דאָ אַזוי איבערלאָזען ביי דיינע פיס...

— זיי וועלען אַ מענשען אָהן אַ נשמה צוטרעטען...

— זאָלען זיי! — האָט ער בעגייסטערט אויסגעשריען. — נאַ, טרעט, טרעט, טרעט! נאַ, טרעט! איך אליין שטעל דיין פוס אויף מיין האַלז, אויף מיין קאָפּ אַוועק. זעהסטו, ליעבע, איך לייג מיך אליין אונטער דיינע פיס אַוועק. איך גיב מיך אליין אין דיינע הענד איבער, קענסט מיט מיר טהאָן וואָס דו ווילסט, וואָס דו ווילסט.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט איהם. זיין בעגייסטערונג האָט זיך מיר ניט איבערגעגעבען. שולדיג איז אין דעם געוויס מיין טעמפּעראַמענט וואָס... איך האָב ניט... אַנשטאָט מיט זיין ענטהוזיאזם הינגעריסען ווערען — בין איך גאָר, שטיק פראָזע וואָס איך בין, געווען פערנומען מיט'ן געדאַנק וועגען מיינע „אינטעליגענטע" בעלי־בתים: זיי קענען דערהערען דעם שטילען טומעל וואָס ס'קומט דאָ פאָר און ווער ווייסט וואָס קלעהרען...

— שאַ, זייט שטיל, — האָב איך איהם געבעטען. אָבער איך האָב איהם אַזוי שטיל געבעטען צו זיין שטיל, אַז ער האָט עס גאָר ניט געהערט און זיך נאָך מעהר צורעדט.

— ליעבע, ליעבע איז דאָס גאַנצע גליק פון לעבען, איבערהויפּט נאָך פאַר אַ פרוי. אַ פרוי'ס לעבען מוז זיין דורכגעזאַפּט מיט ליעבע, און פון אלע „ל י ע ב ע ס" איז זי, די פרייע ליעבע,

די איינציגע וואָס קען דערהייבען די נשמה, בעפרידיגען דעם גייסט און... זאָ ווייטער, און זאָ ווייטער.

— אָט וואָס פאַר אַ פרייע ליעבע איז דאָס, אַז מען מען דאַרף זיך מיט איהר אַזוי בעהאַלטען? ב ע ה א ל ט ע נ ע ליעבע דאַרף מען עס אָנרופען, — האָב איך געזאָגט. — און אַז מען דאַרף זיך אַזוי מיט אַ זאַך בעהאַלטען, מוז עס דאָך ניט זיין אינגאַנצען אַזוי שעהן, ווי... איהר זאָגט עס איז.

— אַך, דאָס בעהאַלטען זיך דערמיט איז דאָך אַזוי... אינ־טערעסאַנט, אַזוי שעהן, אַזוי זיס!

— זאָל עס שוין זיין וואָס עס וויל — האָב איך נאָכגעגע־בען — נאָר... רעדט ניט אַזוי הויך; פון הויז די מענשען...

— שלאָפען, זיי שלאָפען איצט.

— דאַרף מען זיי ניט אויפוועקען.

— זיי שלאָפען אַזוי, אַז זיי הערען גאָר ניט. פּראָסטע מענשען שלאָפען זעהר שטאַרק.

— זיי זיינען... אינטעליגענטע.

— קיין מאָל ניט געווען!

— אָבער אויפוועקען זיי דאַרף מען דאָך ניט.

— זיי מיינען געווים, אַז מיר... אַז איהר שלאָפט.

— יאָ, איך רייד פון שלאָף? —

— אָלל־רייט. איך וועל שוין שווייגען, אַז דו האָסט אַזוי מורא. אַזוי מורא, ווי זיי וואָלטען דיין טאַטע־מאַמע געווען... ווי דו וואָלסט פון זיי זיין אָבהענגיג אַ לעבען צו מאַכען. איך וועל שווייגען. אָבער זאָלסט צו מיר גאָרנישט ניט האָבען, אויב איך וועל, צומאַכענדיג דאָס מויל, נעהמען ריידען מיט די הענד. עפּעס אַן אויסוועג מוז מען דאָך אַ מענשען געבען זיינע הייסע געפיהלען אויסצודריקען — — —

— געהט אַוועק, געהט אהיים... געהט, געהט — האָב איך איהם געבעטען, און מיט פערביסענע פון פערשטיקטען צאָרן ליפּען האָב איך זיינע פרעכע פינגער אין מיינע הענד גענומען און זיי קראַמפּפהאַפט, מיט אַלע כחות צוזאַמענגעדריקט.

— אַך, ליעבע! — איז ער דערפון בעגייסטערט געוואָרען, — בעטסט מיך אַוועקגעהן און האַלטסט צו מיינע הענד; פּונקט

ווי א פרוי! א פרוי, ווען זי זאָגט ניין, מיינט עס יאָ. דאָס איז די פרויען נאַטור. זי האָט ליעב מען זאָל זי מיט געוואלד נעהמען, כדי זי זאָל זיך אַלע מאָל קענען איבערנעהמען, דאָס זי האָט עס ניט געוואָלט... די פרוי איז זעהר א קאָמפּליצירטע זאַך. אָבער דו, געליעבטע, זוכסט שוין צופיעל צו אונטערדריקען דיינע פערלאַנגען. ווייסט, עס טרעפט א מאַן ווערט מיעד צופיעל צו קעמפּפען. קעמפּפען פאַר וואָס? פאַר דער פרוי'ס גליק צוגלייך מיט זיינעם. איז זי, אַנשטאָט שטערען איהם, בעדאַרף זי איהם העלפען דעם גליק צו דערגרייכען.

איך האָב איהם ניט געפיהלט ווי צו העלפען דעם גליק צו דערגרייכען. איך האָב געפיהלט, דאָס איך וואָלט א סך בעסער פיהלען ווען ער וואָלט אויף דער אַנדער זייט טהיר געווען. עס קען זיין, אז דאַן וואָלט איך ערשט וועלען, ער זאָל צוריק זיך נעבען מיר געפינען. אָבער אזוי...

— מיר'ן ריידען וועגען דעם אַן אַנדערש מאָל — האָב איך געזאָגט — איצט איז ניט די צייט — —

— נאָר איצט, נאָר איצט איז די צייט פאַר דעם. איצט, איצט, איצט!

— עס הויבט שוין אָן צו טאָג'ן. די אַרומיגע וועלען באַלד אויפשטעהן.

— זאָלען זיי אויפשטעהן, זאָל'ן זיי ניט אויפשטעהן: מיר האָבען מיט זיי גאַרנישט צו טהאָן. מיר ליעבען זיך און מיר זיינען בערעכטיגט צו לעבען, אזוי ווי מ י ר ווילען. באַלד ערוואַכט דער טאָג און מיט שפּאָט וועט ער אויף אונז קוקען פאַר ניט אויסנוצען די נאַכט, די פינסטערע נאַכט, וואָס איז פאַר די ליכטיגסטע מאָמענטען געגעבען געוואָרען... שטאַרק וועט זיין די חרטה פאַר'ן ניט איבערגעהן דעם גרעניץ צו מיין „מען מעג" פון דיין „מען טאָר ניט". וואו איז די לאָגיק פון לעבען? וואו, וואו, וואו?

צובראָכען פון ניט שלאָפען, פון אָנגעשטרענגטען צוהערען זיך אויב מען הערט אונז ניט אונטער, צורייצט פון זיינע ווילדע זשעסטיקולאציעס, האָב איך מיך צו מיין טשער ווי צוגעשמיערט, און זיינע הענד פון זיך אָבגעשטויסען. ער האָט זיך פאַר מיינע פיס אוועקגעלעגט און פערזיכערט, דאָס ער וועט ניט אויפשטעהן

ביז... ביז איך וועל שיקען נאָך אַן אַמבולאַנס, אַז מען זאָל איהם קומען צונעהמען.

— איך בין קראַנק, מיעד, צובראָכען, — האָט ער צו מיר אַרויפגערעדט, — און אַ י ה ר זייט אין דעם שולדיג. איהר זייט אַזוי האַרט, אַזוי קאַלט, אַז אייך אַרט נישט אַ מענש זאָל דאָ, ביי אייערע פיס אויסגעהן. איהר האָט אַן אויג פון אַ טויב און אַ האַרץ פון אַ טיגער. אין אייך פּעהלט אַ נשמה — —

— איז וואָס זאָל איך טהאָן, אַז עס פּעהלט?

— איך וועל אייך מיין נשמה אַוועקגעבען.

— און אליין...

— אליין אַ טויטער ביי אייערע פיס דאָ בלייבען ליגען. ניין, ניט דאָ. קומט אהין, צום בעט. וואָס האָט איהר זיך אַזוי אויף דעם שטוהל אָנגעזעצט? האָט איהר זיך צו איהם צוגע־קלעפּט? זייט איהר צו איהם צוגעוואַקסען? ג׳זעהן, מ׳קען זי גאָר פון איהם ניט אָפּרייסען! — האָט ער שוין ניט צו מיר, נאָר ווי צו אימיצען אַנדערש ווענען מיר גערעדט און אויף מיר גע׳מסור׳ט, אַזוי לאַנג גערעדט ביז ער איז שטיל געוואָרען. שטיל מיט׳ן קאָפּ אויף מיין פוס־בענקעל געבליבען ליגען און, דאַכט זיך, אָנגעהויבען דרעמלען — ווען אַ קלאַפּ אין טהיר האָט אונזביידען פּלוצלינג אויף די פיס אוועקגעשטעלט.

— ווער איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

— ווער איז דאָס? — האָב איך ביים טהיר געפרעגט.

— עפענט, וועט איהר זעהן! — האָט אַ געדיכטע, ניט דיי־נע שטימע פון הינטער׳ן טהיר געענטפערט. — עפענט, עפענט!

מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, די הענד האָבען געצי־טערט. איך האָב די טהיר ניט ביים הענטעל אָנגענומען, נאָר ביים שליסעל. דער שליסעל האָט זיך אַרויסגעשלעפּט און זיך אונטער׳ן בעט פערפלויגען. איך האָב איהם געוואָלט אויפהויבען, און, די קלעפּ אין טהיר זיינען אונגעדולדיגער, שטאַרקער גע־וואָרען.

— דו מוזט ניט עפענען, — האָט זיך ג, צו מיר אָפּגערופען, — האָסט אַ רעכט דיין טהיר ניט צו עפענען, אַז דו — — — ווילסט ניט.

איך האָב איהם מיט'ן קוק געהייסען שווייגען, האָב געעפּענט די טהיר און, צוזאַמענגעהמענדיג ביים האַלז מיין קימאָנא, אין פינסטערען האָל אַרויסגעקוקט. די מיסים, אין אַ לאַנגען, ברייטען, ברודיג־ברוינעם „בעטה ראָוב", איז פאַר מיר ערשיענען. זי האָט מיך מיט איהרע אויגען דורכגעשטאָכען און מיט ווערטער, וואָס זיינען ווי בעזונדער פון בליי געוועזן אויסגעגאָסען, געזאָגט:

— איהר קענט ביי אונז מעהר ניט וואוינען. זוכט אייך אַן אַנדער רום.

— מיסיס — — —

— ניט אין מ י י ן הויז!

— איהר — — —

— קיינע ענטשולדיגונגען!

— אָבער איך — — —

— איך וויל גאָרנישט הערען.

— אָבער — — —

— מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אריינלייגען, איך קען אָפּבייסען. איך האָב די רום צו איין מענשען אַרויסגעלאָזען. פאַר אַנדערע זיינען אין ניו יאָרק פאַראַן אַנדערע סאָרטען הייזער... פּלענטי!

— ווי קענט איהר — — —

— ס'איז אָלל־רייט. אַז איהר קענט טהאָן, קען איך — ריידען. ס'איז שוין ניט די ערשטע נאַכט, וואָס — — איהר האָט ביי זיך אַ מאַן אין רום. איך האָב אַלץ געשוויגען. אָבער צו אַלץ איז דאָך פאַראַן אַ מאָס. איך האָב אַן אייזערנעם געדולד, אָבער דער קען דאָך אויך פּלאַצען. גענוג!

— איך מיין אויך אַזוי — האָט זיך פּלוצלונג פון הינטער דער ווייב'ס פּלייצעס דעם מאַן'ס שטימע געלאָזט הערען. — אַזאַ מין סאָרט „פּאָוועדעניע" פּאַסט גאָר ניט פאַר אַן אינטעליגענטער מיידעל און נאָך אין אַן אינטעליגענטע הויז, צווישען אינטעליגענטע מענשען. מיר קענען ניט אין אונזער הויז לאָזען אריינעהמען אַזעלכע, וואָס מיר קענען ניט און ווייסען ניט ווער זיי זיינען. וואָס איז ער, ווער איז ער, אָט דער — ?

— וואָס גערט עס אייך אָן וועד ע ר איז? — האָט ער, ג., זיך פּלוצלונג ארויסגעבאַפּט, — פאַר דער רום איז בעצאָהלט ביז'ן — — ערשטען? האָט זיך קיינער קיין רעכט ניט צו מישען.

— סעי, מיסטער, צו וועמען רעדט איהר דאָ אזוי? — האָט זיך דער מיסטער נעהנטער צום טהיר צוגערוקט, — איהר וועט מיר קומען איינזאָגען וואָס פאַר אַ רעכט איך האָב? אַז ניט דערלעבען זאָלען מיינע שונאים — אַפּעריסט, ווייסע שקלאַפּען־הענדלער וואָס איהר זיינט! איך קען אייך באַלד צו דער פּאָליס איבערגעבען, אויב איהר וועט מיר ניט זאָגען וואָס איהר זענט.

— איך, — האָט ג. מיט אַ פערעכטליכען בליק אויף זיי, ארויסגעזאָגט — בין איהר — — חתן. געפעהלט אייך דער שדוך?

— איהר חתן! — האָט זיך דער מיסטער צו זיין ווייב אַ קעהר געטהאָן, — אַז ווערען זאָל ער געשאָסען. איהר חתן, האַ?

— איהר מאַן, — האָט זיך ג. מיט איהם ווי גערייצט — אָלל־רייט? מיר האָבעןביידע חתונה געהאַט און, ביז מיר ווע־לען זיך, ווי איהר, ארויפּארבייטען צו נעהמען אַ פלעט, לעבען דערווייל אין איין צימער.

— איהר מ־א־א־ן? — האָט שוין דער מיסטער אָנגעהויבען גלויבען און גלייך, זיך וועלענדיג איבערצייגען אין דעם, געפרעגט: האָט איהר וואָס צו בעווייזען, אַז איהר זייט איהר מאַן?

ג. האָט איהם בעוויזען אַ פייג.

— וואָס? מיר!! — איז דער מיסטער אַן אויפגעקאָכטער געוואָרען. — מ י ר אַ פייג! לאָז מיך שוין צו צו איהם — האָט ער זיך פון דער ווייב זיינער געריסען. איך וועל איהם שוין גע־בען! אזאַ מערזאַוועץ, אזאַ סקאָטינע! סט'געזעהן וואָס ער'ט מיר געגעבען!?! —

— וואַי, דהאַט'ס דהי לימיט! — האָט זיך פּלוצלינג זייער טאָכטער'ס שטימע דערהערט. — איט'ס עי שעים! וואַי, אזאַ — — שעים! דיד יו עוועך? אָה, מאַי! איך האָב ניט געשלאָ־פען, כ'האָב א ל ץ געהערט.

— גערה, מיין טאָכטער, בעסער אוועק פון דאַנען, — האָט איהר די מאַמע מיט מילדען ערנסט אוועקגעשטויסען, — דיר

פּאַסט ניט דאָ צו שטעהן און אַזעלכע זאַכען צו הערען... געה... געה... און איהר, — האָט זי געגען מיר אַ האַנד אויפגעהויבען — מ ו פ ט!

זי האָט דעם מאַן און טאָכטער אין הויז אַוועקגעשטופּט. איך האָב זיך ווי אַ דערשלאָגענע אויפ'ן ראַנד פון מיין בעט אַוועקגעזעצט און מיט שטאַרע בליקען געקוקט צו דער האַלב־אָפענער טהיר, ביי וועלכער די העסליכע סצענע איז נאָר־וואָס פאָרגעקומען. אין מוח האָט זיך ווי מיט אַ האַמער דער „מופט!" אויסגעקלאַפּט, מיין האַרץ האָט זיך פיינליך און קראַמפּהאַפט צוזאַמענגעדריקט אויס רחמנות צו מיר, וואָס איך, א י ך האָב געדאַרפט אויסשטעהן אַזאַ בעליידיגונג. איך בין ווי אַ געפאַלענע בעטראַכט געוואָרען! באַלד וועט ווערען אויף די הויז, די סטריט, אַלע וועלען אויף מיר ווייזען מיט די פינגער: „אָט די, איז דאָס..." מען וועט מיך מיט עקעל אָנקוקען און אויסמיידען ווי אַ פּעסט... פאַרוואָס אַנטלויף איך ניט גיכער פון דאַנען? וואָס זיץ איך דאָ, פאַר וואָס ו ו א ר ט איך?!

איך האָב מיך געפּרואווט שטעלען, אָבער די פיס האָבען זיך אונטער מיר געבויגען און איך האָב מיך צוריק אויפ'ן ראַנד פון מיין אונבעריהרטער בעט אַראָפּגעלאָזען. זיי האָבען אויף דער פערבעטער בעט געקוקט — איז מיר אַ געדאַנק געקומען, און... געווויס געטראַכט, אַז איך האָב עס געכאַפּט גיכער פערבעטען, ווען... איך האָב ניט אַזוי גיך די טהיר געעפענט... יאַ, מען קען אויף מיר טראַכטען אַלץ וואָס מען וויל...

— נו, פאַר וואָס אַזוי פערלאָרען און מוטהלאָז? — האָט זיך ג., מיט אַ האַנד אויף מיין קאָפּ, נעבען מיר אַוועקגעשטעלט. — וואָס איז דאָ אַזוינס געשעהן, וואָס מען זאָל אויסקוקען ווי די וועלט געהט שוין אונטער?! וואָס מען קען דערפון — איז, לערען די קליינינקע, מיאוס'ע נאַטורען פון אַזעלכע מיזעראַבעלע „אינטעליגענטען". בעגרייפען וואָס פאַר אַ בעגריף זיי האָבען וועגען אַנדערע, ווענמען זיי קענען ניט העכער פון זייערע נידעריגע, שמוציגע געדאַנקען אָפּשאַצען. ניט זאָרגען, נאָר פרעהען דאַרף מען זיך וואָס עס האָט אַזוי פּאַסירט. וועט זיין אַ סוף צום זיין דאָ. וועסט פון דאַנען אַרויסמופען. וועסט אין אַ בעסערע

רום אריינמופען. ווייסטו וואס, טייערע, קום גאָר צו מיר, קום! איך געה שוין דינגען א פּושקאַרט איבערצופיהרען דיינע זאַכען צו מיר, און מיר וועלען וואוינען צוזאַמען. וואס פּאַר א גוטע אידעע דאָס איז! ביי מיר וועסטו זיך פיהלען פריי ווי א פויגעל, קיינער וועט דיר ניט זאָגען קיין דעה, וועסט מעגען טהאָן וואס דו ווילסט. קום!

„א בעליידיגונג נאָך א בעליידיגונג", האָט זיך מיר א טראַכט געטהאָן. זייער בעליידיגען מיך האָט איהם מעהר צו מיר שליטה געגעבען...

—ביידען אין איינעם — האָט ער פאָרטגעזעצט — וועט אונז א סך ביליגער קאָסטען. איך וועל דיר לערנען עקאָנאָמי. וועסט זעהן, ווי גוט מיר וועלען אליין מענעדזשען, און ליעבען זיך וועלען מיר, ליעבען זיך, אז... ניין, איך קען דיר אין ווערטער ניט ארויסגעבען ווי מיר וועלען זיך ליעבען! קאָם — — —

א מאָדנע פּוילקייט אויפצומאַכען דעם מויל איהם וואס צו זאָגען, האָט מיך ארומגענומען. די רייד האָבען מיר אויסגעוויזען צו קומען ערגעץ פון ווייט. איך האָב זיך בעדאַרפט אנשטרענגען צונויפבינדען איין וואָרט מיט'ן אנדערען. איך האָב נאָר גע־פיהלט, ווי אין א חלום, ווען מען וויל זיך בעוועגען און עס קומט אָן אזוי שווער, אזוי אונמעגליך שווער, ווייל מען איז ווי פּאַראַלי־זירט, אָבגע'חלש'ט — — — —

— וואס קוקסט דו אזוי... מאָדנע? — האָט ער אונצופריע־דען געפרעגט. — זיי אביסעל לעבעדיגער! גאָט מיינער, נעהם זיך אין די הענד, קוק אויף מיר, קוק מיר גלייך אין די אויגען! נו, זאָג עפּעס, זאָג וואס דו ווילסט!

— לאָזט מיך אליין.

— ווי קען איך דיך אזוי לאָזען? וואס זאָל איך פאַר דיר טהאָן? זאָג, זאָג וואס?!

איך האָב טעמפּ געקוקט פאַר זיך און שטום געשוויגען.

— אפשר, — האָט ער נאָך א קורצע פּאַוזע געפרעגט, — זאָלען מיר גאָר צופאָהרען אין סיטי האָל ארויסנעהמען מערידזש לייסענס? — —

די פראַגע האָט מיך פון פערגליווערטען צושטאַנד ארויסגע־

רופען. זי האָט איהם מיט אמאָל העכער פאַר מיינע גייסטיגע אויגען אויפגעהויבען. אזוי דאַרף פרעגען אן איידעל־מאַן, וועל־כער וויל זיין געליעבטע פון בעליידיגונג ריינוואשען. מיט פער־אכטונג וואָלט איך ז י י דאַן די לייסענס בעוויזען און מיט פער־אכטונג און שטאָלץ זייער אינטעליגענטע הויז פערלאָזען. איך וואָלט זיי נאָך קענען, אז איך זאָל וועלען, אַנקלאָגען פאַר'ן גע־ריכט פאַר אריינרייסען זיך צו מיר מיט אזא בעליידיגונג. איך וואָלט זיי דערנאָך, קען זיין, פערגעבען, אָבער איך וואָלט זיי פרי־הער געהאַט גוט אָנגעלערענט פאַר זייער האַנדלונג געגען מיר. איך וואָלט דוקא ניט ארויסגעמופט, וואָלט זיי בריינגען דערצו, אז זיי זאָלען פאָליציי ברענגען, און ווען מען וואָלט מיך פאַר אונאָנ־שטענדיגקייט וועלען ארעסטירען, וואָלט איך פלוצלינג די לייסענס בעוויזען און די גאַנצע שאַנדע פון אזא אויפפיהרונג וואָלט אויף זיי, וואָס שטעלען מיט זיך פאַר די געזעלשאַפט — געפאַלען.

דאָס אלץ איז מיט די שנעלקייט פון א בליץ מיינע געדאַנ־קען דורכגעשניטען און איך האָב צו איהם א דאַנקבארקייט דער־פיהלט. איז ער דאָך א סך בעסער, ווי ער ווייזט זיך ארויס צו זיין. ער קען, ווען מען דאַרף, זיינע פרינציפען אביסעל פערבוי־גען אום די עהרע פון דער וואָס ער ליעבט — פערטהיידיגען. עס זיינען ניטאָ קיין אבסאָלוט גוטע, אָדער אין גאַנצען שלעכטע מענ־שען. מען דאַרף נאָר צוקומען צו דעם מאָמענט ווען די נשמה ענטפלעקט זיך און דאַן זעהן אויף וואָס מען איז פעהיג.

— ווילסטו מיר זאָלען צופאָהרען אין סיטי האָל? — האָט ער מיך נאָך א מאָל געפרעגט.

— אפשר... זאָלען מיר? — האָב איך צוליעב אינסטינקטי־ווע בעשיידענהייט איבערגעפרעגט צו הערען וואָס ער וועט אויף דעם ענטפערען.

אָבער ער האָט ניט געענטפערט, ער האָט נור געקוקט אויף מיר, געקוקט מיט אזא קוק, אזא שמייכעלע אז איך האָב געפיהלט ווי מיין גאַנצע בלוט האָט מיר אין קאָפּ א זעץ געטהאָן. ער האָט עס מיך געפרעגט בלויז זעהן, וואָס פאַר א ווירקונג דאָס וועט אויף מיר האָבען און איהם איז געלונגען!... איך האָב זיך געהייסען בעהערשען. ניט ארויסווייזען מיין האַס וואָס דער צינישער שמיי־

**בעלע האָט אין מיר אַרויסגערופן, ביז איך וועל עפּעס צוטראַכ־**
טען אַ זאַך מיט וואָס איהם צו קענען שטאַרק בעליידיגען, אָבער
אַזוי ווען טהאָן איהם, אַז ער זאָל מיך האָבען צו געדענקען.

— ווילסטו אין סיטי האָל? — האָט ער מיט אַ וואונק אין
דער וועלט אַריין איבערגעפרעגט, — אָבער צוליעב וואָס. איז
דאָס, ווייל דו האָסט מיך אַזוי ליעב, אַז דו וואָלסט צו מיר אויף
אַלע מאָל וועלען בעלאַנגען?

— ... יעס...

— אַזוי. און אַזוי אין מיין ליעבע ווילסטו ניט גלויבען?

— ... ניין.

— ווייסט דאָך אָבער, אַז די געזעצליכע חתונה איז געגען
מיינע פּרינציפּען.

— איך ווייס.

— און דאָך ווילסטו איך זאָל געגען זיי געהן.

— אַזוי... וויל איך.

— און אויב ניט קיין לייסענס איז — אויס ליעבע?

— אויס.

— וואו איז די לאָגיק?

— ניטאָ.

— ווי קענסטו זיך וועלען אָהן לאָגיק, אָהן ליעבע מיט אַ
מענשען פערבינדען. איז דאָס כדי ער זאָל דיך מוזען סופּאָרטען?

— ... יאָ.

— זעהר פּראַקטיש... ביזט זעהר אַ פּראַקטישע פרוי...

— אַ מ י י ד ע ל.

— אַח, אַח, „בעג פּאַרדאָן“, אַזאַ יחוס, אַ מיידעל! פּאַראַן
זיך מיט וואָס איבערצונעהמען, אויף וואָס צו זיין שטאָלץ. אַ
קלייניגקייט, אַ מעדאַל קומט דערפאַר! סך הכל איז מען דאָס
פּאַר מורא, ניין?...

— ניין.

— דיינע ענטפערס, — האָט ער אין זיין קאַרטאַוועו ענגליש
געזאָגט, — זיינען אַזעלכע לאַקאָנישע. זיי קענען פון געדולד
אַרויסברייגנען... אָבער, וואַרט, אפשר זאָלען מיר גאַר צו־געהן צו
אַ רב? פּאַר אַ קלייניגקייט וועט ער אונז אויפ׳ן רב׳נישען אופן

פאַרצערעמאָניעוועז און די טהרת המשפחה וועט זיין גערעטעט. מיר'ן צו אונזערע אַלטפּריינקישע קרובים גנהן אויף כיבוד און לאַכען פון זיי אין די הויפענס. קום צו א רב, קאַם אַן!

— כ'וויל ניט קיין רב.

— וואַס דען ווילסטו?

— א דזשאַדזש.

— אַזוי, עס ווילט זיך טאַקע גוט איינקסעפּעוועז, אז מען זאָל זיך קיינמאָל ניט קענען אָפּבינדען. זיך אויף אייביג צום געזעץ פערשקלאַפען?

איך האָב געשוויגען, און ער, געפינענדיג דאָס איך בין ווייטער אין פריהערדיגע אפּאַטיע אריינגעפאַלען, און גיב שוין אפילו קיין לאַקאָנישע ענטפערס אויך ניט, האָט זיך פערלאָרען, זיך ווייטער געפונען און בעשלאָסען, אז ס'איז בעסער פאַר איהם ער זאָל אוועקגעהן. ער זעהט דאָך אז מען... זעהט איהם גאָר ניט. וואָלט ער זיך וועלען אָנטהאָן דעם כאָמוט פון געזעץ, זיך לאָזען דורך לייסענס פאַר א מאַן מאַכען, וואָלט זיין „געליעבטע" גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען. אָבער אז ער איז ניט פון די וואָס מען קען פאַר'ן נאָז אין וועלכען זייט מען וויל פיהרען, האָט מען שוין מיט איהם ניט וואָס צו ריידען. ס'איז גאָר אונטער זיין ווירדע, זייענדיג א לאָיער, און באַלד א דאָקטאָר, אַזוי צו בעטען זיך ביי איינער זי זאָל צו איהם אַן איבריגען וואָרט אויסריידען.

זיין אייגענליעבע איז געוועז פערוואונדעט. ער האָט דערגאַנגען כבוד און האָט עס ניט געקראָגען. ער האָט פון מיינטוועגען אָפּגעלייקענט וועלכע ניט איז נייגונג צו איהם, בעהויפּטעט אז איך לאַך זיך פון איהם אויס, און איך האָב דאָס ניט אָבגעלייקענט. ער האָט אפילו צוגעגעבען דאָס איך ליעב אַן אַנדערען און וויל איהם הייראַטהען כדי איך זאָל יענעם קענען בעסער ליעבען... און, איך האָב דאָס ניט אָבגעלייקענט. ער האָט געזאָגט דאָס איך אַנערקען ניט זיין גרויסקייט, איך בעטראַכט איהם אַלס א משוגענעם — כ'גלויב ניט אין זיין צוקונפט, — און איך האָב דאָס... ניט אָבגעלייקענט. ער האָט געזאָגט דאָס איך וויל ער זאָל אַוועקגעהן און איך האָב צו דעם צוגעשטימט...

— אָ... איך זאָל קיין מאָל מעהר ניט קומען? — האָט ער מיט גאַל געפרעגט.

— ... איהר קענט יאָ קומען...

— היינט פאַר נאַכט, יאָ? אין אָבענד.

— אין אבענד.

— מיר'ן ביידע געהן זוכען אַ צימער, יאָ?

— ... יאָ.

— גוט!... און מיר וועלען בעשטימען וואָס מיר האָבען ווייטער צו טהאָן, יאָ?

— יאָ...

— נאָך אַלעמען, וויפיעל מיר זאָלען זיך ניט צואווערטלען, זיינען מיר דאָך, צו פערדאַנקען אונזערע געפיהלען, דיזעלבע... פריינד ווי פריהער, יאָ?

— יאָ, יאָ.

— אויך איך האָב מיך אויסגערעדט וואָס מען דאַרף ניט, וועט עס דאָך מיר פאַר קיין זינד ניט פעררעכענט ווערען, ניין?

— ניין.

— ווי ליעב, ווי ווייך, גוט און נאָכגעביג דו ביזט, טהייערע! ווייסטו, אַז מיט אזא גוטסקייט קענסטו מיך פאַר דיין אייביגען שקלאַף מאַכען? עס קען קומען דערצו, אַז איך זאָל זיך ביי דיר בעטען, דו זאָלסט מיט מיר געזעצליך חתונה האָבען און דו זאָלסט נאָך ניט וועלען.

מיר האָט זיך דאָס געוואָלט בעשטעטיגען, געוואָלט איהם גוט אויסלאַכען, אָבער דאָס וואָס איך האָב זיך געגרייט צו טהאָן וואָלט זיך געגען אזא טהאָט פערלירען און איך האָב מיך בעהערשט ביז צו לעצט, זיך אין די רעמלאָך פון אויסגעהאַלטענע רוהיגקייט פערהאַלטען, קיין צייכען פון מאַכטלאָזען צאָרן ניט ארויסווייזען...

עפּעס האָט ער אינסטינקטיוו געמוזט דערפיהלען דאָס די רוהיגקייט מיינע איז שוין אַן אויסערגעוועהנליכע און ער האָט זיך פון טיהר נאָך אמאָל אומגעקעהרט זיך און מיין וואַרטען פאַר איהם צו פערזיכערען...

אזוי גיך ווי ער איז אוועק האָב איך זיך איינצופּאַקען מיינע זאַכען גענומען. די מורא צו זיין צו שפּעט מיט'ן מופען ביז

ער וועט קומען — האָט מיר געהאָלפען מיט אונאַטירליכע שנעל־קייט אַלעס דורכצופיהרען. באלד בין איך אַוועק זוכען אַ ציי־מער, זייענדיג גרייט צו נעהמען אַ וועלכען צימער ניט איז אַבי דאָרט מעהר ניט פערבלייבען.

אין אַ זייטיגער סטריט, ביי אַ האלב בלינדע, אויפ'ן אויסזעהן אַלטע, קראַנקע דייטשקע האָב איך, פון וואָך, אַ צימער געדונגען. געפונען אַ מאַן מיט אַ באַי וועלכע האָבען מיר פאַר אַ דאָלאַר מיין קליינעם טראַנק און גרויסען סעטשעל אַריבערגעטראָגען, מיט זיי איז עס געווען גיכער ווי מיט'ן עקספּרעס אויסצופיהרען.

---

דער געדאנק אז ער וועט צו מיר קומען און מיך ניט טרעפען, קלאַפּען, קלאַפּען אין מיין טהיר און זי וועט זיך פאַר איהם ניט עפענען — האָט מיר געהאָלפען פערזעהן פיעלע אונבעקוועמליכ־קייטען און אונאַנגענעהמליכקייטען וואס וואַלטען אין אַ בעסערער, רוהיגערער צייט דעם אויבען אָן פערנומען. איך האָב זיך אין מיין נייעם צימער זיכער ווי אין אַ קבר דערפיהלט. די אַלטע פער'חושך'טע ווענט, מיט די גוי'אישע בילדער אויסגעהאנגען, דער בויכיגער גרויסער קאמאָד, די געשטוקעוועטע פון פערשיעדענע, קליינע שטיקלעך וואַרע וואַטאַווע קאָלדרע, א. ד. גל. האָט מיך גלייך אין עפּעס אַן אנדער וועלט אַריינגעוואָרפען. אין אַזאַ ניט אידישען ווינקעל האָב איך מיך נאָך קיין מאָהל ניט געפונען, און קיינעם פון מיינע בעקענטע וועט גאָר קיין מאָל ניט איינפאַלען אז איך וואוין דאָ. מיר אַליין גלויבט זיך עס קוים און איך דאַרף זיך, ווען איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף גוט אַ קניפּ טהאָן איך זאָל זאָל מיך איבערצייגען אז דאָס בין איך דאָ און ניט קיין אַנדערע.

שוין צוויי טעג אז איך בין דאָ, און מיר דאכט זיך — אַן אויביגקייט. איך אַרבייט ניט, איצט בין איך פריי זיך אין דעם צימער איינצושליעסען און אויסשטעהן דעם קאַלט וואס איך האָב פון יענעם צימער געבראַכט.

איך פיהל מיך דאָ בעהאַלטען, פון דער גאַנצער וועלט ווי אָבגעריסען, יעדע זאַך איז מיר דאָ ווייט און פרעמד.

אַ קליינע קעצעלע איז נעכטען צו מיר דורכ'ן פענסטער אַריינגעלאָפען און איך האָב זיך מיט איהר דערפרעהט. כ'האָב

זי געגלעט, געוואַרימט און אַ צייט אין די קעציִשע אויגען אַריינגעקוקט. איהר איז מיט מיר באַלד אומעטיג געוואָרען און זי איז מיט'ן זעלבען אימפּעט וואָס זי איז אַריינגעלאָפען, צוריק אַרויסגעשפּרונגען.

---

די גאַנצע הויז איז זעהר אַ שטילע, איך הער נאָר ווי טהירען עפענען זיך און מאַכען זיך צו. די וואָס וואוינען דאָ קומען נאָר אַהער איבערנעכטיגען, און אַלץ וואָך'איגע מענשען; אויפ'ן מאָנאַט ווערט דאָ קיין צימער ניט פּערדונגען — האָט מיר מיין מיסעס, די קראַנקע האַלב בלינדע דייטשקע געזאָגט. פון וואָך טראָגט אַריין מעהר ווי פון מאָנאַט; אַ האַלבע וואָך כאַפּט זיך אַרויף כמעט אויף יעדער חדש, וואָס דאָס מיינט מיט א פּאָר דאָלאר מעהר. „ניכט וואהר?"

„עס איז וואהר" — האָב איך צוגעשטימט און געוואָלט איהר בעטען, זי זאָל די בילדער איהרע, די הייליגע און ניט הייליגע, פון די ווענט אַראָפּנעהמען, איך קען אויף זיי ניט קוקען. אָבער, איך האָב עס ניט געבעטען, איך בין איהר אין האַרצען דאַנקבאַר געווען וואָס... וואָס זי האָט מיך צו זיך אַריינגעלאָזען. און קיין איבריגע פראַגען ווי פון וואַנען איך „מוף" און פאַר וואָס — ניט געשטעלט. זאָל שוין דאָ אויף די ווענט הייגען וואָס עס וויל; וועל איך ניט אויף די ווענט, וועל איך אויפ'ן „סילינג" קוקען...

די ערשטע נאַכט האָב איך מורא געהאַט זיך אין דער בעט צו לייגען שלאָפען, אַזאַ ברייטע בעט מיט האַרטע געקראָכמאַלטע אַלטע וועש אויף דעם. ווער ווייס וואָס פאַר אַ מענש עס איז מיט אַ נאַכט פריהער אין דער בעט געשלאָפען. איך האָב די בעט מיט מיינע וועש אויסגעשפּרייט און זיך אין אַלעמען, אויסער די שיך — ביים ברעג אַוועקגעלעגט. כ'האָב געטראַכט וועגען דעם אָבענד בעפאָר דער נאַכט און... דעם פריהמאָרגען, ווי מען האָט מיך בעליידיגט און... אַרויסגעטריבען... איך האָב זיך אין געדאַנקען אין דער אַלטער, אַלטער היים געבראַכט און ביטער זיך פאַר איהר אויסגעוויינט.

און איצט אויך... אַ טיעפער טרויער, אַ שווערער געפיהל איבער ניט פערדיענטע ליידען דריקט מיין האַרץ. טרעהרען שניי־

דען זיך מיט וועהטאג דורך מיינע אויגען דורך און פאלען אויף די בלאסע בלעטער פון מיין איינציגען פריינד — דעם טאגע־בוך... איך פרעג מיך: אפשר האב איך שלעכט געהאנדעלט; פיעלייכט האב איך — וואס, וואס האב איך געזאלט טהאן?! אריינרופען זיי אלע איידער זיי האבען זיך צו מיר אריינגעריסען און דערצעהלען אז... אז איך האב קיין זינד בעגאנגען? און וואל־טען זיי דען גלויבען?

עס איז נאריש אזוי איבער אזא נארישקייט צו וויינען. איך ווייס דאס. און דאך, די טרעהרען לאזען זיך ניט איינהאלטען, זיי פליסען אהן אן אפהאלט. איך וועל זיי לאזען פריי לויפען, קיינער זעהט דאך זיי ניט, אפשר ועט דערפון די משא, וואס דריקט מיין הארץ, גרינגער ווערען...

ערגעץ וואו געפינט זיך א... און ב... וואלט נעבען מיר כאטש איצטער ב. געוועזן! ער וואלט מיך אהן ווערטער פער־שטעהן און גלעטענדיג מיינע האאר וואלט ער מיך מיט זיין ווייכע שטימע — ק י נ ד גערופען...

ניין, איך טאר נאך זיי ניט בייגקען, זיי זיינען פאר מיר געשטארבען.

איך וואלט בעדארפט צו רעי אריבערפאהרען. זי זאל צו מיר אהין ניט קומען און ניט אויסגעפינען פאר וואס, ווי אזוי איך האב מיך פון דארט אזוי אונגעריכט ארויסגעצויגען...

היינט האט זיך מיר פערוואלט די פערשיעדענערליי קוואד־ראטנע שטיקלאך וואארע אויף דער קאלדרע איבערצעהלען. זיי זיינען אלע מיט'ן האנד צונויפגענעהט. איך האב אין מיטען צייהלען דעם חשבון פערלארען און זיך אויף דער הייליגער מוטער מיט'ן זוהן פערקוקט.

א י ך, אין א צימער, וואו אזעלכע בילדער הענגען! וואס וואלטען מיינע אייגענע פון יענער וועלט אויף דעם געזאגט?

דער קליידער אלמער איז פון פראסטען האלץ, מיט דונקעל רויטען פארב אבגעפארבט און אין איהם — לויפט עפעס ארום. איך האב מורא צו איהם נאהענט צוגעהן, אז דאס וואס לויפט דארטען ארום זאל מיך אין געזיכט ניט א שפרונג טהאן... דער פאמאסט איז מיט אלטע שטיקלאך אויל קלאטה און צעראטע

אויסגעלייגט. אויף זיי, ערטערווייז, שטיקלאַך פון קאַוויאַרען... די שפּיגעל איבער'ן ווינקעל טישעל איז אין איינע ראַגעס, ווי אַ פערוויינטע קוקט זי אויס. עס קען זיין, דאָס זי האָט אין זיך פער־קערפּערט די טרעהרען, וואָס האָבען זיך פאַר איהר, צייט זי „לעבט" בעוויזען.

זי האָט שוין אויך מ י י נ ע טרעהרען אין זיך אַבגעשפּיע־געלט.

מיר ווילט זיך ניט אַן איבעריגען מאָל אין גאַס אַרויסקומען, כדי ג. ניט בעגעגענען. איך וועל איהם אויסמיידען ווי לאַנג עס וועט זיין מעגליך, און ווען דער צופאַל וועט אונז נאָכאַמאָל צוזאַמען ברייגנען דאַן... זאָל ער זיך פאַר מיר היטען!...

איינענטליך בין איך אליין אין אַלעם שולדיג. ווי האָב איך געקענט אין איינעם אַזאַ צו זיך בעציהונג, אַזאַ האַנדלונג אַרויס־רופען?! מסתמא איז עפּעס פאַראַן אין מיר, וואָס קען ניט קיין זעהר שעהנע געפיהלען ערוועקען... עס קען זיין, אַז מיין שטאָלץ איז שולדיג אין דעם וואָס איך לאָז מיך אַזוי פיעל בעליידיגען; מיר שטעהט ניט אָן צו ווייזען דאָס איך פיהל זיך בעליידיגט, ווען... ווען איך ווייס נאָך ניט ווי אַזוי פאַר דער בעליידיגונג זיך אָפּצורעכענען...

איהם וועט קיין מאָל ניט איינפאַלען אין געדאַנקען, אַז איך זאָל מיך דאָ, אַזוי גאָהענט און דאָך אַזוי ווייט געפינען. איך, אין אַזאַ „פאַרנישט" וואָכ'יגע רום מיט „הייליגע" בילדער אַרום מיר און... אַזאַ מיר זינדיגע פערדעכטיגע שטילקייט און איינ־געשלאָסענקייט...

* * *

איך האָב היינט אין צייטונג געלעזען, דאָס אַנשטענדיגע מיידלאַך ווערען ווי גאַסען־פרויען גע'משפּט...

אין דעם רעפּאָרט פון דער פרויען־פּריזאָן אַסאָסיאיישאָן ווערט בעוויזען, דאָס פיעלע אַנשטענדיגע פרויען און מיידלעך ווערען אַלס אונמאָראַלישע פרויען אונגעזעצליך אַרעסטירט בלויז דערפאַר וואָס אַ פּאָליסמאַן, אָדער ווער־ניט־איז־אַנדערש וויל אַזוי. — —

דער פּאָליסמאַן — אָדער דעטעקטיוו — איז אַלע מאָל מעהר בעגלויבט ווי די יעניגע וואָס ווערט דורך איהם פאַר'ן געריכט

פאַרגעפיהרט, מעג אפילו די בעשולדיגטע אין אונמאָראַלע אויפ־פיהרונג זיין די אַנשטענדיגקייט אַליין.

„מיט דעם נייעם טענעמענט הויז געזעץ" — לויטעט דער רעפּאָרט — „זיינען די פּערפאָלגונגען אויף אונפערהייראַטע פרויען וואס ווערען בעשולדיגט אין פיהרען אונמאָראַלישע לע־בענס בעדייטענד געשטיעגען. דיעזער געזעץ האָט בעשאפען אזא לאַגע, אז ק י י ן פרוי וועלכע וואוינט פאר זיך אין א פּוירנישד רום אדער אין א טענעמענט הויז, איז היינט צו טאָג ניט זיכער מיט איהר פרייהייט און גוטען נאָמען. פיעלע פרויען וואָס זיי־נען פערראורטהיילט געווארען אונטער דיזען געזעץ בעהויפּטען, אז זיי האָבען שווער און ביטער געארבייט פאר א לעבען צו מאכען און אז ציוויל־געקליידעטע פּאָליסלייט האָבען אָהן א שום פארוואס זיך צו זיי ארייגעריסען און ארעסטירט אָהן ווארענטס און אָהן וועל־כע ניט איז בעווייזע געגען זיי".

„פיעלע פרויען שמאַכטען איצט אין דזשייל און זיינען אויף אייביג געבראנדמארקט אלס פראָסטיטוטקעס, ניט אכטענדיג דע־רויף וואס זיי וואָלטען געקענט בעווייזען, דאָס זיי זיינען אונ־שולדיג. שכנים, לשון־הרע'ניקעס, ווייבער רכילות'ניצעס, פּליאָט־קע־מאכערינס האָבען זיי פער'מסור'ט. די קאורטס האָבען ניט געפרעגט קיין שאלות און דיעזע פרויען פערראורטהיילט, פער־משפט בלויז דערפאר, ווייל דאָס געזעץ לויטעט, אז:

„דאָס וואָרט פון א פּאָליסמאַן איז גוט גענוג און דארף ניט קיין בעשטעטיגונגען."

און אזוי שלעכט בעהאנדעלט מען די ארעסטירטע, אז זיי מיינען פון אָנהויב דאָס ערגער קען שוין ניט זיין. אָבער, עס איז נאָך ערגער די לאַגע זייערע דאָרט, וואוהין זיי ווערען פערשיקט.

„די פּאָליציי", ווי דער רעפּאָרט לויטעט, „מאכט אן אָבלאַ־ווע אויף א „הייזקע". די ווירטהין, די „מאַדאַם" פון דער הייז־קען איז, געוועהנליך, ביי אזעלכע פעלע ניטאָ אין דער היים . . . ארעסטירט מען די הויז־קיפּערין. אין ספּעשעל סעשאָנס קאורט ווערט דיעזע הויז־קיפּערין פער'משפט צו דרייסיג טעג אין טומבס פּריזאָן. זי געהט אהין מיט שמחה: די „מאַדאַם" שיקט איהר געלד, זי לעבט דאָרט א גוטען טאָג און „טריט" נאָך די אַנדערע

יונגע אַרעסטאַנטקעס, מיט וועלכע זי קומט אין נאָהענטע בעריה־רונג. יונגע ארעסטאַנטקעס זיינען דארט פאַראַן איבער גענוג. זי גיט זיי איהר אדרעס און זאָגט זיי צו אַלערליי גליקען. ווען זיי קומען פון דאָרט אַרויס, זיינען זיי שוין קאַנדידאַטקעס פאַר דער געוויסער הייזקע, וואס דער הויז־קיפּערינ׳ס „מאַדאַם" האָט אונטער דער צייט שוין אין אַן אַנדער פּלאַץ געעפענט"...

דער טענעמענט הויז געזעץ — זאָגט דער רעפּאָרט, — האָט בלויז געפיהרט דערצו, דאָס יעדער לומפּ קען היינט צו טאָג פּרע־סען געלד און אַרויפּברענגען אונגליק אויף יעדע אונפערהייראַטע פרוי וואס וואוינט ערגעץ אליין אין א בעזונדער צימער. אז ער וויל, קען ער זאָגען, דאָס זי ברענגט צו זיך מענער. ער אליין קען, אונטער א וועלכען ניט איז אויסרייד, אריין צו איהר, און א דעטעקטיוו קען דאָס זעהן, און דער דעטעקטיוו וועט דאָס אין ניין פון צעהן פעלע אַלס א גענינענדען גרונד פאַר בעשולדיגונג קענען נעהמען, זיך אריינצורייסען צו דער פרוי און זי אפילו אָהן א וואַ־ראַנט אַרעסטירען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב מיט׳ן לעזען דעם אינסטינקטיווען שרעק פאַר דאָס ארומיגע געוואַלט פערטרייבען, און האָב מיך נאָר אין מעהר מורא פאַר דעם אַריינגעבראַכט. איך האָב איצט מעהר מורא ווי פריהער אַן איבריגען טראָט אין מיין צימער צו מאַכען, א קלאַפּ מיט׳ן טהיר צו געבען, אין סטריט אַרויסצוגעהן — — — איך האָב מורא, אי־מיצער זאָל צו מיר ניט צוגעהן ריידען, נאַכזוכען פאַר וואס איך האָב פון דאָרט זיך אַזוי געאיילט אַרויסגעכאַפּט...

מיר האַלט זיך אין איין דאַכטען, דאָס מיינע מאָראַל־היטענדע „אינטעליגענטע" בעלי־הבתים זוכען מיך, צו זעהן וואָס איז פון מיר געוואָרען. צי איז מיין „מאַן" מיט מיר...

טריט אין דעם לאַנגען, פינסטערען קאָרידאָר, א שאַרף פער־ביי מיין טהיר, רופט אַרויס אַן אונרוהיגע קלאַפּונג אין מיין האַר־צען.

אפשר איז דאָס גאָר א הויז וואס דיענט פאַר דעם צוועק אריינצולאָזען עלענדע מיידלאַך, כדי זיי דערנאָך ניט אַרויסצולאָ־זען? . . . עס קען זיין, אַז די צווייטע טהיר פון מיינער האָט הינ־

טער זיך איינעם פון י ע נ ע וואס קוקען אוים אויף אזעלכע ווי איך בין, איינזאמע, פערפאָלגטע...

וועל איצט פאר א לענגערע צייט קיין בעשעפטיגונג ניט האָבען. איבריגענס ארט עס מיך ניט. אנדערע קוקען אזוי מאָדנע ווען מ'ארבייט ניט . . . זיי מיינען, קלערען וואָס זיי ווילען, מאַכען פיהלען איינג, איבריג און כמעט ווי פערברעכעריש. . .

---

איך האָב שוין געוואָלט צו דער מיסעם דעיטש, מיין האלב־בלינדע מיסעם איצטיגע אריינגעהן און זאָגען איהר פאר וואס איך געפין מיך איצט, ביימאָג, אין צימער. פאר איין גאנג זאָגען איהר, דאָס איך וועל צו מיינער א פריינדין ארי־בערגעהען, זי זאל נאָך ניט מיינען, דאָס איך טהו גאָר נישט פאר אן אנשטענדיגען לעבען צו מאכען און געה וואוהין מען דארף נישט... כ'האָב מיך קוים אָפגעהאלטען פון געהן צו איהר. דער פערענט־פערן זיך אליין, קען דאָך געגען מיר פערדאכט ארויסרופען. און צו וואס, אין דער אמת'ן, דארף איך זיך געהן אליין אין אַלץ ער־קלערען אז מען פרעגט מיך גאָר ניט. אָבער דער נייער טענע־מענט הויז און פאָרנישד רום געזעץ! איין מיספערשטענדניס קען מיך ווער ווייסט וואוהין ברייגגען.... — — — —

דאָס ניט פאנאנדערפרעגען מיך קיין זאך ביים אריינמופען, וואָס איז מיר צום אָנפאנג געפעלען געווארען ערוועקט גאָר אין מיר איצט א פערדאכט געגען דער הויז.... דער צוטרויען צו מיר, וועמען זיי קענען גאָר ניט, רופט אנשטאט דאנקבארקייט, ארוים מיסטרויען פון מיין זייט.... עפעס גלויבט זיך מיר ניט, אז מיר זאָל מען אזוי פיעל געטרויען, און איך קוק זיך פאָרזיכטיג ארום, צו זעהן, אויב מען קוקט מיר ניט נאָך... און איך וואָלט דוקא וועלען, מען זאָל מיך איצט נאָך קוקען, זעהן דאָס איך בין אליין, אין דעם קבר־מעסיגען, גוי'עשקען צימער בעגראָבען. ביכער, צייטונגען, דאָס איז אַלעס מיט וואס איך געפין מיך דאָ.

די „הייליגע" בילדער אויף די ווענט, דוכט זיך מיר, זיינען דאָ אויפגעהאנגען געווארען כדי די זינד פון דער הויז צו פערשטעלען. . . „די מאמע מיט'ן זוהן" . . . מאָדנע געדאנקען קומען מיר איבער זיי: ביי היינטיגע צייטען קען מען אזא זאך ווי אן אונ־

געזעצליך קינד אויף גאָט ניט אַרויפוואַרפען... ביי אונז מוז א קינד האָבען א מענש'שען טאַטען. ווען מען וואָלט אַלע אונגעזעצ־ליכע קינדער פאר גאָט'ס אַנערקענען, וויפיעל — — — ערלעהזער מיר וואָלטען דאָס דאַן געהאַט! . . .

---

מרם. דעיטש איז צו מיר אריינגעקומען און כ'האָב איהר בעצאָהלט פאר נאָך א וואָך אין פאָראויס, כאָטש די וואָך איז מאָר־גען. זי האָט דאָס געלד גענומען — $2.75 — און געבעטען דער־לייגען נאָך א „קוואָדער". פאר געז, האָט זי געזאָגט, דאַרף איך מעהר צאָהלען, ווייל איך ברען א סך. זי ווייסט ניט וואס איך טהו, נאָר זי זעהט דורך דער טהיר דאָס איך ברען. די רול איז, אז שפּעטער פון צעהן אזייגער טאָר מען די געז ניט ברענען, ווייל איך אָבער י אָ ברענען, זאָל איך דערפאר „עקסטרע" דערצאָה־לען.

איך האָב דערצאָהלט.

זי האָט א ווייל מיט איהרע אַלטע, קראַנקע אויגען בעט־קוקט דעם צימער און געפרעגט, אויב מיר איז ניט קאַלט: עס געהט אפילו צו ווינטער, אָבער ס'איז נאָך גאַנץ ווארים, ניכט וואהר?

— יא, ס'איז וואהר — האָב איך געזאָגט, זיך בעשליסענ־דיג צו ליידען קעלט, ביז וואַנען איך וועל מיר א רעכטען צימער געפינען, אבי זי זאָל מיר דאָ ניט אָנמאַכען קיין רויך מיט אַש.

די שיסעל מיט'ן קרוג פאר וואסער האָט זי מיר געראַטען אויפ'ן גאַנצען שטול אוועקצושטעלען, ווארום פון דעם וואס מיט'ן אויסגעדרעהטען פוס קען זיך עס נאָך איבערקעהרען און צוגיי־סען.

איך האָב אזוי געטהאָן.

— נאָך א זאַך — האָט זי זיך דערמאָהנט — דעם שלעסעל אויפ'ן טהיר פון דער געוויסער אָבטהיילונג אין פינסטערען האָל ניט לאָזען אָפּגעשלאָסען. — כ'גלייך דאָס ניט. איך וויל, דאָס בלויז מ י ר זאָלען אהין געהן. א טרעמפּ זאָל געהן אין א סאַלון, אז ער וויל.

כ'בין דערמיט געווען איינפערשטאַנען און כאָטש מיר האָט

זיך איבער איהר געוואָלט לאַכען, האָב איך מיט ערנסט איהר פערזיכערט, דאָס איך האָב די טהיר יענע פערשלאָסען. פיליכט האָט עס ווער אַנדערש געלאָזען אָפען —

— ווער קען זיין אַנדערש, אז ניט איך און ניט זי? — האָט זי געפרעגט. — איהר זוהן? איז ער דאָך א גאַנצען טאָג ביי זיין דזשאָב. ער איז א טישלער (סטאָליער) און — — ווייס ווי אזוי ארום א — — טהיר ארומצוגעהן. וועלל, ווייטער זאָל דאָס ניט זיין.

---

מען דאַרף זיך ענערגיש נעהמען אַן אַנדער צימער, ביי א י י ג ע נ ע מענשען, אויפזוכען. דאָ איז פאַר מיר קיין אָרט ניט. כ'האָב מיך גאָר מורא אויף דער נאַכט אין גאַנצען אויס־צוטהאָן. כ'זוך אַלע ווייַלע דעם שליסעל פון טהיר, צו זיין זיכער דאָס ער ליעגט ביי מיר אונטער'ן קישען.

כסדר האָב איך מורא, אז עפּעס א געפאהר וועט קומען, עפּעס אויסערגעוועהנליכעס וועט מיט מיר געשעהן, און געהט איבער א טאָג אָהן דאָס ערוואַרטעטע, פיהל איך מיך ווי אָפּגענאַרט... מיר ווילט זיך אפילו, אז די געפאהר זאָל שוין זיין נאָהענט. זאָל אויף מיר קומען אַן אומגליק, אז עס וויל. די שרעק פאַר דאָס אונבעשטימטע איז פיעל ערגער פאַר'ן אומגליק אַליין. בין גרייט אַלץ צו בעגעגענען. איין מיטעל איז דאָ א זיכערער, דורך וועל־כען מען קען זיך אַלע מאָל פון אַלעס און אַלעמען בעפרייען: — זאָל זיין דאָס לעבען איז ניט אין מיינע הענד. אָבער דער טויט, דער טויט . . .

* * *

וועלענדיג פערהיטען רעי פון א וויזיט אין דער הויז פון יענע „אינטעליגענטע" בעלי־הבתים, בין איך צו איהר געפאָהרען. אָבער, איך מיט מיין וויזיט, בין געוועזן צו שפּעט: זי איז שוין ביי ז י י געוועזן און זיי האָבען איהר געזאָגט, דאָס איך בין שוין ביי זיי מעהר ניטאָ. און אז גוט האָב איך געטהאָן, וואָס כ'האָב מיך אזוי גיך פון דאָרט אָפּגעטראָגען, ווייל, אויב כ'וואָלט נאָך איין מאָל געהאַנדעלט אזוי ווי פריהער, וואָלטען זיי קיין ספק ניט טראַכטען, וואָלטען ארויסגערופען א פּאָליסמען און געלאָזט מיך

אַרעסטירען. וואו איז דאָס געזעהן געוואָרען, אז א מיידעל, אויפ׳ן אויסזעהן אזא אינטעליגענטע, זאָל זיך מיט אזא בויאַן אויף א גאַנצע נאַכט אין צימער פערשפּאַרען?

רעי האָט זיי געזאָגט, דאָס זי קען מיך ניט גוט. זי איז מיר נאָר איינמאָל געקומען וועגען א דזשאָב אָנזאָגען. און זיי האָבען זיך איהר דערפאַר גענומען דערצעהלען וואָס איך בין...

— איצט — האָט רעי, איבערגעבענדיג וויפיעל זי האָט געדיינקט, וואָס זיי האָבען דערצעהלט, צו מיר געזאָגט, — וואָלט איך זיך מיט זיי בעדאַרפט אזוי גוט אָפּרעכענען. דאָס וואָלט מיר ניט שווער געווען. ער, דער מר. גאָלל (זי פערשטעהט שוין, זאָגט זי, אז דאָס איז ער געווען...) איז דאָך א לאָיער. זי וואָלט געווען אַן עדות, אז זיי שעדיגען מיין גוטען נאָמען, א. ז. וו.

איך האָב געטראַכט, אז ווען זי וואָלט וויסען וואָס ער איז, וואָלט זי מיר אָפּגערעדט אפילו פון געדאַנק מיט איהם נאָך אמאָל צו זעהן זיך. זי וואָלט מיר דאַן ניט גענומען נאָכפרעגען אויף איהם ווי אויף עפּעס א מענשען פון א העכערער וועלט און א בעסערער.

— וואָס געפעלט איהר אין איהם אזוי? — האָב איך זי אָנגעקוקט.

— ער איז אינטערעסאַנט.

— מיט וואָס?

— מיט זיינע צוגעזשמורעטע, אפילו קורצזיכטיגע אויגען, מיט זיין גוטען ענגליש, מיט זיין וויסען אלעס, מיט — זיינע אָנדערטהאַלבען דיפּלאָמען און פיעל פערשפּערעכענדע צוקונפט. כ׳האָב וועגען איהם פיעל געהערט; כ׳קען אזעלכע, וועלכע קענען איהם, און זיי זאָגען דאָס דער מענש וועט ווען עס איז זיין א בעדייטענדע פּערזענליכקייט, ער וועט פערנעהמען א גרויסען פּלאַץ צווישען גאָר גרויסע אין דער געזעלשאַפט.

— וואָס מ ע זאָגט!

— „אז מען קלינגט איז א חאָגע”. נאָך אַלעמען, זאָגט מען דאָך דאָס ניט אויף יעדען איינעם. ער א י ז אַן אויסנאַהמע. ווען אזעלכער וואָלט צו מיר ליעבע ארויסגעוויזען, וואָלט איך מיך

געפיהלט שטאָלץ, כ׳וואָלט זיך זעהן סטאַרען וואָס מעהר זיין ליע־בע צו געווינען.

— און דאָס וואָלט אייך ניט שווער געווען צו ערדייכען....

— מען קען ניט וויסען.

— מען קען פּרובירען.

— און . . . וואָלט איהר ניט געווען אייפערזיכטיג? —
האָט מיך רעי מיט איינעם פון איהרע ארויסרופענדע שמייכלען פאַרשענד אָנגעקוקט.

— ניין, — האָב איך, ניט לאַנג טראַכטענדיג, געענטפערט.
— זיכער ניט.

— זעהט נאָר איהר זאָלט אויף דעם קיין חרטה ניט האָ־בען . . .

— זעהט אז א י ה ר זאָלט אויף דעם קיין חרטה ניט האָ־בען . . . איינע דארף זיך גוט אויסרעכענען בעפאָר זי געהט זיך אין אזא איינעם פערליבען . . .

— ליעבע מיט רעכנונג — א פיינע קאָמבינײשאָן. ניין, איהר זיינט צו . . . פּראַקטיש.

— דאָ רעדט זיך ניט וועגען דעם וואָס איך בין, נאָר וואָס ע ר איז. ער איז מעהר ווי פּראַקטיש. ער איז . . . קליין־קרעמעריש. ער איז . . . אָבער, צו וואָס אייך זאָגען, ווען איהר קענט עס גיך אליין אויסגעפינען.

---

ער רעדט זעהר שעהן. —

— אָה, ער ר ע ד ט.—

— און ווי האַלט ער זיך?

— ווי? . . . ווען מען האקט איהם אָב די הענד וואָלט ער געווען א... פיינער בחור...

— נאָ, איך מיין אָהן שפּאַס, איז ער א... געפעהרליכער?

— ווי פאר ווע‍מען.

— וואס וויל ער?

— פרייע ליעבע.

— אהא!

— רעי האָט אויף זיך א קוק געטהאָן אין שפּיעגעל, פער־

וואַרפען די הענד איבער'ן קאָפּ, זיצענדיג אויפ'ן שטול זיך איינגעשפּארט מיט די פיס אין וואנט, און מיט א מיענע, וואס האָט אויסגעדריקט ערביטערונג, בייזקייט געמישט מיט צער, געקוקט פאר זיך. דערנאָך מיט אַן אויסדרוק פון ענטשלאָסענהייט די אויגען צו מיר געווענדעט און ווי זי וואָלט זיך מיט אימיצען וועלען אָפּרעכענען, געזאָגט:

— איך... נעהם עס אָן! פרייע ליעבע, ניט פרייע — אלץ איין שווארץ יאָהר. בעסער ווי פריהרען, ווי טראַכטען און ווארטען ביז . . . דער טויט וועט קומען. כ'וויל זיין נאַטירליך ווי איך בין . . . כ'האָב שוין אויפגעגעבען דעם געדאנק צו פערזאָרגען זיך גליקען אויף שפּעטער. אייביגע ליעבע, א רוהיגע היים, א גליקליך לעבען — דאָס זיינען אלץ אויסגעטראַכטע זאכען. כ'האָב נאָך קיין איינע אדער איינעם ניט געפונען, ווער עס זאָל דאָס האָבען געפונען אין לעבען, סיידען . . . מרס. ב., אָבער זי איז א בהמה און ווייס ניט ווי איהר גליק אָפּצושעצען. אָט לערנט זיך פון קאַטיא'ן. זי ו ו א ג ט. זי פרעגט ניט וואס וועט זיין שפּעטער. זי נעהמט דעם א י צ ט אויף וויפיעל עס גיט זיך. כ'וויל אויך זיין אזוי!

— אפשר ווילט איהר, אָבער איהר וועט עס ניט קענען. מיט ד ע ם — בעזאָנדערס. און . . . וואָס וועט איהר דערפון געווינען?

— און וואס וועל איך אזוי געווינען?

— דעם בעוואוסטזיין אז איהר האָט גאָר נישט ניט פערלאָרען . . .

— עט, איהר מיט אייער . . . ב ע ו ו א ו ס ט ז י י ן! — האָט זיך רעי פערעכטליך, ווי א מאַן, א קרים געטהאָן. — איהר האַלט אין איין זיעגען מיט ניט לאָזען זיך בעזיעגען . . . כ'האָב זיך געגוג אָנגעהערט וועגען אייך. און, מעג זיך איינער ווי ענטציקט זיין פון אייער ש ט א ר ק ע ן כאַראַקטער, בין איך פאר דעם ניט בעגייסטערט. נאָך א זיעג, נאָך א זיעג און, — איהר זייט פערלאָרען! אונזער געווינס א י ז אין פערלירען. פערשטעהט איהר? . . .

— נאָך די רייד נאָך וואָלט אייך געפּאסט צו זיין א מאַן, —

האב איך זיך מיט א שמייכעל אפגערופען, — ז י י  ריידען אויך אזוי — — —

— גיט מיר זיין אדרעס! — האט רעי מיט געמאכטע חוצפה געזאגט, און איהר וואלט דערביי זעהר געפאסט אוועקצואווארפען און צוטרעטען מיט׳ן פוס אן אויסגערויכערטען סיגארעטעל...

— לייברערי, אבטיילונג פאר קונסט און — — — — — ווי־סענשאפט, ווי מען קומט אריין — לינקס.

— איך מיין ז י י ן אדרעס, פון זיין היים. זיין רום.

— דאס ווייס איך ניט.

— ווי ווייס מען דאס ניט אזא זאך? ווי אז מען וויל א מענ־שען זעהן און מ׳וויל זיך צו איהם אריינכאפען א קוק טהאן וואס ער מאכט?

— מאכט מען זיך דאס ניט צו ווערען, מען האט געדולד ביז דעם מענשען פערווילט זיך זעהן וואס א י ה ר  מאכט.

— ווי . . . קאלט איהר זיינט!

— יע, מיר פעהלט טעמפעראמענט . . .

— ער האט עס געזאגט?

— ער, ער, אלע זאגען דאס.

רעי׳ס שמייכעל פאר זיך האט צוגעזאגט, דאס ע ר  וועט שוין ווענען איהר אזא זאך נ י ט  זאגען . . . איך בין אויס־הערענדיג אביסעל נייעס וועגען ב., א., קאטיא און אנדערע — צו זיך געפאהרען, מיט גערדאנקען וועגען דעם יעניגען, וועמען איך וויל אזוי פערגעסען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האב בעדארפט ערוואַרטען, אז איך וועל פון רעי וועגען א. הערען. איז ב. איצט שטארק מיט קאטיא׳ן פערנומען און א. . . . א. קלייבט זיך פון ניו יארק אוועקצופאהרען — ?

זאל ער פאהרען. — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז דאס מעגליך, א. זאל מיך פאר זיין אוועקפאהר ניט וועלען זעהן? זאל זיין ער האט מיך ניט אזוי ליעב, אבער גלייכ־גילטיג, אין גאנצען גלייכגילטיג צו מיר קען ער ניט זיין: איך . . . איך האב דאך איהם אזוי ליעב! — ! —

איך מאַך צו די אויגען און זעה ווי א. קומט צו מיר אריין. די מיאוס'ע רום ווערט ווי דורך א כשוף אין א פּראַכטפּאַלען צימער פערוואנדעלט. ער קוקט מיך אָן, נעהמט מיך ביי דער האנד און רופט מיך נאָך זיך; ער וויל אָהן מיר פון דאנען ניט אוועקפאָהרען. ער וויל מיך מיטנעהמען: כ'האָב דאָך איהם אַזוי ליעב ... ער האָט מורא, כ'וועל מיר אויס בייגקעניש נעהמען דאָס לעבען, און ער וועט זיך דאָס קיין מאָל ניט קענען פערגעבען. כ'מאַך צו די אויגען, דריק צוזאמען די ליפּען, פיהל ווי דער צער ווערט אין מיר צוגעגאנגען ... א טיעפע פרייד, אזא פיינליכע, אזא נאָגענדע צוגיסט זיך אין מיין הארצען. כ'וויל איהם זאָגען וואס איך פיהל, אָבער איך שווייג. כ'וויל ניט אין ווערטער זיך ערקלערען און איך ערקלער זיך אין שווייגען — —

איך עפען די אויגען. ער איז ניטאָ. און כ'וויים ער וועט נאָך מיר ניט קומען. אפשר ווען עס איז, ווען ער וועט הערען, דאָס אן אנדערער האָט מיך ... שוין גענומען ... ניט ער, וועט ער אויף זיך ניט נעהמען די פעראנטווארטליכקייט צו זיין דער ערשטער געליעבטער ...

— — — — — — — — — — — — — — —

... רעי וועט גאָל'ן ניט געפעלען ווערען. טאקע דערפאר וואס זי וועט איהם זוכען צו געפעלען. ער, ווי אנדערע, וויל זיין דער איניציאטאָר. ווייל ער איז דער מאַן.

בין זיכער דאָס ער וועט מיט איהר וועגען מיר ריידען. מיין אדרעס זוכען צו געפינען — —

---

ווען ער וואָלט צו מיר, נאָך אלץ וואָס ס'איז געשעהן, ווייטער מיט זיין „הייליגען" אידעאַל, מיט דעם פאַרשלאַג פאַר פרייע ליע־בע, קומען, — וואָלט איך ... ניין, כ'וואָלט איהם אזוי גיך ניט ... ארויסגעטריבען. כ'וואָלט ניט אָנגענומען די ליעבע זיינע, נאָר דעם קאמפף געגען איהר! — און אפשר — ? —

אַט דוכט מיר, דאָס איך וואָלט זיך צו איהם קענען צובינדען, זיין טריי און איבערגעבען, ווען אפילו אָהן ליעבע. . . און אַט פרעג איך מיך: פאַר וואס האָב איך איהם פיינט? קען מען

איינעם, ווען מען האָט פריהער ניט געליעבט, אזוי פיינט האָבען?...

ווען איך האָב א. פיינט, ווייס איך פאר וואס. דאָס איז ווייל איך האָב איהם אזוי, אזוי פיינליך ליעב! ער פערשאַפט מיר אונערטרעגליכע ליידען אריבערצוטראָגען. אָבער, ג. . . . ער האָט מיין אייגענליעבע, מיין מיידעלשען שטאָלץ בלויז אביסעל בעליידיגט . . . מיך א ווייטע געמאכט גלויבען אין זיין בערייט מיר זיין נאָמען צו געבען און . . . מיין גלויבען ציניש אויסגעלאַכט. איצט, קען זיין, פערדריסט עס איהם. מיין פערשווינדען האָט, קען זיין, איהם צו אריינטראכטען זיך בעסער אין אלעם — ארויסגערופען . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז בלויז נייגעריגקייט מיין ווילען איהם זעהן, ניט מעהר: ווען דאָס זאָל געווען זיין אן ערנסטערער געפיהל, וואָלט איך דאָך אהין, וואו איך וואָלט איהם קענען בעגעגענען — געגאַנגען. איך וועל אָבער אהין נ י ט געהן. מעג עס ווי־לאַנג נעהמען ביז ער וועט מיך אויפזוכען . . . מעג ער מיך קיינמאָל מעהר ניט געפינען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שוין צוויי וואָכען צייט, ווי איך וואוין דאָ און וועל נאָך ווייטער דארפען דאָ וואוינען. איך וועל ווייגען און וואוינען... עס איז אזוי שווער א גוטען צימער צו געפינען!

— זאָגט מיר — האָט מיר היינט אָ פרוי, און דוקא א דאָקטאָר'ס א ווייב, געזאָגט, ווען איך בין צו איהר אָרויף זעהן דעם צימער, ועלכען זי האָלט אין ארויסלאָזען — ווי קען איך אייך, אָ מיידעל, וועלכע כ'קען גאָר ניט, אריינלאָזען, ווען מיין מאַן — איהר זיינט דאָך ניט קיין מיידעלע און מוזט וויסען, אז דאָ וואו ס'געפינט זיך אָ קאַץ, שטעלט מען ניט קיין סמעטענע.

כ'האָב זי, ווי עפּעס אָ וואונדער פאַנאַנדערגעקוקט. א דאָקטאָר'ס א ווייב זאָל אזוי ריידען!

— איהר האָט א באַי? — האָט מיך די דאָקטאָרשע, ווי אן אַמעריקאַניזירטע יענטע, מיט איהר דיקע, געבעטעלטע שטימע געפרעגט — אינגיידזשד, ניין?

— איך האָב קיינעם ניט.

— וואָלט איהר ניט מורא האָבען צו **פערבלייבען מיט א** מאַן אליין אין איין הויז?

— וואס איז א מאַן, א בער?

— ס'א חיה, דזשאָסט די סעים!

— א ציוויליזירטע חיה אלענפאלס . . . **און ס'פערשטעהט** וואָס מען . . . רעדט צו דעם. —

— וואָס וואָלט איהר ריידען צו אזא חיה, וואס סע וואָלט א י י ך וועלען איבעררריידען? ! . . . וואָלט איהר ניט ווי אנדערע שטומען, אז . . . ס'זאָל זיך אפילו א פּיפּס ניט הערען? זיינט שוין רוהיג, א י ך ווייס וואָס כ'רייד. כ'האָב שוין געהאַט א מיידעל און וועל שוין א צעהנטען פערזאָגען אזא ארייננצוּנעה־מען. זי האָט מיך שוין גוט אַנגעלערענט. ס'איז אָללרייט. . . מען קען מיך מעהר פאר'ן נאָז ניט פיהרען.

— פאר וואס לאָזט איהר ניט וויסען אין אייער אדווער־טייזמענט, אז איהר ווילט עס צו א מיידעל ניט פערדינגען? — האָב איך זי פערדריסליך געפרעגט.

— ניין, דאָס ניט. זאָלען זיי דוקא קומען און איך'ל זיי א ל ע מ ע ן אָפּזאָגען!

— וואָס זיינען אלע שולדיג, אז — — איינע האָט אייך — אַנגעלערענט? . . .

— מ י ך אַנגעלערענט? אז ניט דערלעבען — — —

— איהר האָט דאָך אליין געזאָגט. —

— אָה, נעווער מיינד וואס כ'האָב געזאָגט. **און אַנגעלערענט האָט זי ז י ך אליין!**

— אז איהר זאָגט, מסתמא ווייסט איהר, — האָב איך גע־זאָגט, זיך צוקוקענדיג צו איהר רונדען, ווי אַנגעשטאָפּטען, גלאַ־טען פּנים, מיט די צוויי קעלבערנע אויגען אויף איהם. מיר האָט זיך אין דער רגע זעהר געוואָלט זעהן איהר מאַן, פערגלייכען זיי און טרעפען: איז ער פון איהר געגומען געווארען אויף „אינ־סטאָלמענטס“, — אויף אויסצאָהלען — ביז ער האָט ג ע ע נ ־ ד י ג ט, אָדער גלייך פאר „קעש“ מיט אמאָל געקויפט? גיבער

פאַר מזומן געלד, ווייל זי זעהט אויס צו זיין אַ „האָריאָפּ" אויפ־געקומענע „אַלרייטניצע".

ג. — איז אין מיין מוח אַ געדאַנק דורכגעלאָפען — איז אויך, קען זיין, אַ קאַנדידאַט פאַר אַזאַ הייראַטה, און דעריבער וויל ער זיך ביז דער אונפערמיידליכער חתונה אָנזעטיגען מיט אַ סך פרייע ליעבעס, כדי ער זאָל, ווי דער, דערנאָך ניט דאַרפען אויסקוקען אויף אַ „באָרדערקע", וועלכע די ווייב זאָל פון הויז פעריאַגען נאָך איידער זי וועט זי אַריינלאָזען....

— וואָס קלעהרט איהר? — האָט מיך די דאָקטאָרשע מיט אַ שפּאָטישען און נערוועזען לאַך געפרעגט, — איהר ווילט דוקא האָבען דעם צימער?...

— ניין. ווען איהר זאָלט עס מיר אומזיסט געבען, ווען איהר זאָלט מיר אפילו צוצאָהלען! וואוינען אונטער איין דאַך מיט אַ מאַן, וועלכען די אייגענע ווייב קען אַזוי פיין רעקאָמענ־דירען, איז געווים איינע פון די ניט זעהר אַנגענעהמע זאַכען...

— אַ ברירה האָט איהר, עס מוז אייך ניט געפעלען, — האָט זי שפּאָטיש אַ לאַך געטהאָן.

בין זיכער דאָס דער אייפערזיכטיגער דאָקטאָרשע האָט באַנג געטהאָן, וואָס איך בין אוועק איידער אָן אַנדערע איז געקומען. ווי ס'ווייזט אויס האָט זי אַדווערטייזט פאַר דעם רום פון פּרעהד־ליכקייט וועגען. זי פיהלט זיך געווים לאַנגווייליג, זוכט זי וועמען אַריינצונעהמען כדי צו קענען אַרויסטרייבען...

אין נאָך אַ הויז האָט מען מיך אויך אָבגעזאָגט, ווייל איך בין אַ מיידעל. ס'איז דאָ אַ צימער, האָבען זיי מיר געזאָגט, נאָר פאַר אַ מאַן, ד. ה., איין מאַן איז שוין דאָרט פאַראַן, נאָר איינער איז ניט גענוג צו קענען אַרויסנעהמען די רענט.

— דאָס הייסט, אַז ס'פערדינגט זיך נאָר אַ בעט, אַ האַלבע בעט.

— נו, יאָ, אַ געלעגער. ס'ניט פאַר אייך.

זיכער ניט פאַר מיר. און אַזוי וועל איך דאָ נאָך פערבלייבען זיך ווייטער אָן די פערשיעדענע שטיקלאַך אוילקלאָטה מיט קאַר־פּעט פערטשעפּען. ווייטער זיך מיט דער פון לאַטעס געשטוקע־וועטע קאָלדרע צודעקען, ווייטער אויף דער הייליגער מאַמען מיט'ן

זוהן קוקען און זיך אליין אזוי יתום'דיג, אזוי עלענד פיהלען...

* * *

רעי איז ביי מיר געווען.

מיט א סקעפּטישען שמייכעל אויף איהרע דינע ליפּען האָט זי, אריינקומענדיג, מיין צימער בעטראכט.

— א וואונדערבארער צימער, ניכט וואהר? — האָב איך איהר געוואָלט העלפען דעם צימער אויסלאכען. זי האָט זיך האסטיג א קעהר געטהאָן צו מיר און ווי איהר מאָדע איז, איילענדיג א פרעג געטהאָן.

— זייט איהר א פאַלשע?

— וואָס עפּעס, פּלוצלונג? — האָב איך זי מיט א פערוואונדערטען שמייכעל אָנגעקוקט... אזא פראגע...

— יא, כ'ווייס, אויף אזא פראגע קען מען ניט אָדער מ'וויל ניט ענטפערען, אָלל־רייט, לאָמיר ריידען צו דער זאך. איהר ווילט זיך זעהן מיט מר. גאלל? ער וויל אייך זעהן. ער האָט מיט אייך וויכטיגעס צו ריידען. ער, וועלל, ער האָט אייך ליעב. ליעבט איהר איהם?

— דערווייל... נאָך ניט.

— אָבער, עס קען זיין איהר זאָלט איהם יאָ ליעבען.

— וואָס עס קען זיין, קען מען ניט וויסען.

— זייט ניט אזוי... קלוג! — האָט זי צורייצט אויסגעשריען. — זאָגט מיר אָפען, איהר ליעבט איהם צי ניט?

— ניין.

— איהר מיינט עס ניט.

— נו, זאָל זיין אז איך מיין ניט.

— איך דארף דאָס וויסען.

— אָט ווייסט איהר. ער געפעלט מיר ניט.

— און מיר איז ער געפעלען.

— מיר וואונדערט פאר וואָס?

— וואָס ווילט איהר, — האָט רעי מיט א בייזליכען לאַך געזאָגט, — כ'זאָל אייך אויסרעכענען די מעלות זיינע כדי איהר זאָלט וויסען פאר וואָס מען קען איהם ליעבען?

— איהר מעגט זיין זיכער, אז א י ך וועל פאר די מעלות וואָס א י ה ר זעהט אין איהם — ניט ליעבען.

— אזוי זאָגט איהר...

— און איהר מעגט מיר גלויבען. עס איז אמת דאָס איך זאָג ניט ארויס אלץ וואָס איך מיין. צו פּוסט וואָלט איך מיך געפיהלט, ווען איך וואָלט אלץ וואָס איך פיהל, פאר אלעמען ארויס־געזאָגט, אָבער איך מיין וואָס איך זאָג. איך האָב ג. ניט ליעב. אלענפאַלס נ״ט פאר דאָס וואָס ער איז איצט. אפשר וואָלט איך איהם געקענט ליעבען פאר דאָס וואָס ער וועט זיין. פאר זיין גרויסע צוקונפט. אָבער, ער וועט די צוקונפט זיינע ניט מיט מיר, ניט מיט אייך און ניט מיט נאָך אזעלכע ווי מיר — טהיילען. מיר איינזאַמע, זיינען, מיינט ער, נאָר בעשאַפען פאר דער... געגענ־וואָרט. ס'איז פאראן אזא וואָרט ווי א ו י ס נ ו ט צ ע ן, וועלל, דאָס איז וואָס ער וויל...

— אפשר וועל א י ך א י ה ם אויסנוטצען? — האָט רעי געזאָגט, — פאר וואָס זאָלען מיר ניט קוקען אויף זיך ווי אויף גלייכע מענשען?...

— מיר קענען ניט. מיר זיינען דורך אונזער געשלעכט פער'משפט צו א... בעגרענעצטען לעבען. מיר זיינען אזא היפוך איינע צו די אנדערע. וויפיעל איהר זאָלט ניט פּרעטענדירען אויף דער גלייכהייט און רעכט צו לעבען ווי ז י י לעבען, וועט איהר דאָך, אריינטראכטענדיג זיך בעסער אין זיך, אויסגעפינען דאָס איהר ווילט זיך פערלירען... איהר ווילט זיין אן אנדערע, ניט איהר... אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך. מיר קענען פון זיך ניט אוועק, מיר מוזען זיין דאָס וואָס מיר זיינען...

— זיין פּאַרזיכטיג, אויסגעהאַלטען, צוריקגעהאַלטען? אָנ־פיהרען מיט זיך א קאַמפּף כדי צו פערהיטען זיך פאר א וועלכען ס'איז לומפּ, דערפאר וואָס ער וועט אונז געבען עסען און לאָזען האָדעווען זיינע קינדער. גרויסאַרטיג!

— די פּערספּעקטיווע איז ניט אזא — גלענצענדע, אָבער...

— אָבער־אָבער, כ'בין מיעד דערפון! ס'איז ניטאָ אין לעבען קיין איין זאַך צוליעב וועלכע עס זאָל זיין...

— כדאי צו שטאַרבען...

א ליכטער קלאַפּ אין טהיר האָט רעי אויף די פיס אויפגע־הויבען: „דאָס איז ער!"... — האָט זי אויסגערופען.

— ווער? — האָב איך זיך אויפ׳ן וועג צום טהיר אָבגע־שטעלט.

— איהר וועט שוין זעהן...

ס׳איז ניט געוועזן קיין ע ר נאָר א ז י — מיין מיסעס. זי האָט נאָר געוואָלט וויסען וויפיעל איז דער זייגער. כ׳האָב איהר געזאָגט און זי איז אַוועק.

— וואָס איז דאָס פאַר א מכשפה? — האָט רעי געפרעגט.

— זי קומט אַלע מאָל פרעגען דעם זייגער ווען אימיצער איז דאָ?

— ביז א י י ך איז דאָ נאָך קיינער ניט געוועזן.

— קיינער ניט? צו וואָס זיך בעהאַלטען? גאָט מיינער! (דאָס איז געוועזן ב׳ס „גאָט מיינער"!) פאַר וואָס בין א י ך אזוי אָפענהערציג און איהר אזוי איינגעשלאָסען אין זיך! בעהאַלטען פון מיר דאָס וואָס איך זעה מיט מיינע אויגען...

— וואָס זעהט איהר? וואָס רעדט איהר?

— איך האָב אליין געזעהען — האָט רעי, גלייך מיר אריינ־קוקענדיג אין מיינע אויגען, געזאָגט — ווי ב. איז פון דער טהיר ארויס.

— פון ד ע ר טהיר?

— פון האַל־טהיר, פון גאָס־טהיר. וואָס איז דער אונ־טערשיעד!?

— דער אונטערשיעד איז זעהר א גרויסער. ער האָט דאָך געקענט אריין צי ארויס פון ד ע ר ה ו י ז ניט זייענדיג אין ד ע ם צימער.

רעי האָט זיך אין מיר שטארק איינגעקוקט. אָרימע רעי! ערשט איצט האָב איך איהרע אַלע פריהערדיגע מינעס פערשטאַ־נען... זי זוכט מיט ג. איהר ליעבע צו ב. פערטומלען, פערשטילען, אזוי ווי איך אפריהער די ליעבע צו א. מיט דער ליעבע פון ב.... ב. איז א י ה ר אידעאַל; עפּעס, צו וואָס מען האַלט אין איין שטרעבען, ווייל... מען ווייס אז מ׳קען עס ניט דערגרייכען...

— איז ער ביי אייך ניט געוועזן?

— ניין. איך גיעב אייך מיין עהרען וואָרט אז ניט. קיינער

א חוץ א י י ך, און, — להבדיל, די קראנקע דייטשקע, האט ביז אייך דעם שוועל פון ד ע ם צימער ניט אריבערגעטראטען. ב. איז ביי מיר דא נ י ט געווען און וועט ניט זיין, ווייל... איך אינטערעסיר איהם ניט...

— ער האט זיך מיט אייך זעהר אינטערעסירט.

— ער האט, ביז ער האט אויסגעפונען וואס איך בין.

— וואס זיינט איהר?

— ניט אינטערעסאנט — האב איך מיט א טרויעריגען שמייכעל געענטפערט.

— איהר קענט זיך דאך מאכען אינטערעסאנט.

— כ'גלויב ניט אין מאכען זיך. מ'דארף זיין אזוי נאטירליך.

דערמיט איז רעי געווען איינפערשטאנען... מיר האבען נאך א צייט פערבראכט, זיך אביסעל דורכגעגאנגען; בין צוריק געקומען און א צייט נאכגעטראכט וועגען דעם, וואס רעי האט מיר פון ג. דערצעהלט. ווער ווייס, אפשר אז איך וואלט בעסער וויסען ווי זיך בעליעבט צו מאכען וואלט ג. זיין גרויסע צוקונפט מיט מיר געטהיילט? ער בעשולדיגט מיך אין אויסגערעכענטקייט און פראקטישקייט און דאס איז דאך אמת... אלענפאלס, בנוגע צו איהם...

* * *

אזוי פיעל ביכער אין מיין לעבען איבערגעלעזען, אין יעדער העלדין ז י ך געזוכט און ווייס ערשט ניט וואס איך בין!...

ג. זאגט, ער וועט מיר ווייזען וואס איך בין. ער ווייס יעדער אטאם, יעדער ניערוו וואס געפינט זיך אין מיין קערפער. מיט מיין נשמה, זאגט ער, וועט ער זיך לייכגער דארפען אבגעבען. נאך אזא קאמפליצירטע זאך ווי מיין נשמה האט ער אין זיין לעבען ניט בעגעגענט. און בעגענט נשמות האט ער, זאגט ער, ביי די „בורשעלס“. ער שטודירט די פסיכאלאגיע פון יעדער לעבעדיגער בעשעפעניש...

און ביי מיר, זאגט ער, איז זעהר א רייכע פסיכאלאגיע. ס'דארף נעהמען צייט זיך אין איהר אויף פאנאנדערצונעהמען. ער ג ע ה ט מאכען פון מיר אן עססאי, ער וויל מיר שטודירען, ער וויל מיר אנאליזירען, אזוי צוגליעדערען אז ס'זאל קיין איין

ווינקעלע אין מיין נשמה, קיין איין שטריך פון מיין קערפּער ניט בלייבען פערבאָרגען!

צו דעם דאָזיגען צוועק — פון שטודירען מיך — האָט ער זיין „ווייסען" קאָלער אויפ'ן אנדער זייט אויסגעדרעהט און די נעגעל אָפּגעשניטען, אז די בלאָטע זאָל זיך אונטער זיי ניט אזוי קלייבען. ער האָט זיך ניעדריג נעבען מיר אויפ'ן אָלט, ווייך ביינקעלע פול מיט באַצילצען אוועקגעזעצט און מיט זיינעביידע הענט מיינע ביידע פיס ארומגענומען.

זיין „שטודיום" האָט זיך אָנגעפאנגען.

„וואָס עפּעס פון די פיס?" — האָב איך געפרעגט, און ער האָט געענטפערט, דאָס גרויסע זאכען הויבען זיך אַלע מאָל אָן פון אונטען ארויף. אָט, צום ביישפּיעל, די רעוואָלוציע אין פראנק־רייך, דער קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט פון די ערשטע פּיאָנערען אין אמעריקא געגען ענגלאנד. אין רוסלאנד האָט זיך די רעוואָ־לוציע אָנגעהויבען פון אויבען, פון דער אינטעליגענץ, האָט עס טאקי ניט געטויגט...

„און וואָס איז מיט דער רעכטגעבענדע מאכט..." — האָב איך געפרעגט און ער האָט געענטפערט, אז ס'איז דאָ א **געררעכט־**געבענדע מאכט... און ס'איז דאָ אין אונז אליין אזא מאכט וואָס מאכט אונז מאכטלאָז, און מיר מוזען זיך אָט דער מאכטלאָזיגער מאכט אונטערגעבען...

— געצוואונגענערהייד?

— ניין, פריייוויליג, ווי... אָפּגערעדט; אז איך זאָג א וואָרט איז געזאָגט...

כ'האָב מורא אז ס'איז מעהר ניט ווי געזאָגט. קומענדיג צו מיר אויף מאָרגען נאָך דעם ווי רעי איז ביי מיר געווען, האָט ער געזאָגט, דאָס ער איז מיר נאָר געקומען זאָגען, אז ער איז צו רעי געפאָהרען אויסגעפינען מיין אדרעס כדי ער זאָל מיר קענען זאָגען, דאָס ער וועט וועגען אַלעס, וואָס איז צווישען אונז דאָרטען ביי די „ניעדערטרעכטיגע אינטעליגענטען" פאָרגעקומען — א וואָרט ניט זאָגען... און דאָך האָט ער אזוי פיעל גערעדט וועגען דעם! מיר האָבען זיך, זאָגט ער, מיספערשטאַנען... און איך בין אזוי אונגעשיקט אנטלאָפען! ווי די גאנצע וועלט וואָלט זיך נאָך מיר

יאָגען! ער איז געקומען צו דער בעשטימטער צייט, געקלאַפּט אין טהיר און זי, די מאַדאַם, איז איהם אַרויס זאָגען, אַז זיין „ווייב“ איז שוין ניטאָ; זאָל ער זי געהן ווייטער זוכען... אַזאַ בזיון; יענע ג אַ ר נ י ש ט זאָל געוועזען אַליין זעהן ווי ער האָט זיך אומזיסט צו מיר אין טהיר נעקלאַפּט! „אָבער, — האָט ער מיט טריאומף זיינע פּאָרוואורפס־פולע רייד געענדיגט, איך האָב דיך געפונען!“

— „אייך“, איך יו פּליעז!

— אָה, אי בעג יור פּאַרדאָן! אייך, א י י ך, געוויס א י י ך. ד ו וועלען מ י ר זאָגען דאָן, ווען... ווען עס וועט זיין פינסטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב ביי זיך אָבגעמאַכט: „פּריפּערעדנעס“, „וואַטשפול וועיטינג“... ער וועט מיך שטודירען און איך וועל איהם מיט זיין שטודירען מיך, — שטודירען...

* * *

ג. זאָגט דאָס איך בין קאָנסערוואַטיוו, כ׳בין גאָר ניט בעקענט מיט דער נייער פרוי און איהרע מאָדערנע שטרעבונגען. בעסער וואָלט איך מיך זעהן מיט איהר בעקענען. דאָס וואָלט מיך עפּעס לערנען.

און איך האָב זיך גענומען זוכען אַ וועג צו דער נייער פרוי. ניט פּערזענליך, פּערשטעהט זיך, נאָר אַזוי, דורך די מיינונגען וועגען איהר פון גרויסע מענשען, מעגען עס אפילו זיין מענער. אַמאָל אַ מאַן קען מעהר זאָגען וועגען אַ פרוי, ווי אַ פרוי אַליין... אַזוי ווי אַ פרוי קען אַמאָל וויסען וועגען אַ מאַן מעהר ווי אַ מאַן. אָבער, אַ פרוי זאָגט ניט אַלץ וואָס זי ווייס, זי מ ו ז זיך שעהמען... אַ מאַן שעהמט זיך גאָר צו שעהמען...

אין איין אַרטיקעל פון ליליען קיסליוק, האָב איך אַ היבשע ביסעל מיינונגען פון גרויסע מענשען איבער דער פרוי געפונען. זיי זיינען אַזעלכע ווידערשפּרעכענדע:

ווירחאָוו זאָגט, דאָס צאַרטקייט איז דער פרוי׳ס אייגענשאַפט, דאָס געהט צוזאַמען מיט איהר צאַרטען געשלעכטליכען געבוי.

האַוועלאָק עליס זאָגט, דאָס נערוועזיטעט און צורייצטקייט איז דער פרוי׳ס הויבט כאַראַקטעריסטיק.

מאַביוס: „פרויען זיינען שטאַרק קאָנסערוואַטיוו און האַסען יעדע נייאיגקייט".

היפּפּעל: „דער גייסט פון דער רעוואָלוציאָן שוועבט איבער דעם גאַנצען פרויען־געשלעכט".

היינע: „דער עלעמענט פון פרייהייט איז אימער פול מיט לעבען און טהעטיג אין די מוחות פון די פרויען".

האַוועלאָק עלים (נאָך אמאָל) דענקט דאָס אונטער געוועהנ־ליכע אומשטענדען קען אַ פרוי אויפטהאָן פונקט אזוי פיעל וויפיעל דער מאַן, נאָר זי קען ניט אונטער אַ שטאַרקען דרוק אַרבייטען.

פאַן האָרן: ווען עס איז אַ פראַגע פון אויספיהרען זעהר אַ שווערע אַרבייט איז אָפט די פרוי פיעל שטאַרקער ווי דער מאַן און ווייזט דערביי אַרוים אַן אויסדויערקראַפט מיט ענערגיע, וואָס דער מאַן האָט נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזען.

לאָטצע זאָגט: די פרוי האָט פיינט דאָס אַנאַליזירען און איז דערפאַר אונפעהיג צו אונטערשיידען דאָס פאַלשע פון דאָס אמת'ע.

לאַפּיט דענקט, אַז די פרוי קלייבט בעסער אויס דאָס אַנאַ־ליזירען, וועהרענד דער מאַן האָט אַ נייגונג צו דער בעאָבאַכטונג פון די פערהעלטניסע צווישען זאַכען אין אַלגעמיין.

לאָמבראָזאָ, ווידער, זאָגט, אַז אין סינטהעטישען און אַב־סטראַקטען דענקען איז די פרוי דוקא פעהלערהאַפט. דער גאַנצער כח איהרער ליעגט נור אין שאַרפען אַנאַליזירען און אין אַ קלאָה־רער אויפפאַסונג פון די איינצעלהייטען.

ניטשע שרייבט, אַז די וועלכע קענען פערשטעהן צו אונטער־שיידען, וועלען איינזעהען, אַז די פרויען בעזיצען די אינטעליגענץ און די מענער — דאָס געפיהל און ליידענשאַפט.

קראַפט־עבינג זאָגט: די נאַטירליכע נייגונג פון אַ פרוי'ס האַרץ איז צו מאָנאָגאַמיע, וועהרענד דער מאַן איז געניינט צו פּאָליגאַמיע.

לאורא מאַרהאָלם בעהויפּטעט, דאָס די פרוי ליעבט ענדערונג און פערשיעדענהייט. דער מאַן ווערט פעט אין יענער מאָנאָטאָ־ניגקייט, וועלכע טרייבט אַ פרוי צו פערצווייפלונג.

לאָמבראָזאָ: ווען אַנדערע פערהעלטניסע פערשפּרעכען דער פרוי גרעסערע פאָרטהיילע, וועט זי אויף דעם גרויזאַמסטען אופן

פערלאָזען איהר ערשטע ליעבע, אָהן דעם מינדעסטען אפילו געפיהל פון חרטה.

נאָך א סך זאכען, וואָס איז אויף דער פרוי געזאָגט געוואָרען, האָב איך פאר דער לעצטער וואָך איבערגעלעזען, און בין ניט אויף א טריט מעהר פאַרטגעשריטען געוואָרען, ווי ג. האָט עס געוואָלט... און ער האָט בעשלאָסען בעסער אָנפיהרען א מינדליכע פראָפּאַגאנדא — אנשטאָט שטאָפּען מיך מיט אלץ וואָס אלע זאָגען. אגב, זאָגט ער, דארף דאָס געפיהל פאר ל ע ב ע ן פון זיך אליין קומען. אויב דאָס איז אין מיר ניטאָ, וועט מיר ניט העלפען קיין לעזען...

* * *

איך בין ניט איך; איך בין ווי אַן אנדערע. עפּעס קומט אין מיר פאָר. עפּעס האַלט זיך אין ענדערען. מיינע שטימונגען בייטען זיך ווי דער וועטער...

די געזונדטע לאָגיק זאָגט מיר, איך זאָל ג., ווי באַלד איך גלויב ניט עס זאָל עפּעס צווישען אונז אַרויסקומען, — הייסען געהן. און דאָך, ווען ער קומט, בעט איך איהם זיצען...

עס אינטערעסירען מיך ניט זיינע וויסענשאַפטליכע שמועסען און דאָך הער איך זיי געהאַרכזאַם אויס.

אַז ער וויל, קען ער שעהן ריידען, נאָר זיין שטימע איז אַזא חניפה'דיגע, א יעזואיטישע, אָפּט צו זיס, פריקרע זיס. ער קען אויך, אַז ער וויל, ניט שלעכט שווייגען... ער קען זיך צופּאַסען צו אַלעריי, זאָגט ער, אומשטענדען. עס זאָל נאָר זיין פאַר וואָס... גוטע טהאַטען דאַרפען זיך גוט בעצאָהלען: ער האָפּט איך וועל מיט דער צייט ווי געהעריג אָפּשאַצען זיינע מעלות און איהם, אַזוי ווי ביז איצט, ניט לאָזען ל י י ד ע ן...

איך לאָז איהם האָפען...

ער וועקט און ערוועקט אין מיר א פערלאַנג נאָך לעבען. איך טראַכט פון מיין וועלקען און א מין פּיזישער אומעט בעהערשט מיך.

וואָס בין איך? צו וואָס בין איך געקומען אויף דער וועלט? בין איך געבאָרען געוואָרען אויף ניט צו ל ע ב ע ן און שטאַרבען?

איך בין, זאָגט ג., ש ר ע ק ל י ך צוריקגעשטאַנען, גאָר ניט מאָדערנע. כ'האָב אין זיך אַזוי פיעל אַלטמאָדישע איבערציינונגען און פּעראורטהיילע געגען אַלץ וואָס איז ניי און פאָרט־

געשריטען. איך בין ראָמאַנטיש און צו דער זעלבער צייט אַזוי פּראַקטיש, אַזוי פאָרזיכטיג און אויסגערעכענט. איך בין פּאָעטיש און פּראָזאאיש, סענטימענטאַל און... ציניש! איך בין, ווייס איך שוין, אַ סך, אַ סך זאַכען. איך ווייס נאָר ניט וואָס איך בין ניט...

אָה, יאָ. איך בין ניט... שוין ניט, ניט אַזוי יונג...

ווען ער זאָגט עס מיר, זעה איך, אַז ער וויל מיר זאָל דאָס פערדריסען. אָבער, איך שמייכעל דוקא און גיעב גלייכגילטיג צו, אַז איך בין ניט נאָר ניט יונג, נאָר אַלט, אַלט, זעהר אַלט. און איך פערשטעה גאָר ניט, ווי אַזוי קען ער, אַזאַ יונגער (גאָר ניט אַזאַ יונגער) מיך ליעבען, פּרעטענדירען דאָס ער ליעבט מיך...

און ער פערענטפערט זיך פאַר מיר: ער ליעבט דעם הערבסט...

---

ג. האָט מיר אויפגעוויזען, דאָס אַ סך גרויסע מענשען, העכסט געלעהרטע מענער האָבען זיך געליעבט אין פרויען, וועלכע זיינען געווען אַ סך עלטער פון זיי. און ניט נאָר געליעבט, נאָר אפילו מיט זיי חתונה געהאַט...

— זיינען זיי געווען גליקליך?

— זעהר גליקליך, זעהר! זיי האָבען איינע די אַנדערע גוט פערשטאַנען.

— און דאָך געווען גליקליך? זיי האָבען ווירקליך געמוזט זיין גרויסע מענשען...

— איך וועל אויך זיין אַ גרויסער מענש, — האָט ער מיט זיכערהייט אין זיך געזאָגט. — איהר'ט זעהן.

— זאָל אייך גאָט העלפען...

— אפשר וואָלט איהר מיר בעסער העלפען?

— ... ווי אַזוי?

— פשוט; מיך בעגייסטערען פאַר גרויסע טהאַטען.

— פאַר... אַנדערע?...

— מיר העלפען זיך דערהויבען....

— כדי איהר זאָלט קענען קוקען צו די וואָס איהר וועט שטעלען העכער פון מיר?...

— קיין קאָנטראַקטען קענען מיר ניט מאַכען... מאַכט זיך אזוי וויכטיג, אז איך זאָל אָן אייך ניט קענען אויסקומען און דאַן... קען זיין... אז מיר זאָלען זיין גליקליך, אָלע מאָל צוזאַמען.

— ס'איז א קנאַפּע האָפנונג אויף גליק; מיר זיינען ניט גענוג גרוים פאר דעם...

— מיר קענען גרויס ווערען.

— אפשר איהר; איהר זייט אזוי  ק ל י י ן,  אז איהר קענט נאָך, אויב איהר קענט נאָר, וואַקסען און וואַקסען...

— איהר זוכט זיך מיט מיר צו קריעגען...

— איך זוך מיט  א י י ך  גאָרנישט. זאָל שוין דאָס, וואָס איז אין אייך פאראַן — אָן אַנדערע געפינען. מיט מיר, וואָלט איך אייך ראַטהען, וואָס ווייניגער צייט צו פּטור'ן. ס'וועט צו גאָרנישט ברייגנגען...

— איהר וועט בעסער ווערען...

— ניט פאר  א י י ך!...

— פאר... וועמען דען?

— פאר... אָן אַנדערן. איך לאָז מיך איצט פון אייך אָגיטירען פאר'ן לעבען, און ווען איך וועל קומען צו דער איבערצייגונג, אז מען דאַרף אזוי, ווי איהר זאָגט,  ל ע ב ע ן,  וועל איך צו יענעם אוועקגעהן...

ג. האָט שטאַרק פערביסען די ליפּען און בייז געשוויגען...

* * *

„אונזער ראָמאַן, — לאַכט ג., — האָט זיך אָנגעפאַנגען פון דער ענדע: — דאָס רוב ראָמאַנען הויבען זיך אָן מיט גוטען און לאָזען זיך אויס מיט בייזען. מיר האָבען זיך אפריהער צוקריעגט און דערנאָך גוט געוואָרען...“

„אזא ליעבע, — זאָגט ג., — קען זיין, זאָל האָבען  נ אָ ך  א סוף אָן; ניט קיין גוטען: ס'קען זיך נאָך אויסלאָזען מיט חתונה...“

אָך, זאָגט ער, ווי ער האַסט די געזעצליכע חתונה!  נ אָ ך  אזא מין אונגליק וואָלטען שוין מענשען, דאַכט זיך, ניט געקענט אָפּקלערען! וואָס דאַרף מען ערגער, ווי נעהמען צוויי ניט קיין

גלייכע מענשען און זיי אויפ'ן גאַנצען לעבען מיט געזעץ אַזוי פערבינדען, אַז זיי זאָלען זיך פריי גאָר ניט קענען אַ קעהר טהאָן?!

— נו, — זאָג איך, — אַז ס'געפעהלט ניט, האָט מען ניט חתונה.

— אָבער... ווי אַז מען וויל האָבען איינע, וואָס מיינט, אַז מען מ ו ז נאָר חתונה האָבען?

— וויל מען ניט די, וויל מען אַן אַנדערע...

— ווי אָבער אַז ק י י ן אַנדערע געפעהלט ניט אַזוי שטאַרק ווי ד י? עס ווילט זיך נאָר זי ליעבען?

— ליעבט מען זי, נאָר... פון ווייטען...

— אָבער, אַז עס ווילט זיך זי ליעבען פון נאָהענטען? זיין מיט איהר זעהר, זעהר ז ע ה ר נאָהענט!

— נו, האָט מען מיט איהר חתונה...

— איז דאָך... שלעכט —?

— האָט מען ניט.

— איז דאָך ווייטער שלעכט?

— האָט מען יאָ.

— גאָר אַזוי ווי מיט שלום-עליכם'ס „עצה": גט זיך, גט זיך ניט; גט זיך ניט, גט זיך!

— יאָ, אַזוי איז דאָס.

גאַלל, צורייצט פון מיין „מערדערישע" גלייכגילטיגקייט, האָט מיר מיט גאַל געגומען אויפוויזען, דאָס איך קען אַ ב ס אָ ל ו ט ל י ניט פערשטעהן, וואָס אַזוינס ל ע ב ע ן איז. אויב איך האָב אפילו אַ סך געלעזען, הייסט עס נאָך ניט, דאָס איך האָב געלעזען וואָס מען האָט בעדאַרפט לעזען. וואָס א י ך דאַרף, איז — אַן... א י ב ע ר ה א ר, אַ היינטיגען מענשען מיט אַ סיסטעמאַטישע בילדונג, אַ „פּראָפעשאָנעל", אַזעלכען וואָס ווייס אַ סך מעהר וואָס מיט מיר טהוט זיך, ווי איך ווייס עס אַליין. און דאַן ערשט, האָט ער מיט היץ געזאָגט, וואָלט איך געעפענט מיינע אויגען און געזעהן, דאָס די נאַאיווע, אונשולדיגע מיידלאַך, וואָס פלעגען אַמאָל ענדיגען זייערע ראָמאַנען מיט חתונה האָבען, זיינען שוין גאָר ניטאָ. זיי קוקען שוין מעהר ניט אויף דער הייליגער אונשולד ווי אויף אַ זאַך פון גרויסען פערדיענסט. די איצטיגע געהמען זיך גאָר אי־

בער דערמיט, וואָס זיי ווילען איבערגעהן פון איינעם צו אַן אַנדערען און ניט אָנזועצען זיך דאָס גאַנצע לעבען אויף איינעם, ער זאָל זיי אויסהאַלטען, דערפאַר וואָס זי וויל אויך אַזוי לעבען און געניסען פון לעבען ווי ער, דער מאַן, ווען מען מאַכט, פאַר איין מינוט גליק, שלעפּען אויף זיך א יאָך אויפ'ן גאַנצען לעבען. שעהמען וואָלטען זיך גאַר אַזעלכע פרויען בעדאַרפט צו לעבען אויף דער וועלט! זיי הייסען זיך גאַר פּאַר... זיך אַזוי בעצאָהלען! ס'איז געמיין, ס'איז...

— דאַרף... דאַרף די היינטיגע פרוי האָבען קינדער? — האָב איך, זעהענדיג אַז ער האַלט ביים אָפּציהען דעם אָטהעם, אַריינגעכאַפּט צו פרעגען.

— קינדער?

— נו, יע, קינדער, „רעגעלע" קינדער.

— אויף וואָס דאַרף זי זיי?

— אויף... לאָמיר זאָגען, נחת האָבען!...

— אויף כפּרות דאַרף זי זיי! זאָלען זיי, די וואָס ווייסען זיי ניט ווי נ י ט צו האָבען, — האָבען; אַזעלכע, וואָס ווייסען ווי זיך פון זיי אויסצודרעהען, קענען אָהן זיי אויסקומען. אויב אָבער איינע שפּאַרט זיך איין, זי וויל דוקא האָבען א קינד איז זאָל זי זיך דאָס האָבען ג ע ז ו נ ט י נ ק ע ר ה י י ט. ווען ערט'ס! דעריבער בין איך דאָך פאַר מאַטריאַרכאַט: זאָל זי זיך האָבען, אַז זי וויל, און דאָס צו זיך צורעכענען. ז י י ן פערענטוואָרטליכקייט דאַרף געהן ניט ווייטער דערפון אויף וויפיעל ער איז דערמיט איינפערשטאַנען. סיידען אַז ע ר וויל דורכאויס האָבען א קינד, דאַן, פערשטעהט זיך, דאַרף ער זיך פאַר דעם זאָרגען. ניט אַזוי?

— געוויס, געוויס אַזוי... איך ווייס גאַר ניט ווי אַזוי דאָס וואָלט געקענט זיין אַנדערש, ווי אַזוי יעדערער, וואָס וויל עפּעס האָבען, דאַרף זיך פאַר דעם זאָרגען. ס'ניט מעהר ווי רעכט...

ג. האָט מיין איראָניע ניט בעמערקט, אָדער זיך געוואָלט מאַכען, דאָס ער בעמערקט עס ניט. ער האָט נאָר א דריק און א קוש געטהאָן מיין האַנד אין צייכען פון דאַנק, וואָס איך גייה זיך מיט איהם כאָטש אויף איין פּונקט, וועגען קינדער, ניט פאַנאַנדער.

— אַלזאָ, — האָט ער שפּעטער) שוין האָבענדיג גערעדט וועגען

נען נאָך אַ סך אַנדערע זאַכען, געזאָגט, — זיינען מיר וועגען דער פראַגע פון קינדער איינפערשטאַנען. נאָר וועגען ליעבע —

— געהען מיר זיך פאַנאַנדער...

— אָבער פאַר וואָס?!

איך וואָלט איהם זעהר לייכט קענען זאָגען, אַז — ס'ווייל איך האָב איהם פיינט. אָבער איהם צו להכעיס האָב איך דאָס דערווייל פערשוויגען און געזאָגט:

— ווייל — איך גלויב אין חתונה...

* * *

— ניין, — האָט ג. נאָך אַ לאַנגע פּאוזע געזאָגט, — איך וועל געגען מיינע פּרינציפּען נ י ט געהן: פאַר מיר חתונה וואָלט געווען אַזוי גוט ווי זעלבסטמאָרד. איך מ ו ז זיין פריי! דו פערשטעהסט מיך ניט — איז ער מיט געבעט פון „איהר“ אויף „דו“ אריבער, — איך קען ניט, איך קען פּשוט פון זיך ניט אַוועקגעהן. מיין איבערצייגונג איז מיין — „איך“. מיין פּרינציפּ איז מיין ווילען, מיין נשמה. מיין אַלעס.

— בלייבט ביי אייער פּרינציפּ... — האָב איך געזאָגט.

— און — — דו — ?

— איך וועל בלייבען ביי — — זיך.

— אין איינזאַמקייט — — ?

— בין שוין געוואוינט דערצו.

— אַזוי לעבען, פערוועלקען, אַ ל ט ווערען!

— אַלע ווילען לעבען וואָס לענגער און ניט אַלט ווערען! דאָס איז דאָך אָבער אונפערמיידליך, ווי — דער טויט.

— לאָמיר וועגען טויט ניט ריידען. מיר קענען נאָך לאַנג לעבען און געניסען פון לעבען. אמת, דער „ווינטער“ איז ניט ווייט פון „הערבסט“, אָבער בעפאָר דער ווינטער דיינער וועט קומען, וועל איך דיר געבען אַ זומער... אַן אינדיאַנער זומער!... זאָג יאָ, זאָג יעס, — — —

כ'האָב ניט געזאָגט ניט י אָ און ניט י ע ס. כ'האָב גע־שוויגען, געקוקט ווי ער בויגט זיך פאַר מיר, לאָזט זיך אַראָפּ פאַר מיינע פיס, בעטעלט ביי מיר ליעבע, און אַ בייזע צופריעדענהייט האָט מיין אונצופריעדענע מיט'ן לעבען נשמה ארומגענומען. אפשר

איז דאָס ניט שעהן פון מיר אַזוי זיך צו דער „ליעבע“, אוועלכע זי זאָל ניט זיין, בעציהען, אָבער אַזוי איז דאָס. איך הויב אָן צו ליעבען דעם האַס, וואָס ער מאַכט מיר צו איהם פיהלען פאַר וועלען מיך אַזוי אויסנוטצען, אריינגעהמען אין זיינע הענד, אויסצודריקען ווי א לעמאָן און דערנאָך — אוועקוואַרפען! — — —

איך וועל מיך מיט האַס געגען איהם אָננעמען און דאָס וועט מיר דעם קאַמפף העלפען צו געווינען. איך מוז איהם ברייננגען דערצו, ע ר זאָל זיך מיט מ י ר וועלען געזעצליך פעראייניגען און איך זאָל איהם צוריקווייזען.

ער דערצעהלט מיר אַזעלכע מיאוסע, עקעלהאַפטע געשיכטעס אויס דעם לעבען מיט — פרויען. ער דענקט דערמיט צו אויפוועקען אין מיר מיינע, ווי ער זאָגט, נאָך ניט ערוואַכטע צום ל ע ב ע ן אינסטינקטען. איך הער זיך צו מיט א מינע פון אַן איגנאָראַמוס, וואָס קוקט מיט עהרפורכט אַרויף צו אַן אַלוויסענדען, געלעהרנטען מענשען, וועמעס יעדער וואָרט קומט אַרויס מיט דעם שטעמפעל פון וויסענשאַפט. דער פולער בעוואוסטזיין, דאָס איך וועל אונטער דעם „צויבער“, וואָס ער וויל איבער מיר פּראָדוצירען — ניט אונטערפאַלען, העלפט מיר צו פערהאַלטען זיך אַזוי, אַז איהם זאָל זיין שווער צו טרעפען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע „טריקס“ מאַכען אויף מיר.

ליעבע מאַכט צו זיין גוט, ווייך, נאָכגעביג, אָפּפערוויליג; פיינדשאַפט — האַרט, שלעכט, אָבער שטאַרק. און איך דאַרף זיין שטאַרק. איך מוז זיין שטאַרק; איך האָב ניט קיינעם אויסער מיר, ווער עס זאָל זיך פאַר מיר איינשטעלען, מיך פון אונגליק צו פערהיטען.

דאָס איז זעהר א גוטער איינפאַל: זיין אָנגעטהאָן ווען ער קומט, צו זיין גרייט אין גאַס צו געהן און אַזוי אויסמיידען איהם ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי זיך אין צימער צו האָבען. אין גאַס ווערען זיינע אַרגומענטען געגען הייראַטה שוואַכער. דאָס אַרומיגע שטערט זיינע געדאַנקען צו קאָנצענטרירען זיך בלויז אויף זיינע געפיהלען. די מינדליכע פּראָפּאַגאַנדאַ אָהן האַנד־זשעסטיקולאַציע האָט קיין ממשות ניט. —

ביז ער וועט פערשטעהן דאָס מיין געהן אין גאַס איז די אור־

זאַכע פון ניט וועלען מיט איהם אין צימער זיצען, וועל איך נאָך גערן, גערן און גערן.

* * *

עס איז אַמאָל אַזוי שווער געמאַכטע פון אמת'ע ליעבע צו אונטערשיידען!... איך האָב מורא מיר זאָלען ביידע ניט אריין אַזוי אין דער פאַלשער ראָלע אַז ס'זאָל דערנאָך פון איהר אויף אַן אמת ניט זיין שווער אַרויסצוגעהן...

מיר שטודירען איינער דעם אַנדערן... ג. האָט שוין אויסגעפונען, אַז מען קען מיט מיר מיט בייזען גאָרנישט ניט מאַכען, ס'איז בעסער מיט מיר צו געהן מיט גוטען. איך האָב אויסגעפונען דאָס מען קען מיט א י ה ם מיט בייזען גאָרנישט אויפטהאָן. מ'דאַרף זיך מאַכען גוט. און אָט איז שוין אונזער בעהאַלטענע שלעכטקייט דערגאַנגען צו אַזא גוטסקייט, אַז... מ'מעג שוין אָנהייבען מורא צו האָבען דאָס ס'זאָל איבער דער גוטסקייט קיין שלעכטס ניט אַרויסקומען. ס'איז אַזוי פיעל גרינגער צו זיין גוט ווי שלעכט, צו שמייכלען ווי צו סקריען מיט די צייהנער. ס'איז אַזוי שווער צו האַסען, ווען עס װ י ל ט ז י ך ל י ע ב ע ן...

איך ווייס ניט: ענטוועדער ער איז בעסער געוואָרען אָדער איך בין ערגער געוואָרען — מיר... שטימען. אָט זיינען צוויי אָבענדען אַריבער און מיר האָבען אַזוי פיין פערבראַכט. געשפּאַצירט א סך, גערעדט און אפילו געשוויגען... ביידע, ביי מיר אין צימער, ביים שיין פון סטריט לאָמפּ ביז שפּעט ביי נאַכט.

אַז ער וויל קען ער זיך מאַכען צו זיין איינגענעהם, אינטערעסאַנט. כ'האָב עס איהם בעמערקט און ער האָט געזאָגט, אַז מיט מיר מ ו ז מען אַזוי זיין; איך קען דעם גרעסטען זינדער פאַר א בעל תשובה מאַכען. עפּעס איז אין מיר פאַראַן וואָס בערוהיגט, וואָס פערטרייבט אַלע בייזע מחשבות, וואָס צווינגט זיך גוט אין מיר אַריינצוטראַכטען און אַנשטאַט צו שטערען, העלפען שאַפען די הויכע שטימונג פאַר ריינקייט, העלפען מאַכען א קולט פון די צניעות מיינע. — וואָס מעהר איך קוק זיך צו דיר צו — האָט ער געזאָגט (זיך ענטשולדיגענדיג פאַר וואָס ער זאָגט צו מיר ווי צו... גאָט — ד ו) זעה איך, דאָס איך האָב דיך צום אָנפאַנג ג אָ ר נ י ט געזעהן. און איך בעוואונדער דיין האַלטונג, ווי

אויסגעהאַלטען, ווי גאַנץ! אַן אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט דאָך מיך פעראַכטען, האַסען, און דו, דו ביזט ריכטיג אַזוי ווי דו דאַרפסט זיין. אַליין גוט, זעהסטו ניט וואָס ס'איז שלעכט אין אַ צווייטען. דו פערשטעהסט גאָרניט דאָס שלעכטע אין פולען זינן פון וואָרט. ס'איז ווייט פון דיר, זוכסט נאָר דאָס גוטע, און געפינסטו כאָטש אַ צייכען דערפון, ביזטו אַזוי גוט אַז דו ווערסט דערפאַר דאָס שלעכ־טע פערגעבען. דו שאַפסט אַרום זיך אַזאַ אַטמאָספערע פון גוטס־קייט, אַז מען פיהלט זיך געגען דיר ווי ענטוואָפענט. דער געדאַנק וועגען געוואַלד, וועגען צוואַנג געהט פערשעמט פון קאָפּ אַוועק, און אין האַרצען צוּוואַקסט זיך אַ געפיהל פון ריינער האַרציגער ליעבע.

ג. האָט אַזוי גערעדט און איך האָב מיך שולדיג געגען איהם געפיהלט: כ'בין דאָך אַזוי ווייט געווען פון צו זיין די וועלכע ער האָט אַזוי שעהן בעזונגען. איך האָב דאָך איהם יאָ געהאַסט און פעראַכטעט, געמאַכט אַ פערשווערונג מיט מיינע געדאַנקען געגען איהם... זיך צוגעזאָגט מיט איהם אָפּרעכענען ווען ער וועט עס וויינינגער ווי אַלע מאָל ערוואַרטען. האָב איך הייסט דאָס אַזוי גוט געשפּיעלט מיין ראָלע, אָדער, אָדער... ער האָט זי נאָך בעסער פון מיר גענומען שפּיעלען?...

דער פערדאַכט איז עפּעס ווי זיך צו רעכטפערטיגען אויף איהם פּלוצלינג ווי אַ „סוירטש־לייט" געפאַלען. ער האָט עס אפנים אינסטינקטיוו דערפיהלט, ווארום ער האָט מיר ענערגיש גענומען פערזיכערען דאָס ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען אַזוי גוט ניט געמיינט וואָס ער זאָגט, ווי איצט. אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט איז אמת, אמת, „גאָלער אמת", גלויב איך איהם, גלויב איך?

— ... איך גלויב...

— ניט אין גאַנצען... יאָ?

— ... אביסעל... ניט אין גאַנצען, — האָט מיר מיין פּלאָ־גענדער געוויסען געהייסען מודה זיין.

— דענקט איהר, האָט ער נאָכדענקענד פערדריסליך געפרעגט, אַז דאָס וואָס איך האָב אייך געזאָגט איז אַ ל י ג ע ן?

— אפשר... האָב איך גוטמוטיג אַ שמייכעל געטהאָן. אפשר...

אָבער אַלס אַ ליגען אַפּילו געפעלט עס מיר: ס'איז אַ שעהנער ליגען...

— געפעהלט אייך אַ שעהנער ליגען?

— ... בעסער ווי... אַ מיאוס'ער אמת...

— ניין, איהר מוזט פיהלען דעם אמת אין מיר, איך קען מען ניט נאַרען...

— איך גלויב אַז ניט...

ער איז דערפון (וואָס מען קען מיך ניט נאַרען) שטאַרק בע־גייסטערט, ווי ס'האָט אויסגעוויזען, ניט געוועזן... ער האָט עס אָבער גאַנץ טאַקטיש פערשוויגען. ווער וויים וואָס פאַר פּלענער עס האָבען זיך אין דער צייט פאַר שפּעטער אין זיין קאָפּ פאַר מיר געגרייט. — —

וואָס בעסער ער וועט זיך מאַכען פאַר מיר צו זיין, אַלץ פאַר־זיכטיגער דאַרף איך ווערען. — עס איז דאָך אַזוי שווער דעם אמת פון ליגען אונטערשיידען ווען... ווען דער ליגען איז אַ שעה־נער, ארום איז פינסטער און... עס ווילט זיך בעסער ליעבען ווי האַסען...

* * *

ג. זאָגט דאָס ער צווייפעלט דאָס פון מיר ווערט ווען עפּעס ארויסקומען: ער רעדט און רעדט צו מיר און איך — — ווי ניט מיר מיינט מען; דאַכט זיך, אַז איך הער גאָר ניט וואָס ער רעדט: איך טראַכט גאָר וועגען עפּעס אַנדערש, וועגען וואָס, אַז ערך, — האָט ער מיך געפרעגט, — טראַכט איך?

„וועגען... פערשיעדענעס", — האָב איך געענטפערט.

„וואָס פאַר אַ מיינונג האָב איך זיך געפּאַסט וועגען דעם וואָס ער רעדט", — איז ער דערגאַנגען.

„כ'האָב נאָך ניט געפּאַסט קיין מיינונג, אָדער, ס'קען דאָ זיין, מעהר ווי איין מיינונג — — "

— אונמעגליך. ס'איז פאַלש, אבסאָלוט פאַלש! — האָט ער מיט ענטריסטונג אויסגערופען. די זאַך האָב צוויי זייטען, אַ נעגאַטיווע און אַ פּאָזיטיווע, אַן אַבסטראַקטע און אַ קאָנקרעטע: „ווילט איהר איך זאָל אייך בעסער וועגען דעם ערקלעהרען?"

— ערקלעהרט.

— איהר זאגט עס מיט א טאן ווי איינער וואלט זאגען: „רעדט, וואס האב איך אנצואווערען; אלץ איינס וועלען זיך אייערע רייד צו מיר ניט צונעמען. אייערע ווערטער קלעפען זיך ווי — — ארבעס צום וואנט“... כ'האב מורא, אז די גאנצע רייד מיינע איז אן ארויסגעווארפענע זאך.

— וועלל, רעדט ניט...

— אייך איז גאנץ עגאל. —

איך האב א ווײלע געשוויגען און געטראכט וואס איך זאל איהם ענטפערען. איינמאל, ווען ער האט זיך צו מיר אזוי גענומען פאר ניט שיינקען גענוג אויפמערקזאמקייט צו זיינע רייד, האב איך איהם געזאגט אז — — בעסער וואלט ער געדונגען א האלל און לעקטשורען פאר א סך. וואס טויג איהם פאר איינער אזוי פיעל כוחות אוועקצולייגען? וואס וועט שוין זיין, אז די איינע וועט שוין יא אביסעל אויפגעקלערט ווערען און... אנערקענען אז...

— אה, העוועגס! — האט ער אויסגערופען. — דאס איז דאך וואס איך וויל. צו אנערקענען א זאך הייסט צו [illegible] דער זאך'ס נאכפאלגער. איינער, כ'האב גראדע איצט פערגעסען ווער דער איינער איז געווען, האט אמאל געזאגט, „אז ווען ס'וועט זיך געפינען איינער וואס וועט מיין ארבייט פערשטעהן, איז שוין די ארבייט ניט געווען... ארויסגעווארפען“. איך זאג אויך, אז איינע, איבערהויפט אז — — דו זאלסט זיין די א י י נ ע וואס זאל מ י ך — — אנערקענען, דאן האב איך מיין ציעל עררייכט!...

ווען ער זאגט „מיין ציעל“, ווערט מיר אזוי... ניט גוט, — — און איך קען מיך פון דעם געפיהל פאר ניט-גוטקייט א צייט ניט בעפרייען. מיך וואונדערט אויף זיך פאר וואס איך פראטעסטיר ניט געגען איהם ער זאל דאס ניט זאגען. איך בין דאריבער אינסטינקטיוו זעהר שטארק געגען דעם — אז ער זאל — — זיין ציעל עררייכען. כ'מאך זיך א סך ניט פערשטעהענדיג, כדי עס זאל איהם נעהמען מעהר צייט מיר זיי צו ערקלעהרען און איך זאל דערווייל קענען טראכטענדיג וועגען וואס אנדערש, איהם נאר פון דער זייט הערען...

זיין מעטאדע מיך פאר'ן ל ע ב ע ן צו אגיטירען איז — מאכען פראפאגאנדע פאר פרייע ליעבע. ער זוכט צו בעווייזען

ווי נויטוועגדיג עס איז זיך פ ר י י צו ליעבען, ער שיקט זיך אויף פערשיעדענע פאַקטען פון לעבען. אַלעס, זאָגט ער, וואָס ע ר זאָגט — איז טהעאָרעטיש בעגרינדעט און פאַקטיש בעשטעטיגט. מען דאַרף זיין אַ גרויסער איגנאָראַמוס צו וועלען זיינע בעהויפּטונגען גרינגשעצען אָדער אָפּלייקענען. איהם מיט זיינע רייד ניט אנער־קענען הייסט פשוט ז י ך אָפּלייקענען!

איך וויל איהם ניט אנערקענען און וויל זיך ניט אָבלייקענען. כ'האָב איהם געבעטען מיך וויפיעל ניט איז פון זיין אגיטאציע בעפרייען וויל... די זאַך אפּעלירט ניט צו מיר. און ער האָט גע־זאָגט אז ס'אַפּעלירט ניט וויל כ'פערשטעהע עס נאָך ניט. ווי נאַר איך וועלעס אָנהויבען צו פערשטעהן, כ'וועל מיך דערמיט בעקענען, וועט עס צו מיר שוין גאָר נעהמען אַפּעלירען, און נאָך אויף אַזוי פיעל, אז איך וועל איהם ווי אנדערע, מיט וועלכע ער האָט שוין געהאַט די ערפאַהרונג, בעטען: „פּליעז, אגיטיר מיך נאָך, קלעהר מיך אויף, עפען מיר נאָך מעהר מיינע אויגען אויף די זאַכען וואָס געפינען זיך הינטער די קוליסען פון ל ע ב ע ן!“...

די וויסענשאַפט זיינע גיט איהם אַ רעכט אָנצורופען זאַכען מיט זייערע אייגענע נעמען. און איך דאַרף דאָס הערען... איך טופּע מיט די פיס אין געדאַנקען אָבער אַזוי, פערבייס איך די לי־פען און שווייג... איך לאָז איהם שויןריידען וואָס ער וויל, אבי נור מיט'ן מויל און ניט מיט די הענט. — —

איך פרעג מיך, פאַר וואָס פערטראָג איך איהם אין גאַנצען און ענטפער זיך: איך... וויל דאָך איהם שטודירען...

* * *

איך קום ערשט פון ג'ס אַ לעקטשור. בין אנטלאָפען פון האָלל איידער ער האָט געענדיגט ריידען...

אַ גרופּע חסידים זיינע האָבען פאַר איהם געמאַכט אַן אונ־טערנעהמונג. אַראַנזשירט אַ סעריע לעקטשורס, מיט איינטריט פאַר דעקען די קאָסטען, און אַבזיכט צו הויבען די מאַסען. צו דיזענפעקצירען די פאַרטוכליכע מאַראַל פון די קליין־בירגער, אויס־פיינען דעם געשמאַק פון די פריי־דענקער א. ז. וו.

די טעמע: „פרייע ליעבע“ ציהט אַ סך צוהערער. דער קליינער האָלל איז געפּאַקט מיט מענשען. מיט יונג־וואַרג און על־

טערע. אַלץ אַזעלכע וואָס ווילען וויסען ווי אָנצוהויבען די ערשטע ליעבע און ווי צו ענדיגען די לעצטע...

„ווייסט איהר... מיס?“ — האָט זיך צו מיר איינער פון דער קאָמיטע, וואָס האָט מיך פריהער געהאַט געזעהען צוגלייך מיט'ן לעקטשורער אין האָלל אַריינקומען, געוואונדערט, „ער מאַכט אַ „היט“. אַלע לעקען פון איהם די פינגער. ער קען עמאַ גאָלדמאַן אונטער'ן גאַרטעל פערשטעקען, און אַזעלכע ווי דעם זאַנגער ביי די אַנאַרכיסטען, קען ער צו זיבען פון איין אַרבעל אויסטרייסלען. ס'האָט אַ מויל — פעך און שוועבעל. ער קען טאַקע איבערצייגען. אַט הערט זיך נאָר צו ווי ס'רעדט!“

איך האָב זיך צוגעהערט: ער האָט פּערזיכערט דאָס ער וויל קיינעם ניט מאַכען גלויבען אין אַ זאַך וואָס איז אַ — בלאָף. ער איז געקומען איבערציי געןן, ווייזען אַלעמען ווי דאָס וואָס ער רעדט איז טהעאָרעטיש בעגרינדעט און פאַקטיש בעשטע־טיגט. דער גרויסער בעגרינדער פון עוואָלוציאָניסטישער וויסענ־שאַפט, דאַרווין, וואָלט, ווען ער שטעהט דאָ איצט אויף זיין פּלאַץ, ניט גערעדט אַנדערש ווי ער. יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש שטרעבט צו לעבען און צו ליעבען. ס'יאָגט זיך נאָך... לייבליכער פערבינ־דונג. ביי חיות איז צו בעמערקען פאַראַן אַ געוויסער „סיזען“ פאַר ליעבע. דער מענש אָבער קען אַלע מאָל ליעבען, צו יעדער צייט, ווייל דער מענש איז מעהר ראַפינירט, מעהר עמפּפינדליך און — — געשטערט פון געזעץ זיין ציעל צו ערגרייכען: „פּאַרבאָטענע פרוכט — ווי מען זאָגט — איז זיס“. די פראַגע איז: ווער האָט אַ רעכט זיך געגען דער נאַטור צו שטעלען? ווי וואַגען איינינגע מענשען פאַר די אַלע אַנדערע צו מאַכען געזעצע!?“ —

אין ענטפער צו דער פראַגע האָבען זיך פאַנאַנדער געגעבען אַ סך אַפּלאָדיסמענטען און אימיצער האָט אויסגעשריען: „ניעדער מיט די געזעץ־מאַכער!“

„רוהיג, אָרדער! — האָט דעם ענטהוזיאַזסט דער „פלאָאָר־וואָקער“ בעפעהלען. „סעדאַן ענד שאַראַפּ“. — האָט ער ווייטער צוגעגעבען. „מאַך ניט קיין טומעל“.

דער ענטהוזיאַסט האָט זיך בעליידיגט: האָט ער ניט אַ רעכט אַרויסצווייזען זיין בעגייסטערונג? —

„שור האָט ער“, האָט א צווייטער צוגעגעבען.

„יעס, אודאי האָט ער“, — האָט זיך א דריטער אריינגעמישט — „אָבער, ניט אין מיטען ד׳רינען. ער מעג זיך איינהאַלטען ביז יענער וועט אָפּקאָנטשען ריידען“.

מען האָט זיי קוים א י נ ג ע נ ו מ ע ן און ג. האָט ווייטער גערעדט:

דער דורשט נאָך... ליעבע ווירקט אויפ׳ן גאנצען מענשליכען אָרגאַניזם: נעהמט א הונט אין איהר בודקע, א פייגעל אין איהר נעסט, גייסטליכע פּריסטער, איינזאַמע מיידלעך, פערשיעדענע יונגע לייט, שוין אפילו עלטערע מענשען, אַלע, אַלע שטרעבען מעהר אָדער וועניגער צ א י י ן זאַך און דאָס איז צום ל ע ב ע ן, צו ג ע נ י ס ע ן פון לעבען. און אז זיי ווערען אין דעם אָפּגעזאָגט, טריקענט זיי אוים דער מארך, זיי ווערען שרעקליך פּעט אָדער שרעקליך מאָגער, זיי ווערען נערוועז, בייז צושרויפט, דעגענערירט, פערדאָרבען און דאָס גלייכען.

„בראַוואָ!“ — האָט דער ענטהוזיאַסט אויסגעשריען. און פון דער ווייטען האָט זיך געלאָזט הערען א שטימע: „העכער, העכער!“

דער „פלאָאָר־וואָקער“ האָט יענעם, וואָס האָט געשריען „העכער“, געהייסען שטומען, וועט ער ניט זיין טויב און הערען וואָס מען רעדט.

ג. האָט איבערגעוואַרט דעם טומעל און ווייטער גערעדט. ער האָט געבעטען, איהם ניט צו גלויבען, נאָר נעהמען און זיך אליין איבערצייגען, דאָס פרייע ליעבע איז ניט אין אן ערך בעסער פון הייראטה: ווארום וואָס איז הייראטה? — געצוואונגענע ליעבע.

„בראַוואָ!!“

— „ס׳איז ניט מעהר ווי א נידערטרעכטיגע זאַך מיט א לומפּיגע צערעמאָניע. דאָס איז א צוים אויפ׳ן פרייען ווילען פון אינדיווידועלען, רעכט־דענקענדען מענשען. ס׳איז א שאַנדע פאַר דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, א בעליידיגונג פאַר דער ציוויליזאַציע, א קללה פאַר דער יוגענד, א טויט פאַר׳ן ל ע ב ע ן! עס מוז עפּעס געטהאָן ווערען פאַר׳ן רענעסאַנס. א גרונד־שטיין מוז אלס פונדאַמענט אַוועקגעלייגט ווערען פאַר א נייער עפּאָכע.

ענדערונגען מוזען אין דער איצטיגער אָרדנונג געמאכט ווערען, ווען ניט — וועט זיין שלעכט. דער סוף וועט זיין —

איך האָב זיך ניט געוואָלט דערוואַרטען, צו הערען וואָס דער סוף וועט זיין און האָב מיך פער׳גנב׳עט פון האָלל ארויסגעכאפּט. וואַרטען ביז׳ן סוף וואָלט הייסען, לאָזען זיך פון ג. אהיים בעגלייטען און אויסהערען נאָך אמאָל די זעלבע לעקטשור מיט, קען זיין, נאָך אילוסטראַציעס אלס צוגאָב...

מיין ניט־ווערען פון האָלל נאָך איידער ער האָט געענדיגט ריידען, וועט זיין דער בעסטער בעוויז, ווי שטאַרק זיין אגיטאַציע פאַר פרייע ליעבע האָט זיך צו מיר צוגענומען... און זאָל ער מיך דאָרטען ז ו כ ע ן צו איבערצייגען...

* * *

„זאָל ער מיך דאָרטען ז ו כ ע ן צו איבערצייגען...“ — די ווערטער האָבען זיך הויך אין מיינע געדאַנקען אויסגערעדט און מיך מיט א בייזע צופריעדענהייט אָנגעפילט.

איך האָב מיך גוט אין שפּיגעל אָנגעקוקט און געטראַכט, אז איך בין גאָר ניט אַזוי... אזוי מיאוס, כ׳זאָל אויף מיר אזוי קוקען; א מאָדנע גלייכגילטיגקייט האָט מיך צו זיך ארומגענומען און איך האָב זיך געזוכט פון ז י ך צו פערטהיידיגען. דאָס געפיהל פון גלייכגילטיגקייט איז געווען סם פאַר מיין נשמה. מעהר האָב איך ניט בעדאַרפט, ווי זיך פיינט קריגען און לאָזען זיך אוועקנעהמען פון דעם ערשטען ערגסטען, וואָס האָט אויף מיר א האַנד ארויפגעלייגט !...

איך האָב געפיהלט ג.׳ס האַנד אויף מיר, כאָטש ער איז נעבען מיר ניט געווען. זי האָט מיך צו דער ערד געבויגען... זי האָט מיך געוואָלט צווינגען זיך ערניעדריגען, צו ערפילען א וואונש פון א מענשען, וועלכען איך האָב גאָר ניט געליעבט, און וועלכער האָט מיך געליעבט בלויז אויף אזוי פיעל, וויפיעל... זיין קוק פון עקאָנאָמישען, פּרינציפּיעלען, פּסיכאָלאָגישען און פיזיאָלאָגישען, מיט נאָך ווער ווייסט וויפיעל שטאַנדפּונקטען האָבען איהם דיקטירט. איך בין פאַר איהם געווען א זאַך פון דער צייט, די געגענוואַרט, וועלכע ער האָט, נאָך איידער ער האָט זי דערגרייכט, שוין גענומען אָפּשיקען צו דער פערגאַנגענהייט און זוכען אַן אַנדערע, מיט וועל־

בער צו טהיילען די צוקונפט, די גרויסע צוקונפט, פאַר וועלכער רעי מיט נאָך מיידלאַך ווערען אַזוי בעגייסטערט...

און ווי לעבערליך ער האָט זיך געמאַכט מיט זיין לעקטשורען!

— האָב איך, זיך לייגענדיג אין דער קאַלטער בעט, אונטער דער געשטוקעוועטער קאָלדרע, פערעכטליך געטראַכט. — גוט וואָס איך האָב זיך פון דאָרט אַפּגעטראָגען. זעהר גוט! ער האָט דאָך דאָס פאַר מ י ר גערעדט, פאַר אַלעמען אין די אויגען מ י ך אַגיטירט... און א י ך, וועלכע האָט בעדאַרפט די רייד ביז'ן סוף פערנעמען, בין גאָר דאָרט, ווען ער האָט מיך געזוכט אהיים צו נעהמען, ניט געווען...

איך בין שוין אין געדאַנקען צו נאָך א לעקטשור זיינע גע־גאַנגען, כדי איך זאָל קענען פון דאָרט ווייטער אַמאָל אַזוי אוועק־געהען...

כ'האָב מיר געהייסען איינשלאָפען און ניט געקענט. א האַס צו דעם, וועלכער האָט מיך אויסגעלערנט האַסען, האָט מיך בע־הערשט. און דאָס איז געווען צו א., דעם איינציגען, וועמען איך האָב אַזוי ליעב! — —

צוליעב א י ה ם האָב איך זיך געהאַסט און צוליעב א י ה ם האָב איך געפיהלט, קען איך זיין פעהיג, זיך אין אן אומגליק לאָ־זען אריינוואַרפען, זיך אין גאַנצען צושטערען, פערדאַרבען, צו־טרעטען!

דער אונרוהיגער שיין פון סטריט־לאַמפּ האָט די הייליגע ביל־דער אויף די ווענט בעלויכטען און זיי האָבען אויף מיר אַזוי מאָד־נע, מיט גלאַנציגע אויגען, אַראָפּגעקוקט. פון הינטער דער גראַ־בער וואַנט האָט זיך, דורך דער הויכער, פערשטעלטער מיט אַלטע פּאַפּירענע קעסטלאַך פענסטער, דערטראָגען דער אַלטער דייטשקע'ס זוהנ'ס שנאָרכען מיט'ן נאָז; אין קליידער־אַלמער האָבען זיך קליי־ניגקע טריטעלאַך געלאָזט הערען און א רחמנות'דיגער פּישטשען; אין לאַנגען דונקעלען קאָרידאָר האָט זיך א פערליעבט פּאָאָר'ל גע־האַלטען אין איין שושקען...

די סילועטען פון דאָס פּאָאָר'ל האָבען זיך צו דער מאַטאָווער שויב פון מיין טהיר מיט'ן געדיכטען איבער דעם פאָרהאַנגעל דער־נעהנט און מיט אַמאָל, ווען זיי זיינען גאָר גרוים געוואָרען — פער־

שוואונדען. ערגעץ האָט זיך נאָך זיי א טהיר מיט א טעמפּען קלאַפּ צוגעמאַכט, און אַלץ אַרום איז ווי אָבגעשטאָרבען.

ווייטער איז פאַר מיינע גייסטיגע אויגען א. ערשיענען. איך האָב זיך איין געדאַנקען ביי איהם געבעטען, ער זאָל פון מיר אוועק־געהן... עס האָט ניט געהאָלפען. און איך האָב זיך צואווייַנט...

אין מיטען פון דעם שטומען, ביטערען געוויין מיינעם, אין דער עלענדער שטילקייט פון דער פרעמדער הויז, האָט איך א לייכטען קלאַפּען אין מיין טהיר דערהערט...

איך האָב אויפגעציטערט, זיך איבער'ן קאָפּ אריבערגעדעקט, אָבער דער עקשנות'דיגער קלאַפּען האָט ניט אויפגעהערט. דאָס האָט זיך אין מיין מח אָבגערופען, און מורא האָבענדיג, אז די־דייטשקע זאָל זיך איבער דעם ניט אויפכאַפּען, בין איך א באָר־וויסע, אין איין נאַכט־העמד צום טהיר צוגעגאַנגען. — — —

* * *

„ווער איז דאָרט?“ — האָב איך שטיל געפרעגט.

„איך“, — איז געוועזען דער ענטפער. כ'האָב דערקענט ג.'ס שטימע, וואָס האָט געוואָלט זיין ווייך און איז אַרויסגעקומען סקריפּעדיג. כ'האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. איהם שטעלען פראַגען: וואָס ער וויל? וואָס איז ער איצט געקומען? — איז דורך דער צוגעמאַכטער טהיר אונמעגליך געווען. די זייטיגע וואָלטען, קען זיין דערהערען. עפענען די טהיר? דאָס וואָלט דאָך געהייסען אזוי גוט, ווי איהם איינלאַדען אריינצוקומען... און איך בין, אָפּזאָגענדיג, „אז ס'איז צו שפּעט“, — פון טהיר אוועק.

ער האָט ווייטער געקלאַפּט. איך בין שוין מיט כעס צוריק צום טהיר צוגעטראָטען און שטיל, אָבער דייטליך, געהייסען:

„געהט אוועק!“

„איין מינוט“, — האָט ער געבעטען, — „אויף א פּאָאר ווערטער, ניט מעהר — “

— איך קען ניט.

ער האָט ווייטער געקלאַפּט.

— וואָס איז? — האָב איך שוין אויף אַן אינטש די טהיר געעפענט — וואָס ווילט איהר?!

— איך וויל עפּעס פרעגען —

— קומט... מאַרגען... אזא... פרעכהייט! איך האָב שוין אזוי שטאַרק געשלאָפען... — האָב איך געזאָגט א ליגען און שוין געוואָלט צוריק די טהיר אונטער זיין נאָז צומאַכען, ווען ער האָט זי אָן עפען געטהאָן, זיך אין צימער אריינגעכאַפּט, און די טהיר שטיל נאָך זיך פערמאַכט.

מיר האָבען זיך א ווײַלע, ווי מיר וואָלטען זיך פערמאָסטען מיט די כחות, שטום אָנגעקוקט.

— גאָט מיינער, ווי שעהן דו ביזט אזוי!... — האָט ער מיט א מין רעליגיעזער בעגייסטערונג די הענד אין שטילען אויסרוף צונויפגעלייגט. — איך האָב דיך נאָך אזוי קיינמאָל ניט געזעהן...

איך האָב זיך געכאַפּט דאָס איך בין אזוי... ניט אָנגעטהאָן. און כאָטש ער האָט מיר געזאָגט „דו" (וואָס איז ביי איהם געווען א מין געזעץ אזא, ווען אין דער פינסטער), האָב איך זיך א וואָרף געטהאָן נאָך מיין קימאָנע.

ער האָט זי ביי מיר פון האַנד ארויסגעריסען און אָן א זייט א וואָרף געטהאָן. „צו וואָס, צו וואָס?" — האָט ער געפרעגט — „צושטערען דאָס שעהנע?"

— מיר איז קאַלט האָב איך קוים, צווישען די צייהנער אויסגערעדט. און מיר איז טאַקע קאַלט געווען, ניט אזוי פון קעלט, ווי פון אויפרעגונג איבער זיין אזוי אריינרייסען זיך צו מיר. —

— קאַלט? — האָט ער געזאָגט, מיך א כאַפּ געטהאָן אויף די הענד, אין בעט אוועקגעלייגט און מיט דער קאָלדרע איינגעדעקט. אליין האָט ער זיך אויפ'ן ראַנד פון בעט אוועקגעזעצט און מיט זיין האַנד אויף מיין קאָפּ, מיר אין די אויגען אריינגעקוקט.

— פאַר וואָס ביסטו פון... לעקטשור אנטלאָפען? — האָט ער פערדריסליך געפרעגט.

— אזוי האָב איך געוואָלט, — האָב איך געענטפערט.

— האָב איך שלעכט גערעדט?

— ... לעבערליך.

— האָסט דעם סוף ניט געזעהן.

— כ'קען מיר שוין פאָרשטעלען!

— קענסט ניט. מען האָט מיך אין דער לופטען געוואָלט טראָגען. אלע האָבען מיר די הענד געדריקט. איך האָב דיך געזוכט.

מיר האָט פערדראָסען, וואָס דו האָסט עס ניט געזעהן. זיי וועלען נעהמען אַ גרעסערען האָל פאַר מיינע לעקטשורס, אַז מען זאָל אַלע־מען קענען אַריינלאָזען. אַ סך האָבען היינט געמוזט געהן אַהיים, ווייל זיי האָבען שוין אין האָל ניט געקענט אַריינגעהן.

— גוט פאַר זיי!...

— מיינסטו דאָס?

— איך מיין, אַז איך מיין דאָס. —

— וואָס ביסטו אַזוי — בייז?

— איך... וויל שלאָפען. געהט אַוועק, — געהט! — האָב איך זיך אַ זעץ געטהאָן. — איך וויל ניט נאָך אַמאָל אַזאַ שאַנדע ווי דאָרט, אין יענעם צימער, איבערלעבען. די מענשען דאָ ווייסען ניט ווער, וואָס איך בין, און קענען מיינען...

— אַז זיי וועלען דערהערען אַ טומעל, וועלען זיי טאַקע קענען מיינען... בעסער לאָמיר זיין שטיל און זיי לאָזען שלאָפען. איך האָב אַזוי פיינט, אַז מען מאַכט מיר אַזעלכע סצענעס. אָט דער וואַרפען זיך אַזוי, דאָס טרייבען מיך, קען מיך ווילד מאַכען, און דאַן... בין איך... דאַן קען איך זיך פאַר זיך ניט נעהמען...

— אַזוי אַריינרייסען זיך ביי־נאַכט — —

— איז דאָס מיין שולד וואָס איצט איז נאַכט? איך פיהל גראָדע ווי די זון וואָלט פאַר מיר איצט אַ'פגעהן. וואָס האָט צייט צו טהאָן מיט מיר?

— אָבער איך — — —

— דו — —

— קיינע דו'ס — !

— אָה, א י ה ר, אַלל־רייט. זאָל זיין א י ה ר. דאָס פּאַסט זיך אַזוי צו דער שטילקייט, דער פינסטערניש, דעם גאַנצען טואַ־ליעט! און דאָך האָב איך ד י ך, א י ה ר ה ע ר ט? — ד י ך ליעב!... ליעב מיט אַלע דיינע קאַפּריזען, מיט דיין קינדערשע איינ־געשפּאַרטקייט געגען אַ זאַך, וואָס איז אַזוי פיעל מיט דיין לעבען, ווי מיט מיינעם פערבונדען. דו ביזט שלעכט צו זיך, דו פער־שטיקסט אין זיך די נאַטירליכסטע פון דיינע פערלאַנגען. דיין סאַמעט־ווייכער קערפּער בעט זיך מען זאָל איהם צערטלען, מיט קושען בעדעקען. דיין ראָמאַנטישע נשמה וויל ליעבע און דו,

יעם, דו, ד ו מאַכסט אויף דעם צו די אויגען. דו ווילסט דעם אמת אויסמיידען אין פּנים גלייך צו קוקען. דו... שלאָפסט? —

איך האָב געהאַלטען צוגעמאַכט די אויגען, זיי זאָלען א י ה ם ניט זעהן. ווען ער האָט אַזוי גערעדט, האָב איך אין איהם, מיט צוגעמאַכטע אויגען, ב. געזעהן, און ווען ער האָט א ווײַלע, מיט מיין האַנד אין זײַנער, געשוויגען, האָב איך מיר אויף זיין אָרט א. גע־קענט פאָרשטעלען...

* * *

דערזעהענדיג, אַז איך האַלט צוגעמאַכט די אויגען און ענט־פער ניט אויף זיינע פראגען, האָט ג. צו זיך געזאָגט: „זי שלאָפט דאָך טאַקע", און — זיך אַליין גענומען אויסטהאָן....

וואָס רעכענט ער צו טהאָן? — האָב איך איהם אָנגעקוקט.

זיין רעכענונג איז געווען א פּראָסטער: צו וואָס זאָל ער זי־צען, אַז ער קען זיך אַביסעל צולייגען, און ווי באַלד אַז לייגען זיך, איז, פערשטעהט זיך, ניט אין אַלעמען... אין אַלעמען שלאָפט ער נאָר ווען ער דאַרף זיך גרייטען, האָט ער געזאָגט, צו פעסען אן עקזאַמינײַשאָן. אַזוי אָבער ווי אויף ליעבע האָט ער שוין זיין עקזאַמען לאַנג געפּעסט, דאַרף ער א ו י ף ג י ך ניט שלאָפען; ער קען זיך נעהמען צייט אויף אראָפּצונעהמען פון זיך די איבע־ריגע זאַכען.

מיר האָט געדאַכט, דאָס ער מיינט, אַז אַלץ, וואָס אויף איהם איז, אין איהם איבריג...

— ניין, וואָס מיינט איהר? — האָב איך פּראָטעסטירט, וואָס איז אַרויסגעקומען זעהר שוואַך, ווייל איך האָב זיך געמוזט צווינגען זעהר שטיל צו זיין, אַנדערע זאָלען מיך ניט דערהערען.

— וואָס מיינט איהר, איז דאָ — א באָד?

— ששא, שטיל, — האָט ער נאָך מ י ר איינגענומען, — צו וואָס אַזעלכע פראגען? מ'קען דאָס אַלעס אויסמיידען...

כ'בין אראָפּ פון בעט, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די קימאָנע און זיך אין וויעג־שטול אַריינגעזעצט. זאָל ער זיך דאָרט איצט לייגען!

ער האָט זיך געלייגט און איבער מיר געלאַכט; וואָס האָב איך זיך דאָ אַזוי דערשראָקען? וואָס בין איך אַנטלאָפען? ער

געהט — דאָך מיר ניט לעקטשורען! אז איך וויל וועט ער גאָר שווייגען, זיין אבסאָלוטלי שטום, ווי אַ פיש. ער ווייס, אז מיט מיר דאַרף מען זיין פיין און שטיל. גאָר פון אָנפאַנג פון אונזער בעקאַנטשאַפט האָט ער געמיינט, דאָס מען דאַרף מיך, ווי אנדע־רע, נעהמען מיט שטורעם; דערנאָך איז ער געקומען צו דער איי־בערצייגונג, אז מען דאַרף מיך בעסער איבערצייגען אין זיינע איי־בערצייגונגען. ווען איך ניט צוקומען נעהענטער, אזוי אז ס'זאָל ניט אויסקומען העכער צו ריידען?

— ניין.

— וועט זיך די מיסים אויפכאַפּען און ס'וועט זיין . . . מיאוס . . .

איך האָב געשוויגען. כ'האָב מיך נאָר אויף זיך געוואונדערט, ווי אזוי קען איך דאָס אזוי שווייגען? איז געקומען צו מיר, ניין, וואָס געקומען — זיך אריינגעריסען צו מיר אין מיטען נאַכט א — ווילד־פּרעמדער מאַן, זיך אויסגעטהאָן, אין מיין בעט, אין מיין אַנגעוואָרימטער פון מיר בעט זיך אריינגעלייגט און איך זיץ דאָ אין אַ דינער קימאָנע איינגעדרעהט און ציטער פון קעלט, פון צאָרן, פון מאַכטלאָזען כעס, ווייל . . . וואָס? . . . כ'האָב מורא פאַר מאַכען אַ טומעל! קען ער דאָך דאָ אויף אזא'ן אופן טהאָן וואָס ער וויל און איך זאָל שווייגען? — —

— ווייסט, — האָט ער זיך, צורוקענדיג צום ברעג בעט, אונ־טערשפּאַרענדיג מיט'ן האַנד די קאָפּ, פערטרויליך געזאָגט, — איך האָב שוין לאַנג געטראַכט פון דעם מאָמענט, ווען איך וועל זיך ביי דיר אין . . . אזאַ פּאָזישאָן געפינען. איך האָב מיר דאָס אָבער אַנדערש, ווי אָהן דיר, ניט געקענט פּאָרשטעלען. ביינאַכט, אין חלום, האָב איך דיך אין מיינע אָרעמס געהאַלטען און אזוי געקושט, גאָט מיינער, ווי איך האָב דיך געקושט! דערנאָך, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דיך נעבען זיך ניט געפונען, האָב איך פון שלאָף געוויינט. גאָט מיינער, ווי ביטערליך, ווי יאָמער־דיג איך האָב געוויינט! אזוי ווי מיין נשמה וואָלט פון מיר אוועק. מען האָט מיך געמוזט פאַנאַנדערוועקען און — —

— נאָך דעם ווי מען כאַפּט זיך אויף, דאַרף מען נאָך פאַ־נאַנדערוועקען? . . .

— ווי? — — זעהסטו טייערע, איך האָב מיך אַזוי אויס־געדערט און דו האָסט עס בעמערקט . . . כ'האָב בכיון אַזוי געזאָגט כדי צו זעהן אויב דו הערסט זיך צו וואָס איך רייד. און איצט, אַז דו הערסט מיך יאָ, וועל איך דיר אַ בעסערע זאַך זאָגען: זיי ניט אַזאַ קינד און קום צו מיר, ווארום דו וועסט נאָך דאָרט אויפ'ן טשער כאַפּען אַזאַ „קאָלד“ אַז — — דו וועסט זיך פון איהם נאָך ניט קענען אָפּטשעפּען. און אַ פערקיהלונג איז זעהר אַ פּאַסקודנע זאַך, ס'קען איבערגעהן אין אַן ערנסטע קראַנקהייט. קום.

— כ'בין ניט געקומען.

— איך שווער דיר ביי אַלעם וואָס איז הייליג, — האָט ער זיין רעכטע האַנד אויפגעהויבען, — אַז . . . ס'זאָלען מיר אָפּ־דאַרען ביידע הענד אויב איך וועל דיך געגען דיין ווילען אַנריהרען.

פון ערגעץ וואו האָבען זיך געהערט רייד, טריט, אַ סקריפּ פון אַ טהיר, צוויי שווארצע געשטאַלטען זיינען פאַר מיין טהיר אויסגעוואַקסען און קלענער ווערענדיג — ווי פריהער גרעסער ווע־רענדיג — פערשוואונדען . . .

ג. האָט זיין האַנד אַראָפּגעלאָזט און זיך פערטראַכט.

* * *

ווייסט איהר וואָס, — האָט ג. ווען ער האָט אָפּגעטראַכט, פריינדליך געזאָגט, — געהט איהר אַהער און איך וועל מיך אין שטול זעצען. איך וויל ניט איהר זאָלט זיך פערקיהלען און צו־ליעב מיר קראַנק ווערען.

כ'האָב מיך פון אָרט ניט גערירהט; צו גוט האָב איך פער־שטאַנען וואָס ער איז דערמיט אויסען...

— נו, פאַר וואָס געהט איהר ניט? — איך וועל נעבען אייך נאָר זיצען.

— כ'וועל ניט געהן ביז איהר וועט ניט אַוועקגעהן.

— איהר האָט מורא איך זאָל אייך ניט אָפּנאַרען: פון שטול ווייטער געהן צו אייך . . . יאָ? — —

— וועל —

— קיינע וועללס! ניט צו אַז איהר האָט מורא. אָבער, האָב איך אייך ניט געזאָגט, דאָס איהר דאַרפט פאַר מיר ניט מורא האָבען? איך וועל אייך מיט גוואַלד ניט צווינגען מיך צו ליע־

בען. ס'איז ניט אין מיין לאַין אימיצען צו צווינגען. איך אַנ־ערקען נאָר די זאכען פאר פּאָלקאָמען וואָס קומען דורך צוויי־זייטיגע צושטימונג. אַט זאָג איך אייך אַפילו א י ה ר ווי באַלד אז איהר געהט ניט איין אויף ד ו. ס'איז אונטער מיין ווירדע זיך אָנצובאָטען ווען — ווען כ'זעה אז — מען ווייס מיך ניט ווי אָבצושאצען.

— אך! — האָט זיך ביי מיר פון אונגעדולד ארויסגעריסען.

— קיינע אך'ס! — האָט ער געזאָגט — זיי זיינען דאָ אַב־סאָלוט איבעריג. געהט לייגט זיך אוועק און ליגט. איך וועל נעבען אייך א ווייל זיצען און אוועקגעהן. אויס אכטונג צו זיך וואָלט איהר צו מיר בעדארפט האָבען מעהר צוטרויען. אייער מורא האָבען פאר מיר ווייזט ווי ווייניג איהר גלויבט אין זיך, ווי שלעכט, קען זיין, איהר קענט זיך, ווייסט זיך ווי צו קאָנ־טראָלירען . . .

כ'האָב א געגעץ געטהאָן. פערשטעלט דעם גענעץ מיט'ן האנד און זיך בעסער אָנגעשפּארט אָן ווענטעל פון שטול, ס'זאָל מיר זיין בעקוועמער צו זיצען. כ'בין שוין אין געדאנקען איבער די הייזער ארומגעגאנגען, פאר מיר אָן אנדער צימער צו געפינען, ווארום אין דעם — בין איך געווען זיכער, וועל איך שוין לייגנער צוליעב איהם ניט קענען זיין, זאָל נאָר די „בלינדע" דייטשקע דערזעהן „איינעם וואגאבונד" ביי מיר אין צימער...

ג. האָט זיך מיט כעס אָנגעטהאָן און זיך, ווי עס האָט אויס־געוויזען, געקליבען מיך דעמאָנסטראטיוו צו פערלאָזען. זיינע אויגען גלעזער זיינען ביי איהם אראָפּגעפאלען. ער האָט זיי גוט אויסגעזידעלט און צוריק אָנגעטהאָן.

— איך געה אוועק, — האָט ער בייז געזאָגט.

כ'האָב צושטימיג מיט'ן קאָפּ א שאָקעל געטהאָן און איהם איז דאָס ניט געפעלען. ער האָט געוואָלט הערען וואָס איך וואָלט דערצו זאָגען.

— איך געה אוועק — האָט ער נאָך אמאָל, נאָר שטארקער ווי פריהער געזאָגט.

— אָלל־רייט.

— און איך וועל מעהר אהער ניט קומען . . .

— אָלל־רייט.

— צופריעדען, אַ? דאָס איז אָבער פאר איין מינוט פּי־לייכט. ווען איך וועל אוועקגעהן וועט זיך וועלען איך זאָל צוריק דאָ זיין. אמת, עס ווילט זיך לעבען, נאָר ס'האָט זיך מורא? איהר וועט שוין אָבער קיין מאָל ניט לעבען, ווייל איהר זענט שוין געשטארבען. איהר זייט טויט.

— ווי לאַנג איז דער שיער צו ריידען צו א טויטען?...

— אזוי לאַנג ביז מען קען איהם צום לעבען אָפּרופען. איך וועל אין אייך אייערע פערשלאָפענע אינסטינקטען פאַנאַנדערוועקען און דאַן, ווען זיי וועלען אויפוואכען, וועל איך ניט זיין און א ביטערע חרטה אויף אייער ניט נעהמען דאָס וואָס האָט זיך אייך געוואָלט געבען, וועט אייער עלענדע נשמה אָנפילען. איהר וועט מיך זוכען, קומען צו מיר און בעטען צו אייך קומען, אָבער אָבער, דאַן וועט שוין זייט צו שפּעט...

ער איז געשטאַנען און ווי געוואַרט וואס איך וועל אויף דעם זאָגען. כ'האָב גאָר נישט געזאָגט, נאָר געקוקט צו מיין טהיר, הינטער וועלכער אימיצער האָט זיך בעוויזען און זי מיט א שלי־סעל געזוכט אויפצועפענען...

מיין הארץ האָט שטארק גענומען קלאַפּען. כ'בין פון שטול אויפגעשפּרונגען. —

* * *

דאָס איז בלויז געווען דער „נעקסט־דאָריגער" וואס האָט מיט זיין שליסעל צו מיין טהיר פערבלאָנדזעט. ער האָט זיך אליין דערפאר אָנגעזידעלט און אין זיין רום אוועק.

ג. האָט איבער מיר לייכט געשפּאַסט: אזא . . . גרויסע מיידעל און ווערט אזוי גיך דערשראָקען פאר א שאָרך ביים טהיר! איז דאָך גוט, האָט ער געזאָגט, וואָס ע ר איז דאָ מיט מיר און לאָזט זיך מיר לאַנג ניט שרעקען, אז ניט —

אז איך האָב מיך דערשראקען פאר אימיצען'ס וועלען צו מיר אריינקומען ווייל ער האָט זיך ביי מיר אין צימער געפונען, דאָס האָט ער ניט פערשטאַנען, אדער, זיך געמאכט ניט פערשטעהענדיג.

— ביזט צו שוואך אליין מיט זיך צו זיין, — האָט ער מיר, מיט אמאָל ווייטער זאָגענדיג ד ו, ביי דער האנד גענומען און

די פינגער געקושט. — טרייב מיך ניט פון זיך, לאָז מיך זיין מיט דיר אזוי לאַנג ווי . . . ד ו ווערסט עס ווילען. איך וועל זעהן דיינע אויסערגעוועהנליכע פאָדערונגען, וואָס דו שטעלסט צו דער ליעבע — נאָכקומען . . . מיר וועלען ליידענשאַפט מיט גייסטיגער נאָהענטקייט פעראייניגען, ליעבע מיט פרייהייט, פריינדשאַפט מיט געגענזייטיגער אונאָבהענגיגקייט. ווערסט האָבען אַ מאַן און צו דער זעלבער צייט ניט זיין קיין שקלאַף צו איהם, ווערסט זיין פ ר י י. דו ווילסט דאָך זיין פריי?

— פון אייך, יא.

— מיינסט עס ניט. זאָגסט ניט וואָס דו פיהלסט. ווילסט זיין שטריינג, ווייל דו ביזט אזוי ווייך, אזוי צאַרט, אזוי פול מיט בעגעהר געליעבט צו ווערען! ווילסט דאָך מען זאָל דיך ליע־בען, שטאַרק, שטאַרק ליעבען. זאָג, ווילסטו דאָס ניט? וואָס דען ווילסטו, אז ניט . . . געליעבט ווערען?

— אַליין ליעבען.

— גוט. דאָ איז ע ר ; ליעב!

— ניט דעם, אַן אַנדערען.

— אזאַ וואָס איז גאָר . . . ניטאָ?

— אזאַ וואָס איז ד אָ ניטאָ.

— צו וואָס ליעבען אזאַ וואָס איז נ י ט אָ אז מ'קען ליעבען דעם וואָס איז פ א ר א ן, דעם וואָס איז אזוי . . . רייך אין געפיהלען און אזוי שטאַרק אין פערלאַנגען. ניט איינע פון די אַלע וואָס איך האָב געקענט, האָט זיך געגען מיין ווילען געקענט שטעלען. און דו, — פאַר וואָס ביזטו אזאַ'ן איינגעשפּאַרטע? ניט נאָר געהסטו געגען מיר, נאָר געגען זיך, געגען ז י ך אַליין געהסטו. מיינסט ווערסט דיין צופריעדענהייט אין זעלבסטפער־ניכטונג געפינען? ו ו ע ס ט נ י ט.

— וועל איך נ י ט.

— עקשן'טע . . . ווערסט כאַטש זיך אַן אויג ארויסנעהמען אבי יענעם צוויי. וואָלסט זיך גיכער, ווי אַלע אַנדערע, צו איי־נעם פערשקלאַפען, ווי מיט מעהר אלס איינעם זיין פריי. ווייסט ניט וואָס פרייהייט איז —

— ווי איך וויים ניט אזוי 'ט'ס מיר ניט שאַדען...

— ביזט אונגעוויסענד, דאָס איז וואָס דו ביזט!
— זיך ערשט אַרומגעזעהען!...
— ביזט אַן איינפאַכע „זי" וואָס זוכט אַן „ער". אַ שטענ־דיגען „ער", אַ פערזאָרגער, אַ בעשיצער, אַ הערשער איבער זיך.
— דאָס איז וואס איך בין...
— איך קען א י י ך מעהר ד ו ניט זאָגען...
— זאָגט ניט.
— און... איהר האַלט זיך דאָך פאר אַ גאַנצע אינטעלי־גענטקע. מוז איך אייך זאָגען דאָס איהר זענט עס נ י ט.
— מילא, ניט — איז ניט. אבי... זאָל שוין זיין גענוג. געהט. עס געהט דאָך אייך ניט אין לעבען מיך ווי פון יענעם צימער מאַכען צו „מופען".
— איהר טרייבט מיך!
— אָה, נאָ! איך ב ע ט אייך נאָר. זייט אזוי גוט און געהט שוין אַמאָל אַוועק פון דאַנען.
— וועל איך דוקא ניט געהן... איך האָב אַמאָל געקענט אזא מיידעל ווי איהר, איז זי אזוי לאַנג געווען איינגע'עקשנ'ט ביז, אַלע האָבען זיך פון איהר אפגעוואָרפען און... זי איז גע־בליבען אַן אַלטע מויד...
— אזוי... און איך האָב געקענט אזא בחור ווי איהר, וואס איז אזוי לאַנג צוגעשטאַנען אז... מען האָט איהם פון אַלע טרעפּ אראָפּגעוואָרפען... — האָב איך גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין געזאָגט און זיך גאָר ניט געריכט אז דאָס זאָל א י ה ם אזוי שטאַרק אָנריהרען; ער איז געוואָרען אויפגערעגט און מיט ענט־ריסטונג אויסגערופען:
— דאָס איז א געמיינער ליגען! מען האָט איהם נ י ט אראָפּגעוואָרפען, ער... ער איז... אַליין אראָפּגעפאַלען.
דאָס האָט מיך שוין אָנגעהויבען אַמוזירען און איך האָב — געלאַכט: גאָר אַליין אראָפּגעפאַלען? ווי נעהמט עס עפּעס אַ מענש און פאַלט אַליין אראָפּ? —
און אין ענטפער צו דער פראגע האָט געפאָלגט אַ גאַנצע גע־שיכטע וואס ער האָט מיר דערצעהלט, ג ע מ ו ז ט, האָט ער געזאָגט, דערצעהלען, כדי איך זאָל וויסען אז דאָס וואָס י ע נ ע

האָט מיר דערצעהלט איז אַ ליגען, אַ געמיינער ליגען: ווען ער ווייס וואו יענע איז איצט וואָלט ער מיר, פאַר איהר אין די אויגען, אַלץ דערצעהלען און זי זאָל אויף איהם ניט קענען זאָגען אַזעלכע . . . זאכען ווי פון די טרעפּ ארונטערגעוואָרפען. ס'איז געווען אין דער זעלבער הויז טאקע, ביי די זעלבע נידערטרעכטיגע אינטעליגענטען, — נאָר מיט אַ פּלאָר העכער, אזוי דאכט זיך איהם אויף וויפיעל ער געדענקט. וועל, האָט זי דאָרט, די אַלטקע, אַלטע צי אַננאַ ווי מען רופט איהר, געוואוינט. און ער איז צו איהר ארויפגעקומען. האָבען זיי זיך אזוי אינטים פערבראַכט, מיט אמאָל, ווען ער האָט זי שוין כמעט אין גאַנצען אין זי'יע הענד געהאַט... האָט זי איהם פּלוצלונג געבעטען אויף אַ רגע זי אָפּלאָזען, זי דאַרף . . . וועל, מאַלע אויף וואָס אַ מענש, אַ לעבעדיגער מענש דאַרף מען זאָל איהם אַ ווײַלע אָפּלאָזען . . . ער איז געווען גוט געגוג זי אָפּצולאָזען, ווי האָט ער געזאָלט וויסען אַז דאָס איז פון איהר געווען בלויז אַ „טריק"? — איז ער זי געגאַנגען אין האָל זוכען. פינסטער איז דאָרט געווען, אַ קאַץ האָט זיך איהם אונטער די פיס אונטערגעדרעהט, די בענדלאַך פון די שיך האָבען זיך צובונדען און, דאָס גלייכגעוויכט האָט ער פערלאָרען, איז ער פון די טרעפּ ארונטערגעפאַלען!

נאָך דעם, האָט ער מיט פערדראָס זיין ערצעהלונג פערענדיגט, געהט יענע און זאָגט דאָס ז י האָט איהם ארונטערגעוואָרפען! ס'איז דאָך אָבער אַ גרויסער אונטערשיעד פון ארונטערגעוואָרפען ביז אליין אַרונטערגעפאַלען, איז דאָס ניט?

כ'האָב געמוזט צוגעבען אַז דאָס איז... און געמוזט איהם צוזאָגען פון י ע נ ע ר מעהר אַזעלכע זאכען ניט צו וועלען הערען. דאָס איז מיר גרינג געווען צוצוזאָגען, ווייל, ווייל איך קען גאָר יענע ניט!... און... איך וואָלט זי זעהר וועלען קענען; ווי אַנדערש יענע וואָלט געוויס די זעלבע געשיכטע דערצעהלט!...

* * *

אַ לאַנגע צייט בין איך נאָך ג'ס אוועקגעהן געלעגען און וועגען דעם פערגאַנגענעם אָווענד מיט דער נאַכט געטראַכט. ניט לאַנג האָט מיך מיין בענעהמונג געגען איהם מיט בייזע צופריעדענהייט אַנגעפילט. זיין גאַנצע געשטאַלט האָט זיך פאַר מיר צו

מאָרגענס ווי א חלום געבליכט. צוריק איז א. פאר מיינע גייס־טיגע אויגען ערשיענען און מיר האָט זיך פאר איהם געוואָלט וויי־נען, וויינען, וויינען....

א. און ניט קיין אַנדערער דוכט מיר אַלע מאָל צו זיין שול־דיג אין אַלע ליידען וואָס מיר קומט פאַר איבערצולעבען. אין אַלץ איז ע ר שולדיג...

ווען ע ר וואָלט מיט מיר געווען, וואָלט דאָך קיינער צו מיר נאָהענט ניט וואַגען צוטרעטען. איך וואָלט קיינעם קיינמאָל די געלעגענהייט ניט געגעבען צו מיר ווענען אזעלכע זאכען וואָס ג. רעדט — א וואָרט צו זאָגען!

... עס קען אויך זיין אז ווען איך וואָלט זיך מיט ג. בעסער בענומען וואָלט ער אויך אַנדערש מיט מיר געווען. איך וואָלט זיך מעהר בעדארפט היטען איהם אויף אזא גראָבען טאָן ארויס־רופען.

איך בין אזוי „גוט“ ווי אַנדערע: כ׳זעה ניט, כ׳בעמערק גאָר ניט די בעליידיגונגען וואָס א י ך טראָג יענעם אָן, איך רעכען זיך נאָר מיט די וואָס ווערען מ י ר אָנגעטראָגען און, כאָטש איך פערשטעה עס, וויל איך דאָס י ע נ ע ם ניט פערגעבען...

דאַרף איך, הייסט עס, די גאַנצע שולד פאר אַלעם אויף מיר ארויפנעהמען.... ווער וויים, אפשר פיהל איך דאָס אזוי צו טהאָן דערפאר וואָס, עס ווילט זיך מיר בעסער פיהלען שולדיג ווי... בעליידיגט...

ג. האָט זיך געפיהלט זעהר שטארק בעליידיגט ווען איך האָב איהם פאר׳ן רעכטען אוועקגעהן געזאָגט דאָס קיינמאָל וועל איך פאר אזא ווי ע ר קיין אכטונג ניט האָבען, זיין גאַנצע בילדונג האָט א פּנים פון חוזק. ער מאכט זיך לעכערליך אָנווענדענדיג זיינע מעטאָדעס פאר אַגיטאַציעס נעגען אזעלכע וואָס זיינען גע־נוג בעוואוסטזיניג צו פערשטעהן אז אָננעהמען זיין אידעאַל, זיין פּרינציפּ, הייסט — ז י ך אויפגעבען. ער האָט געזאָגט דאָס איך מאך איהם פיהלען געקריינקט מיט מיינע רייד און איך האָב גע־זאָגט דאָס ער פערדיענט עס. און זאָל ער פאר אַנדערע קיין גרוב ניט גראָבען, ווארום ער קען אין איהר אַליין ארייַנפאַלען....

איך האָב איהם געזאָגט דאָס איך האָב קיין געפיהל פאר דאָס

וואס ער רופט ג ע נ י ס ע ן פון לעבען, און ער האט עס מיר ניט געוואלט גלויבען. צו בעהאלטען דאס געפיהל פאר גענ.ס איז, זאגט ער, די איינגעבארענע אייגענשאפט פון דער פרוי. א פרוי וועט קיינמאל ניט מודה זיין דאס זי וויל ל ע ב ע ן, זי וועט נאר זאגען דאס זי וויל ל י ע ב ע ן. די פרוי האט ליעב יעדע זאך „צוצוטרימען", מאכען דאס „פענסי". נארען זיך און יענעם. שאפען זיך א קולט פון גאר נישט. זי וועט זיך מעהר אפשטעלען אויף קלייניגקייטען און פערזעהן די גרויסע זאכען. א שעהנער ליגען וועט זי גיכער געווינען ווי אן... אמת'ער אמת.

אויב עס איז פאראן א טהייל אמת אין דאס וואס ער רעדט — האב איך געזאגט, — קען מען דער פרוי אויך פיעל ניט בעשולדיגען. מענער וואלטען פון יעדער פרוי גרייט געווען צו מאכען א גארנישט, ווען זי זאל נאר ניט וויסען ווי זיך צו קאנטראלירען און זיי צו דיסציפלינירען. די פרוי וואס טרעט אריין אליין אין לעבען, מוז א סך געדולד און קראפט האבען דעם קאמפף אויסצוקעמפפען. עס זיינען דא אזוי פיעל אויסערליכע שטערונגען, אז ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז מען אמאל אונטערווארפען דאס געפיהל פאר ל ע ב ע ן, צום קאנטראל פון געדאנק, פון שכל, פון שטארקען ווילען — — —

ער האט מיך אויפמערקזאם אויסגעהערט און געזאגט, דאס איין זאך מוז ער צוגעבען און דאס איז אז — איך בין א קלוגע. א צו קלוגע, און דאס וועט מיר, קען זיין, אויסהיטען פון א וועלכע ס'איז „נארישקייט" אבער, גליקליך וועט עס מיך נ י ט מאכען...

איך ווייס עס. און נאך א זאך ווייס איך: געגען א. וואלט איך קיינמאל אזוי קלוג ניט קענען זיין ווייל, ווייל איך ליעב איהם. — — —

ס'איז אונמעגליך צו זיין קלוג ווען מען איז פערליעבט, אונמעגליך! —

אפטמאל דוכט זיך מיר, דאס מיין ליעבע צו א. איז ניט מעהר ווי א מין עקשנות. מיר ווילט זיך דוקא זיין ליעבע, ווייל איך ווייס, דאס איך קען זי ניט האבען...

וויים איך דאָס? בין איך אין דעם אזוי זיכער? שלאָגט נאָך ניט אַמאָל אַ גליעדער פון האָפנונג זיין ליעבע צו געווינען?...

עס קען אויך זיין, אַז ווען איך וואָלט זיין ליעבע געווינען וואָלט עס פאַר מיר ניט געווען מעהר דאָס וואָס עס שטעלט זיך מיך פאָר צו זיין. —

איך פערליער מיך אין זיך — גאָט מיינער, ווי לאַנג נאָך וועל איך ז י ך דארפען זוכען צו געפינען! ? — — — — —

* * *

איך קוק אויף ג. און מיר דוכט, דאָס ער האָט זיך אויף אַן אנדערען פערביטען. איז ער בעסער געוואָרען, אָדער זיך אויף אַ ווײַלע אין אַנדער טאַקטיק גענען מיר גענומען? אַלענפאַלס איז עס כמעט אַ קונסט אַזוי צו זיין. ער איז ווערטה מען זאָל איהם שטודירען...

שוין אַ וואָך צייט, אַז ער האָט מיך מיט געוואלד קיין איין מאָל צו זיין „הייליגען“ אידעאַל ניט געשלעפּט. זיך פאַר זיין פּרינציפּ ניט איינגעשטעלט, און אַפילו דאָס וואָרט „פרייע ליעבע“ ניט דערמאָהנט...

וואָלט ער זיך זעהר גלייכגילטיג צו מיר געוויזען, וואָלט איך מיינען, אַז דאָס איז אַן אָנשטעל אזא, כדי מיר „אַנצוציהען“, מאַכען אין זיין „ערנסטען“ געפיהל צו מיר צווייפלען און אַזוי זוכען איהם גיכער דערכאַפּען אין גאַנצען ניט צו פערלירען... ווייזט ער זיך אָבער ווייט ניט צו זיין גלייכגילטיג. ער זאָגט זיך איצט מעהר אַרוים מיט שטומע בליקען ווי פריהער מיט ווערטער. זיין יעדע בעוועגונג איז פול מיט איבערגעבענהייט. יעדע בענעהמונג פול מיט אויפריכטיגער אויפמערקזאַמקייט. איך קוק און וואונ־דער זיך: איז דאָס דער זעלבער מענש? ער הויבט מיר ערשט אַן צו אינטערעסירען. — —

מיר זיינען ביידע צו אַ טהעאַטער פאָרשטעלונג געווען. ווען עס איז פאָרגעקומען אַ ריהרענדע סצענע האָבען זיך טרעהרן אין מיינע אויגען בעוויזען און ער האָט ווייך, מיטפיהלענד מיין האַנד געדריקט. איך האָב איהם אויף דעם דריק לייכט געענטפערט. זיצענדיג מיט איהם צווישען אַ סך — עלענדע, האָב איך מיך

אזוי עלענד ניט געפיהלט און בין איהם אין הארצען אזוי דאנק־באר געוועזן דערפאר! —

ווי ווייניג א מאן דארף זיך אנשטרענגען פון אן עלענדער דאנקבארקייט פאר אביסעל סימפאטיע צו... אן עלענדע העלדין ארויסרופען!

די העלדין פון דער דראמא, וועלכע האט פאר אונז געשפיעלט, האט געליעבט און געליטען — און מיר האט געדוכט, אז דאס בין איך... און ער, צו ער פערשטעהט, צו ער פערשטעהט מיך ניט, זוכט מיט א האנד־דרוק מיך צו טרייסטען. — —

מיר זיינען פערשטילטע, שווייגענדיגע אונטער דעם איינדרוק פון דער דראמא אפילו אין צייט פון אנטראקט געזעסען. מיר האט געדוכט, דאס מיר האבען ביידע וועגען איין זאך געטראכט: וועגען ליעבע. — ווי גוט דאס איז צו ליעבען און געליעבט צו ווערען! —

איין מאָל זיינען מיר מאוווינג פיקטשורס זעהן געגאנגען. רעי איז אויך מיט אונז געווען און ער האט זיך צו איהר, ווייל זי איז מיינע א פריינדין, פריינדליך פערהאלטען. ער האט אזוי קלוג גערעדט, ווען מיר זיינען נאך די „מואווים" א צייט אין סטריט ארומגעגאנגען. רעי איז ענטציקט געווען פאר איהם. זי האט מיר איהר גוטען מיינונג מיט האלבע ווערטער ארויסגעזאגט. און זי האט זיך ווי געאיילט אוועקצוגעהן כדי אונז ניט צו שטע־רען...

איך האב זי פערהאלטען, זי זאל ביי מיר נעכטיגען. און פאר'ן שלאף, ריידענדיג וועגען פיעלע און איבערהויפט וועגען ג., האב איך זי אין כעס אריינגעבראכט דערמיט, וואס איך האב געזאגט, דאס א מיידעל טאר זיך ניט צו שטארק איינגלויבען אין א מאן'ס פיינע בענעהמונגען. אמאל וויים מען ניט, וואס הינ־טער זיי זיינען פאר געדאנקען פערבארגען...

— אזא ווי איהר — האט רעי צו מיר געזאגט — איז אונ־מעגליך צופריעדען צו שטעלען. אין אליץ זעהט איהר עפעס וואס... קיין אנדערע חלום'ט אפילו ניט. ג. איז א זעהר פיינער יונגערמאן. א מיידעל מיט שכל און אביסעל מעהר ווארימקייט וואלט איהם קענען צו זיך צובינדען...

— אויף ווי לאַנג?

— אויף אַלע מאָל!

— סיידען אויף אַ קייט... איך מיין אַ קייט פון געזעץ. אָבער אויך פון דער קייט וואָלט ער זיך זוכען אָפּצורייסען. דער פאַקט איז, דאָס ער רייסט זיך פון איהר נאָך איידער ער האָט זיך צוגעבונדען...

— ער וויל נאָר פרייע ליעבע? — האָט רעי נאָכדענקענד געפרעגט.

— יאָ.

— ליעבסט איהר איהם?

— נ־ניין. אַלענפאַלס ניט אַזוי, אַז איך זאָל צו דעם צו־שטימען...

— איז... אויף חתונה האָבען רעכט, אַז מען זאָל ווייניגער ליעבען ווי אַזוי — ?

מיר האָבען, נאָך אַ רגע שוויינען, אַ צייט איבער דעם געלאַכט.

דער געלעכטער האָט זיך אין אַ טרויעריגען, בערויערענדען זיפץ אויסגעלאָזען...

רעי האָט דערצעהלט, ווי „איהר" אינזשעניר מאַכט פּלענער פאַר דער צוקונפט. גרויסע פּלענער, גראַנדיעזע! וועגען איהר אָבער, ווען ער רעדט, איז ער פול מיט דער ג ע ג ע נ װ א ר ט...

— אַן עפּידעמיע — האָט רעי מיט פעראַכטונג געזאָגט — איז עפּעס אויף אַלעמען היינט מיט דער ג ע ג ע נ װ א ר ט, מיט כ א פּ ע ן דעם „מאָמענט", אָנגעקומען! און דערמאָנט מען זיי „חתונה", קוקען זיי אַן אַזוי, ווי מען וואָלט זיי פון דער באָבע'ן פון יענער וועלט אַ גערוס געבראַכט...

— ווייסט איהר, וואָס איך פיהל וועגען זיי איצט צו זאָ־גען? — האָט מיך רעי געפרעגט.

— וואָס?

— אַז הענגען זאָלען זיי זיך אַלע! — און ניט פרעגענדיג מיך, אויב איך בין דערמיט איינפערשטאַנען אָדער ניט, איז זי איינגעשלאָפען.

* * *

מיר האָבען נאָך ניט צייט געהאַט זיך אין גאַנצען אָנצוטהאָן, ווי אַ קלאַפּ האָט זיך אין טהיר דערהערט.

רעי האָט מיך פערוואונדערט אָנגעקוקט:

„ווער — אַזוי פריה?“

כ'האָב אַ קלעהר געטהאָן, אַז וואָס וואָלט איך איצט געטהאָן, ווען ניט רעי, נאָר ווער אַנדערש געפינט זיך ביי מיר אין צימער? און... האָב זיך ניט געאיילט צו עפענען...

מען האָט מעהר ניט געקלאַפּט, אָבער קיין טריט פון טהיר האָבען זיך אויך ניט געהערט... אימיצער האָט, ווי ס'האָט אויס־געוויזען, אונטערגעהערט...

מיר האָט זיך דעם אימיצען געוואָלט אָנלערנען, בין איך שטיל צום טהיר צוגעגאַנגען און זי מיט אַ ציה צו זיך אָן עפען געטהאָן.

די אַלטע דייטשקע איז פאַר מיר, מיט עפּעס, וואָס זי האָט אין ביידע הענד געהאַלטען, ערשיענען. דער עפּעס האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אַ בלומען־טעפּעל, מעהר טעפּעל ווי פּלאַנ־צונג וואָס איז אין דעם געווען.

„פיעלייכט“, האָט זי מיך געפרעגט, „וועל איך דאָס ערלויבען ביי מיר אוועקצושטעלען? דאָס איז איהר זעהר טהייער, און אַזוי ווי ביי מיר איז ניט אַזוי היים, ווי ביי איהר, וועט עס ניט אַזוי צוטריקענט ווערען“.

כ'האָב ערלויבט.

— ניט בעדאַרפט! — איז געווען רעי'ס מיינונג, אַזוי גיך ווי די דייטשקע איז ארויסגעגאַנגען.

— פאַר וואָס ניט? — האָב איך זי אָנגעקוקט.

— דערפאַר: זי וועט שוין האָבען אַן אויסרייד נאָך וואָס אהער אריינצוקומען; זעהן ווער דאָ געפינט זיך... איצט איז זי אויך צוליעב דעם אריין.

— איז טאַקע גוט: האָט זי געזעהן, אַז איהר זיינט דאָ...

— זעהר גוט! ווי אָבער, אַז ווען, אַנשטאַט מיר, וואָלט דאָ אימיצער אַנדערש געווען? — —

— אימיצער אַנדערש דאַרף טאַקע ניט זיין...

— עס טרעפט דאָך אָבער אַמאָל, אַז עס איז וואָס מען

דאַרף ניט, — מען פעררעדט זיך, מ'פערזיצט זיך, און מיט אמאָל — האַללאָ, די וואַזאָנעטשקע! איך שטעל מיר פאָר, ווי אנגענעהם אזא איבערראַשונג קען זיין! ביזט פערנומען מיט... ליעבע, און פּלוצלונג עפענט זיך די טהיר, די „בלינדע" דייטשקע קומט זעהן, אויב מען דאַרף שוין די וואַזאָנעטטקע בעגיסען! — האָט רעי געלאַכט.

— די טהיר קען זיך פּ ל ו צ ל ו נ ג ניט עפענען, און די וואַזאָנע, קען איך איהר צוזאָגען, אליין צו בעגיסען.

רעי האָט מעהר וועגען דעם ניט געוואָלט ריידען. זי האָט מיר נאָר געהייסען וואַרטען און אליין זעהן, אז ז י ווייס וואָס זי רעדט. זי רעדט ניט אויף אויסוויינינג, זי רעדט פון ערפאַהרונג. זי האָט איין מאָל געהאַט א מיסים, וואָס האָט זיך געהאַט א מאָדען אלע ווייַלע צו איהר עפּעס וואָס אין רום אריינצושטעלען, און קומען דאָס זעהן, אָדער צונעהמען, פּונקט דאַמאָלסט, ווען אימיצער איז ביי איהר געזעסען.

עס פלעגט טרעפען, דאָס זי פלעגט זיך אזוי פערקוקען אויף דעם א י מ י צ ע ן, אז זי האָט גאָר פערגעסען נאָך וואָס זי איז געקומען און נאָך בעטען, מען זאָל איהר דערמאָנען. „דאַכט זיך, דאַכט זיך... ניין!" פלעגט זי זיך אָנשטרענגען צו דערמאָנען און, ניט קענענדיג, בעשליסען אַרויסצוגעהן און דערנאָך ווייטער אריינקומען; ווייל דאָס איז דער בעסטער וועג צו דערמאָנען זיך נאָך וואָס מען איז געגאַנגען!

— קורץ, — האָט רעי, אָפּריידענדיג פון ערפאַהרונג, געזאָגט — איך האָב צוליעב דעם געמוזט פון דאָרט אַרויסמופען!

— איך וועל פון דאַנען סיי־ווי אַרויסמופען, אזוי גיך ווי איך געפין נאָר אַן אַנדער צימער, א בעסערען. —

— אזוי גיך געפינט מען דאָס! עך־מא! די וועלט איז גרויס און ס'איז זיך ניטאָ וואו אהינצוטהאָן!

דאָס איז אמת... — האָב איך געטראַכט, און ווי אויף אַן אונגעבעטענעם גאַסט אויף דער אָרימער וואַזאָנע א קוק געטהאָן. זי איז, ווי א שולדיגע, מיט אראָפּגעלאָזענע בלעטלאַך און טרוקענע ריטלאַך, ווי א דאָרן פאַר מיינע אויגען געשטאַנען.

* * *

עס איז ניט אין מיין נאַטור, שלעכטע זאַכען צו לאַנג צו געדענקען.

איך זוך אַלע מאָל די אורזאַכען, וואָס האָבען איינעם געמאַכט שלעכט צו זיין און, געפין איך זיי — וואַרף איך די שולד אויף זיי; איהם, דעם שולדיגען, זוך איך בעסער צו פערשטעהן און מעהרער צו פערגעבען.

פערשטעהן, הייסט פערגעבען. — —

איך פערשטעה ג....

ג., ביסלעכוויז, הויבט מיך אויך אָן צו פערשטעהן.

ריידענדיג וועגען ליעבע און ל ע ב ע ן, האָבען מיר ביידע איינגעזעהן, דאָס — — עס איז ניטאָ וועגען דעם וואָס צו רייַדען... אַזעלכע זאַכען מוזען דורכגעפיהרט ווערען אָ ה ן ווערטער, אין שטומער צושטימונג מוז זיך די איינפערשטאַנענקייט וועגען דעם פון ביידען אויסדריקען. איינריידען, צוריידען — קען נאָר קאַליע מאַכען דאָ, וואו מען קען פערדעכטיגען, אז מען איז אויסען די אייגענע ט ו ב ה...

ג. האָט מודה געווען, דאָס ער, ווען עס קומט צו ל ע ב ע ן, טראַכט מעהר פון זיך ווי פון וועמען ניט איז אַנדערש. ער פערענטפערט זיך דערמיט (אויב פערענטפערען זיך איז אין אַזאַ פאַל, זאָגט ער, נויטיג), וואָס קיינער האָט וועגען איהם מעהר דערפון ניט געטראַכט. יעדער איינער ציהט פאַר זיך. נאָך פון קינדוויַיז אָן איז ער ערצויגען געוואָרען צו זעהן די וועלט אלס א „כאַפּ־טיש“. די וואָס האָבען זיך ניט געשטופּט פאָראויס, זיינען געבליבען מיט גאָרנישט. אמת, ס׳איז ניט שעהן, ס׳איז ניט גוט צו כ אַ פּ ע ן, אָבער צו וואָס זאָל ער זוכען צו זיין שעהנער אָדער בעסער פון אַנדערע!?

פרויען האָט ער אין זיין לעבען בעגעגענט אַלץ אַזעלכע, וואָס האָבען אַזוי ביזנעסמעסיג און ציניש, ווי מענער, אויף זייערע בעציהונגען מיט איהם געקוקט. זיי האָבען איהם אויסגעלערענט אַ ל ע פרויען ג ר י נ ג צו נעהמען, ניט ע ר נ ס ט. ביי איהם האָט זיך מיט דער צייט און ערפאַהרונג אויסגעאַרבייט אַזאַ בליק אויף פרויען, פון וועלכען, אויב זיי האָבען נאָך די פעהיגקייט צו

שעהמען זיך, וואָלטען זיי ניט בעדאַרפט אויפהערען רויט צו ווערען...

און ניט נאָר האָבען איהם די געוויסע פרויען, מיט וועלכע ער האָט זיך אין לעבען געטראָפען, געלערנט אַלע פרויען גרינג־צושעצען, נאָר אַ סך גרויסע מענער אויך. ער האָט גלעזען זייערע שלעכטע מיינונגען און זיי געזוכט אַלעמאָל ניט פערגעסען, צו געדענקען. — —

אַ גאַנצע זאַמלונג האָט ער ביי זיך פון די אַלע מיינונגען, אַלע ש ל ע כ ט ע מיינונגען, געמאַכט. דאָס אַלץ מיט זיין אייגענער האַנד פון פערשיעדענע ביכער אַרויסגעשריעבען. אום זיך אין מיינע אויגען צו רעכטפערטיגען, האָט ער מיר צוגעזאָגט די דאָזיגע זאַמלונג לאָזען איבערלעזען, איך זאָל זעהען, אַז מען קען איהם ניט אין גאַנצען בעשולדיגען פאַר דער מיינונג, וואָס ער האָט זיך וועגען פרויען געמאַכט. דאָס לעבען און ביכער האָבען איהם געלערענט די פרוי אַלס אַ ז אַ און ניט קיין אַנדערע צו קענען.

* * *

דאָס איז נאָר אַ טהייל פון דעם, וואָס איך האָב אין ג.׳ס ש וו אַ ר צ ע ל י ס ט ע, וואָלט איך זאָגען, וועגען פרויען איבערגעלעזען:

ז אָ ל אַ: די פרוי איז די אַקס, אַרום וועלכער עס בעוועגט זיך דאָס שלעכטע.

ה יי נ ע: פרויען האָבען נאָר איין מיטעל צו מאַכען אונז גליקליך און דרייסיג טויזענד מיטלען צו מאַכען אונז אומגליקליך.

נ אַ פּ אָ ל ע אָ ן: ווען אַ פרוי שטעהט אַן דער שפּיצע פון אַ רעגיערונג, מוז די רעגיערונג אונטערגעהן.

ק אָ נ פ ו צ י ו ס: אַ געוועהנליכע פרוי האָט אַזוי פיעל פערשטאַנד, וויפיעל איין הוהן; אַן אונגעוועהנליכע — וויפיעל צוויי היהנער.

א ו ר ר י: יעדע פרוי בעשטעהט פון דריי טהיילען: אַ גוף, אַ נשמה און אַ קלייד.

ס ע ר וו אַ נ ט ע ס: צווישען דעם „יא“ און דעם „ניין“ פון אַ פרוי איז ניטאָ קיין פּלאַץ אפילו פאַר דער קלענסטער נאָדעל.

ט א צ י ט ו ס: אַלע פרויען זיינען גוט, נאָר ניט ביי זיך אין דער היים.

ב אָ ד ע נ ש ט ע ט: פאַר אַ פרויענצימער עקזיסטירט ניט קיין לאָגיק.

אָ ק ס ע נ ש ט י ר ן: דער אַלמעכטיגער גאָט פון די פרויען איז די מאָדע.

מ ע ט ע ל ו ס: דער נאַטור איז געפעלען געוואָרען אַזוי איינצוריכטען, דאָס עס איז שווער צו בעגעהן זיך מ י ט פרויען, ווי אָ ה ן פרויען.

אַ ל פ ר ע ד מ י ס ע: אַ פרוי איז ווי אַ שאָטען: געהסט איהר זי נאָך — אַנטלויפט זי פון אייך; געהט איהר פון איהר אַוועק — לויפט זי אייך נאָך.

פּ ר אָ פּ ע ר צ י ו ס: לייכטזיניגקייט איז שטענדיג די פריינדין פון שעהנע פרויען.

אַ נ ד ר ע י ע ו: אַ פרויענצימער איז ניט אַ צוועק, זי איז נאָר אַ מיטעל העכערע צוועקען צו עררייכען.

ע נ ג ל י ש ע ר ש פּ ר י כ וו אָ ר ט: אַ פרוי ווערט דאָס, וואָס דער מאַן מאַכט פון איהר.

* * *

איך האָב אַ צייט געטראַכט, מיט וואָס איך זאָל ג. אויף די שלעכטע מיינונגען וועגען פרויען ענטפערען, און — כ'האָב זיך דערטראַכט! —

איך זאָל איהם, מיט אַנדערע מיינונגען, ג ו ט ע, פון גרויסע מענער וועגען פרויען, ענטפערען.

דאָס וועט איהם ווייזען, אַז יעדער געפינט דאָס, וואָס ער זוכט...

דערווייל אַזוי פיעל:

ל ע ס י נ ג: אַ פרוי איז דאָס מייסטערווערק פון דער נאַטור.

ג ע ט ה ע: אומגאַנג מיט פרויען איז די שוהלע פון גוטע זיטען. נאָר דער יעניגער פערדיענט געפעליגקייט פון פרויען, וועלכער ווייס זיי שטאַרק צו שעצען.

ב ע ר נ א ר ד ע ן ד ע ־ ס ע ן ־ פּ י ע ר: פרויען זיינען נאָר פאַלש אין די לענדער, וואו די מענער זיינען טיראַנען.

* * *

ווי באַלד אַז די מיינונגען פון אַנדערע זיינען פאַר איהם אַזוי פ י ע ל, אַז זיי שטערען איהם זיין אייגענע מיינונג צו האָבען, האָב איך איהם, ג., צוגעזאָגט, נאָך אַ סך, אַ סך ג ו ט ע מיי־נונגען פון גרויסע אויטאָרס און אויטאָריטעטען מיט דער צייט צו־צושטעלען.

איהם איז דאָס ניט געפעלען, און מיט פערדרוס אויף זיך, פאַר וואָס ער האָט מיר זיין... שוואַרץ־חנ'עוודיגען צעטעל (וואָס איז אַזוי נישקשה'דיג אויסגעשמירט) געגעבען צו לעזען, האָט ער עס ביי מיר צוריק אָבגענומען. אַז איך זאָל זיך שיקען אויף אַזעל־כע, וואָס האָבען ג ו ט ע ווענען אונז מיינונגען, האָט ער זיך ניט געריכט...

ג. איז זעהר אָפענהערציג מיט מיר. ער פערטרויט מיר אַזוי פיעל, אַז איך הויב אָן מיין מיסטרויען צו פערלירען...

און גוט איז ער צו מיר — — !

ווען אַ גוטער מענש איז גוט, איז דאָך דאָס אַ נאַטירליכע זאַך, און איהם קומט דערפאַר קיין דאַנק ניט. ווען אָבער אַ שלעכ־טער איז גוט, צ ו ו י נ ג ט זיך צוליעב אַן אַנדערען גוט צו זיין — דאָס מוז מען שוין וויסען ווי... אָפּצושאַצען...

ג. צווינגט זיך צוליעב מיר גוט צו זיין. ער וויל, זאָגט ער, זעהן אויף וויפיעל ער קען זיך, דערוויטערענדיג פון מיר, צו מיין אידעאַל דערנעהנטערען... אפשר, דענקט ער, וועט ער זיך מיט דער צייט צו מ י י ן רעליגיאָן בעקעהרען: ער וועט אָנהויבען גלוי־בען, דאָס גוטסקייט איז די רעליגיאָן פון אַלע רעליגיאָנען...

ער גלויבט דאָס איך בין זעהר אַ גוטע און מען קען מיך, דורך גוטסקייט, אפילו צו... שלעכטס בעקעהרען... זאָל ער אין דעם גלויבען. עס וועט קומען אַ צייט, ווען ער וועט מעהר אין גלויבען ניט גלויבען, און דאַן וועט ער זיך איבערצייגען, דאָס איך בין גאָר ניט אַזוי גוט, ווי ער מיינט — איך קען זיין...

דעם אַפּעטיט פאַר האַסען איהם האָט ער פון מיר דערווייל פערטריבען. איך הויב זיך, דאַכט זיך, אָן צו איהם צוגעוואוינען.

די איינזאַמקייט פיהרט דערצו, די איינזאַמקייט און... דאָס פּער־לאַנג צו נאָרען אַנדערע: אַנדערע קוקען מיט בעדויערען, וואָס איז עהנליך צו בעליידיגונג, ווען מען זעהט, אַז מ׳איז עלענד, און מיט אַכטונג, מיט... קנאה, ווען מ׳זעהט, מען האָט אימיצען...

אַזוי האָט אויף מיר נעכטען קאַטיאַ געקוקט, ווען מיר ביידע (איך און ג.) האָבען זיך מיט נאָך אַ מיידעל צו אַ קאָנצערט גע־טראָפען. זי האָט כמעט די גאַנצע צייט געקוקט אויף אונז, אַזוי געקוקט, אַז ג. האָט עס בעמערקט (ער האָט עס ג ע מ ו ז ט בע־מערקען) און מיך מיט אַ שמייכעל געפרעגט:

— ווער איז דאָס יענע... רויטע, וואָס קוקט אויף אונז אַזוי?

— אַ מיידעל. איהר ווילט, איך זאָל אייך מיט איהר בע־קענען?

— ... ניין, צו וואָס?

— אַזוי.

— זי אינטערעסירט מיך ניט.

— פאַר וואָס? — האָב איך געפרעגט, ווארום געדוכט האָט מיר, אַז זי אינטערעסירט איהם יאָ, נאָר ער וויל דאָס, מיך ניט צו בעליידיגען, ניט צוגעבען...

— זי האָט אַ פּרעכטיגע אויסזעהן.

— אַ... געוואַגטען, — האָב איך איהם פּעררינכט.

— זאָל זיין אַ געוואַגטען. איך האָב פיינט דעם טיפּ: ער איז שרייענד, אַרויסרופענד און איז דערמיט אַבשטויסענד.

— איך דענק, דאָס אַ בעטריגער מוז האָלט האָבען אַן עהר־ליכען מאַן...

— פאַר וואָס

— ער זאָל איהם בעסער קענען אָפּנאַרען...

ג. האָט אַ שמייכעל געטהאָן, מיין האַנד אָנגענומען, און צו־וואַרפענדיג אַ קוק צו קאַטיאַ׳ן, ווי ער וואָלט זיך מיט איהר וועלען רייצען, מיט אַ קוש צו די פינגער אָנגעבויגען.

— דענקט איהר — האָט ער נאָכדענקענד געפרעגט, — דאָס איך וויל אייך בעטריגען?

איך האָב געענטפערט, דאָס איך קען מיר אַזוי דענקען. נאָר מורא האָבען דערפאַר האָב איך ניט וואָס...

— און פאַר וואָס ניט? — האָט ער, צוזשמורענדיג אַן אויג, געפרעגט.

„עס נעהמט צוויי צו... בעגעהן אַ פערברעכען"... האָב איך מיט אַ שמייכעל געזאָגט, און ער האָט מיט אַ זיפץ אַ לאַך געטהאָן, און קאַטיאַ האָט אויף אונז ווייטער געקוקט, און דער קאָנצערט איז אָנגעגאַנגען...

* * *

קאַטיאַ האָט דערצעהלט רעי דאָס זי האָט מיך מיט אַ יונגען מאַן פון אינטעליגענטען אויסזעהן צום קאָנצערט געזעהן. א. האָט עס געהערט (דאָס איז ביי ב. אין הויז געווען„ און געפרעגט פאַר וואָס מען זעהט מיך ניט.

וואו וויל ער, זאָל מען מיך זעהן, האָט רעי געזאָגט, אַז דער אינטעליגענטער יונגער מאַן טאַקע לאָזט מיך גאַר פון אויג ניט אָפּ.

— א ז ו י... פערליעבט איז ער אין איהר? — האָט א. געפרעגט.

— ביז איבער די אויערען! — האָט רעי געענטפערט.

רעי זאָגט דאָס זי פיהלט אַ מאָדנעם פערגעניגען אַלע מאָל, ווען עס רעדט זיך וועגען ליעבע — צו איבערטרייבען.

— און זי אין איהם? — האָט א. ווייטער געפרעגט.

— זי?... זי גיט זיך ניט אַרויס.

— זי איז פון די „שטילינקע", — האָט קאַטיאַ צוגעגעבען:

— פון די שטילינקע וואסערלעך וואָס גראָבען טיעף...

— אָבי ניט פון... בלאָטע... — האָט א. געזאָגט. און מרס. ב. האָט זיך שטעכיג אָפּגערופען:

— זי איז ניט פון די וואָס זוכען צו זיין וואו צוויי — אַ דריטע...

מרס. ב„ זאָגט רעי, האָט זיך שוין געבאָפּט פאַר וואָס און פון וועמען ב. קומט שפּעט אַהיים און זי קלייבט זיך צו געבען דער קאַטיאַ'ן די וועלט צו זעהן... זי וואַרט נאָר פאַר אַ פּאַסענדער געלעגענהייט, ווען זי וועט מעהר פאַקטען קריגען וועגען איהר. א. וועט זי וואַרשיינליך ניט אַרויסגעבען, אָבער דערפאַר ב... ב. אַליין,

וועלכער רעדט פון שלאָף, קען זיך מיט איהר ארויסנעבען... און דאַן וועט זיין אַ „פּיקניק"...

רעי וואַרט אויף דעם „פּיקניק" מיט אונגעדולד. זי האָסט קאָטיאַ'ן. אויך זי איז אויף ב. אייפערזיכטיג... נאָך אפשר מעהר ווי מרס. ב...

און א. האָט ביי רעי געפרעגט וואו איך וואוין איצט. זי האָט איהם געזאָגט...

קען זיין, ער זאָל קומען?

גאָט מיינער, איך בין דאכט זיך פעהיג דעם, וואָס איך האָב פיינט, ליעב צו קריגען, אבי נאָר דער, וועמען איך האָב ליעב, זאָל מיך ניט פיינט האָבען... זאָל מיך חאָטש אביסעלע, אביסעלע ליעבען... — — —

ניין. איך פערגעס מיך: קיין ביסעלע ליעבע זאָל מיין איינ־ציגע, גאַנצע ליעבע ניט האָבען. ס'זאָל זיין ווי איך האָב מיר געהייסען: גאָר, אָדער גאָר ניט.

א. מוז זיין נייגעריג צו זעהן ווי ג. ליעבט מיך. מוז אויך וועלען אויסגעפינען אויב איך ליעב ג... זעהר גוט. ער וועט אויס־געפינען דאָס איך ליעב איהם, ניט איהם, נאָר ג...

איהם צו להכעיס, צו להכעיס דער גאַנצער וועלט און זיך אליין וועל איך ווייזען דאָס איך ליעב דעם, וועלכען איך האָב פיינט!...

---

איך פערשטעה ניט, וואָס בין איך אזוי אויפגערעגט? וואָס מאַכט, צו יעדער שאָרך ארום מיין טהיר, מיין האַרץ אזוי צו קלאַ־פּען? א. וועט אומגעריכט ניט קומען. ער וועט זיך דאָך מוזען פריהער אָנזאָגען. און אַז ניט אָנגעזאָגטערהייד, איז וואָס? — —

און פאַר וואָס וויל איך זיך מיט איהם דורך ג. אזוי רעכענען? וואָלט איך עס געפינען פאַר ריכטיג ווען ג. אָדער אַן אנדערער וועמען איך ליעב ניט, זאָל זיך מיט מיר דערפאַר וועלען אָפּרעכענען? וואָס בין איך שולדיג אַז איך ליעב ניט? וואָס איז א. שולדיג אַז ער ליעבט ניט?

ניין, עס זיינען ניט שולדיג די וואָס ליעבען ניט, נאָר די

וואָס ווערען ניט געליעבט, וואָס ווייסען זיך ניט ווי בעליעבט צו מאַכען! — — —

איך קוק אויף מיין מיאוסען צימער, טראַכט וועגען דאַרפען געהן זוכען אַן אַנדערן און, האָב איהם מורא צו פערלאָזען: טאָמער וועט א. קומען...

איך זיץ צוליעב א י ה ם, (ווען איך וואָלט געקענט זיך דורכגעהן) אין דעם צימער, און ע ר געהט מיר פון זינען ניט אַרויס. איך זאָג מיר אַז דאָס איז בלויז צוליעב דעם כ'זאָל האָבען די געלעגענהייט א י ה ם צו ווייזען דאָס איך ליעב איצט אַן אַנדערן. אָבער, דאָס איז אַ ליגען, אַ ליגען...

ביי די ערשטע פּאָר ווערטער וואָלט ע ר זיך איבערציינגען אַז דאָס איז אַ ליגען...

מיט אַלעמען קען מען שפּילען אַ פאַלשע ראָלע, נאָר ניט מיט דעם וועמען מען האָט ליעב. דער אמת'ער געפיהל פאַר ליעבע מוז דעם גרעסטען ליגען, ווען אפילו אונטער קאָנטראָל פון שטאַרק־סטען ווילען, — פערראַטען...

ג. איז געווען צופריעדען וואָס איך האָב איהם די אווענדען פון צימער אין גאַס אויפגעהערט טרייבען. ער מיינט אַז ס'איז צוליעב דעם וואָס איך האָב זיך אַרומגעזעהן דאָס אינווייניגסטע ליעבע איז אַ סך אַנגענעהמער ווי דרויסענדיגע. איך האָב זיך דאָס געמוזט, זאָגט ער, אַרומזעהן ווארום אין גרונד גענומען בין איך ניט אַנדערש ווי אַנדערע. ווי הויך־אידעאַליסטיש איך זאָל ניט זיין, מוז איך דאָך צוגעבען אַז . . . מיין נשמה איז אויך ניט קיין ראַזשינקע. ד י וועלט איז אויך אַ וועלט, אַז ניט זינדיגען הייסט אַזוי גוט ווי געזינדיגט...

ווילענדיג, ניט ווילענדיג, האָט ג. געזאָגט, וועל איך מוזען איינשטימען מיט שילער'ן אַז „דער מאַי פון לעבען בליהט נאָר איין מאָל, אַז שטאַרבען איז גאָר נישט, נאָר לעבען און ניט ז ע ה ן דאָס לעבען — איז אַן אונגליק“.

— און איבסען זאָגט, — וויל איך ווייסען וואָס איבסען זאָגט? — האָט ער מיך, אָפּ'פּטור'נדיג שילער'ן געפּרעגט.

— יאַ, איך וויל ווייסען. פאַר וואָס זאָל איך ניט וועלען ווייסען וואָס איבסען זאָגט? כ'וויל ווייסען וואָס אַלע זאָגען, וואָס

די גאַנצע וועלט זאָגט. — האָב איך מיט אַ ביטערען שמייכעל גע־זאָגט, טראַכטענדיג דערביי, אַז וואָס ווער עס זאָל ניט זאָגען, וועט דאָס מיר אַ׳ס ליעבע ניט געבען...

— איבסען זאָגט: „פאַראַן מענשען וועלכע זיינען געבוירען געוואָרען צו לעבען. פאַראַן אָבער אַזעלכע וועלכע זיינען געבוי־רען געוואָרען צו שטאַרבען"... איז דאָס ניט גוט געזאָגט?

— זעהר גוט. אַ קלוגער מענש... ווייס וואָס צו זאָגען.

— און אַ קלוגע מיידעל... דאַרף וויסען וואָס צו טהאָן...

— אויך אמת....

— אַלזאָ, —

— אַלזאָ? אָה, יעס, אַ קלוגע. איהר האָט געזאָגט אַ ק ל ו־ג ע.

— איהר זיינט אַ קלוגע. . .

— יאַ? און איך ווייס עס ניט. איך טראַכט אַלץ, — וואָס בין איך? אַ קלוגע צי אַ נאַר, אַ נאַר צי אַ קלוגע און עס קומט אויס — אַ נאַר!...

— איהר טראַכט צופיעל. איהר האַלט אין איין קלעהרען. בעזאָנדערס פאַר די לעצטע עטליכע טעג... — האָט ג. געזאָגט, — און סאָפאָקלעס זאָגט: „ווענען קיין זאַך ניט קלעהרען — איז דער בעסטער רעצעפּט פאַר אַ גליקליכען לעבען". וואָס זאָגט איהר עפּעס צו אַזאַ זאָגעכץ, וואָס? — האָט ג. שטיפעריש גע־פרעגט.

— ער האָט געמוזט אַ סך קלעהרען, דער סאָפאָקלעס, דאָס צו קענען זאָגען...

אַ צייט האָט מיר ג. איינגערעדט ניט צו קלערען קיין סך און זיין גליקליך, און ס׳האָט ניט געהאָלפען. איך האָב זיך ווי איינגע׳עקשנ׳ט; איך וויל נאָר זיין אומגליקליך...

אַזאַ נאַר, אַ נאַר, אַ נאַר. ג. האָט עס שוין אויך געמוזט צוגעבען...

* * *

איך זוך מיינע געדאַנקען פון זיך צו פערטרייבען, אָדער פון די געדאַנקען צו אַנדערע אַוועקגעהן, און קען ניט.

זיי נעהמען מיך אַרום ווי מיט צוואַנגען, דריקען מיין מוח,

פּרעסען אויף מיינע געהירען, טרייבען מיך צו בעגעהן אַ פערברעכען, אויב זיך אָבשאַפען פון דער וועלט א י ז א פערברעכען. און אַלץ צוליעב... וואָס? צוליעב וואָס?!

עפּעס אזוי ווי אָהן ליעבע וואָלט מען שוין גאָר ניט קענען לעבען אויף דער וועלט!

לעבען דאָך אַ סך מענשען אָהן ליעבע, לעבען און לעבען...

אָבווישען זיך פון דער ערד צוליעב אַזאַ, ווי ג. זאָגט, אַבּסטראַקטע זאַך. בין באַלד אַזוי שטאַרק ווי יענער שוואַכזיניגער וועלכער האָט געזוכט זיין הויז אונטערצוצינדען כדי די מייז אין איהר צו פערברענען...

ג. קומט און דערגעהט ביי מיר פאַר וואָס איך בין אַזוי פערטראַכט, אַזוי צורודערט, נערוועז, און פערגליווערט. אפשר בין איך ניט געזונד וועט ער מיט מיר צו איינעם פון זיינע בעקאַנטע דאָקטוירים אריינגעהן און לאָזען אויסגעפינען וואָס מיר פעהלט: ע פּ ע ס פעהלט מיר, אפילו א בלינדער קען, זאָגט ער, זעהן דאָס מיר פעהלט עפּעס. אומזיסט וואָלט איך דאָך ניט ווערען אַזוי... ווי איך ווער. איך בין דאָך שוין באַלד צו זיך ניט עהנליך. וואָס שווייג איך? פאַר וואָס זאָג איך ניט וואָס מיר פעהלט?

— מיר פעהלט גאָר נישט — האָב איך שוין וויפיעל מאָל געזאָגט.

— אפשר ניט געזונד?

— געזונד, געזונד!

— אויב אַזוי, האָט ג. בעשלאָסען, פעהלט אייך ל ע ב ע ן. איהר געהט אוים נאָך לעבען. איהר זאָגט זיך אָפּ פון לעבען, ניט ווייל איהר ווילט ניט לעבען, נאָר פאַר מורא. יאָ, איהר האָט מורא פאַר ר ע ז ו ל ט א ט ע ן. אָבער, ס'איז דערפאַר ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, ד. ה. אז מען פערלאָזט זיך אויף אַזאַ מענשען ווי א י ך בין. איך וויים ווי מען קען לעבען אַזוי אַז... ס'זאָל דערפון גאָרנישט ארויסקומען . . . כ'האָב אויף מיין געוויסען אַ סך פרויען, איך וועל ניט לייקענען, אָבער, ק י י נ ע קינדער....

ער האָט עס מיט אַזאַ מאָדנעם שטאָלץ ארויסגערעדט און איך האָב איהם אַזוי — טעמפּ אָנגעקוקט... ער האָט אָנגענומען

מיין האנד, ווי מען נעהמט אָן די האנד פון א קראנקען צו הערען ווי דער פולס קלאפט. — די טהיר פון דער דייטשקעס קעמעריל האָט זיך דערווייל געעפענט און זי, די דייטשקע איז אריינגעקו־מען מיט א גלאָז וואסער צו בעגיסען די וואזאָנע.

שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווי זי רוקט זיך אריין די וואַ־זאָנע איהרע צו בעגיסען . . . און דוקא דאמאלס קומט עס אויס, ווען ג., זוכענדיג מיך אין עפּעס צו איבערצייגען, נעהמט מיך ביי דער האנד...

ווען מ'וואָלט פון א קוק קענען שטאַרבען, וואָלט זיך די דייטשקע שוין ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע געפינען. איין מאָל האָט ג. מיט א קוק ניט געוואָלט אָפּקומען און זי געוואָלט אויפמערקזאם מאכען אויף אַמעריקאנער רולס, אז איידער מען געהט אריין, דאַרף מען אָנקלאַפּען אין טהיר. האָט זי אָבער צו דער פּאַררעדע, וואס ער האָט אוים עדעלקייט געפונען פאר נויטיג צו מאכען, א האנד צום אויער צוגעלייגט און געזאָגט דאָס זי הערט ניט, האָט ער איהר בעסער גענומען דערווייזען דאָס די ערד פון דער וואזאָנע איז פייכט, און מ'דאַרף זי ניט אזוי אָפט בעגיסען, ווייל ס'קענען נעהמען פוילען די וואָרצלען, האָט זי די פינגער צו די אויגען צוגעלעגט און געזאָגט דאָס זי זעהט ניט.

* * *

צייט ג. האָט דערזעהן דאָס מען קען זיך מיט דער אַלטער דייטשקע ניט אויספריידען האָט ער זיך גענומען פיהלען זיכערער אין אלע זיינע בעוועגונגען.

ווי באלד, זאָגט ער, אז זי איז טויב און בלינד, הערט זי דאָך ניט און זעהט ניט — מעגען מיר דאָך טהאָן וואס אונזער הארץ גלוסט!

און וואס א ו נ ז ע ר הארץ גלוסט איז — לעבען.

אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען אויף דער וועלט ווילען, זאָגט ער, לעבען, נאָר ניט אַלע ווייסען ו ו י.

איך, למשל, וויל אויך לעבען, נאָר איך ווייס ניט ו ו י, ער וויל לעבען און ווייס ווי צו לעבען, איז זיין חוב מיך צו לערנען.

מיין וועלען איהם שיינקען דעם חוב, מיין ערלויבען איהם אָפּגעבען דעם חוב צו אימיצען אַנדערש, ברייננט איהם, זאָגט ער,

אַרוים פון געדולד. זיינע נערוועז זיינען שוין אזוי אָנגעשטרענגט אז נאָך אביסעל און זיי פּלאַצען. ער איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש, ניין?

„יא, ניט מעהר", — גיב איך צו.

איז, ווי אַזוי, פרעגט ער, קען איך פון איהם פערלאַנגען ער זאָל זיין א מלאך?

איך זאָג איהם דאָס כ'פערלאַנג ניט פון איהם ער זאָל זיין א מלאך. וואס איך וויל נאָר איז — ער זאָל זיין א מענש ערגעץ אַנדערש, ניט ביי מיר. דאָס וויל ע ר ניט: עפּעס, זאָגט ער, איז אין מיר פאַראַן וואָס ציהט איהם צו מיר ווי מיט צוואַנגען. אפשר בין איך דאָס ד י, וועמען די נאַטור האָט ספּעציעל פאַר איהם בעשאַפען? ווער ווייס. דאָס איז געוויס איינע פון דער וועלט'ס טיעפע סודות און אויסגעפינען קען מען דאָס ערשט דאַן ווען . . . ווען נאָך דער (נאָך מיר, הייסט עס) זאָל צו קיין אַנדערער אזוי ניט ציהען. —

איך האָב זיך דערמאָנט די סצענע אין הויז פון די „נידערטרעכטיגע הינטעליגענטען", ווי ג. רופט זיי, און מיט אַן ערוואַכטען געפיהל פאַר נקמה, קאַלטבלוטיג געזאָגט, דאָס אום אזא זאַך אויסצוגעפינען, ווי ער וויל, מוז מען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי חתונה האָבען....

— חתונה האָבען . . . פוי, וואס פאַר א מיאוס'ע זאַך דאָס איז!

— א מיאוס'ע, אמת — האָב איך צוגעגעבען, אָבער, אַלע האָבען דאָס — — —

— מיר זיינען ניט א ל ע.

— ניט אַלע, אמת, אָבער —

— אָבער, אָבער, ניוסענס!

— טאַקע „ניוסענס" און דאַריבער —

— און דאַריבער — האָט ער מיר ניט געלאָזען ענדיגען — דאַרפען מיר אויף דעם ניט קוקען. מיר מעגען טהאָן וואס מיר אַליין ווילען. די איינציגע זאַך פאַר וואס א מיידעל האָט מורא, איז דאָך פאַר ר ע ז ו ל ט א ט ע ן. ווען ניט דאָס, וואָלטען זיי נאָך טויזענדער מאָל ערגער פון די מענער געווען.

— ? ? — — —

— יע, יע, ערגער, טויזענד מאָל ערגער! אָבער, דאָס זיי־נען דאָס רוב די אונוויסענדע מיידלעך וואָס האָבען מורא; עס איז נאַטירליך אַ מענש זאָל מורא האָבען פאר דער זאַך וואָס ער ווייס ניט וואָס דאָס איז. אָט, לאָמיר, צום ביישפּיעל, נעהמען די קריסטליכע מיידעל; זי האָט קיין מורא ניט. אַלענפאַלס ניט אַזוי ווי די אידישע. די אידישע איז איבערהויפּט אַזוי קליין־בירגערליך, אַזוי בעשריינקט, אַזוי בעגרענצט אין בליק אויפ'ן לע־בען! אַלץ אויף וואָס זי קוקט אַרוים איז דאָס אויף אַ ת כ ל י ת. חתונה. — דאָס איז אַלעס וואָס זי וויל. דאָס „מעשטשאַנסקע גליק". די קריסטליכע וויל אויך חתונה האָבען. אָבער, זי וויל אויך לעבען. און ביז וואַנען וואָס, ווען — לעבט זי טאַקע. שפּע־טער — אַז זיי קענען נאַרען, — נאַרען זיי, און אַז ניט איז ניט! דער פאַקט איז אַז אַזעלכע וואָס האָבען שוין פערזוכט צו לעבען, ווערען דוקא מענער בעסער געפעלען ווי אַנדערע. זיי ווייסען שוין מיט וואָס צו נעהמען. דערפאַר, לויט די סטאַטיסטיק ווייזט, פערליעבען זיך אַ סך מענער אין אַלמנות. איך קוק אויף אייך ווי איך רייד אַזוי און איך זעה דאָס איהר פערשטעהט מיך ניט. מיר איז שוין טרוקען געוואָרען אין האַלז ריידענדיג.

— נעהמט אַ ביסעל וואַסער, אָדער טהוט אַ זופּ מילך —

— איך וויל ניט קיין וואַסער, כ'וויל ניט קיין מילך. כ'וויל, איהר זאָלט מיך פערשטעהן.

כ'האָב איהם פערזיכערט דאָס איך פערשטעה איהם...

* * *

וואָס איז די פּעולה, זאָגט ג., אַז איך פערשטעה איהם? בעסער ווערט איהם דאָך דערפון נ י ט: איך בלייב אַלץ די איינ־געשפּאַרטע, מורא־האָבענדיגע מיידעל ווי געוועזן!

און פאר וואָס גאָר האָב איך דאָס אַזוי מורא? — וואונ־דערט ער זיך — האָט ער מיר ניט ערקלערט, ד י י ט ל י ך ער־קלערט, אַז . . . אַז ס'איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען?

די צרה מיט מיר איז, זאָגט ער, ד י, וואָס איך פערגעס, מען דאַרף מיר הונדערט מאָל זאָגען איין זאַך און דאַן ערשט גע־דענק איך זי ניט . . . וואָס איך בין איך „עניוויי"?

— איך בין, א י ך . . .

— דאָס איז ניט קיין ענטפער צו ד ע ר פראגע.

— וועל, איך בין . . . א פעסימיסטקע!...

— ניט אמת; א פעסימיסטקע וואָלט ניט וועלען חתונה האָבען. איהר וואָלט ניט אַרען וואס מאָרגען וועט זיין. אזוי קען נאָר האנדלען אן אָפּטימיסטקע.

— „דאטסרייט", אן אָפּטימיסטקע...

— צייט די וועלט עקזיסטירט —

די דייטשקע איז אריינגעקומען א טאפּ טהאָן די ערד פון דער וואזאָנענטשקע, צי איז עס שוין ניט צייט צו בעגיסען. זי איז געגאנגען גלייך צו איהר ציעל, ניט אומקוקענדיג זיך, אזוי ווי אויסער איהר וואזאָנענטשקע וואָלט דאָ קיינער ניט געווען.

ג. האָט זי אויסגעזידעלט אויף פּוליש. כאָטש זי הערט ניט, האָט ער דאָך געפונען פאר נויטיג צו זיין פאַרזיכטיג, ווען אפילו אין כעס.

ג. האָט דערוויילע פערגעסען וואו ער האלט מיט דער וועלט. ער האָט מיר נאָך דער דייטשקע'ס אַרויסגעהן גענומען איינרייעדען, איך זאָל מיר מאכען בעקוועם: די איבעריגע זאכען פון זיך אראָבוואַרפען.

און ריידען, האָט ער געזאָגט, גלייכט ער בעסער אין דער דונקעלהייט, צווישען האלב־פאנטאסטישע שאָטענס...

דאָס זאָגענדיג, האָט ער די גאז גענומען „רעגולירען", ס'זאָל ניט רייסען די אויגען, אגב זאָל די טויב־בלינדע דייטשקע מיינען, דאָס איך שלאָף שוין, און ער וועט מיר עפּעס דערצעהלען. וויל איך עפּעס פון זיינע קינדער־יאָהרען הערען?

יאָ.

פון זיינע קינדער־יאָהרען הערען, איז בעסער ווי פון דער צייט, ווען א גרויסער. ער קוקט. דאן פערטראכט, אביסעל פערחלומ'ט און ווערט, דאכט זיך, אויף א ווייל̈ע עהנליך צו א קינד. ווען ער הויבט אָן צוצוקומען צו דער צייט, ווען ער האָט גענומען זיך מיט דער וועלט פ ע ר ז ע נ ל י ך בעקענען, און פון לעבען געניסען, דאן . . . דאן קלערט זיך נאָר, ווי גוט דאָס וואָלט גע־

ווען, ער זאָל ניט האָבען דערלעבט די יאָהרען... און נחאי וואָלט ער בעסער ניט אויסגעוואקסען!

ער האָט דערצעהלט פון זיינע קינדער יאָהרען און איך האָב דערוויילע געטראכט, דאָס ביז וואנען ער וועט (אין זיין דערצעהלען) אויסוואקסען צו זיין א גרויסער, וועל איך איהם זאָגען, דאָס איך פיהל מיך זעהר מיעד, איך דאַרף מאָרגען פריה אויפשטעהן, און ער זאָל זיין אזוי גוט, דאָס ווייטערע צו לאָזען אויף שפּעטער.

אָבער ער האָט גיכער בעוויזען, דעם שפּרונג פון די קינדער־יאָהרען צו די איצטיגע צו מאכען, ווי איך האָב עס געקענט ערווארטען. פון פּערזענליכע בעקאַנטשאַפט מיט דער וועלט איז ער צו מיר פּערזענליך מיט א ביטע איבערגעגאנגען, אז איך זאָל מיך ניט ברעכען: כ'זאָל מיין זיצענדיגע פּאָזע אויף א ליגענדיגע אומבייטען. ס'האָט איהם נאָר צום בעט געצויגען.

אין אפּאזיציע צום בעט האָב איך מיר פון פּראָסטען שטול אין וויעג־שטול אריינגעזעצט, און מיט א שווייגען, וואס לאָזט זיך ניט איבעררייזען, אויף זיין בעטען מיך זיך לייגען, — געזעסען.

דענק איך אזוי א גאַנצע נאכט צו זיצען? — האָט ער געפרעגט.

ניין, האָב איך געענטפערט. איך גלויב, דאָס ער וועט באַלד אוועקגעהן און דאַן וועל איך זיך לייגען שלאָפען.

ער האָט צוגעלייגטביידע הענד צום שטערען און זיך שטארק פערטראכט.

* * *

— ניין, טויזענד מאָל נ י י ן! — האָט ג., אָפּרייסענדיג זיינע הענד פון זיין שטערען, מיט ענטריסטונג אויסגערופען. — דאָס איז א זאך דער אונמעגליכקייט!

ווען איך האָב ביי איהם גענומען דערגעהן, וואס איז די זאך דער אונמעגליכקייט, איבער וועלכער ער כאפּט זיך אזוי פאַר'ן קאָפּ, האָט ער מיר געזאָגט אז . . . אז ער גלויבט ניט, אויב איך בין א נאָרמאַלער מענש. ווארום וואָלט איך געווען נאָרמאַל, ווי דאָס רוב מענשען זיינען, וואָלט איך דאך ג ע מ ו ז ט וועלען לעבען, ווי . . . ווי דאָס רוב מענשען לעבען!...

— יא, מיין טהייערע, — האָט ער מיט בעדויערען מיר גלייך

אין די אויגען געקוקט — איהר זענט נישט דאָס, וואס מ'דאַרף זיין.

— מאַלע, וואס מ'דאַרף זיין...

— יא, יא, ווען מיר וואָלטען אויף דער וועלט געהאַט א סך ווי איהר זענט, וואָלט זי שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען.

— יאָ. און... ווי לאַנגט, דיינקט איהר, וואָלטען אַזעלכע, ווי איהר זייט, מיט זייער מ י ט ע ל - מעסיגע „ליעבע" די וועלט פון אונטערגאַנג אָפּהאַלטען?...

ער האָט מיך א צייט פאַרשענד אָנגעקוקט און זיך דערנאָך ווי פערענטפערט:

— איך... האָב נאָר גערעדט וועגען מ י ט ל ע ן אין פאַל איהר ווילט עס...

— אָה —!...

— אויב איהר ווילט דורכאויס ל ע ב ע ן אַזוי, אָהן מיטלען, בין איך ניט דאַגעגען...

— אַזוי... ס'איז זעהר פיין פון אייך, ווירקליך, איך מיין עס. ס'איז... אָפּפערווויליג, גוטמוטיג, נאָכגעביג...

— דאָס א י ז. אַנדערע ווילען עס ניט, ווייל טאָמער ק ו מ ט ע פּ ע ס, ווערט די פראַגע וועגען קענען זיך צו יעדער צייט צוגעהן — פערפּלאָנטערט. ס'קען אַמאָל פראַלאַזירען יעדע פרייע בעוועגונג. סיידען ס'זאָל ווערען א געזעץ אַז דער שטאַאַט זאָל זיך אונטערנעהמען צו זאָרגען פאַר די פאָלגען...

— אָהאָ, ווען אַזאַ געזעץ וואָלט געווען!..

— ס'וואָלט געווען גוט, אַ? אפשר ניט?

— שייך גוט!

— מען וואָלט שוין דערפאַר ניט אַזוי מורא געהאַט...

— נעוועדר!...

— אָבער אַזוי ווי אַזאַ געזעץ איז נ אָ ך ניטאָ, — מוז מען זיך היטען אַז אַזעלכעס זאָל נ י ט פּאַסירען...

— אָבער, אַז אַלע זאָלען זיך א ז ו י היטען, קען דאָך טאַקי די וועלט אונטערגעהן? — —

ער האָט איבער מיר גענומען לאַכען: וואָס בין איך, א וועלט-פערזאָרגערקע? וואָס געהט מ י ר אָן די וועלט? אַרט עפּעס

דער וועלט פאַר מיר? איך מעג אפילו היינט קראַפּירען וועט זי, די וועלט, אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אַריינשטעקען! די וועלט רעכענט זיך איבערהויפּט ניט מיט איינצעלנע. איך האָב פאַר איהר אַ ווערט ווי, אַ שטייגער, אין ים אַ טראָפּען, ווי אַ שפּילקע אין אַ וואָגען היי.

— אַ פּאַסקודנע וועלט, — האָב איך, אויסהערענדיג וועגען דעם ווערט וואָס כ׳האָב פאַר איהר, געזאָגט. — זאָל אויף איהר קומען אַ... מבול.

ער איז זיכער, האָט ער געזאָגט, דאָס ווען עס וואָלט אויף איהר קומען אַ מבול, וואָלט איך א י ה ם דעם ערשטען אַלס אַ פּאָר צו זיך ערוועהלט, כדי אין נח׳ס קאַסטען אַריינצוטרעטען...

איך האָב איהם פערזיכערט, אז ניט. בעסער וואָלטען אַזעלכע מינים, ווי ע ר, פעהלען. ס׳וואָלטען די צוקינפטיגע דורות דערפון ניט ליידען...

— נו, גוט — האָט ער, צו מאַכען אַ סוף פון „שטויסען וואַסער“, געזאָגט. — זאָל די וועלט יא אונטערגעהן, זאָל זי ניט אונטערגעהן, מיר לעבען דערווייליג, דאַרפען מיר לעבען! האָסט דאָך ליעב דאָס לעבען?

— נאָ, כ׳האָב עס פיינט.

— נו, האָסטו ליעב די ליעבע —

— כ׳האָס זי ווי דעם טויט!...

ער האָט געוואָלט אין כעס ווערען, ווייטער שרייען דאָס איך בין ניט נאָרמאַל, אָדער קליין און אויסגערעכענט, אָבער — ער האָט זיך געמוזט דערמאָנען וואָס מיר האָבען אָפּגערעדט: קיינע פּערזענליכע בעליידיגונגען! — און, ער האָט זיך פערטראַכט. גע ווים, ווי אַזוי צו געפינען אַ מיטעל מיך פּערזענליך נ י ט צו בעליידיגען...

---

אַ נייע טאַקטיק: אנשטאַט מיך דירעקט אָדער אינדירעקט דורך ווערטער פּערזענליך בעליידיגען, האָט זיך שוין ג. די בעליידיגונגען דורך אומאַרמונגען און קושען גענומען אָנטראָגען...

„נאָ, זעה, — זוכט ער, דאַכט זיך, מיט זיינע אַרויפגעצוואונ־

גענע אויף מיר קושען צו זאָגען. — איך רעכען זיך זעהר ווענינ מיט דיין גייסט, מיר געפעלט ד י ך צו קושען — קוש איך, ס׳ווילט זיך מיר ד י ך ארומנעהמען — נעהם איך ארום. מעגסטו זיך ווי ווערען געגען מיר וועהרען, וועט עס דיר ניט גילטען; איך וועל דיך דוקא קושען, קנייפּען, בייסען!“ — —

אָבער, ווי ענטוישט ער האָט עס אויסגעזעהען ווען איך האָב מיך געגען דעם נ י ט געוועהרט!... ער האָט מיך ערוואַרטעט צו פּראָטעסטירען, צו בעטען זיך, און צום סוף נעהם איך עס אזוי אויף, אזוי ווי דאָס וואָלט מיר געקומט, ווי דאָס וואָלט עפּעס גאָר קיין בעליידיגונג (פאַר מיין גייסט) ניט געוועזן. — —

— דו, דו פּראָטעסטירט גאָר ניט געגען מיינע קושען? — האָט ער מיר ווי פּערדריסליך אויסגערעדט.

איך האָב די פראַגע ערוואַרטעט און שוין געהאַט פאַר דעם א פּאַרטיגען ענטפער אָנגעגרייט: —

— ס׳אַרט מיך ניט.

— ניט? דיין נשמה ליידט גאָר ניט דערפון וואָס מען זוכט נאָר דיין קערפּער?

— מיין נשמה איז זעהר ווייט דערפון.

— און דו, ד ו?

— איך בין מיט מיין נשמה...

— האָבען מיינע קושען אין דיר ניט ערוועקט א בענעהר... אויף זיי מיט קושען אָפּצוענטפערען?

— נ י י ן.

— וועט עס נאָך ערוועקען! כ׳וועל מאַכען אז ס׳זאָל. דו וועסט מיך אויך קושען. אמת, דו וועסט?

— איך וועל נ י ט.

— אָבער, פאַר וואָס, פאַר וואָס ניט?

— א י ך קען נאָר קושען דעם וועמען איך ליעב.

— און... לאָזען זיך קושען — — פון יעדען איינעם?...

— ... פון אזא וואָס׳ט מ י ך ליעב....

— גלויבסטו אין מיין ליעבע — ?

— .. איך גלויב.

— מיינסט דאָך ניט אין מיין ליעבע צו דיין נשמה...

— ... אָה, ניין.

— און... דיך בעליידיגט עס גאָר ניט?

— כ'האָב שוין געזאָגט: ס'אַרט מיך ניט.

— דו ביזט ענטוועדער אַ שטיק האָלץ, אָדער אַ גרויסע דיפּ־לאָמאַטקע... דו זאָגסט אַלץ מיט דער אַבזיכט מיך צו בעליידיגען, יא? אָבער איך וועל דיר איבערציינגען, דאָס מ י ך קען מען ניט בעליידיגען. איך וועל דיר ווייזען, אַז דו ווילסט, האָס אויך ד ו וועסט זיך ביי מיר פערלירען, וועסט מיר מוזען פּראָטעסט אָדער צושטימונג ארויסווייזען; וועסט מוזען מיך ליעבען אָדער האַסען. גלייכגילטיג צו מיר וועסטו ניט קענען מעהר בלייבען.

— איך מיין אַז כ'וועל י א קענען.

— וועסט נ י ט. וועסט זיך ביי מיר צאַפּלען, זיך פון מיינע הענד זוכען ארויסצורייסען, וועסט מיר צו די פיס פאַלען, איך זאָל אויף דיר רחמנות האָבען... עס קומט אַזאַ בייזע שעה, ווי די ווייבער זאָגען, אויף אַ מענשען, ווען ער ווערט געשטרויבעלט... ס'איז פאַראַן אַזאַ מאָמענט ווען יעדער וואונש קען ערפילט ווערען. מען דאַרף נאָר זיין קלוג, דעם דאָזיגען מאָמענט צוצוטרעפען. איך וועל שוין דערהיטען דעם מאָמענט, זיי רוהיג, וועסט מיך אַזוי האַלדזען און קושען, אַז... מ'וועט גאָר בעסער ניט דאַרפען!

— אַזוי!

— האָס גלויבט זיך דיר גאָרניט, הא? אַלזאָ, כ'וועל דיר שוין איבערציייגען, ווער ס'איז שטאַרקער. —

— אין פויסט, צי אין גייסט?

— אין...ביידע זאַכען.

— אָלל־רייט.

— כ'וועל נאָר דערהיטען דעם מאָמענט. —

— זעהט, איהר זאָלט איהם ניט פערזעהן...

— וועסט זיך פון מיינע הענד ניט ארויסדרעהען.

— כ'וועל זיך גאָר אין זיי ניט אריינדרעהען.

— אָט וועלען מיר זעהן!

— ... יא — !

א נייע טאַקטיק, הייסט עס. סטראַטעגיקע בלע"ז, איז אין אונזער „ליעבע"־מלחמה אַריינגעטראָטען. הממם, דער נודניק הויבט אָן צו ווערען אינטערעסאַנט.

* * *

מיט אַלע מעגליכקייטען זוכט איצט ג. דעם איינדרוק פון זיין פּאַראויסזאָגען א זיעג פאַר זיך — צו פערגלעטען...

ער מאַכט זיך גאַר, ווי ער וואָלט אויף דאָס געזאָגטע אין גאַנצען פערגעסען...

קיין זאַך קען נאָך אַזוי ניט שטערען צו זיעגען, ווי דאָס פּערזיי־כערען (דעם געגנער) אין בעזיעגען. ג. פערשטעהט עס שוין איצט און ער האָט חרטה, וואָס ער האָט זיך אַזוי בעריהמט פאַר מיר. נאָך אַלעמען, מוז דאָך די מלחמה נעהמען פּלאַטץ אין מ י י ן צימער, קען איך דאָך, צו אַלעם ערשטען, צו זיך גאַר ניט אריינ־לאָזען...

כ'האָב עס שוין געטהאָן אויך. אַזוי גיך, ווי ער האָט, נאָכ'ן דורכגעהן זיך, צו מיר געוואָלט אַריינגעהן, האָב איך זיך „דער־מאָנט", אַז איך האָב פערגעסען מיין שליסעל און איך וועל דורך דער דייטשקע'ס טהיר דאַרפען צו זיך אריינקומען — פּאַסט ניט פאַר איהר, א מאַן מיט זיך צו ברענגען.

— מען קען איהר זאָגען, אַז ס'איז א... קאָזין, — האָט מיר ג. גלייך אָן עצה געגעבען.

— אהה, א קאָזין! ס'איז דער ערגסטער תירוץ, וואָס מען קען זאָגען. יעדער איינער בעקומט א נאָמען ק אָ ז י ן, ווען מ'וויל ניט זאָגען ווער „ער" איז. ס'טויג ניט.

— איז א... ברודער —

— א ברודער?! דאָס איז נאָך ערגער. וואו איז דאָס געזעהן געוואָרען, א ברודער זאָל נאָך צעהן ביינאַכט קומען צו א שוועסטער און זיך ביי איהר ביז פאַרטאָג פערזאַמען?

— דאָס דאַרף גאַר ניט ג ע ז ע ה ע ן ווערען —

— אָבער ס'קען. ווי בלינד זי איז, וועט זי שוין אויף אַזעלכע זאַכען זעהענדיג ווערען. ניין, איין מאָל האָב איך געהאַט א לעסאָן, און דאָס זאָל מיר אויף ווייטער לערנען פאָרזיכטיג צו זיין.

מען קען גאָר אַזוי — האָט ער זיך געכאַפּט — איך זאָל אַליין פריהער דורך דער דייטשקע'ס טהיר אריינגעהן און ער וועט דער־נאָך ארויפקומען. איך וועל פאר איהם שטיל מיין טהיר עפענען און —

— ס'טויג ניט.

— איהר האָט מורא, זי וועט דערהערען? זי איז דאָך טויב, ווי די וואַנט.

— זי האָט א זוהן, ער איז ניט קיין טויבער.

— ער שלאָפט שוין געוויס, ווי א גע'הרג'עטער.

— איך צווייפעל. ער ארבייט דאָס רוב אין אָבענד און ער איז צוגעקיהלט, ער הוסט. איז ווען ער הוסט, כאַפּט ער זיך אויף.

— איז ווען ער הוסט, וועט איהם גראָד ליגען אין זינען צו־הערען זיך, וואָס מיר טהוען!

דער ט ה ו ע ן איז מיר ניט געפעלען געוואָרען, און איך האָב קורץ און שארף געזאָגט, דאָס ס'איז ניטאָ וואָס צו ריידען: זאָל ער בעסער געהן אהיים...

— אָט אזוי זאָג! — איז ער אין כעס געוואָרען — צו וואָס אָנגעבען די אַלערליי פוילע תירוצים, ווען די הויפּטזאַך איז, אז ד ו ווילסט ניט. כ'האָב דיך א האָר א סטראַשע געטהאָן, האָסטו שוין מורא...

— ... ניט בעדאַרפט טאַקע סטראַשען...

— קינד וואָס דו ביזט! קענסטו ניט פערשטעהן, אז ווען איך וואָלט מיינען ערנסט דיר עפּעס שלעכטס טהאָן, וואָלט איך דאָס דיר פריהער ניט... אָנגעזאָגט? איך בין נאָך ווייט ניט אזא נאַר, אז איך זאָל שוין גאָר ניט וויסען, דאָס איך וואָלט מיט אזעל־כע ווערטער געגעגען. ז י ך רייזען...

— ס'רעדט זיך אוים אמאָל.

— ניט ביי מיר. איך קען מיט א צייט פריהער זאָגען, וואָס שפּעטער וועט זיין.

— אזוי! אויב אזוי, זאָגט איצט, בין איך פון די, וואָס מען קען זיך אזוי, אז מ'וויל, נעהמען, אָדער מ'קען נ י ט?

— ... מען קען נ י ט.

— פאַר וואָס ניט ?

— ווייל, ערשטענס, קען מען איבערהויפּט קיינעם מיט געוואַלד ניט נעהמען ; צווייטענס, וואָס מעהר דו וועסט זיך איבערציינען, אַז מען וויל דיך נעהמען, אַלץ מעהר וועסטו זיך ניט וועלען געבען ; וואָס מעהר מ׳זאָל זיך ביי דיר בעטען אַ זאַך, אַלץ מעהר וועסטו אָפּזאָגען.

— איז וואָס קען מען טהאָן דערצו ?

— גאָרנישט. מ׳דאַרף מיט דיר אַלעס לאָזען געהן ווי ס׳וויל ; וואַרטען ביז דו וועסט אַליין, מיט דיין שכל, דערגעהן וואָס דו ווילסט. ריכטיג ?

— ריכטיג.

— זעהסטו, איך בין אַ גוטער פּסיכאָלאָג ?

— זעהר אַ גוטער... און אַלס אַזעלכער מוזט איהר דאָך פערשטעהן, דאָס וואָס מעהר איהר וועט צו מיר איצט אין צימער וועלען געהן, אַלץ... לענגער וועט איהר דאָ דאַרפען שטעהן. איז ניט בעסער, איהר זאָלט מיר זאָגען „גוד נאַיט“ ? —

ער האָט עס ניט ווילענדיג געזאָגט. אַ ברירה האָט ער געהאַט !

* * *

די עקאָנאָמישע אומשטענדען ווילען, איך זאָל זיך מיט זיי רעכענען ; דאָס לעבען וויל, איך זאָל — עקזיסטירען ; די ליעבע וויל, איך זאָל — — האַסען !

איך האָב נעכטען פּערביי מיין פענסטער אַ. געזעהן דורכגעהן. אַ ווילדע פרייד, מיט אינסטינקטיווען שרעק געמישט, האָט מיך ארומגעכאַפּט. מיין האַרץ האָט זיך אָבגעזאָגט פון קלאַפּען. זי איז אין מיר אַ פערשטילטע, אַ פערשטאָרבענע געבליבען. פאַר א י ה ם וואַרטען ! כ׳האָב מיך צום טהיר אַ וואָרף געטהאָן, בין צו איהר אין גאַנצען צוגעפאַלען און ערוואַרט אין איהר ז י י ן קלאַפּ צו הערען. — —

איך וויים ניט, ווי לאַנג איך בין אַזוי ווי אַ צוגעשמידטע ביים טהיר געשטאַנען, — דאָס האָט מיר אויסגעדוכט צו זיין אַן אוּיביגקייט — און ע ר איז נ י ט געקומען. — —

די פיס האָבען זיך אונטער מיר געבויגען. כ׳האָב מיך אוועק־

געזעצט און זיך צוגעהערט צו די טרעהרען, וואָס האָבען זיך אַזוי שווער און קאַלט איבער מיין פּנים געצויגען. זיי האָבען זיך אין די ווינקלען פון מיינע ליפּען בעהאַלטען. איך האָב זיי שטיל אַראָפּגעשלונגען...

די דייטשקע האָט זיך מיט אַ קריגעלע וואַסער שטיל, ווי אַ שאָטען, בעוויזען, און, געהענדיג צו איהר וואַזאָנע, זיך אָן מיר אָפּגעשלאָגען. זי האָט זיך דערשראָקען, די וואַסער פון קריגעלע האָט זיך האַלב צוגאָסען, דאָס קריגעלע איז אין גאַנצען שיער פון האַנד ניט אַרויסגעפאַלען.

— אום גאָטעס ווילען! — האָט זי אויסגערופען, און זיך גע־שוואָרען, אַז זי האָט ניט געוואוסט, אויב אימיצער איז אין צימער פאַראַן. און אַז איך בין ש ו י ן דאָ, איז וואָס זיץ איך עפּעס אַזוי אַליין, אין דער פינסטער? און די קוילען זיינען אין גאַנצען אויסגעגאַנגען, די אייוועלע איז קאַלט. וואָס איז מיר, בין איך קראַנק? — האָט זי מיך געפרעגט.

— איך בין געזונד, פאַלקאָם געזונד — האָב איך איהר גע־ענטפערט, און צו ו ו י י ז ע ן איהר דאָס איך ב י ן געזונד, זיך גענומען אָנטהאָן אויף אוועקצוגעהן.

כ'האָב געוואָלט וואַרטען ביז זי וועט פון צימער אַרויסגעהן, כ'זאָל די טהיר, וואָס פיהרט צו איהר, פערקייטלען. אמת, זי קען עס מיט אַ מעסער אויפקייטלען, אָבער, אַלענפאַלס, זאָל זי זעהן, דאָס איך וויל ס'זאָל זיין פערקייטעלט. ווארום ווי זי קען זיך דערשרעקען מ י ך ב י י מ י ר אין צימער טרעפענדיג, קען איך זיך אויך פון איהר פּלוצלונגען אריינקומען דערשרעקען. אָבער, דאָס איז אַלץ געווען געזאָגט אין ג ע ד אַ נ ק ע ן. אין ווערטער האָב איך גאָרנישט געוואָלט זאָגען. צו וואָס? „ס'גע־פעלט ניט ד ע ר צימער, זוך זיך אַן אַנדערן", האָב איך צו זיך געזאָגט, און בין פון איהם אַרויס.

איך בין אָבער באַלד צוריקגעקומען: אפשר האָט אַ. פער־געסען דעם אַדרעס און דרעהט זיך דאָ אַרום אין אַרומזוכען עס אויסצוגעפינען?...

און אפשר, אפשר האָט מיר רעי אין גאַנצען, וועגען אַ. דער־צעהלענדיג, איבערטריבען? עס קען זיין, זי האָט צו מיר אַזוי

גערעדט, כדי צו זעהן, וואָס פאַר אַן איינדרוק איהרע רייד וועלען אויף מיר מאַכען; אויסגעפינען אַזוי, ו ו ע מ ע ן איך האָב ליעב...

און פיעלייכט האָט דאָ ערגעץ א. אימיצען פון זיינע בעקאַנטע? אפשר וואוינט דאָ ערגעץ יענע מיידעל, „די שטילערע“, אויף וועלכער ער האָט די טומעלדיגע קאַטיא אויסגעביטען? —

כ'האָב זיך מיר די מיידעל געגומען פאָרשטעלען; וויפיעל מעלות איך האָב נאָר געדענקט א מיידעל דאַרף בעזיצען כדי פון א. געליעבט צו ווערען, האָב איך „איהר“ צוגערעכענט, כדי, כדי איך זאָל זי מעהר האָבען פאַר וואָס פיינט צו האָבען!...

איך האָב געפיהלט ווי מיין האַרץ, וואָס האָט אַזוי פיעל ליעבע געוואָלט, האָט זיך פול מיט סם פון האַס אָנגעפילט. איך האָב אַלעמען, אַלץ געהאַסט און מעהר פון אַלעמען — ז י ך.

אין אַזאַ שטימונג האָט מיך ג. געטראָפען. ער האָט מיר ניט געלאָזען ליכטיג מאַכען. אין דער פינסטער, האָט ער געזאָגט, וועט זיין וואָרט אויך מיין אויער גרייכען. ער וועט נאָר ריידען. וועל איך איהם אויסהערען? —

עס איז ניט געווען וואָס צו הערען: דיזעלבע נודנע רייד וועגען מיין אומעט לעבען און זיינע פרינציפען. און פאַר וואָס וויל איך אָפּלעבען מיין לעבען אין דער פינסטער ווען א ליכטיגע וועלט פול מיט גליק טהוט זיך פאַר מיינע פיס שפּרייטען און, וועל איך טאַקע מיט אַן אמת זוכען דאָס גליק מיט מיינע פיס צו טרעטען? און וואָס דענק איך וועט דער סוף מיט מיר זיין? און וואָס פאַר א תכלית וויל איך פון זיך מאַכען? א. ז. וו., א. ז. וו.

ער האָט זיך אפנים געגעבען א וואָרט מיך ביז צום טויט צו פערנודיען.

וואָס איך האָב פון זיינע אַלע רייד ארויסגעטראָגען איז אַז: איידער איך זאָל זיך (פון לעבען) ארויסוואַרפען, איז ער ביל־כער — — — — — — — — — — — — — — — — — —

* * *

ווי די ראַגעס אויף דער אַלטער, פערוויינטער שפּיגעל, אַזוי ציהען זיך די טרעהרען פון מיינע אויגען איבער מיין פנים ארונטער. — — —

מיר שטעלט זיך פאָר איך בין מיר געשטאָרבען. איך זעה מיך אַ טויטע אויף דער ברייטער בעט אונטער דער פון שטיקלעך געשטוקעוועטער קאָלדרע ליגען, און אַ טעמפּער וועהטאָג שניידט דורך מיין האַרץ.

לעצטע נאַכט האָב איך גאָר ניט געשלאָפען. אין אַ צימער וואָס איז איבער מיינעם, האָט זיך אַ פרוי פערסמ'ט. זי האָט קענטיג פאַר'ן טויט חרטה געקראָגען וואָס זי האָט זיך דאָס לעבען גענומען און גערופען מען זאָל זי ראַטעווען. די טויבע דייטשקע האָט זי דערהערט און געמאַכט אַ טומעל. פּאָליציי איז געקומען, געשיקט נאָך אַן אַמבולאַנס און זי אין אַ האָספּיטאַל אוועקגענומען.

איך בין מיט אַ לאַנגען מאַנטעל אויף מיין נאַכט־העמד ביים טהיר פון מיין צימער געשטאַנען און אין האַלב־פינסטערען האָל אַרויסגעקוקט. די אונבעקאַנטע זעלבסטמערדערין האָט מיט אַמאָל אַלע מיינע געדאַנקען פערנומען. דער טויט האָט פאַר מיינע אויגען, איבער מיין קאָפּ געשוועבט און מיך מיט שרעק און קעלט אַרומגענומען. איך האָב טויזענדער אורזאַכען, איהר טהאַט צו פערענטפערען, געפונען: אַ גרויסע זאַך האָט זי זיך אונטערנומען אויסצופיהרען: זי האָט ז י ך פון לעבען, וואָס זי האָט געווים פיינט בעקומען, בעשלאָסען צו בעפרייען.

„גרויסע מענשען“, זאָגט געטהע, „שטאַרבען נישט מיט קיין נאַטירליכען טויט“. דאָס מוז זיין אמת. מען איז שוין גרויס דערמיט וואָס מען קען זיך פון אַ ל ע ס אָפּזאָגען, אויב, אויב מען קען שוין קיין זאַך פון לעבען מעהר ניט קריגען...

מענשען האָבען זיך געשטופּט אויף דער פרוי אַ קוק טהאָן. מען האָט זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט צו זעהן ווי זי לעבט. מען איז אָבער נייגעריג געווען צו זעהן ווי זי שטאַרבט...

„אָרמע פרוי!“ — האָט זי די דייטשקע בעדויערט — דערצעהלענדיג ווי אומגליקליך זי האָט איהר אויסגעקוקט צו זיין: זי האָט שווער געאַרבייט אום זיך מיט איהרע אַ קראַנקע שוועסטער צו ערנעהרען. אַזוי לאַנג געאַרבייט ביז די שוועסטער איז געשטאָרבען און זי איז קראַנק געוואָרען. עס האָט איהר דערעסען דאָס לעבען, זי האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטען ביז זי

וועט, ווי איהר שוועסטער, אליין שטארבען, און זי האָט זיך דאָס לעבען גענומען.

ווען דער טומעל, ביז מען האָט די פרוי צוגענומען, איז אריבער, בין איך אין מאַנטעל און אָהן שיך ווי א צומישטע אויפ'ן ראַנד פון דער גרויסער בעט געזעסען, און ווענגען טויט געטראכט. און פאר וואס האט זי, די זעלבסטמערדערין, אזוי ווילד, אזוי פערצווייפעלט געשריען? וואָלט איך, ווענמען דאָס לעבען טהוט אזוי וועה, אויך אזוי פאר'ן טויט שרייען?

מיר דוכט, איך וואָלט געשוויגען . . . מיינע ליפּען, ווי ביים לעבען אָפט פערביסענע, וואָלטען קיין קרעכץ ניט ארויסגעלאָזט. מיין פעסטער בעשלוס צו שטארבען וואָלט דורך מיין שטארקען ווילען ניט פערראַטען ווערען.

„איז זי, איז זי מיט איהר אייגענעם ווילען געשטארבען?“ — וואָלט א. שטיל, פערטראכט געפרעגט, און רעי וואָלט געענטפערט:

„ווער ווייס, זי איז ניט געווען פון די וואס גיבען זיך ארויס. זי איז געווען אן אין־זיך־דיגע“...

קאַטיא וואָלט בייסענדיג איהרע רויטע ליפּען מיט צוגעזשמורעטע אויגען בייז געשוויגען. ב. וואָלט פערדריסען וואס ער איז צו מיר מעהר ניט געקומען. ער וואָלט מיט זיין האנד זיין קליינער טאָכטער'ס קאָפּ געגלעט, און זי מיט בעהאלטענע טרעהרען אין די אויגען, מיט מ י י ן נאָמען גערופען...

„זי האָט מיך געליעבט“ — וואָלט א. געטראכט, און איך האָב זי — — פערזוּעהן. זי האָט מיך אזוי טיעף, אזוי הארציג געליעבט, זי האָט עס אזוי שעהן אין איהר שווייגען וויפיעל מאָל ארויסגעזאָגט, און איך — — פאר וואס האָב איך זי אויסגעמיידט? פאר וואס האָב איך זי, אזא טייערע, אזא גוטע געלאָזען שטארבען. פאר וואָס, פאר וואָס!?...“

מיט שטילע טריט, זיין קאָפּ געבויגען, וואָלט ער איבער מיין קבר געשטאַנען און טרערען וואָלטען איינע נאָך די אנדערע פון זיינע אויגען געפאַלען. אזעלכע גרויסע, הייסע טרערען ווי מיינע וואָס פאַלען איצט אויף דעם בלאַט פון מיין טאָגע־בוך און לאָזען מיר ניט מעהר זעהן ווי צו שרייבען — — — — — — — — — —

* * *

...ווען ג. האָט מיך נעכטען, שפּעט אין אָוונט, מיט פאַר־ווייינטע אויגען געטראָפען, האָט ער מיך אַ ווײַלע שטום אָנגעקוקט און ווי צושראָקען געפרעגט:

— וואָס איז געשעהן?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט? איהר... דו האָסט דאָך געוויינט!

איך האָב זיך דערמאָנט דאָס איך האָב איהם גאָר צו מיין „לויה" ניט געזעהן און — — מיר האָט זיך דערפון פערוואָלט לאַכען. איך האָב אָבער ניט געלאַכט, נאָר אַ טרויעריגען שמייכעל געטהאָן. מיר האָט זיך פערוואָלט זעהן ווי ער וועט זיך מיין פער־ווייינטקייט נעהמען צום הארצען, ווי ער וועט די אורזאַכע פון מיינע טרערען זוכען און ווי אַזוי ער וועט זיי מיר זוכען אָ ב צ ו א ו ו י־ ש ע ן.

— וואָס האָסטו געוויינט? — האָט ער, זוכענדיג מיר אין די אויגען אריינצוקוקען, ווייך געפרעגט.

— אָט, מאַלע וואָס מען וויינט!!

— ניין, עס מוז דאָך זיין אַן אורזאַכע. פאַר וואָס, זאָג, שווייגסטו? — זאָג!

— ניטאָ וואָס צו זאָגען.

— בעהאַלטסט עפּעס פון מיר. — —

— איך בעהאַלט גאָרנישט.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, זאָג מיר וואָס דיר איז.

— מיר איז... קאַלט.

— זאָל איך פאַר דיר מאַכען דעם אייוועלע?

— מען דאַרף נישט קיין אייוועלע?

— ס'זיינען גאָר ניטאָ קיין קויהלען. איז דאָס די טויבע בלינד צו זעהן אַז ס'זאָל זיין וואַרים? זי איז אַ פּנים טויב צו זעהן און בלינד צו הערען. אבי געלד פאַר דער רום נעהמט זי, וואָס נאָך דאַרף זי, די אַלטע כלב'טע? און דו שווייגסט איהר; דו זיצסט דאָ אין קעלט און וויינסט. זעהסט, דיינע טרערען זיי־נען דאָך דיר אין די אויגען פערפראָרען!.. —

אין קליידער־אַלמער האָבען זיך אַ סך קליינע, ווייכע טופּע־לאַך מיט אַ קוויטשעריי דערהערט.

—מייז! — האָט ג. געזאָגט. — האָסט גאָר פאַר זיי ניט מורא? אַלע פרויען האָבען מורא פאַר מייז. דו ביזט אַ בראַווע מיידעל, האָסט פאַר דעם קיין מורא ניט. פאַר איין זאַך נאָר האָסטו מורא.

—? ——

— פאַר ליעבע, פאַר פ ר י י ע ליעבע. אמת?

— אמת.

— און ווייסטו פאַר וואָס דאָס שרעקט דיך?

—? — —

— ווייל דו האָסט עס נאָך קיין מאָל ניט געפּרואווט. יעדער אָנפאַנג איז שווער...

— דאַרף מען ניט אָנפאַנגען.

— איז... וואָס וועט זיין דער סוף?

— דער סוף איז צו אַלע איינער און דערזעלבער: טויט.

— טויט? ווי קומסטו וועגען טויט צו ריידען? ד ו וועל־כע האָט נאָך גאָר ניט געלעבט, וועלכע ווייס נאָך גאָר ניט וואָס לעבען א י ז! אָט נעהם זיך איצט, צום ביישפּיעל, זיצסט און ציטערסט פון קעלט. ווען דו וואָלסט זיך קענען לייגען אין בעט, זיך איינדעקען מיט אַ וואַרימע קאָלדרע און — — איינשלאָפען אין די אָרעמס פון איינעם וועלכער האָט דיך א ז ו י ליעב! אָבער, וואָס קומט אַרויס פון ריידען אַז — דו ווייסט ניט וואָס ג ו ט איז!

ער האָט אַ האָפנונגסלאָזען מאַך מיט'ן האַנד געטהאָן, זיך איבער'ן צימער, זיך פערטשעפּענדיג אָן די שטיקלעך „אויל קלאָטה" און „קאַרפּעט", דורכגעגאַנגען, מיט כעס אויף די געז אַ קוק גע־טהאָן און זיך מיט גוטען צו מיר געווענדעט:

— זיי ניט קיין קינד...

מיר האָט זיך איהם געוואָלט זאָגען ער זאָל ניט זיין קיין נאַר, אָבער דאָס וואָלט דאָך ניט העלפען, האָב איך נאָר אויף איהם אָהן ווערטער אַ קוק געטהאָן און געהערט ווי ער האָט ווייטער געזאָגט:

— איך גיב אייך (שוין א י י ך, ניט ד י ר...) מיין עהרען־ווארט אז איך וועל זיין א „דזשענטעלמאן“. איך וועל נאר זיצען נעבען אייך און — — ריידען ביז איהר וועט איינשלאפען. ווי נאר איך וועל זעהן דאס איהר שלאפט, וועל איך אויף די שפּיץ פינגער ארויסגעהן און שטיל נאך זיך די טיר פערמאכען.

— וועט דאך די טיר בלייבען ניט פערשלאסען...

— נו, וועל איך נ י ט אוועקגעהן. וועל דא ביז טאג... זיין.

— ביז טאג זיין — — א דזשענטעלמאן?

אנשטאט אויף דער פראגע אן ענטפער צו געבען, האט ער געכאפּט און איינגעדרעהט די געז, און מיר האבען זיך געפונען אין דער פינסטער.

— צו וואס האט איהר דאס געטהאן?! — האב איך אנשטעלענדיג געגען איהם ביידע הענד, ער זאל צו נאהענט ניט צוטרעטען, געפרעגט.

— פרעג ניט . . . דו, (שוין ד ו, ניט א י ה ר...) דו ווילסט דאך ניט אז די געז זאל דער בלינדער דייטשקעס אויגען אויפרייסען. און איך בעט דיך, ברעך זיך ניט. לאז מיר, איך וועל דיר העלפען זיך מאכען בעקוועם. איך וועל דיך —

— איהר וועט מיך — גאר נישט!

— אך, זיי דאך אביסעל פארזיכטיגער. קענסט אזוי מיינע „אי גלעסעם“ צוברעכען. —

ווי איינער וואס קלייבט זיך צו „פייט׳ן“, האט ער ז׳ינע אויגען־גלעזער אפּריהער אראפּגענומען און זיך דערנאך צו מיר א לאז געטהאן:

— מיין טייערע!

„מיין טייערע“, זיינע אויסגעשטרעקטע ארמס אויסצומיידען, האט זיך אן א זייט אוועקגעכאפּט. ער האט זיך אן איינעם פון די שטיקלעך „קארפּעט“ פערטשעפּעט און — געפאלען.

— צום טייפעל! — האט ער פערביסען אויסגעשריען. — וואס פאר א ניעדערטרעכטיגער „אויל קלאטה“ מיט פאסקודנע

„קאַרפּעט" דאָ איז! מ'קען דאָך דאָ גע'הרג'עט ווערען! וואו...
ביזטו קום! —

עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיך רופען צוזאַמען מיט איהם גע־הרג'עט צו ווערען! מיר האָט זיך פערוואָלט לאַכען, כ'האָב אָבער נאָר פאַר זיך אין דער פינסטער געשמייכעלט און שטיל געשוויגען.

ער האָט מיר גענומען אויסריידען פאַר וואָס איך שווייג, פאַר וואָס כ'געה ניט צו זעהן ווי ער האָט זיך צוקלאַפּט: די גאַנצע קניה אָפּגעריבען. צי האָב איך ניט אביסעל פּאַראָקסייד. מ'דאַרף ביי זיך תמיד האָבען אַ באַטעל פּאַראָקסייד, מאַלע וואָס ס'מאַכט זיך. אפילו דורך אַ שטאָך פון אַ נאָדעל קען מען דאָך קריגען בלוט־פערגיפטונג. וועלכער אינטעליגענטער מענש ווייס דאָס ניט? אפשר קען ער כאָטש קריגען אַ טיכעל אין קאַלטע וואַסער איינ־גענעצט?

כ'האָב געזעהן דאָס ער מאַכט אַן אָנשטעל אַז עס טהוט איהם שטאַרק וועה, כדי איך זאָל אַרום איהם אַרומגעהן, זוכען זיין „געפּעהרליכע" וואונד צו היילען... אָבער כ'האָב זיך געמאַכט ניט זעהענדיג... זאָל ער זיך מאַכען קראַנק, אבי ער זאָל מיך ניט קראַנק מאַכען זוכענדיג מיין געזונד דורך לעבען צו פער־היטען...

— אָט איז אַ טיכעל —

— ווי גוט דו ביזט!..

ער האָט עס ניט געמיינט... עס קען זיין, ער האָט מיט דעם „ווי גוט דו ביזט" מיך געוואָלט מאַכען גוט צו זיין... איך האָב „געפּלאָגט" פון מיין געוויסען, פאַר שמייכלען אין דער פינסטער, איהם געפרעגט:

— ס'טהוט שטאַרק וועה?

און ער, צו צייגען ווי בראַוו ער איז, ווי העלדיש ער קען אַ וועהטאָג פערטראָגען, אָפּציהענדיג זיין ענטפער מיט צוצויגענע ווערטער אין אַ שוואַכע שטימע געזאָגט:

— ס'איז... אָל־רייט, טייערע, ס'וועט... איבערגעהן. ס'איז נאָך אַ נס וואָס איך האָב מיר אָן אויג ניט אַרויסגעזעצט.

— טאַקע אַ נס וואָס... אין קניה איז קיין אויג ניט געווען...—
האָב איך מיר שוין ניט געקענט אָפּהאַלטען אַ לאַך צו טהאָן.

— ס'איז אַז אַך און וועה צו אַזאַ געלעכטער, — האָט ער מיט אַ זיפץ געזאָגט. — כ'האָב דאָך געקענט אַ פּאָל טהאָן מיט'ן אויג אויפ'ן ראָג פון דעם שטול, ניין? מיין גליק איז וואָס איך בין אויפ'ן ראָג בעט געפאַלען.

— דאַכט זיך, אַז איהר זייט געפאַלען אויפ'ן שכל...

— אַלץ צוליעב אייך. מיט אייער זוכען זיך כסדר צו... דער־הויבען, מאַכט איהר מ י ך צו פאַלען...

— בעסער איהר פאַר מיר...

— די קראַפט אויף אַראָפּ איז אָבער שטאַרקער...

— ווי פאַר וועמען...

— קיינע אויסנאַהמען. די זאַך איז נאָר אין צייט: ביי אייניגע געוועהרט עס מעהר, ביי אַנדערע ווייניגער, אָבער א ל ע קומען דערצו. און איינמאָל קומען זיי דערצו, ווילען זיי שוין ניט אוועקגעהן, סיידען צוליב דעם, אַז זיי זאָלען קענען נאָך אַמאָל קומען... די נאַטור וויל אַזוי. געגען זיך קען מען ניט געהן. פוי, ווי מיך וואַרפט פון קעלט. ווען איך וואָלט דאָס געווען אַ דוד המלך —

און ער האָט גענומען דערצעהלען וועגען דוד המלך אויף דער עלטער, ווי גוט איהם איז געווען — — — — — — — — — — —

* * *

... ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט דוד המלך, ווי גוט איהם איז, אויף דער עלטער, געווען, איז ער שטיל געוואָרען און — — הויך געטראַכט וועגען דעם ווי שלעכט א י ה ם איז אין דער סאַמע בליהענדער יוגענד אַצונד...

אין אַלמער איז געוואָרען „פרעהליך"...

— ווייטער די מייז, — האָט זיך ג. אָפּגערופען, — ביי זיי מוז דאָרט היינט זיין אַ שמחה. אפשר — — אַ חתונה?

— אפשר פרייע ליעבע?..

— דאָס קען אויך זיין, — האָט ג. ערנסט געזאָגט און גע־נומען אויפוויייזען אויף וויפיעל מייז זיינען אין דעם הינזיכט פּאָרטגעשריטענער פון מענשען, פון די מ י ז ע ר א ב ע ל ע מענשען וואָס פאָלגען די אַלע נ י ד ע ר ט ר ע כ ט י ג ע געזעצען מיט די פאַסקודנע צערעמאָניעס וואָס אַנדערע, פ י נ ס ט ע ר־

ל י נ ג ע שאַפֿען פֿאַר זיי. די מייז זיינען פֿריי פֿון די אַלע לאַסטען, זיי לעבען זיך ווי גאָט אין אדעס!

פֿון די מייז איז ער צו די קעץ אַריבער, פֿון קעץ צו הינט א. אז. וו. ער האָט געלעקטשורט און פֿון צייט צו צייט דאָס טי־בעל איינגענעצט, עס זאָל קיין היץ צו פּום ניט צופֿאַלען, ס׳זאָל ניט ווערען געשוואָלען. זיינע הענד זיינען מיט די פּיס זיינע „ביזי“ געווען און איך האָב געטראַכט אַז הלואי וואָלט עס אַלע מאָל אַזוי זיין, וואָלט ער ווייניגער קענען „ליעבע מאַכען“ און ס׳וואָלט ניט אַזוי פֿיעל „באַדער“ מיט איהם געהאַט.

* * *

ג. זאָגט, ער וועט שוין ניט מעהר זוכען קיין קרומע וועגע־לאַך מיט הינטערשטע גאַנגען וואָס זאָלען איהם אַזוי שעדיגען. ער וועט אָפֿען זוכען זיין ציעל צו עררייכען:

„ווילסטו, איז גוט, אַז ניט — דאַרף מען ניט!“...

עס וועט ניט לאַנג נעהמען, האָט ער געזאָגט און איך וועל קומען צו שכל אַז — — מיט שכל אַליין לעבט מען ניט... אַז די קאָפּ איז נאָך ניט אַלעס. די האַרץ האָט אויך עפּעס צו זאָגען. דערווייל, אַז איך וויל, קען איך מיר זיין ווי איך וויל ע ה ר ל י ך!

און קיין ד ו וועט ער צו מיר מעהר נ י ט זאָגען. מעג עס אַפֿילו זיין אין דער פֿינסטער. נאָ מאָר ד ו. צו אַזאַ ווי איך דאַרף מען וועגען ד ע ם וואָס ווענינער רעדען. נישקשה, כ׳וועל זיך אַליין ד ע ר צ ו דערטראַכטען... אויביג זיצען און וואַרטען פֿאַר „י ע נ ע ם“ וועל איך דאָך ניט: ס׳וועט מיר, ווי אַנדערע — דערעסען ווערען. נאָך אַלעמען וועל איך מוזען פֿערשטעהן דאָס י ע נ ע ר וועט מיר ד ע ר פֿ אַ ר קיין — — טשוהונע־נעם מעדאַל ניט שיינקען... און די געזעלשאַפֿט וועט מיר קיין אַטעסטאַט פֿאַר עהרליכקייט נ י ט אַרויסגעבען. די צוקונפֿטיגע דורות וועלען אַפֿילו קיין קאַפּיטעל תהילים נאָך מיר ניט זאָגען, אפשר וועלען זיך אַ פּאָר יאַכנעס בענטשען אַזעלכע כשר׳ע קינ־דער ווי איך צו האָבען? — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי רעדט ער צו מיר, לאַכט איבער מיר און איך, מיט אַ גלייכגילטיגען שמייכעל העד זיך צו, דאָס רייצט איהם זעהר שטאַרק.

מיין אַרט שווייגען, זאָגט ער, מאַכט איהם  אַ ז ו י  צו רעדען... אָבער פונדעסטוועגען פערגעסט ער אויף זיין בעשלום ניט מעהר אַ וואָרט צו זאָגען און רעדט ווייטער:

„ניט מעהר, ניט מעהר זאָל איך וועגען  ד ע ם  ריידען!... לאָז דוכטען כ'בין שטום געוואָרען. אַלץ וואָס איך וויל נאָר זאָגען איידער איך געה שווייגען איז: אז מעג זיך די וועלט איבערקעהרען, וועל איך פון מיינע פּרינציפּען  נ י ט  אָפּטרעטען. ביז מיין לעצטען אָטהעם־צוג וועל איך זיי פערטהיידיגען. זאָל זיך ווער עס וויל מיט די שמאָלע וועגעלאַך פון אונזערע אבות געהען, איך וועל מיר מיין פרייען, ברייטען וועג אין לעבען נעהמען. ניט מעהר זאָל  א י ך  זיך בעטען, נאָ מאַר, באַסטאַ!

איך האָב האַלט צו הערען ווען ער רעדט אַזוי... כ'האָב נאָר מורא די מיסים זאָל איהם ניט דערהערען. נעכטען ווען ער איז פון מיין צימער שפּעט אַרויס, האָט זיך איהר טהיר געעפענט און צוגעמאַכט... און איך האָב ניט געוואוסט אויב דאָס זאָל מיר הנאה טהאָן (וואָס זי זעהט דאָס ער איז ביי מיר מעהר ניטאָ) אָדער עס זאָל מיך פערדריסען וואָס זי האָט געזעהען דאָס ער איז פון מיר שפּעט אַוועק...

---

צוויי רעגענדיגע טעג זיינען אַריבער, דורך וועלכע ג. האָט זיך נאָר איין מאָל געוויזען אַן דאָס איז געווען בלויז צו זאָגען, דאָס ער האָט קוים צייט געהאַט צו קומען זאָגען, דאָס ער האָט קיין צייט ניט...

ער איז פערנומען מיט זיין צוקונפט. די פּראָפעסאָרען אין קאָלעדזש לויבען איהם זעהר. זיי האָבען אין איהם, זאָגט ער, געפונען אַ מענשען, וואָס איז  ש ו י ן  ווערט אַ פּראָפעסאָרסקע קאַפּעדרע צו פערנעמען. ווען ער וועט ענדיגען וועט ער, זאָגט ער, ווייטער אָנפאַנגען מיט ברייטערע שריט צו העכערע שטופּעס אויפ'ן לייטער פון ערפאָלג צו גרייכען!

ער האָט דאָס, און נאָך אַ סך דערצו, אָפּגערערצעהלט און זיך געאיילט אַוועקצוגעהן, ווייל ער דאַרף זיך פערטיג מאַכען צו ערשיינען אויף אַן אָבענד וואָס ווערט כמעט אויסשליעסליך פון  ז י י ן  כבוד וועגען, אין הויז פון אַ פּראָפעסאָר, געגעבען. איך,

האָט ער געזאָגט, וועל איהם שוין מוזען ענטשולדיגען, וואָס ער האָט ניט קיין צייט מיט מיר זיך צו פערנעמען...

כ'האָב איהם ענטשולדיגט.

ער איז אוועק. איך בין אַליין געבליבען. איך... גלויב אין זיין צוקונפט. כ'קען איהם מיט מיינע גייסטיגע אויגען אויפ'ן לייטער פון ערפאָלג זעהן שטייגען און אַליין זיך — אויפ'ן נידער־ריגסטען שטאַפּעל געפינען... איך האָב שוין טראַכטענדיג געזעהן זיינע שאַנסען אין לעבען געוואונען, און זיך — אַן אויסגעלאַכטע, אַן איבעריגע, מיט אַ האָפנונגסלאָזען בליק, אָהן אַ ציעל געזעהן קוקען...

יאָ, זיין גלענצענדע צוקונפט האָט שוין מיט דער הילף פון מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, מיין געגענוואַרט, מיין גאַנצען לעבען פערדונקעלט. און איך טראַכט צו זיך אַזוי:

„וואָס איינענטליך ביזט דו? אמת, ביזט ניט זעהר אָרים, ניט מיאוס, ניט אַזוי אַלט — און שונאים וואָלטען אפשר... קאָנען זאָגען: ניט רייך, ניט שעהן און... שוין ניט אַזוי יונג... ביזט — קלוג? ! מענשען זאָגען דיר, ביזט קלוג. זאָל זיין, אַז דאָס א י ז אַזוי, איז... וואָס האָט דיר דיין שכל געגעבען? וואָס האָט עס דיך אין לעבען געלערנט? האָסט אפילו דעם איינעם, וועלכער דוכט דיר צו זיין דער איינציגער, וועמען דו קענסט א ז ו י ליעבען, ניט געוואוסט ווי צו נעהמען!" — — —

כ'האָב זיך ווייטער מיט הארצוועהטאָג וועגען דעם איינציגען פערטראַכט, און ע ר, א., האָט זיך מיר אויך אין די גרויסקייט (פאַר דער צוקונפט) פון ג. שולדיג אויסגעדוכט צו זיין! ווען ניט מיין פאַנאַטישע ליעבע צו א., וואָלט איך גאָר אַנדערש אויף אַנדערע מענשען געקוקט. זיי וואָלטען מיר דאַן מעהר וויכטיג אויסגעזעהן צו זיין. א. האָט מיין געשמאַק פאַר שעהנהייט צולאָ־זען. —

„דו ביזט אַ ב ע ל ע ז ע נ ע", האָב איך צו זיך מיט איראָניע געזאָגט. „ביזט פול מיט ביכער. ווי... זאָל אפילו זיין — ווי די גרעסטע ביבליאָטעק, און קענסט אפילו די קלענסטע פון דיי־נע „העלדינעס" ניט קאָפּירען !..."

„אַלץ, וואָס דו קענסט, איז — ה ו י ך דענקען!"

„דער סוף פון דיר וועט זיין", האָב איך זיך בלויז צוגעזאָגט, „דאָס דו וועסט שטאַרבען, ניט האָבענדיג געלעבט אפילו... וועסט ווען עס איז שטאַרק חרטה האָבען אויף אַט די אַלע זאַכען, וואָס דו ביזט אין לעבען נ י ט בעגאַנגען..."

ג. איז נעבען מיר איצט ניטאָ, און א י ך הויב אָן זיין שטעלע צו פערטרעטען: זיך אַליין זוך איך פאַר'ן לעבען צו אַגי־טירען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ בעגעגעניש מיט רעי, אַ געדום פון ב., אַ פּאָר ווערטער וועגען א. און אַנדערע, וועלכע האָבען ג ע ל ע ב ט, האָט מיך ערשט פון פראַקטעסט געגען זיך אַנגעפילט: ווי וואָג איך מיר פון לעבען אַפּזאָגען?

מיר קלינגען איצט אין די אויערען ב.'ס ווערטער, וואָס ער האָט צו רעי וועגען מיר היינט געזאָגט.

„וואָס טהוט זיך מיט די... מאָדנע מיידעל, וואָס זי איז! זי האַלט זיך אויף י ק ר ו ת? אָדער וויל זי זיך אין אַ מאָנאַס־טיר אריינגעבען? איז, דאַכט זיך, ניט קיין נאַר, און ווייס דאָך ניט ווי צו לעבען".

* * *

לעבען — האָב איך נעכטען איבערגעלייענט (ווי שילער זאָגט) — הייסט טרוימען. קלוג לעבען — אַנגענעהם טרוימען.

האָב איך זיך גענומען טרוימען.

„דאָס לעבען איז אַן אויגענבליק צווישען צוויי עוויגקייטען", האָב איך איבערגעלעזען וואָס פּלאַטאָן זאָגט, און ז י ך געפרעגט: צו וואָס זאָל איך צוליב אַן אויגענבליק אזוי פיעל טראַכטען? ס'איז ניט כדאי. וועל לאָזען אַלעס געהן ווי ס'געהט, און גאָר. לאָז דוכטען, איך בין ניט איך, נאָר אַן אַנדערע. וואָלט מיר עפּעס ארען, וואָס עס וואָלט מיט מיר געווען? אפילו אַ האָר אויך ניט!

און כ'האָב אַפּגעמאַכט ביי זיך, ס'זאָל מיר פאַר זיך, ווי פאַר אַן אַנדערער, גאָר ניט ארען.

גאָרקי האָט געזאָגט, דאָס „מען בעדאַרף זיך בעציהען צום לעבען גלייכגילטיג און זיך עס ניט פערשטערען דורך פילאָזאָפירען".

„דאָס לעבען ווערט אָפּגעשאַצט ווי אַ פּאַבעל, נישט לויט די גענג, נאָר לויט דעם אינהאַלט.“

כ׳וועל זעהן זוכען מעהר אינהאַלט מיין לעבען צו געבען.

כמעט אַ גאַנצע וואָך ווי כ׳האָב ג. ניט געזעהן, און ער איז דערפאַר אין מיינע אויגען — אויסגעוואַקסען. זיין אַבוועזענהייט האָט מיר געגעבען אַ מעגליכקייט, איהם פאַרשטעלען פאַר זיך בעסער ווי ער איז...

ווען ער וואָלט וויסען, וואָס אין מיר איז פאָרגעקומען, וואָלט ער זעהר קלוג געטהאָן, נאָך און נאָך, און נאָך אַ וואָך ניט צו קומען. נ אָ ר נ י ט קומען! וואָלט זיך דאַן אַ בעסערע מיינונג וועגען איהם געשאַפען... אָבער ער איז נעכטען, אויפ׳ן זיבעטען טאָג, אין אָוועגד, צו מיר אריין און מיט אַ פאַרשענדען בליק געפרעגט, וואָס איך האָב... וועגען איהם געטראַכט.

ער איז זיכער, האָט ער געזאָגט, דאָס איך האָב וועגען איהם געטראַכט. עס איז פאַראַן אַזאַ קראַפט וואָס מאַכט צו טראַכטען וועגען אַ מענשען, פון וועלכען מען איז האַרציג בעליעבט. — —

איך האָב אַ טראַכט געטהאָן צו דער צייט וועגען אַ. — טראַכט ער אָפּט וועגען מיר?...

— איך האָב זיך זעהר געצוואונגען, — האָט ג. געזאָגט — צו אייך ניט צו קומען און... האָב שוין אָבער מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען. איך האָב געפיהלט דאָס איך מ ו ז אייך זעהן. און איהר, האָט איהר מיך געוואָלט זעהן? אמת, איהר האָט נאָך מיר געבענקט.

— ... עס האָט זיך געבענקט —

— גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין?

— אַזוי.

— ניט ספּעציעל נאָך מיר? ניט נאָך מ י י ן ליעבע?

— ... נאָך לעבען.

— אָה, נאָך ל ע ב ע ן! — ווערל, דאָס איז דאָך ענג מיט מ י ר פערבונדען. איך מיט ל ע ב ע ן זיינען גאָר ווי אַנדערע צוויי. ווען עס ווילט זיך לעבען, זאָלט איהר זיך צו מיר ווענדען...

ניט ווארטענדיג ביז כ'וועל מיך צו איהם נאָך דעם ווענדען, האָט ער זיך דאָס מיר גענומען געבען: ווי א פינקטליכער „דזשע־ניטאָר" האָט ער, דערזעהענדיג אז ס'איז שוין צעהן דער זייגער — די געז איינגעדרעהט. איז פון א י ה ר אויף דו אריבער און זיך מיטביידע הענד און מיט כעס צום נידערטרעכטיגען קאָרסעט, וואָס אויף מיר, גענומען: צו וואָס דאַרף מען אזא אינקוויזיציע, צו וואָס? דאָס שעהנסטע איז צו זיין ווי מ'איז, ווי די נאַטור האָט בעשאַפען. צו וואָס זיך שטייפען, קוועטשען? — — — —

כ'האָב מיט אמאָל אויפגעהערט צו טרוימען. ס'האָט מיר מיט אמאָל פאר זיך אָנגעהויבען אַרען, און כ'האָב מיך פאר זיך גענומען אָנגעמען... ג. האָט עס ניט געוואָלט ליידען ווייל, נאָך זיין מיינונג איז דער מאָמענט געווען דער פאַסענדסטער פאר ל ע ב ע ן. פונקט איצט... — —

— ניין, ניין, ניט איצט, נ י ט איצט —

— פאר וואָס ניט איצט?

— פרעגט ניט.

— איך פערשטעה... —

„ניט מעהר פון א טויטען" — האָט זיך מיר געוואָלט דער־זאָגען, אָבער, כ'האָב עס פערשוויגען: אבי זיין „פערשטעהן" האָט איהם געמאַכט מיך צורוה לאָזען — — — —

* * *

איך האָב א לאַנגע צייט נאָך ג.'ס אוועקגעהן ניט געקענט איינשלאָפען. בין מיט אָפענע אויגען געלעגען און צום „גאַנג" פון א זייגער הינטער'ן וואַנט זיך צוגעהערט.

די צייט איז געגאַנגען. קוים וואָס זי האָט זיך געשלעפּט. עפּעס אזוי ווי זי וואָלט פון איהר אייביגען גאַנג איהרע כוחות פערלאָרען. — — —

---

מיין אָפּטשעפּען זיך דעם מאָל פון ג. איז מיר גרינג אָנגע־קומען. און מיר בלייבט נאָר איבער צו טראַכטען — ו ו י שווער דאָס וועט מיר אַן אַנדער מאָל זיין ווען ער וועט מיך ניט א ז ו י „פערשטעהן".

ווי מיין לעבען האָט פאַר מיר קיין ווערטה ניט, איז עס מיר דאָך אַ שאָדען פון זיך  אַ ז אַ  סוף צו מאַכען...

איך קען שוין אין דעם  אָ נ ה ו י ב  פון  אַ ז אַ  לעבען מיין סוף זעהן. — —

און ניט מעהר זאָל איך איהם צו זיך לאָזען קומען אויף צו דארפען זיך ביי איהם בעטען ער זאָל שוין אוועקגעהן!

דאָס איז אַזוי ווי אונטערצינדען אַ הויז און זי דערנאָך זוכען צו לעשען. — — —

עפּעס איז אין מיר וואָס שטויסט מיך, אי זיך, אי איהם צו רייצען. איז דאָס פיליכט צוליעב דעם וואָס איינער וויל ניט נאָכקומען  מ י י ן  ליעבע, זוך איך צו געהן געגען דעם ווילען פון אנדערען?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי נאָר ג. איז היינט אריינגעקומען, האָט ער אריינקוקענ־יג מיר אין די אויגען, מיך געפרעגט ווי איך פיהל.

— אָלל־רייט.

— אָלל־רייט — אָלל־רייט?... — האָט ער מיט אַ שמייכעל איבערגעפרעגט און מיט בעזונדערע צערטליכקייט מיין באַק אַ גלעט געטהאָן.

ער האָט זיך שטאַרק, זעהר שטאַרק מיט מיין „אָלל־רייט“ געפרעהט. גאָר פאַר פרייד ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. און ווי וועלענדיג מיך דערפאַר בעפרידיגען, געפרעגט אויב איך וואָלט וועלען זיך געהן אביסעל אַמוזירען.

— אַמוזירען? — יאָ, פאַר וואָס ניט? — כ'האָב גאָרנישט געהאַט דאַגעגען. „בעסער אַזוי“ — האָב איך אַ טראַכט געטהאָן: זיין מונטערקייט האָט אין מיר אריינגעוואָרפען אַ געדאַנק וועגען די שוועריגקייטען וואָס מיר קען פּאַרקומען אויסצושטעהן איהם פון צימער שפּעטער ארויסצוטרייבען, אַזוי ווען ער ועט וועלען שפּעט צוריק אריינקומען, וועל איך דאָס שוין זעהן ניט צו דער־לאָזען. — —

אָבער, האָט ער זיך כּאַפּענדיג פאַר זיינע קעשענעס געזאָגט. ער האָט זיך פערגעסען פון  י ע נ ע ם  „סוט“ דאָס געלד אין  ד י  קעשענעס אריבערצולייגען: אַזאַ פערפלוכטע געוואוינהייט דער

פערגעסען זיך איז! איך וועל איהם שוין מוזען דערפאר נאָך א מאָל ענטשולדיגען...

זיין ענטשולדיגען זיך, האָט ער געוואוסט, איז אַן איבריגע זאַך. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווי ער האָט אזא זאַך פערגעסען און איך האָב עס איהם פערגעבען. איך האָב פאר איהם דאָס געלד אויסגעלייגט. עס פערשטעהט זיך דאָס א י ך האָב פאר איהם ניט געצאָהלט. כ'האָב א י ה ם דאָס געלד געגעבען, כדי ע ר זאָל זיין דער „קאוואַליער". נאָך א ז א „הלואה" איז, ווי גע־וועהנליך, צוגעקומען נאָך אַן אנדער ענטשולדיגונג, אַן ענטשול־דיגונג פאר פערגעסען זיך דאָס „געליהענע" אָבצוגעבען...

איך האָב עס, זעלבסטפערשטענדליך, נ י ט געמאָהנט. ס'איז דאָך אזוי נאַטירליך אז א צוקונפטיגער פּראָפעסאָר זאָל זיך אויף קליינינגקייטען בעצייטענס אַנהויבען צו פערגעסען...

צו זיין פערטהיידיגונג מוז געזאָגט ווערען, דאָס ער זוכט ניט צו לייהען מעהר ווי ער דאַרף. און ער איז זעהר שפּאָרזאָם: פאר אנדערע כמעט אזוי קאַרג, ווי פאר זיך אליין...

„געלד", זאָגט ער, „איז א נויטווענדיגקייט. איין דאָלאַר „סייפט" אַן אנדערען. דאָס איז אַלע מאָל גרינגער אויסצוגעבען ווי צו — מאַכען. ס'איז זעהר אַן ערדעלע זאַך..."

איך האָב ג. אויף מיין „פּאַקעט־בוק" אָנגעוויזען, ער זאָל פון איהם די „ערדעלע זאַך" ארויסנעהמען, און בין אליין צום שפּי־געל צוגעגאַנגען, זיך די העט אַנצוטהאָן.

ער איז, ווען ער האָט דעם „פּאַקעט־בוק" אָבגעלאָזען, צו מיר צוגעגאַנגען:

— ביזט שעהן, — האָט ער צופריעדען געזאָגט, — קוקסט היינט אוים אזוי מילד, אזוי ווייך, אזוי... נאָכגעביג. ניין?...

— יע? — האָב איך, אום עפּעס צו ענטפערען, געפרעגט.

— יע, הונדערט מאָל יע! ט ו י ז ע נ ד מאָל יע! — האָט ער מיט בעגייסטערונג צוגעגעבען. — דיינע אויגען זאָגען: „זעהסט? איך ז ע ה שוין, איך זעה וואָס ל ע ב ע ן הייסט! דאָס לעבען איז שטאַרקער פון אַלץ און איך גיעב מיך איהם אונ־טער..." זעהסט, זאָגט היינט דיין שווייגען, ה י י נ ט בין איך גרייט צו ליעבען... היינט וויל איך מיר מיט'ן לעבען פער־

זענליך בעקענען: היינט בין איך... „אָלל־רייט“! זעהסט, צוויי דאָלאַר האָב איך פון „פּאַקעט־בוק“ גענומען. צוויי וועט זיין גע־נוג. מיר׳ן נאָך אריינגעהן אין א רעסטאָראַן וואָס צובייסען אויך. איך בין נאָך פאר „סאַפּער“, זיך געאיילט צו דיר... וואוהין וואָלסטו וועלען מיר זאָלען צוגעהן, צו א טהעאַטער אָדער... „מואווי“? אפשר ווילסטו וואָדעוויל? —

— בעסער, — האָב איך געזאָגט, — זעהן א דראַמע. —

— אָבער וואָדעוויל איז... לייכטער. מיר ווילען דאָך ניט היינט קיין שווערע זאכען איינ נעהמען. מיר ווילען ניט וויינען. אמת, אונז ווילט זיך היינט... לאַכען? מיר ווילען זעהן די פרעהליכע זייט פון לעבען. אויב דו ווילסט, קענסטו דערפון אויך א סך לערנען. ווילסטו זיך היינט עפּעס לערנען?

— זיך לערנען שאַדט קיינמאָל ניט. —

— ווייסטו וואָס? — לאָמיר גאָר צוגעהן צו א לעקטשור!

— א לעקטשור... איבער וואָס?

— איבער... ווילסטו, איבער פרייע ליעבע!... קום! „די קאַפּ“ פון די אַנאַרכיסטען רעדט היינט אין „ריקווערטס“ האָל. קום, וועסט איהם הערען און דיר וועט א סך קלעהרער ווערען דאָס, וואָס דו... מעגסט היינט ויסען... קום, וועסט קיין חרטה ניט האָבען... אגב וועסטו פון דאָרט ארויסטראָגען א בעגריעף וועגען מיר, אז, אז... איך וויל דיך ניט פאַרנאַרען. כ׳זוך דיך ניט צו פערפיהרען. כ׳וויל אז אלץ זאָל צוגעהן מיט דיין צושטימונג. פערשטאַנען?... א? — — — — נו, מיט דער רעכטער פּוס! — האָט ער לעבהאַפט א קאָמאַנדעווע געטהאָן. און מיר זיינען ביידע פון צימער אין סטריט ארויסגעגאַנגען.

— ווי גוט אין סטריט איז! — האָט זיך ביי מיר ווי פון זיך אליין אויסגערופען.

— אמת, גוט? — האָט ג. געפרעגט, אזוי ווי ער וואָלט עם מיר די סטריט געגעבען. — אלץ וועט דיר היינט אויסזעהן גוט; אלץ, וויל... אין דיר איז אן ענדערונג פאָרגעקומען. אמת, דו האָסט אין דער צייט א סך איבערגעקלעהרט?...

— אמת...

— האָסט זיך ענדליך בעשלאָסען צו זיין ווי אנדערע...

— וועלכע אַנדערע?

— אַט די וואָס האָבען אין זינען דעם איצט און שפּייען אויפ'ן שפּעטער.

— אַח, ד י... כ'וואָלט מיך זעהר וועלען מיט ד י בעסער בעקענען; הערען וואָס יענע האָבען צו זאָגען...

— הער מיך, וואָס א י ך זאָג, איך בין דאָך פון י ע נ ע; איך בין איינע פון ד י — —

— איך מיין ניט א י י נ ע ר, כ'מיין א י י נ ע: א פרוי.

— וואָס איז דער אונטערשיעד? א מאַן, א פרוי — אין ד ע ר בעציהונג זיינען ביידע גלייך, אבסאָלוטלי ג ל י י ך. וואָס ביידע טאָרען אין אַזאַ פאַל ניט פערגעסען, איז, צו געדענקען, אַז מען איז פ ר י י ע מענשען; מענשען וואָס האָבען ק י י נ ע פליכטען; מענשען וועלכע זיינען אַזוי לאַנג פערבונדען ווי די ליעבע האַלט אָן. איז די ליעבע אויס — איז א ל ע ס אויס. איהר פערשטעהט?

— איך פערשטעה, כ'פערשטעה. רעדט ווייטער...

און ער האָט גערעדט:

— די צרה מיט די מעהרערע איז, וואָס זיי זיינען אונערפאַהרען. ס'איז זעהר ניט גוט צו האָבען מיט אונערפאַהרענע צו טהאָן: זיי שטעלען זיך פריהער צופיעל פאָר, און זאָגען דערנאָך, דאָס מען האָט זיי אָפּגענאַרט; זיי לאָזען זיך אַליין איינגלויבען אין אייביגע ליעבע און פיהלען זיך דערנאָך ענטוישט. ווארום עס איז ניטאָ קיין אייביגע ליעבע. קיין זאַך איז ניט אייביג, אויסער... די אייביגקייט. ווען מען „געהט" לעבען, דאַרף מען האָבען אין זינען דאָס... מען לעבט ניט אייביג... אַלץ איז ביז א צייט... איז דהאַטס סאָ?

— ... יעס...

— וועלל, טייערע, — האָט ער צופריעדען פון מיין „י ע ס" מיין האַנד א דריק געטהאָן, — ד אָ ס א י ז ל ע ב ע ן: ניט אויסמאַכען קיינע פּראָגראַמען אויף יאָהרען, יאָהרען און יאָהרען. מ'דאַרף קוקען אויף אַלץ מיט אָפענע אויגען. ווייסט, א סך מענער ווילען גאָר ניט האָבען צו טהאָן מיט אונערפאַהרענע: ס'געהט

צופּיעל צייט אוועק אויף ערקלערונגען. מיט יונגע, כ׳מיין זעהר יונגע מיידלאַך, איז גאָר אַן אומגליק. זיי וואַרפען זיך פריהער אויפ׳ן האַלדז און דערנאָך וואַרפען זיי די גאַנצע שולד אַרויף אויף... אַנדערע: מען האָט זיי „פאַרפיהרט!“ — — זיי זיינען נאָך גערעכט!

— אַזאַ געמיינהייט...

— אַ גרויסע געמיינהייט! — האָט ג. אויסגערופען, אַפּשי־קענדיג די געמיינהייט אויף דער זייט פון די מיידלעך, פערשטעהט זיך. — עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי פ ע ר פ י ה ר ע ן. אָבער זיי זאָגען אַזוי, און מען גלויבט זיי. מיינעם אַ בעקאַנטען האָט מען צוליעב אַזאַ איינער אין דזשייל פערשיקט. איך האָב מיר געגעבען אַ וואָרט, פון אַזעלכע צו וויכען. אַז יאַ זיין אינ־טים, איז מיט אַן ערוואַקסענעם, זעלבסטשטענדיגען מענשען, מיט איהר צושטימונג אויף אַ ל ע ס, מ׳זאָל איינע צו די אַנדערע קיין טענות ניט האָבען... ניט אַזוי?

— שור!...

—ווי גוט דו פערשטעהסט מיך! — האָט ער ענטציקט אויסגערופען און מיין אָרעם פעסט צו זיין זייט געדריקט.

דאָס איז געווען אַן אמת: כ׳האָב איהם טאַקע גוט פערשטאַנען. כ׳האָב, ווי מ׳זאָגט, ב ע ש י י נ פ ע ר ל י ך געזעהען, ווי ער זוכט מיך צו אַ ל ע ס צ ו צ ו ג ר י י ט ע ן. ער זוכט זיך פון יעדער פעראַנטוואָרטליכקייט אויף שפּעטער פער־ש ו י ן. כ׳האָב איהם געלאָזען אַזוי ריידען. ס׳איז איהם גע־זאָרגען... כ׳האָב איהם געלאָזען אַזוי ריידען. ס׳איז איהם גע־ווען אינטערעסאַנט צו הערען און דערביי טראַכטען, דאָס זיינע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפען.

ער האָט מיט זיינע רייד ניט געצויגען צום ל ע ב ע ן, נאָר אָפּגעשטויסען. — — — — — — — — — — — — — — —

זיך פיהלענדיג בעשיצט דאָס זיינע רייד זאָלען זיך צו מיר ניט צונעהמען, האָב איך, מיט איהם געהענדיג, שטאָלץ און אָפען אין די אויגען פון פערשיעדענע מענשען געקוקט.

ג.׳ן איז מיין קוקען ניט געפעלען געוואָרען:

— עס איז ניט שעהן, — האָט ער געזאָגט, — אַזוי אין די אויגען פון אַ יעדער מאַן אַריינקוקען!

— ניט שעהן! פאַר וואָס? —
— דאָס קען זיי מאַכען מיינען, אַז... דו מיינסט עפּעס.
— אה, איך זעה... אָבער פאַר וואָס קוקען זיי אַזוי?
— זיי זיינען מ ע נ ע ר.
— איך זעה... אָבער, וואָס איז דער אונטערשיעד?!
— וואָס מיינסטו, וואָס איז דער אונטערשיעד?!
— איך מיין: אַ מאַן, אַ פרוי — ז'זיינען ביידע גלייך!..
ביידע האָבען אַ רעכט צו זיין פריי צו קוקען וואו זיי ווילען!..
— אה, — ווילט זיך דיר, ווען דו געהסט מיט מיר, קוקען אויף אַנדערע?
— דעם אמת זאָגענדיג — יע!
— אַזוי... ס'איז זעהר ניט קיין אַנגענעהמער אמת...
— דאָס רוב אמת'ן זיינען אַזוי...
— דאָס איז אויך אמת...

* * *

— מערקווירדיג איז ד אָ ס, — האָט ג. צו מיר, זיצענדיג שוין ביי איינעם פון'ם מילכיגען רעסטאָראַנט'ס טישלעך, אין אַן ערנסטען טאָן געזאָגט: — וואָס אַ מיידעל, כל זמן מען גיט איהר ניט אריין קיין נייע געדאַנקען אין קאָפּ, קען זיין זעהר בעשיידען. ווערט זי שוין אָבער אַ פרוי, הויבט זי עס אפילו נאָר אָן, אין איהרע אנשויאונגען, צו ווערען, — פערלירט זי די בעשיידענהייט, זי ווערט אָן די פריהערדיגע האַלטונג און קוקט, ווי זי וואָלט אויף עפּעס ארויסרופען — גלייך אין די אויגען... — מענער זיי־נען ניט אַזוי.

— מענער האָבען ניט וואָס אָנצואווערען.
— זיי האָבען שוין דוקא יא וואָס אָנצואווערען. ס'פאַראַן אַזעלכע מענער, וואָס זיינען מעהר שעמעוודיג ווי ווערלכע פרויען. זיי ש ע מ ע ן זיך טאַקע —
— מסתמא האָבען זיי זיך מיט וואָס צו שעמען.
— ניין, זיי האָבען נ י ט. אביסעל פריהער, אמאָל, ווען איך בין געווען —
— אַ געלעכטער אָן אַ זייט —
— ביי ווע‌מען ס'איז אַ קרומער מויל —

ג. האָט מיך אַ צייט אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט ביי זיך וועלען בעשלאָסען, צי אויסריידען מיר פאַר מיין מיט שפּאַס נעהמען זיין ערנסט, אָדער לאָזען מיר לאַבען אַזוי, פון פרעהליכקייט וועגען... צושטערען מ י י ן מונטערקייט וואָלט דאָך הייסען אַזוי גוט, ווי אַוועקנעהמען פון מיר די שטימונג, וואָס האָט אַזוי פיעל צ ו ־ ש ט י מ ו נ ג ארויסגעוויזען!... האָט ער זיך בעשלאָסען אינדי־רעקט מיך צו „אַדוקירען“.

— עס זיינען פאַראַן מיידלעך, — האָט ער געזאָגט, — וואָס קענען, אַפּילו ווערענדיג פרויען, זייער מיידעלשען חן פער־היטען. מיידעלשער חן בעשטעהט אין נ י ט בעשטעהן, אום די זייטיגע מענער, ווען זיי קוקען זיך אויף איהר אום... זי דאַרף זיי קיין אויפמערקזאַמקייט ניט שיינקען. ווען אַ מיידעל געהט מיט איינעם, דאַרף זי איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף איהם קאָנצענטרירען. קיינע אַנדערע דאַרפען פאַר איהר צו דער צייט ניט עקזיסטירען.

— און ע ר?

— ער אויך אַזוי. ווען איך זאָל זיך, צום ביישפּיעל, אין דיין אַנוועזענהייט מיט אַן אַנדערער פעראינטערעסירען, טראָג איך דיר אָן דערמיט אַ פּערזענליכע בעליידיגונג. וואָלסט עס געוויס ניט וועלען ליידען! אמת, אַזוי?

— ... איך ווייס ניט... זיך פיהלען פּערזענליך, אין אַ ז אַ פ אַ ל בעליידיגט אָדער געקריינקט קען מען, דאַכט זיך, נאָר דאַן, ווען מען איז אייפערזיכטיג, און אייפערזיכטיג קען מען נאָר זיין אויף אַזעלכע, וועלכע מען ליעבט...

— איך בין אויף דיר אייפערזיכטיג. גוט?

— ס'איז נ י ט גוט.

— פאַר וואָס ניט? ווי באַלד, אַז דאָס איז אַ בעווייז פון ליעבע, ווילסטו דען ניט איך זאָל דיר ליעבען?

— ניט אַזוי, אַז דאָס זאָל שטערען מיין פרייהייט.

— צו וואָס דאַרפסטו די פרייהייט? — האָט ער איראָניש אַ לאַך געטהאָן.

— צו ליעבען וועמען א י ך וויל...

— אה, אפשר ווילסטו ליעבען מעהר ווי איינעם אויף אמאל?
— אפשר ——!

— איך דענק דאס דיר איז שוין פערשפארט צו געהן צום לעקטשור, ביזט פארבערייטעט פאר... ל י ע ב ע מעהר ווי מען דארף... מיט דיר איז: אדער גאר אדער גאר ניט...
— דאס איז וואס מיט מיר א י ז ————

דער וועיטער האט דערלאנגט לאטקעס, און ג. האט עס מיט א כעס'דיגען אפעטיט געגעסען... מיין אויסערגעווועהנליך שנעלע זעלבסט־ענטוויקלונג האט אויף איהם שלעכט געווירקט. ער האט שוין מורא געהאט, כ'זאל נ י ט אויפהערען צו ל י ע ב ע ן איידער איך האב עס אנגעהויבען...

— איך האב מורא, — האט ער ווי אין בעשטעטיגונג צו מיין געדאנק געזאגט — דאס דו וועסט זיך זעהר גיך... אויסליע־בען...
— כ'האב אויך מורא...
— זעהסטו ניט די שעהנקייט דערפון, בלויז דעם ציניזם?
— כ'וויים ניט וואס איך זעה, איך ווייס נאר, אז אויב איינעם זאל זיך איינגעבען צו פערשוועכען מיין היילינקיים, וועט איהם אבער ניט געלינגען צו מאכען מיר פערגעטערען זיין זינד...
— וועלל, — האט ער נאכגעביג געזאגט, — ס'איז אינטע־רעסאנט, נאך אלעמען, צו זעהן ווי די היילינקייט וועט זינדיגען. ס'קען זיין דאס דו וועסט דורך זינדיגען א סך פערפיהרערישער, רייצענדער ווערען. די טוגענד ווי ריין זי איז, איז זי בלאס און לאנגווייליג. די זינד — דאס איז ל ע ב ע ן. די וואס זינדיגט ניט — זינדיגט... וואס מ'דארף אין זיך האבען, כדי צו קענען שעהן זינדיגען, איז — עלעגאנץ, טאקט, אויסגעהאלטענקייט און —
— וואס נאך? — האט דער וועיטער צוקומענדיג געפרעגט — טהיי אדער קאפע?

ג. האט איהם א ווײלע צומישט אנגעקוקט און מיך געפרעגט וואס א י ך וויל.

געוואלט האט זיך מיר א גלאז וואסער, אבער דאס וואלט דאך געווען ניט שעהן צו „ארדערן" און כ'האב געזאגט ער זאל מיר געבען סאלארי טאניק.

ג. האָט אָפּגעוואַרט ביז דער וועיטער האָט דערגרייכט א וויטערען טישעל, און געזאָגט דאָס ער האָט איהם פיינט. ער האָט בטבע פיינט וועיטערס. זיי קוקען נאָר אויס אויף „טיפּס" און ער איז פּרינציפּיעל געגען דעם. און דערווייַלע האָט ער זיך דערמאָנט דאָס ער האָט פערגעסען וואו ער האַלט, בעפאָר דער וועיטער האָט איהם איבערגעשלאָגען.

איך האָב איהם דערמאָנט: עלעגאַנץ, טאַקט, אויסגעהאַלטענקייט און —

טעמפּעראַמענט! — האָט ער צוגעגעבען.

— פּונקט דאָס וואָס מיר פעהלט...

— נישקשה, וועסט עס האָבען. — האָט מיך ג. געטרייסט. — מיט'ן עסען קומט דער „אפּעטיט"... „אָרדערען" נאָך א פּאָרציע לאָטקעס? — האָט ער האַלטענדיג שוין ביי דער לעצטער לאָטקע געפרעגט, — אָדער גאָר בלינצעס? — בלינצעס רעכענען זיי טייערער. —

— עס קומט אויס אַזוי לאַנג אויף דעם צו וואַרטען —

— נו, וואָס האָבען מיר קיין צייט ניט? ס'איז ערשט א פּערטעל צו אכט. אָנפאַנגען וועט זיך דער לעקטשור ניט פריהער פון האַלב נאָך אכט. אַלץ איינס — האָט ער צוגעשמייכעלט, — וועט מען דעם וועיטער דאַרפען לאָזען א טיפּ, איז זאָל ער זיך נאָך א ביסעל בעמיהען. דו ווילסט מעהר גאָרנישט?

— גאָרנישט.

— ווייסט, ס'איז א „באַרגען" דיך צו האָבען פאַר א ווייב, — האָט ער געלאַכט. — עסט א ביסעלע. וואוהין, אויף וועמען קוקסט דו, וועמען האָסטו דאָרט איצט דערזעהן?

איך האָב דערזעהן רעי מיט... אימיצען. זיי זיינען פאַר'ן טהיר פון רעסטאָראַן געשטאַנען, און זיך ווי מישב געווען אריינצוגעהן אָדער אוועקגעהן. דערזעהענדיג אונז פון וויטען, האָט זי זיך גענומען דערנעהנטערען. דער א י מ י צ ע ר האָט זי נאָכגעפאָלגט.

— ווער דאַרף זיי דאָ? — האָט זיך ג. אונצופריעדען א קרים געטהאָן; — איך וואָלט היינט ניט וועלען זעהן קיינעם.

א ב ס אָ ל ו ט ל י קיינעם ניט. נאָר דיך — — — בלויז דיך און ניט מעהר... „ליעבע, גוטע, טייערע"... — האָט ער אריינגע־כאַפּט זאָגען ביז יענע זיינען צו אונזער טישעל צוגעקומען.

רעי האָט אונז בעגריסט און בעקאַנט געמאַכט מיט איהר בעגלייטער, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין דער יונגער אינזשעניער, מיט וועלכען זי האָט זיך צו א געבורט קאָנטראָל לעק־טשור בעגעגענט. ער האָט אויך זיך געטראָגען א גרויען קעסטעל־דיגען מאַנטעל, א גרויע ווייכע הוט, און גרויע האַנדשוה. רעי איז געגאַנגען כמעט אין גאַנצען אין שווארצען אָנגעטהאָן. איהר פּנים אָבער האָט אויסגעזעהן גרוי, בלאַס; זיין פּנים — וויים, רויטליך און דאָס האָט זיך זעהר שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען...

זיי האָבען זיך ביי אונזער טישעל אוועקגעזעצט און געוואַרט פאַר א וועיטער. רעי האָט דערוויל דערצעהלט:

— מיר ווילען נ'ערגעץ געהן און ווייסען ניט וואו. מר. דייוויס — האָט זי אויפ'ן אינזשעניר אָנגעוויזען, — האָט גע־וואָלט געהן הערען עמאַ גאָלדמאַן ריידען איבער געבורטה קאָנטראָל, און איך וואָלט בעסער וועלען זעהן „וואו זיינען מיינע קינדער?" מ'זאָגט, אז דאָס איז ז ע ה ר א גוטע מואווינג פּיקטשור, ניין?

* * *

די פראַגע וועגען דער מואווינג פּיקטשור האָט רעי דירעקט געשטעלט צו ג. ווייל ער, האָט זי געזאָגט, ווייס אַלעס: ס'איז געוויס ניטאָ א זאַך וואָס ער זאָל נ י ט וויסען!

ג. האָט איהר בעדאַנקט פאַר דעם קאָמפּלימענט און זיין מיינונג געגעבען:

— „וואו זיינען מיינע קינדער?" — איז אַן אגיטאַציע פאַר האָבען קינדער אין פולען זינן פון וואָרט! דאָס איז —

— דאָס איז, — האָט איהם מר. דייוויס אונטערבראָכען, —

א ז אַ אגיטאַציע נאָר פאַר די וואָס קענען עס „אפאָרדען" צו האָבען. ס'נאָר פאַר די רייכע. די אָרימע — ניט. דער מאַן דאַרפען וויל האָבען קינדער און די ווייב ניט.

— ווי קען עס דער מאַן וועלען האָבען קינדער? — האָט ג. פערוואונדערט לאַכענדיג געפרעגט, — וועלכער מאַן וויל דאָס

אַזאַ זאַך? קינדער זיינען דאָך אַ לאַסט. אין אונזער צייט, ביי די בעדינגונגען, קען מען קוים אַליין דורכקומען. די פרויען אויך זיינען צופיעל פאַרטגעשריטען צו וועלען זיך איבער קינדער פערשקלאַפען. —

— די פרויען, — האָט מר. דייוויס געזאָגט, — מיינען מיט די קינדער צובינדען צו זיך די מענער... געוויסער מאָסען געלינגט עס זיי, אָבער אַז אָך און אַז וועה איז צו דער פרוי וועמעס מאַן עס פערבלייבט בלויז צוליעב די קינדער!

— וואָס איז? — האָט ג. געזאָגט. — ס'איז פאַר זיי דוקא גוט: קינדער מאַכען שוין דעם מאַן דער ווייב צו סופּאָרטען, און דאָס איז דאָך די הויפּט זאַך וואָס אונזערע פרויען זיינען אויסען. זיי ווילען ניט זיין זעלבסטשטענדיג. איז אַזוי, אָהן קינדער, פּאַסט עס ניט. קינדער — זיינען שוין אַ גוטער תירוץ ווי צו קריגען „רעגעלע ווייזשעס“ פון דעם וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט צו זיין אַ טאַטע.

די „קאַוואַליערען“ אונזערע האָבען זיך אַזוי שטאַרק אין די רייד אַריינגעטהאָן, אַז זיי האָבען זיך שיער ניט דערוואָרגען מיט די הייסע לאַטקעס, וועלכע זיי האָבען ניט קייענדיג געשלונגען. רעי האָט צו מיר צוגעוואונקען, כ'זאָל זיך בעסער צוהערען, ווי ד ע ר רעדט... זיין בעזונדערע אויפריכטיגע בעציהונג צו געבורטה־קאָנטראָל האָט זי ניט איבריגעס שטאַרק בעגייסטערט. זי האָט אָבער וועגען דעם ווי בעשלאָסען גאָרנישט צו זאָגען. איהר שווייגען האָט שוין פאַר זיך אַליין גערעדט. ס'איז געווען דייטליך צו בעמערקען, דאָס זי האָט אָפּגעמאַכט איהר „מיינד“: ק י י נ ע „ליעבע“, ק י י ן וואַרטען. וויל ער ש ו י ן חתונה האָבען, איז רעכט; אַז ניט — איז: „זאָל ער מיר — ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, — געהן אין דער ערד אַריין!“

— און וואוהין געהט איהר היינט? — האָט מיר רעי געפרעגט. — וואוהין האָט איהר זיך אויסגעקליבען צו געהן?

— וואוהין די אויגען וועלען טראָגען — האָט זיך ג. פאַר מיר אַרויסגעכאַפּט צו ענטפערען. איהם האָט זיך, קענטיג, ניט געוואָלט זאָגען וואוהין, כדי זיי זאָלען אונז ניט נאָכגעהן.

— קומט מיט אונז, אָדער מיר'ן געהן מיט אייך וואוהין איהר

וועט געהן, — האָט רעי געזאָגט, און איך האָב דערצו גלייך צו־געשטימט. מיר האָט זיך דוקא געוואָלט, מען זאָל אונז ש ט ע־ר ע ן... מיר האָט זיך געוואָלט ג. זאָל מיט מיר זיין אונצופריע־דען און ניט וועלען און ניט קענען צו מיר, נאָך דעם אָבענד, אריינ־געהן. ס'האָט זיך מיר אין זיך געלאַכט פון דער פאָרשטעלונג, וואָס צווישען אונז ק ע ן פאָרקומען. ווי ענטווישט ער וועט ווע־רען, ווען ער וועט מיך א גלייכגילטיגע צו איהם נאָך דעם „אָלל־רייט" געפינען... פונדעסטוועגען האָב איך געפיהלט, ווי די גאַנצע קאָמעדיע אויסצומיידען, אָדער אויף אַן אנדער צייט אָפּ־לייגען.

— איז וואוהען געהען מיר? — האָט רעי ווייטער געפרעגט.

— וואַרט, — האָב איך געזאָגט, — מיר וועלען ארויסגעהן אין גאַס, וועלען מיר שוין זעהן...

וואַרטענדיגביים טהיר ביז אונזערע קאוואַליערען וועלען זיך ביים קאַסע פאַנאַנדערצאָהלען, האָט מיר רעי געבעטען, איך זאָל מיט איהר „יאָלד" „כאַפּען א שמועס" — אפשר וועל איך איהם בעסער ווי זי קענען פאַנאַנדערבייסען און אויסגעפינען, וואָס ער וויל...

איך האָב א ווייל געטראַכט, צי איך זאָל דאָס טהאָן.

— איהר האָט מורא, — האָט זי מיך געפרעגט — דאָס אייערער וועט זיין אייפערזיכטיג? אָדער, זייט איהר אפשר „דזשעלאָוס" אויף מיר? איהר האָט מורא, איך זאָל איהם פון אייך ניט אָפּריידען?

כ'האָב איהר פערזיכערט, דאָס כ'האָב פאַר די ביידע זאַכען קיין מורא ניט. אדרבה, זאָל זי איהם אָפּריידען. איך וועל זיין צופריעדען.

— דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, — האָט רעי געזאָגט — א ו ו אָ ס ער זאָל ניט זיין איז דאָס בעסער ווי... גאָרניט. ניין?

— געוויס ניין.

די „פערעהרער" אונזערע זיינען צו אונז צוגעקומען.

* * *

— אַלזאָ, געהען מיר! — האָט ג. צו מיר אין גאַס אויס־

גערופען, און געמאַכט אַ בעוועגונג, ווי מיט רעי און מר. דייוויס צו זעגענען זיך.

— וואוהין געהען מיר? — האָט רעי געפרעגט. — קומט אַלע, קומט זעהן „וואו זיינען מיינע קינדער?"

אַ צייט איז מען געשטאַנען און זיך געדונגען מיט'ן געהן, ביז עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אין ערגעץ ניט צו געהן, נאָר אַזוי דורכגעהן זיך, נעהמען אַ שפּאַציער איבער'ן ברוקלין ברידזש.

— ס'בעסער אַזוי, — האָט צו מיר ג. פון דער זייט געזאָגט.

— נאָכ'ן דורכגעהן זיך איז אַנגענעהמער אין אַ רום צו זיין...

כדי איך זאָל קענען אויסגעפינען, וואָס דער דייוויס איז, האָט זיך רעי צו ג. גענומען: זי דאַרף, זי מוז איהם איינינגע זאַכען פרעגען! זי האָט זיין אָרעם גענומען און איז מיט איהם פאָראויס אוועק. איך בין מיט דייוויס צו געהן איבערגעבליבען.

— מעג איך אייער אָרעם נעהמען? — האָט ער מיך, אויף זיי קוקענדיג, געפרעגט, — ערלויבט מיר. —

— אויב אייך איז שווער אַזוי צו געהן, אויב איהר מוזט זיך אָן אימיצען אָנשפּאַרען, —

— איך מיין, אַז אויך אייך וועט עס זיין אנגענעהמער.

— מיר איז אַלץ איינס.

— איך האָב געהערט וועגען אייך, וואָס איהר זייט פון די, וואָס האָבען זיך ליעב צו האַלטען פון ווייטען... רעי האָט מיר דערצעהלט.

— אויב רעי האָט עס דערצעהלט איז דאָס אָן אמת. רעי זאָגט ניט קיין ליגען. זי האָט מיר וועגען אייך אויך עפּעס דערצעהלט...

— יאָ? וואָס? כ'בין עס נייגעריג צו וויסען!

— איך זעה, דאָס איהר זייט נייגעריג.

— זאָגט, זאָגט, וואָס האָט זי וועגען מיר דערצעהלט?!

— זי האָט דערצעהלט, — האָב איך, טראַכטענדיג וואָס וועגען איהר דערצעהלען צו ערצעהלען, געזאָגט: — דאָס איהר זיינט אַ... גאַנץ סימפּאַטישער יונגערמאַן.

— דאָס אַלעס?

— איהר פערשפּרעכט פיעל. —

— ... וואָס ? —

— ... גליקען ... איהר פאַרבערייטעט זיך צו מאַכען אַ קאַריערע, צו זיין ערפאָלגרייך, צו מאַכען זיך אַ נאָמען, מאַכען אַ סך געלד.

— אָה, דאָס איז ניט... אינטערעסאַנט. כ'האָב געמיינט, זי האָט אייך דערצעהלט וועגען — — „מאַכען ליעבע". זי מוז דאָך א י י ך א ל ץ דערצעהלען. —

מיידלאַך, ווען זיי ריידען צווישען זיך — זאָגען אַלץ אויס. ביי זיי געהט עס עפּעס אין אַ מין איבערנעהמען זיך. מענער, זעהט איהר, זיינען... אויך אַזוי !

מיר האָבען זיך צולאַכט און ג. האָט זיך פון רעי אָפּגעקעהרט צו פרעגען מיך וואָס לאָך איך ; ער וויל עס וויסען. ער וויל אויך לאַכען, און האָט מיר גענומען איילען צו געהן אהיים. ער וועט מיך גיכער אהיים נעהמען ווייל... ער דאַרף נאָך נ'ערגעץ צוגעהן..

איך האָב איהם פערשטאַנען... כ'האָב געזאָגט, אַז אויב ער איילט זיך, וועלען מיר איהם ביז צו ארויסגאַנג פון בריק צופיהרען און זאָל ער געהן. וואָס אנבעלאַנגט מיר, וועל איך נאָך מיט זיי שפּאַציערען.

אויף אַזאַ זאַך האָט ער זיך ניט געריכט. ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טהאָן. וויפיעל רעי האָט ניט געבעטען ווייטער געהן, האָט ער ניט געוואָלט. זיך אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און בעס'דיג געשוויגען.

— זעצט זיך שוין אויך נעבען איהם, — האָט רעי מיט אַ לאַך צו איהם געזאָגט. איהר זעהט דאָך ווי ער — ליידט נעביך...

— אויב איהר קענט זיין ליידען ניט... פערליידען, טאָ זעצט זיך א י ה ר נעבען איהם, — האָב איך איהר געענטפערט. איך וויל מיט מר. דייוויס פאַרטזעצען דעם געשפּרעך, וועלכען מען האָט אונז אונטערבראָכען.

אַ צייט איז רעי מיט ג. געזעסען. אַ צייט בין איך מיט דיי־וויס ארומגעגאַנגען, ביז מיר האָבען זיך געלאָזען געהן אהיים. ג. האָט צו מיר גאָר ניט געוואָלט ריידען. רעי האָט גיכער געוואָלט וויסען וואָס ע ר האָט מיר וועגען א י ה ר געזאָגט. איך

האָב אויף ג.׳ס פּנים אַ קוק געטהאָן און — געבעטען רעי געהן צו מיר נעכטיגען, וועלען מיר קענען אונגעשטערט ריידען. רעי האָט אויף דייוויס אַ קוק געטהאָן און — איינגעשטימט...

איך ווינש, אַז דאָס וואָס ג. האָט רעי געוואונשען פּאָר זאָגען דאָס זי געהט צו מיר נעכטיגען — זאָל איהר קיין מאָל ניט מקוים ווערען... דייוויס האָט אויף מיר אויך מיט פאָרוואורף אַ קוק געטהאָן.ביידע קאוואליערען זיינען, ווי רעי האָט בעמערקט: ווי אַ פּ ג ע ש מ י ס ע נ ע שטעהן געבליבען, ווען מיר זיינען פון זיי אוועקגעגאַנגען — — —

* * *

רעי האָט געוואָלט מיין מיינונג וועגען ד י י ו ו, — ווי זי רופט איהם, — הערען און איך האָב איהר געזאָגט:

— ער איז ווייט ניט מיאוס, ניט זעהר נאַריש, אָבער ניט — אויסגעהאַלטען. ער ווייס נאָך אַליין ניט, ווי וואָס צו וועלען. עס קען זיין ס׳איז דערפאַר וואָס ער איז נאָך — צו יונג. —

— אָה, ער איז גאָר ניט אַ ז ו י יונג, — האָט רעי געזאָגט.

— איך בין ניט פיעל עלטער פון איהם. —

— איך זאָג עס אויף וויפיעל ס׳איז נוגע דעם אויסזעהן.

— זעהט ער אויס אַ סך אינגער פון מיר?

— אויף אַזאַ פראַגע איז שווער צו ענטפערען... עס ווענדט זיך — ווי אין וועמעס אויגען.

— לאָמיר אייך זאָגען, דאָס איהר זעהט אויך ניט אויס אינגער פון — גאַלל׳ן. איהר האָט דאָך דערפאַר ניט קיין פּעריבעל?

— אויף וועמען? פאַר וואָס? נאָר דער פערגלייך איז ניט קיין גלייכער. מיר האַלטען דאָך ניט ביי חתונה האָבען.

— איהר רעדט גאָר ניט דערפון

— ...ניין.

— ער וויל נאָר... ליעבען זיך?

— ...דאַטס־אָלל!

— און איהר? וואָס ווילט איהר?

— גאָר נישט.

— דאָס איז ניט אמת —

— אמת, דאָס איז ניט אמת, — האָב איך צוגעגעבען. וואָס איך וויל איז, לערנען די גאַנגען דורך וועלכע מען וויל מיך אין נאָמען פון „הייליגע" אידעאַלען מיט פעסטע פרינציפּען, נעהמען. איך וויל דורך איינעמס פערלאַנגען די שטאַרקייט פון מיין ווילען מעסטען. איך וויל אליין זעהן, ווי שטאַרק איך קען זיך געגען פּרעמדע „נייע" איבערצייגונגען האַלטען. צוזאַמען מיט אַזאַ איי־נעם, קען איך זיך בעסער אויסגעפינען, שטודירען ווי מען רופט עס און —

— אַט, ווערטער, ווערטער! — האָט מיר רעי אונגעדולדיג אונטערבראָכען. דער אמת איז דער: ער געפעהלט אייך און איהר ווילט עס ניט צוגעבען, ווייל איהר צווייפעלט אויב ער וועט א י י ך אַזוי לאַנג ווי איהר וואָלט עס וועלען, קענען ליעב האָבען.

— אויב איהר ווילט אַזוי דענקען וועגען מיר, איז — דענקט ווי איהר ווילט. מיך אַרט ניט...

— איך דענק אַט וואָס, — האָט רעי נאָך אַ קורצען נאָכ־דענקען געזאָגט: מיר ביידע טויגען ניט פאַר'ן סאָרט לעבען ווי זיי ווילען. מיר נעהמען דאָס לעבען ערנסט, פערקלעהרען אויף שפּעטער און זיי, זיי ווילען נאָר לעבען מיט'ן מאָמענט. דער איצט שליסט פאַר זיי אויס אַלעס וואָס איז געווען און וואָס עס קען זיין. מיר אויף זייער אַרט וואָלטען אפשר אויך ניט אַנדערש ווי זיי געווען. —

— אפשר, אפשר!

— זאָגט איהר, אַז... איך קוק אויס צו אַלט?

— ניין, כ'האָב געזאָגט, דאָס ער קוקט אויס צו יונג...

— ס'איז אַלץ איינס. אָבער... איך פיהל מיך דאָך אַזוי יונג! ווען א י ז מען יונג אויב ניט דאַן ווען מען פיהלט זיך יונג? ! — האָט רעי אויסגערופען.

— ווען מען זעהט אויס יונג... אַ פרוי איז אַזוי יונג ווי יונג זי זעהט עס אויס צו זיין. אַ מאַן — ווי יונג ער פיהלט צו זיין...

— דאַרף מען זעהן אויסצוזעהן אינגער. דאָס איז מיין קליידען זיך אַזוי וואָס מאַכט מיך אויסזעהן עלטער ווי איך בין.

מר. גאָלל האָט עס מיר היינט געזאָגט... און ער ווייס וואָס ער זאָגט. ווי זאָגט איהר?

— ווי אמאָל.

— ער האָט מיך היינט געפרעגט, וואָס זיינען פאַר מענשען די, ביי וועלכע איך וואוין. ווי קוקען זיי, ווען מען קומט צו מיר אריין, און ווען געפין איך מיר נ׳דערהיים. צו וואָלט איך ווע־לען ער זאָל צו מיר ארויפקומען? — וואָס דענקט איהר האָב איך איהם אויף דעם בעדאַרפט ענטפערען? —

— ...דאָס וואָס איהר האָט איהם גענטפערט.

— וועלל, איך האָב איהם געפרעגט וואו ער קען נעהמען צייט צו מיר קומען, אז... ער דאַרף צו א י י ך געהן. —

— וועלל — ?

— האָט ער געזאָגט אז מען וויל, געפינט מען צייט פאַר אלץ וואָס מען וויל... די פראַגע איז נאָר אויב איך וויל. ער זאָל צו מיר קומען? — כ׳האָב איהם דאָס געהייסען ביי אייך פרעגען. אויב אייך מאַכט ניט אויס ער זאָל צו מיר קומען, — זאָל ער! אַלץ וואָס קען דערפון ארויסקומען איז, אז מיין צו־קונפטיגער אינזשענער זאָל אפשר ווערען אייפערזיכטיג און... אפשר ניט. ער וועט גיכער פון אַלץ טהאָן אַט וואָס: ע ר וועט צו אייך אוועקגעהן... איהר האָט איהם מיט זיך זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט.

— שוין?!

— שוין, שוין, זיי דאַרפען קיין סך ניט האָבען: א וואָרט, א שמייכעל, א „וואָק“ און — פאַרטיג. די ליעבע ברענט שוין ווי — — פאַקוליע פון א שוועבעלע. אגב קוקט איהר דאָך אויס צו זיין אינגער פון מיר... ס׳איז דאָך ווי מיר קוקען אויס, זאָגט איהר, וועלל, ווייסט איהר וואָס, האָט רעי געצוואונגען א לאַך געטהאָן. לאָמיר זיך גאָר מיט זיי בייטען!

אזוי ווי א ציגיינער וועגען פערד האָט זי וועגען זיי גע־רעדט!...

* * *

ג. איז צו מיר געקומען מיר געבען די מעגליכקייט זיך פאַר איהם צו ענטשולדיגען!

— ענטשולדיגען — פאַר וואָס? — האָב איך איהם אָנ־געקוקט.

— פאַר... איהר ווייסט פאַר וואָס. ס'איז זעהר ניט פיין אזוי שפּיעלען אויף יענעמ'ס נערוועז. פריהער געבען האָפנונגען, ערוועקען פערלאַנגען און דערנאָך, ווי אַ נאַר לאָזען מיט עפּעס אַן אידיאָט אין מיט'ן גאַס און אוועק צו זיך מיט אזא פּראָסטער מיידעל, וואָס זוכט זיך אזוי אָנצובינדען! וואָס פאַר אַ חבר'טע איז זי? איהרע מאַניערען זיינען אזעלכע — פּראָסטע. זי האָט גאָר קיין מאַניערען ניט! און דער „קאַוואַליער" איהרער, דער צוקינפטיגער אינזשעניר, מיט זיין געבורטה קאָנטראָל געגען איהרע „וואו זיינען מיינע קינדער?" ווי פּאַסט זיך דאָס פאַר דיר צו געהן מיט איהם געאַרעמט? כ'האָב געזעהן ווי שטאַרק ער האָט געדריקט דיין האַנד און דו... דו האָסט מיט איהם אזוי געלאַכט. וואָס האָסטו אזוי געלאַכט?

— ס'האָט זיך מיר געוואָלט לאַכען, האָב איך געלאַכט.

— נעכטען האָט זיך דיר מיט דעם פערוואָלט לאַכען, מאָר־גען מיט אַן אַנדערן — אַן אַנדער זאַך. ווי קען איינער, נאָך אַלעמען, דיר געטרויען און גאָר טראַכטען וועגען אזא זאַך ווי חתונה האָבען! פון אזא וואָס האַלט זיך אזוי פריי ביז דער חתונה, קען מען קיין בעסערס נאָך דער חתונה געוויס ניט ער־ווארטען...

— אַלזאָ?

— אַלזאָ, — האָט ער געוואָלט, איך זאָל זיך פאַר איהם ענטשולדיגען, געבען מיין עהרען וואָרט, דאָס ער וועט מעהר קיינמאָל אזוי ניט זיין. אוים אַכטונג צו ז י ך, דאַרף איך דאָס אַ ז ו י טהאָן.

איך האָב עס אוים אַכטונג צו זיך נ י ט געוואָלט טהאָן און ער איז אַן אויפגערעגטער, מיט'ן העט אין האַנד צום טהיר געלאָפען, זי האָסטיג אַן עפען געטהאָן און... לאַנגזאַם צוריק צו־געמאַכט.

ער האָט זיך אומגעקעהרט, כדי מיר ד אָ ך געבען די געלעגענהייט זיך פאַר איהם צו ענטשולדיגען!... אזא הויכמו־טהיגקייט האָט מיך אזוי געריהרט, אז... כ'בין געשטאַנען.

— בעט אום ענטשולדיגונג, — איז ער צו מיר צוגעטראָטען, — בעט כּל זמן ס'איז נאָך ניט צו שפּעט...

מיר האָט זיך איהם געוואָלט גלייך אין פּנים אריינלאַכען. כ'האָב מיך אָבער דערפון אָפּגעהאַלטען און נאָר אַ שמייכעל האָט אויף מיינע ליפּען געציטערט. — —

— צום לעצטען מאָל זאָג איך: בעט אום ענטשולדיגונג. כ'האָב מיין געלעכטער ניט מעהר אָפּגעהאַלטען.

— לאַך ניט!

— מאַכט זיך ניט נאַריש! —

— איך... ווער ווילד.

— איהר בעדאַרפט עס ניט ווערען..

— נאַ, איהר'ט זעהן. איהר וועט אויף דעם חרטה האָבען, איהר וועט מיך זוכען, צו קענען פאַלען פאַר מיינע פיס אום פערציהונג צו בעטען, אָבער, עס וועט זיין צו שפּעט. גלייכגילטיג וועל איך צוקוקען ווי איהר, אַן אָפּגענאַרטע אין אייערע ערוואַרטונגען, וועט אין שטויב פון אייער צובראָכענער האַרץ זיך אויף דער ערד וואַלגערען און אייערע הענד צו מיר אומזיסט אויסשטרעקען!

— אַך, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַר שעהנע שפּראַך איהר האָט!...

— שווייגט!... אייער איראָניע איז דאָ ניט אַם פּלאַץ!

— איהר זייט דאָ ניט אַם — צייט!

— איך האָב דאָ אַ רעכט צו זיין ווען איך וויל.

— געהט! — האָב איך איהם מיט'ן האַנד אויף דער טהיר אָנגעוויזען — געהט!

— גאָט מיינער, — האָט ער מיך פּלוצלונג מיט בעוואונדערונג אָנגעקוקט — ווי שעהן, ווי מאַיעסטעטיש שעהן דו ביזט אין דער פּאָזע! אַך, איך בעט דיך, האַלט אַזוי די האַנד אביסעל לייננער, פּליעז לאָז זי ניט אַראָפּ. אַך, ווען איך האָב דאָ איצט אַ קאַמערע. פאַר וואָס ביזטו אויף דער ביהנע ניט געגאַנגען. דו פּאַסט פאַר דער ביהנע. ווער ווייס וואָס פאַר אַ גרויסער טאַלאַנט אין דיר געהט פערלאָרען! גיעב מיר די האַנד, איך וועל זי צוקושען!

א נייער „טריק“, האָב איך א טראַכט געטהאָן און מיין האַנד נ י ט געגעבען: זאָל ער נאָר ניט מיינען, אז מען קען זיך אזוי גיך ענדערענדיג — מ י ך ענדערען.

ער איז צו מיר נאָהענט צוגעטראָטען, זיך אויף די קניע אראָפּגעלאָזען, מיינע הענט געזוכט אין זיינע אריינצונעהמען. זי ניט געפינענדיג האָט ער די קאָפּ ניעדעריגער אָנגעבויגען און מיטביידע הענד מיינע פּיס ארומגעכאַפּט אזוי דאָס איך האָב מיך אָן וועגטעל פון וויעג שטול געמוזט אָנכאַפּען כדי כ׳זאָל ניט אומפאַלען.

ווי באַלד אז איך האָב איהם ניט געבעטען מיר צו ענטשול־דיגען, האָט ער עס מ י ך געבעטען.

— דו מוזט, דו מ ו ז ט — מיר פערצייהען! איך האָב געגען דיר ניט ריכטיג געהאַנדעלט. דאָס איז די אייפערזוכט וואָס האָט מיך ווילד געמאַכט. איך האָב א גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען. כ׳האָב צו דיר גערעדט, הויך גערעדט, געליעבט און געהאַסט דערפאַר וואָס איך האָב דיך אזוי שטאַרק געליעבט.

— מיינע פיס — !

— דיינע פיס, זעהסטו, קוש איך. דאָס זיינען ניט דיינע פיס. דאָס זיינען מ י י נ ע פיס. זיי קריכען מיר טיעף אין מיין הארצען אריין. זיי געהען וועיט אין מיין נשמה. און צו וויסען אז ד י פיס זיינען געכטען מיט אַן אַנדערען ארומגע־גאַנגען! מיט אזא אידיאָט! קען דאָס זיין, אז דו זאָלסט מיך אויף איהם וועלען פערבייטען?

— ס׳איז מיר שווער אזוי צו שטעהן. —

— טאָ זעץ זיך. איך וועל דאָ פאַר דיינע פיס ווי א גע־טרייער הונד ביז גרויסען טאָג ליגען...

אזא׳ן עסק ביז טאָג איז מיר גאָר ניט געפעלען געוואָרען. אזוי גיך ווי ער האָט די פיס אָבגעלאָזען, כדי איך זאָל מיך קענען אוועקזעצען, בין איך צום פענסטער צוגעגאַנגען, און, טראַכטענ־דיג וואָס איך זאָל מיט איהם טהאָן, אין גאַס ארויסגעקוקט. די פרעמדע סטריט, מיט די פערנומענע מיט זיך מענשען, האָט מיך אויף צוריק פון קאַלטען פענסטער געשטויסען. כ׳האָב מיר אויף ג. אומגעקוקט. ער איז, מיט׳ן פנים אין זיינע ביידע הענד בע־

האַלטען, ווי אן אמת׳ער מאַרטירער, אויף די קניע פּאַר׳ן לײדיגען וויעג־שטול געשטאַנען.

* * *

כ׳האָב זײן ראָמאַנטישע פּאָזע בעטראַכט און זיך געשלאָגען מיט דער דעה, — זאָל איך איהם געהן העלפען זיך פון זײן קניע־ענדע לאַגע אויף זײנע פיס שטעלען, אָדער איך זאָל װאַרטען ביז די קניע װעלען איהם אַנהויבען װעה טהאָן און ער װעט זיך אַלײן אויפהויבען?

די ליכט אין האָל איז שוין געװעזען אויסגעלאָשען. די אַלט־קראַנקע, טויב־בלינדע דײטשקע האָט זיך שוין קענטיג געלײגט שלאָפען. די געז אין מײן צימער האָט בלאָטיג דונקעלע שאָטענס איבער די װענט צוואָרפען; דער װעק־זײגער האָט מיט זײן מאָנאָטאָנעם קלאַפּען געהאַלטען אין אײן זאָגען, דאָס די צײט געהט...

װען ניט ג., נאָר א. װאָלט צו דער צײט אין מײן צימער געװעזען, װאָלט איך אַלײן, מיט מײן אײגענער האַנד, די בלאָטיג־ברודנע שאָטענס פון די װענט צוטריבען... אײנגעהילט אין פינס־טערקײט, װאָלט איך מיך אויף׳ן פוס־בײנקעלע נעבען איהם גע־זעצט, װאָלט צו איהם אַרויפגעקוקט און... מײן פּנים אין זײנע הענד בעהאַלטען. איך װאָל אַזוי שװײגענדיג, איהם, אין געדאַנ־קען, אַלץ, אַלץ װאָס איך פיהל דערצעהלען — אָבער ניט א. איז מיט מיר געװעזען, נאָר ג. און... מיך האָט צו איהם ניט געצויגען. די שפּיעל אין ליעבע, װאָס האָט צײטענװײז געקענט אַמוזירען, האָט זיך צו אָפט װידערהאָלט און איז דערמיט צו לאַסט געװאָרען, און עס האָט זיך אַזאַ ליעבע ניט געװאָלט גנב׳ענען. פאַר מיר האָט זיך געפונען אײנער, װאָס האָט געװאָלט, איך זאָל מיך פערליעבען. — —

ער האָט זיך פון זײן קניהענדע פּאָזע אװעקגענומען און אין װיעג־שטול אַרײנגעזעצט. אויף די קאַרפּאַטע נעזער פון זײנע ניט געשײנטע שיך געקוקט און פון זײ צו מיר א פּאָאַר פער׳־גנב׳עטע בליקען געװאָרפען. ער האָט א װײלע געטראַכט; זיך א מיעדער פון שטול אויפגעהויבען, צום טהיר װי געצװאונגען צוגעגאַנגען.

— גוד־באַי! — האָט ער שטיל, אין אַן אַנגעבראָכענעם טאָן אויסגערופּען, ניט קוקענדיג אויף מיר.

— גוד־באַי! — האָב איך, מיט סימפּאַטיע צו זיין דער־שלאָגענקייט, איינפאַך געזאָגט.

— איך געה אַוועק...

כ'האָב שווייגענדיג אויף דעם צושטימיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— יא, איך געה אַוועק, — האָט ער מיט אַ פערטראַכטען בליק צום וואַנט און זיפץ ווידערהאָלט. אָבער, ער איז נאָך ניט אַוועק, נאָך אַלץ געשטאַנען. —

— איך קען מיר מעהר ניט לאָזען אזוי ערניעדריגען...

„געוויס ניט" — האָב איך אין צייכען פון זיין מיט איהם איינפערשטאַנען געוואָלט זאָגען. נאָר בעמערקענדיג, אז ס'איז גלייכער אין אזא פאַל צו שווייגען, — געשוויגען.

— איך וואָלט בעסער געטהאָן, ווען איך וואָלט גאָר אהער ניט געקומען. מיין האַלטען זיך אזוי דעמאָקראַטיש מיט וועמען ס'זאָל ניט זיין, האָט מיך דערצו געבראַכט. אַ מענש דאַרף וויסען וואו ער בעלאַנגט. ניט אזוי?

— ... יעעס. —

— און איך האָב מיך פערגעסען. דאָס וועט אָבער פאַר מיר זיין אַן אָנלעהרנונג אויף שפּעטער: ווייטער, אז מען וועט זיך דארפען פאַר מיר ענטשולדיגען, וועל איך פאַר יענעם צו די פיס ניט פאַלען; מעג ווי שטאַרק מיין עסטעטישער געשמאַק זיין ענטוויקעלט, וועל איך די בעגייסטערונג אין זיך פאַר דאָס שעהנע, פאַר דאָס, וואָס ז ע ה ט  מ י ר  א ו י ס  צו זיין שעהן — אונטערדריקען.

ער האָט אַ ווייל'ע ווי געוואַרט, איך זאָל עפּעס זאָגען, נאָר זעהענדיג ווי איך שווייג, האָט ער ווייטער גערעדט:

— די אַלטע גריכען האָבען די ליעבע אין געשטאַלט פון אַ פרוי מיט אַ פּאַקעל געשילדערט. די היינטיגע פרויען טראָגען אויך פּאַקעלען אָבער ניט די ליעבע צו בעלייכטען, נור די פּאַ־קעטס פון די מענער — צו זעהן, אויב זיי קענען פון זיי סופּאָר־

טעט ווערען, אויב זיי קענען זיך ביי זיי אָפּשטעלען, „סטעדי דזשאָבס" צו קריגען..

— אה, יעס, — האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָהנט: — כ'האָב ביי אייך נעכטען צוויי דאָלאַר גענומען. זאָלט איהר זיך ניט שרעקען, כ'וועל זיי אייך אין גאַנצען אָפּגעבען. אזוי נאַריש „פּערספּענדרט" אָן אָבענד און אַלץ איבער די טאַקטלאָזיגקייט פון די נאַרישע בעקאַנטע. און היינט אויך? אין וואָס געהט אונזער צייט אַוועק!

— אין... שטעהן אויף איין אָרט.

איך האָב איהם דאָס געמיינט אָנצוהערעניש אויף זיין ניט אוועקגעהן צו געבען. ער האָט עס אָבער אַנדערש אויסגעטייטשט, איז פון טהיר אַוועק און... זיך גענומען מאַכען היימיש...

* * *

— עס איז נאַריש, — האָט ער געזאָגט, — זיך די בעסטע מינוטען פון לעבען, דורך אייפערזוכט, צו פערשטערען. ניט דו דאַרפסט זיך פאַר מיר ענטשולדיגען, ניט איך פאַר דיר. מיר ביידע האָבען אַ רעכט צו האַנדלען ווי מיר ווילען.

און ניט געבענדיג קיין צייט צו זאָגען איהם, דאָס איך נעהם מיר די רעכט איהם ניט צו געבען קיין רעכט ביי מיר אין צימער צו האַנדלען ווי ער וויל, האָט ער גענומען זיך רעכט צו האַנדלען ווי איך האָב עס ניט געוואָלט:

ער האָט זיך געכאַפּט צו די גענז, געמאַכט פינסטער און פון די גענז — צו מיר:

— טהייערסטע, ליעבסטע! — האָט ער ענטהוזיאַסטיש אויסגערופען, — איך האָב דאָך דיך אזוי ליעב! מאַליער האָט ריכטיג געזאָגט, דאָס די ליעבע פון אַן אייפערזיכטיגען איז גע־גליכען צו האַס. ערשט נעכטען האָב איך דיך אזוי... געהאַסט. און פאַר וואָס? ווייל איך בין געווען אייפערזיכטיג. און אויף וועמען? אויף אַזאַ שטיקעל גאָרנישט, ווי דער געבורטה־קאָנטראָל ליעבהאָבער! ער איז דאָך אַנקעגען מיר אַ קאַרליק. וואָס איך האָב אין פּיאַטע, האָט ער ניט אין קאָפּ. און עס קען נאָך זיין דאָס ער איז פערהייראַט. איז ער ניט פערהייראַטה?

— איך ווייס ניט, צי ער איז פערהייראטה, צי געגען הייראטה, און מיר געהט עס ניט אָן צו וויסען. איך —

— איך וויל מעהר דערפון ניט וויסען. ווי באַלד אַז ער אינטערעסירט דיך נים אויף אַזוי פיעל, בין איך העכסט צופריעדען, און בעט דיך טויזענד מאָל און פערצייהונג פאַר אייפערען דיך צו איהם. זאָג מיר דערפאַר וואָס דו ווילסט און דיין וואונש זאָל זאָפאָרט ערפילט ווערען!

איך האָב איהם געזאָגט:

— איך וויל אייך ניט טרייבען. אייער געזעלשאַפט איז אביסעל, קען מען זאָגען, בעלעהרענד... נאָר, ס'וואָלט בעסער געווען, איהר זאָלט מיך איצט פערלאָזען. ווען איך וועל א בעקוועמערען, שעהנערען צימער געפינען, וועלען מיר דאַן קענען אביסעל לייכטער פערברייננגען...

— דאָס איז קינדעריש — האָט ער געענטפערט, — אָפּלייגען די צייט פאַר ליעבע צוליעב דאָס אויסזעהן פון דעם צימער. וואָס איינער קען איינפאַלען! אמאָר, דער גאָט פון ליעבע, וועט אונז דעם פשוט'ן צימער אין א גן עדן פערוואַנדלען. וועסט גאָר פערגעסען וואו דו ביזט...

איך האָב ניט געוואָלט פערגעסען וואו איך בין, איך האָב איהם דערמאָהנט אויף דעם וואָרט וואָס ער האָט מיר געגעבען מיך מיט געוואלד צו זיין „הייליגען" אידעאַל ניט שלעפּען. און ער דאַרף דאריבער פון מיר אַזוי מיין ווייסטעל ניט רייסען — —

— אָבער... נו גוט, — האָט ער געזאָגט, — ער וועט זי פון מיר ניט רייסען; זאָל איך עס אליין אויסטהאָן. סיי ווי קען מען אין דער פינסטער ניט זעהן גאָרנישט, איז וואָס איז זיך דאָ צו שעמען? און איבערהויפּט, וואָס האָב איך זיך פון איהם אַזוי צו בעהאַלטען? ווייס ער דען אַזוי ניט ווי איך בין? — ער ווייס עס טויזענד מאָל בעסער פון מיר אליין. און נאָך א זאַך, אויב איך וויל ווירקליך ער זאָל זיך פערהאַלטען רוהיג זאָל איך זיך ניט בונטעווען, וואָרים ווידערשטאַנד געגען ליעבע איז ווי בוימעל אויפ'ן פייער — — וויל איך גיסען בוימעל אויפ'ן פייער?

ניין, איך האָב ניט געוואָלט גיסען קיין בוימעל אויפ'ן פייער. איך האָב געוואָלט ער זאָל פון מיר גאָר נישט וועלען, מיך לאָזען

זיצען ווי איך וויל און אליין זאָל ער זיך אויך זעצען. ווארום ווען די מרס. דייטש וועט דערזעהן ווי ער האָט אויסגעשמירט מיט זיינע בלאָטיגע שיך די היסטאָרישע קאָלדרע איהרע — —

— איך וועל אויסטהאָן די שיך, — האָט ער געזאָגט, — ס׳איז זעהר אומגעזונד צו שלאָפען אין אלעמען.

— איהר מיינט — — —

— יעס, טהייערע, איך מיין וואָס איך טהו און טהו וואָס איך מיין. איך מיין אז די נאכט איז ספּעציעל בעשאפען געוואָרען פאר——

כ׳האָב ניט געוואָלט הערען פאר וואָס די נאכט איז בעשאַפען געוואָרען. אזוי גיך ווי די שיך זיינען אונטער׳ן בעט גע־שטאנען, האָב איך אויף זיך א לאנגען מאנטעל מיט א העט ארויפ־געכאפּט און פון צימער ארויסגעגאנגען. — —

* * *

ווי געיאָגט פון בייזע גייסטער, בין איך אין סטריט געלאָ־פען. א פּאָאר בלאָק מיט צומישטע געדאנקען אָפּגעגאנגען, און דאן פאר אן אָרימען דורכגאנגס פּארק מיט עטליכע הוילע בוימער, שטעהן געבליעבען.

די בוימער׳ס טרוקענע, דאַרע צווייגען האָבען זיך ווי בייזע ריטער צו מיר געצויגען און מיך אוועקצוגעהן פון זיך געשמיסען... פערביייגעהער האָבען זיך אין מיר איינגעקוקט. ס׳איז שוין גע־ווען ארום 12 א זייגער. וואָס האָבען זיי געקענט קלערען וועגען אן איינזאמער, וואָס דרעהט זיך אזוי ארום אין א זייטיגע סטריט נעבען א פערוואָרפענעם „פּארק׳ל“ — ?

דער געדאנק דאָס ג. וועט באלד ארויסקומען מיך זוכען, האָט מיך צוריק צום הויז געבראכט. בין אויף דעם געגענזייטיגען „סייד־וואָק“ ווי א וועכטער הין און צוריק פארביי מיין פענסטער אומגעגאנגען.

א שעהנע זאך, האָב איך געטראכט, וואָלט עס געווען, ג. זאָל זיך דאָרטען איינשלאָפען !...

אביסעל האָט מיר שוין גענומען אויסזעהן נאריש מיין אוועק־לויפען : ער קען מיינען דאָס איך האָב מיך פאר איהם שרעקליך

דערשראָקען... אָבער, זאָל ער מיינען! ווער דאַרף זיך דאָס מיט דעם וואָס ע ר מיינט — רעכענען? —

„ביי ליעבע איז, ווי אין אַ קריעג, זעהר אנגענעהם צו זיעגען" — האָב איך פאר איהם געטראכט. אָבער, האָב איך פון מיינט־וועגען צוגעגעבען: „פאר די אָנגעגריפענע איז בעסער אין צייט צוריק־צוטרעטען"...

די אַלטע טהיר פון „מיין" הויז האָט אַ מענער פיגור ווי אויס־געשפּיעגען. דאָס איז געווען — — ניט ג... דער פערדאַכט וואָס מענשען האָבען אויף מיר אַלס נאַכט־וואַנדלערין געקענט האָ־בען, האָט מיר גאָר ניט געשמייכעלט, די פּאָליסלייט פון די קאָר־נערס האָבען מיר שוין גענומען זייער אויפמערקזאַמקייט שיינקען... „דער טענעמענט הויז" און „פּאַרנישד־רום" געזעץ איז מיט אַלע שרעקען און לעבעדיגע בילדער פאר מיינע גייסטיגע אויגען ערשיע־נען... איך האָב זיך שוין ג ע פ י ה ל ט אַרעסטירט, פער־שיקט — — —

. . . ג! — ער איז פון האָל־טהיר אין סטריט ארויסגעקומען און זיך אין אַלע זייטען ארומגעקוקט.

מיר איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק זיך פון איהם בעהאַלטען און דערנאָך, ווען ער וועט אוועק — צו זיך אריינגעהן. אָבער, ער האָט מיך דערזעהן. ער האָט זיך די סטריט אריבערגעהן גע־נומען.

— וואָס ביזטו אַנטלאָפען? — האָט ער געזאָגט.

איך האָב איהם ניט געענטפערט, איהם געוואָלט פערבייגעהן. ער האָט עס אָבער ניט דערלאָזען.

— פון דאַנען דאַרפסטו דאָך ניט אַנטלויפען. די סטריט איז דאָך ניט קיין — — בעד־רום.

— לאָזט געהן! —

— און אז ניט?

— אז ניט? — —און איך האָב אָנגעוויזען אויף אַ פּאָ־ליסמאַן.

— אָה, ווילסט ווערען פּאָפּולער, ווילסט זעהן דיין נאָמען אין די צייטונגען? — האָט ער זיך צולאַכט — אָדער, דו ווילסט איבערנעכטיגען אַ נאַכט אין פּאָלים סטיישאָן?

כ'האב קיין איינע פון די צוויי זאכען ניט געוואלט און אויףביידע זיינע פראגען ניט געענטפערט.

— קום זיך דורך אביסעל, — האט ער, נעהמענדיג מיין ארעם, געזאגט, — מיר וועלען זיך דורכריידען. לאמיר זיך בע־סער פערשטעהן: דא געהט דאך ניט אין „כאפענעס, גילטענעס", ס'רעדט זיך נאר וועגען — — געוויסע בעציהונגען צווישען צוויי ערוואקסענע מענשען, וועלכע האבען א רעכט צו זיין וואס זיי ווילען...

* * *

אין א קורצע ווײלע נאך דעם ווי מיר זיינען ארומגעגאנגען, האט זיך ג. גענומען אויף זיינע פיס בעקלאגען: זיי טהוען איהם וועה, ער וויל זיך זעצען אפרוהען...

איך האב איהם צום „פארק" צוגעפיהרט און אויף א באנק אנגעוויזען.

— אין אזא קעלט א פארק!

— ח'איז ניט אזא קעלט און ס'איז ניט קיין פארק. נאר אז די פיס טהוען זעהר וועה, קען מען זיך דא א ווײלע אוועק־זעצען.

— אבער וואס האסטו אזוי מורא ביי זיך אין רום?! — האט ער אויסגעשריען. — ווייסטו וואס? אז דו האסט אזוי מורא ביי זיך, טא קום צו מיר! קום, לאז זיך פון מיר פיהרען — —

— ... פארפיהרען ...

— ד י ך פארפיהרען!? — האט ער זיך שפאטיש צו־לאכט, — עפעס אזוי ווי דו וואלסט געווען א... 15־יאהריגע מיי־דעלע, אזוי נאאיוו, אזוי אונשולדיג!...

— מען קען אפילו זיין צוויי מאל פופצעהן און אונשולדיג.

— מיט וואס קענסטו עס דערווייזען, אז דו ב י ז ט עס? פ א ק ט י ש קענסטו דאס ניט בעווייזען! קענסט מיר אין דעם ניט איבערצייגען. ווילסט איך זאל דיר גלויבען אויפ'ן ווארט? וויל איך — גלויב איך, וויל איך — גלויב איך ניט! וואס קענסטו מר דערפאר טהאן?!

— אפשר וואלט געווען א סברה, איהר זאלט שרייען אבי־סעלע שטילער?

ער האָט זיך אויפ'ן באַנק אַוועקגעזעצט און, קוקענדיג מיר אין די אויגען, געפרעגט:

— האָסטו מיך ליעב?

— וועלל...—

— חתונה וואָלסטו מיט מיר וועלען האָבען?...

—... וועלל, —

— און איך — נ י ט.

— ניט? — איז ניט

— „ניט — איז ניט!" — האָט ער, צורייצט פון מיין גלייכגילטיגקייט, אויסגערופען.

— נו, געוויס אַזוי. —

— אָה — — שווייגט!!!

— שאַ, דערווייל האָט איהר נאָך מיט מיר ניט חתונה געהאַט און איהר דאַרפט אויף מיר אַזוי ניט שרייען...

— ניט חתונה געהאַט און וועל, לאָזט מיר א י י ך זאָגען,

— ניט חתונה האָבען אויך.

— „אי שוד וואָררי — !"

דער „אי שוד וואָררי" האָט איהם בעליידיגט. ער האָט געזוכט מיט וואָס מיך פון געדולד אַרויסצוברייגגען. איך האָב ערוואַרט פון איהם מעהר און מעהר בעליידיגונגען, אויף וועלכע איך זאָל מיט נאָך מעהר „אי שוד וואָררים" קענען ענטפּערען. ניטאָ קיין ערגערע זאַך פאַר קיינעם, ווער עס קאָכט זיך און וויל אַ צווייטען אויפקאָכען, ווי אַזעלכע גלייכגילטיגע, אויסגעדראָשענע ווערטער אין ענטפער צו בעקומען. — — — — —

נאָר, ווי אַלע מאָל, ווען ער האָט דערזעהן, דאָס זיין שלעכטסקייט גילט ניט, האָט ער צוריק אָנגעהויבען מיט גוטען:

איך דאַרף ניט זיין אַזוי האַרט, האָט ער ווייך געזאָגט. איך דאַרף איהם פערשטעהן, אַז — — איך ווייז איהם ניט אַרויס קיין ליעבע, קרענקט עס איהם, ער ווערט דערפון אַזוי אויפגערעגט, אַז — ער ווייס ניט ו ו אָ ס ער רעדט. ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען אַזוי ניט געליעבט. ער האָט אפילו מורא, דאָס ער וועט צוליעב מיר דעם יאָהר ניט „אויסהאַלטען" און אויף אַ צווייטען מוזען אויף דעם זעלבען אָרט אין קאַלעדזש פערבלייי-

בען. ער מוז זאגען, ווי טאלסטאי האט געזאגט: „עס איז שווער צו ליעבען א פרוי און זיך מיט עפעס בעשעפטיגען".

ער האט געשאטען מיט אפאריזמען, ציטירט גרויסע מענשען, זיך מיט די שולד פון די אנדערע פערענטפערט און איהם צו פערגעבען זיינע רייד געבעטען.

איך בין זיכער, אז ווען ער איז אזוי ג ו ט געוואָרען, איז אן אנדער פלאן אין זיין גערדאנק געגען מיר געבאָרען. גוט! וואס מעהר ער וועט ג ע ג ע ן מיר טראַכטען, א ל ץ ווייניגער וועל איך צו א י ה ם פיהלען. און וואס ווייניגער מען פיהלט, ביי א ז א קאמפף, אלץ מעהר קען מען זיעגען.

א בייזער, אן אונצופרידענער מיט מיר און מיט דער גאנצער וועלט, איז ג. ביי דער גאס־טיהר אַהן „א גוטע נאכט" איבער־געבליבען און איך בין פאַרזיכטיג, ווי א גנב, מיט שנעלע טריט צו מיר אין רום געגאנגען.

אריינקומענדיג צו זיך, האב איך שטילע טריט הינטער דער טיהר פון דער דייטשקעס צימער געקענט הערען, און מיר האט הנאה געטהאן וואס איך בין ביי זיך א ל י י ן...

כ'האב מיר אין דער פינסטער אויסגעטהאן און זיך אין בעט אריינגעלייגט. א צופרידענהייט, וואס כ'האב מעהר ניט פון ווע־מען דא צו אנטלויפען, האט מיך ארומגענומען.

די טריט הינטער'ן טיהר האבען זיך ווייטער געלאזט הערען. שווערע טריט זיינען דאס געווען, דער פאמאסט האט אונטער זיי געקרעכצט.

אין קליידער אלמער, אין די „קלאב רומס" פון די „מיאוס־קייטען", איז אפגעהאלטען געוואָרען א מאס־מיטינג. איין „מעמ־בער" האט דארט גאנץ הויך געשטימט... אנדערע האבען ווי פראָ־טעסטירט — עס איז געווען טומעלדיג און, זיי איינצושטילען, האט די דייטשקע, אדער איהר זוהן, אין זייער זייט פון דעם קליידער אלמער אנגעקלאפט.

אויף א ווייל האבען די קלעפ געווירקט. באלד האט זיך אבער פון דארט ווייטער געלאזט הערען דער זעלביגער טומעל. איך האב זיך גוט אין קאלדרע איינגעדרעהט, אז ווען ז י י וועט זיך פון „מיטינג" וועלען צוגעהן, זאלען זיי צו מיר ניט צוקומען...

כ׳האָב ניט געקענט איינשלאָפען. מיט אויגען האלב אָפענע בין איך געלעגען און געטראַכט: מיט איהם איז גאָר קיין סוף ניטאָ! אָט איז ער שלעכט, אָט גוט, אָט ווייטער שלעכט. ער האָט זעהר שטאַרק פון דעם — „אַז מען קען ניט אַריבער, מ׳ז מען אַרונטער" — געהאַלטען.

איך האָב איהם פון מיינע געדאַנקען אָוועקגעטריבען און אויף זיין אָרט א. אין די געדאַנקען געבראַכט. כ׳האָב איהם אין די אויגען געקוקט און געוואַרט וואָס ער וועט מיר זאָגען... כ׳האָב ערוואַרט ער זאָל מיר פון ג. הייסען זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אין גאַנצען דערווייטערען; זיך אַרויסכאַפּען פון דעם צימער אַז קיינער — קיינער אויסער איהם, א., זאָל גאָר פון מיין נייעם אַדרעס ניט וויסען...

אָבער ע ר האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. איהם האָט עס ניט געאַרט, מעג מיט מיר זיין, וואָס עס וויל...

מיינע ברעמען זיינען מיר שווער פון טרערען געוואָרען. די אויגען האָבען זיך דורך אַ שאַרפען וועהטאָג צוגעמאַכט און מיט אַ טיעפע נאָגונג אין מיין האַרצען בין איך אין אַ שווערען שלאָף אַריינגעפאַלען. — —

---

אַ שווערער טומעל פון רעדער אויף די ברוקירטע סטריטען האָט זיך מיט די ערוואַכונג פון טאָג צו מיין אויער דערטראָגען. די קאָפּ איז מיר געווען ווי מיט בליי אָנגעפילט. ווען איך האָב די אויגען געעפענט האָט מיין האַרץ אין מיר אַ זינק געטהאָן. די בלוט אין מיינע אָדערען האָט אָנגעהויבען קיהלען. גלייך אַנקעגען מיר, איבער דער הויכער, פון דער אַנדער זייט פערהאַנגענער פענ־סטער וואָס איז ביי דער דייטשקע מיט פּאַפּירענע קערבלעך פון העטס פערשטעלט געווען, האָבען אַ פּאָר שאַרפע, ברענענדע אויגען גלייך אויף מיר געקוקט...

---

ווען די דייטשקע איז אַריין איהר וואָזאָנע בעגיסען, האָב איהר געזאָגט דאָס זי קען אויף דער קומענדער וואָך — דעם צימער פערדינגען. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען, געזאָגט „אָל רייט",

אוועק, זיך צוריק אומגעקעהרט, ווייטער געשוויגען, ווידער געזאָגט „אָלל־רייט“ און איז פון צימער ארויסגעגאַנגען.

איצט מוז איך מיר געהן אַן אנדער צימער געפינען.

* * *

ענדליך, ענדליך!

ענדליך בין איך פּטור געוואָרען פון דעם נודניק, פון דער דייטשקע, פון איהר צימער, פון דער געשטוקעוועטער קאָלדרע, פון די „היילינגע“ בילדער, און... פון דעם מורא׳דיגען געפיהל וואָס האָט מיך געשראָקען איך זאָל אין אַ נעטץ מיט מיין געפּענטעטע מיט „אויפקלעהרונג נשמה ניט אריינפאַלען!...

איך געפין מיך איצט אַזוי — דערהויבען: אַזש אויפ׳ן פינפטען פלאָר! אין אַן איינגליכען, אָבער ריינינקען צימעריל, ביי אַ פּשוט׳ע אָרימע, גוטע אידישע פאַמיליע.

מיין נייע „מיסעס“ איז אַן עלטערע פרוי מיט אַ גוטמוטיגען, מאַמע׳דיגען אויסדרוק אין איהרע ווייכע, נאָך יוגענדליכע אויגען. זי קוקט אויף מיר, און קליינבט, זאָגט זי, נחת; פּונקט אַזאַ מיידעל האָט זי געוואָלט זאָל ביי איהר א י י נ ש ט ע ה ן! אַזוי רוהיג, אַזוי שטיל, ווי אַ מלאך!

אַזוי בין איך טאַקע איצטער... איך פיהל עס, מיין גאַנצער „איך“ איז דורכגענומען מיט אַ פערלאַנג צו זיין שטיל, רוהיג, ווי, ווי גאָר נ י ט צ ו ז י י ן! — — —

איך קוק פון מיין פענסטער אין גאַס אראָפּ און די מענשען דאָרט זעהען מיר אוים אַזוי קליין. . .

איך קוק אראָפּ און מיר וואָלט זיך נאָך העכער וועלען זיין. בין איינפערשטאַנען מיט מיין מיסעס, ווען זי זאָגט:

„עס איז נאָר שווער ביז מען דערקריכט אהער. אָבער אַז מען קריכט שוין ארויף איז — גוט: ניטאָ ווער ס׳זאָל קלאַפּען אין קאָפּ אריין. ניטאָ ווער זאָל פון אויבען שמוץ אויף די וועש ליינס וואַרפען. ס׳איז דאָ „פּלענטי“ לופט. ס׳איז ליכטיג, ס׳איז — אַ מחיה!“

דער טומעל פון סטריט קען קוים אהער דערגרייכען. עס פיהלט זיך דאָ ווי פון דער גאַנצער וועלט אָפּגעזונדערט. עס ווילט זיך דאָ לעזען, טראַכטען, טרוימען — — —

איך וועל פון דאַנען אָפּטערע בריעף אַ היים צו מיינע ווייטע־נאָהענטע שרייבען, וועל בעזוכען לעקטשורס, „נאַיט־סקוהל“, און ניט מעהר וועל איך מיך שוין לאָזען נודיען, ניט מעהר! — — —

---

ניין, אז צו מיר טשעפּעט זיך עפּעס צו, קען איך מיך פון דעם ניט אָפּטשעפּען!

ווייזט זיך אַרויס אז איך האָב געמאַכט אַ רעכענונג אָהן דעם „בעל הבית“...

ווען איך בין פון מיין טעגליכע בעשעפטיגונג פארנאַכט אַהיים געקומען האָט מיך מרס. קאַטיק מיט איהר מוטערליכען שמייכעל בעגעגענט און געזאָגט דאָס זי האָט מיר עפּעס צו זאָגען. זי וועט גלייך צו מיר אַריינקומען...

זי איז אַריינגעקומען.

— וואס וועט איהר מיר געבען, אז איך וועל אייך עפּעס זאָגען? — האָט זי שמייכלענד געפרעגט.

— עס ווענדעט זיך וואָס איהר וועט זאָגען, — האָב איך מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

— אַ גוטע זאַך, אַ טייערס. טרעפט!

— איך קען ניט טרעפען!

— איאַ איהר קענט נישט? בקיצור, אייער חתן איז דאָ ביי מיר היינט געוועזען!

— מיין — ? —

— יעס — ! ער וויל זיך מיט אייך איבערבעטען. ער האָט מיר אַלץ דערצעהלט. אַ ל ץ! עפּעס איבער אַ קלייניגקייט זיינט איהר, מיר ניט, דיר ניט, ברוגז געוואָרען און ווילט מיט איהם ניט ריידען. ער איז צופריעדען, זאָגט ער, ס'זאָל זיין ווי א י ה ר ווילט, אַבי עס זאָל ווייטער זיין ווי געוועזען. — איהר זאָלט זיך אַזוי ניט איילען מיט דער התונה. איהר זאָלט וואַרטען ביז ער'ט ענדיגען. איהר דאַרפט, זאָגט ער, וואַרטען ביז שפּע־טער אַביסעל. ס'איז דאָך פון אייער'ט וועגען, דאָס ער וויל ס'זאָל זיין וואָס בעסער. ער ווייזט אויס צו זיין ניט קיין ספּעט־נער בחור. אַ געבילדעטער, אַ היינטיגער און... רעדט אידיש. זעהט איהר, שוין באַלד צוויי וואָכען איז איהר זייט ביי מיר און

האָט זיך נאָך איין מאָל ניט אויסגערעדט אַז איהר זייט אַ כלה. אַ בחור, זעהט איהר, איז שוין ניט דאָס וואָס אַ מיידעל, ס'זאָגט אוים.

זי האָט אַזוי געשייגט דערפון וואס אַ בחור איז ניט דאָס וואס אַ מיידעל, אַז זי האָט מיר גענומען מאַכען פּאַרוואָרפע פאַר וואס איך בין... ניט אַזוי ווי אַ בחור.

איך האָב איהר ניט געוואוסט וואס צו זאָגען, און גענומען עפּעס זוכען אַ זאַך וואס כ'האָב גאָר ניט בעדאַרפט...

— אויף מיין נאַרישען שכל לייגט זיך, — האָט די מיסעס ווייטער געזאָגט, — אַז אַ מיידעל דאַרף זיך נישט צופיעל ברוגז'ן. מ'דאַרף זיך לאָזען איבערבעטען. אדרבה, ס'איז גלייכער אַז מעהר מענשען זאָלען וויסען וואס מען איז צווישען זיך. אמאָל אַז איין צד וויל זיך אָפּוואַרפען, קען דאָס צוניץ קומען... איך וואָלט פאַר אייך די ערשטע געגאַנגען עדות זאָגען אַז איהר זייגט זיין כלה — אַז ער אַליין האָט מיר געזאָגט דאָס ער איז אייער חתן...

— איך וועל אייך זאָגען, ווי אַ מאַמע וועל איך אייך זאָגען: בעסער איז טאַקע געמאַכט אַ חתונה און אַראָפּ פון מאַרק. אָבער, אַז ס'קומט אוים אַביסעל צו וואַרטען, מילא! קען מען זיך ניט העלפען. מ'דאַרף נאָר קיין נאַר ניט זיין און וויסען זיך ביז דער מזל'דיגער שעה ווי צו האַלטען. איהר פערשטעהט דאָך וואס איך מיין, אַז וואַרטען איז — וואַרטען... אַנדערע מיידלאָך זיצען מיט זייערע חתנים ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָס איז ניט גוט. ערשטענס, איז עס טאַקע אומגעזונד: ווען מ'דאַרף אויפשטעהן איז מען ניט אויסגעשלאָפען. צווייטענס, ווערט מען מאַקע איינע די אַנדערע... דערעסען. ס'איז ניט קיין נייעס. אַלץ איז גוט מיט אַ מאָס. איך וועל מיט אייך נאָך וועגען דעם רעדען. איצט דאַרף איך געהן געבען „סאַפּער".

* * *

מיין „חתן" איז ביי מיר געוועזן.

ער איז ניט גלייך צו מיר, נאָר צו מרס. קאָטיק אריינגעגאַנגען.

מרס. קאָטיק איז צו מיר אריינגעקומען פרעגען אויב איך וויל

צו איהם אַרויסקומען אדער אויב ער מעג צו מיר אריינגעהן, ווייל ער האָט געזאָגט דאָס ער איז גרייט אויף אַלעס: איך צו איהם אָדער ער צו מיר. שולדיג בין, אייגענטליך א י ד, נאָר ער וועט ווי אַ דזשענטעלמען אָפּגעבען דאַמען־עהרע. ע ר וועט אָ נ ה ו י ב ע ן.

„גוד איוונינג" — האָט ער אָנגעהויבען, ניט קענענדיג זיך דערוואַרטען ביז מרס. קאָטיק וועט מיט אַן ענטפער פון מיר פאַר איהם אַרויסקומען, און איז פאַר דער עטוואָס אָפענער טהיר פון מיין צימער ערשיענען.

איך האָב די טהיר גוט צוגעמאכט.

— „וואָס טהוט איהר דאָס! ?" — האָט זיך מיין מיסעס פאַר איהם אַזש בעליידיגט. — אַ מענשען אַזוי אָבפּאַטשען! ווי איהר זאָלט ניט ריידען, רעדט ע פּ ע ס. גיט איהם אַ „טשענס" צו ריידען.

מיך צו פּערענטפּערען איז זי גיכער צו איהם אַרויסגעלאָפען, און דאָרט געבעטען זיצען. זי האָט איהם דערביי געזאָגט, דאָס איך בין ניט איבערגעטהאָן. אַז איך וועל פאַרטיג ווערען וועל איך צו איהם אַרויסקומען.

ער האָט אין גאַנצען איהר סימפּאַטיע אויף זיין זייט גע־וואונען.

די וועלט זאָגט אַז: „די וועלט ליעבט אַ פערליעבטען". דאָס מוז זיין אַזוי. די וועלט ווי די וועלט, נאָר פרויען אודאי. מרס. קאָטיק, זעהענדיג ווי „פערליעבט" ער איז נעביך, האָט מיר איינ־געדעדט איך זאָל איהם לאָזען פון הארצען אָפּריידען. זי האָט מורא ער וועט דאָס ניט אויסהאַלטען. „מימאָנעשאַף" — האָט זי גע'טענה'ט — „אַזוי צי אַזוי, דורכריידען זיך מעג מען דאָך!"

ענדליך איז איהר געלונגען ביי מיר צו פּועל'ן איך זאָל צו איהם אַרויסגעהן.

זי האָט אונז איבערגעלאָזען אין פראָנט־רום און איז אַליין אין קיך אוועק.

ג. האָט זיך פון „ראָקינג־טשער" אויפגעהויבען.

— „גוד איוונינג", — האָט ער זיך העפליך פערנייגט, — איהר זייט נאָך אַלץ בייז אויף מיר...

— וואס פערלאנגט איהר? — האָב איך שטרענג געפרעגט.
— איהר זאָלט מיר פערגעבען!
— וועט איהר דאן אוועקגעהן? אויב איהר וועט נאָך מיין פערגעבונג אוועקגעהן, מעהר קיינמאָהל ניט צו קומען — וועל איך פערגעבען.
— דאָס איז אן אולטימאטום?
— ס'איז דאָס וואָס עס איז.
— איך פערשטעה דאָס אנדערש... אייער איצטיגע האנדלונג איז א דייטליכער אויסדרוק פון — ליעבע. יאָ, יאָ, פון ליעבע. וואס מעהר איהר זאָלט מיך פון זיך טרייבען, אלץ א בעסערען בעוויז פאר אייער ניט זיין גלייכגילטיג צו מיר וועל איך אין דעם זעהן!
— אזוי. אונזער אודיענץ איז צו ענדע. איך דארף אוועקגעהן.
— איך געה מיט.
— ניט מיט מ י ר.
— איז נאָך אייך...
— גוד־באַי! — האָב איך געזאָגט, אריין צו זיך און צוגעמאכט די טהיר.
— נו, זיך איבערגעבעטען? — איז די מרס. קאָטיק מיט א פראגע פון קיך אין פראָנט־רום אריינגעקומען.
... יעס! — האָט ער געזאָגט. — איך האָב אָבער היינט קיין צייט לענגער צו פערבלייבען. איך מוז אין ערגיץ אוועקגעהן און וועל דאָ דעריבער זיין מאָרגען. גוטע נאכט, מעדעם! איך דאנק אייך זעהר.
— אָה, ניטאָ פאר וואס! — האָט מרס. קאָטיק געריהרט פון זיין דאנקבארקייט געענטפערט. — איהר וועט מיט מיר דערפאר טאנצען אויף אייער חתונה, אז גאָט וועט לאָזען לעבען. —

* * *

מיין מיסעס בענטשט זיך מיט מיר. אזא מיידעל האָט זי נאָך, זאָגט זי, אין לעבען ניט געזעהן. אזוי אנשטענדיג, אזוי פיין ווי איך האַלט זיך. און דוקא מיט אן אייגענעם חתן!
„ניט אומזיסט ווערט ער — זאָגט זי — די כפרה פאר אייך;

אז ביי איהם איז דאָך א יום טוב ווען איהר טהוט א שמייכעל. איהר וועט איהם אזוי אָנציהען, אז ער וועט זיך ניט קענען דער־ווארטען ביז ער'ט ענדיגען און זיך נאָך אליין ביי אייך בעטען אז ס'זאָל שוין זיין חתונה". און „זייט ווייטער אזוי ווי איהר זיינט: מאַכט איהם צו האַלטען זיך פון ווייטען. און זיצט טאַקי ניט אין דער פינסטער. נעוועך מיינד די געז. דאָ האַנדעלט זיך וועגען א וויכטיגערע זאַך. איהר פערשטעהט וואס איך מיין..."

כ'פערשטעה וואס זי מיינט. האָב ליעב צו הערען ווי זי רעדט און זעהן ווי זי קוועלט פון מיר פאר וואס איך פאָלג איהר אלץ ווי זי זאָגט...

„אן אייגען קינד פאָלגט ניט אזוי א מאַמען ביי היינטיגע צייטען", זאָגט זי, „ווי איך איהר. און דאָס איז ווייל איך בין א טהייער קינד, אן אנשטענדיגס, א פיינס, אזא יאהר אויף איהר!"

רעי איז ביי מיר געווען. אויסהערענדיג פון דער מיסעס אלע מיינע מעלות, טרויעריג שאָקלענדיג דערביי מיט'ן קאָפּ, און ווען יענע איז ניט געווען האָט זי מיך בייזלעך געפרעגט:

— וואס איז דאָס פאר א קאָכלעפעל?

— זי איז א גוטע פרוי. — האָב איך געזאָגט.

— א גוטע? ס'מזל!

— זי מיינט גוט.

— זאָל זי מיינען וואָס זי וויל, ווי זי וויל, אבי שווייגען. ווי קומט זי זיך צווישען אייך און איהם צו מישען, וואָס איז דאָס איהר באָבעס ביזנעס?

— פון ביזנעס שטאַנדפּונקט איז דאָס קיינעם'ס ביזנעס ניט..

— אפשר מיינע אויך ניט.. אָבער ס'איז קאָמיש ווי קוקט מר. גאָלל אויף דעם? ני ס'מאָווא, ני ס'עווא — א שוויגער!

איך האָב רעי געזאָגט דאָס מיך אַרט ניט ווי מר. גאָלל קוקט אויף דעם. ער קען קוקען ווי ער וויל. זיין אָנגעבען זיך פאַר דער מיסעס אלס חתן האָט אונז ניט דערנעהנט. איך בין א ש ט ר י י נ ג ע „כלה".

רעי האָט געלאַכט: איך ריזיקיר מיט דער חתונה דורך'ן זיין אזא כ ל ה. דער „חתן", וואָס איז אזוי ראַדיקאַל, וועט

אזא רעאקציאנערע כלה פון זיך אבשטויסען. זי, רעי, ווייס שוין וואס פאר א סוביעקט ער איז. פאר די פאאר וואכען, וואס ער איז ביי מיר ניט געווען, האט ער זי בעזוכט, און „גאט מיינער" — זאגט זי, ווען זי וואלט וועגען איהם אלץ קענען דערצעהלען.

* * *

מרס. קאטיק האלט מיר אין איין לויבען ג. פאר זיינע מעלות: אזא געבילדעטער יונגער מאן און האלט זיך אזוי פראסט, אזוי איינפאך מיט איהר, אזא פשוט'ע אידענע, מישטיינס געזאגט!

זי האט איהם א פאר מאל איינגעלאדען צום טיש און ער האט זיך ניט ענטזאגט, געגעסען און נאך געלויבט איהרע ארימע מאכלים!

זי האט איהם געלאזט פערהערען די קינדער'ס ענגליש און ער האט זיי פערהערט און זיי צוגעזאגט בריינגען אזעלכע ביכלאך וואס זיי דארפען האבען.

„האלעוואי", זאגט זי, „אזא מאן, א חוץ זיין שאדען, אויף מיין טאכטער געזאגט געווארען".

ער טרעפט מיך ניט אין דער היים, פערברייננגט ער מיט מרס. קאטיק. ער לעזט איהר פון די לעצטע נייעס אין „פייפער". דער־צעהלט איהר וואס, לעקטשורט איהר אביסעל וועגען קינדער און עקאנאמיע. ער זוכט צו געפינען לייטזעליגקייט אין דער פשוט'ער גוטמוטהיגער פרוי'ס אויגען.

בין גלייך פון סטריט שטיל אין מיין צימער אריינגעקומען. זיי ביידע זיינען געווען אין פראנט רום און גערעדט:

— וואלט איהר אויף מיר גלויבען, האט ג. זי געפרעגט, דאס איך זאל זי ווען פערפיהרען? וואס עפעס זי? אז איך זאל דאס וועלען קען איך קריגען צעהן פאר אייגער!

— געווים קענט איהר, האט מרס. קאטיק צוגעשטימט. אבער צו וואס דארפט איהר זיך אזוי פיעל פיהרען? מ'האט חתונה, מ'שטעלט א חופה און אראפ פון מארק!

— זי האט אייך געזאגט אז זי וויל שטעלען א חופה?

— זי? זי זאגט גאר נישט. זי הערט נאר וואס א י ך זאג. עפעס אזוי ווי איך וואלט איהר א מאמע געווען! ס'איז

א גאט־בענטשונג אזא קינד. ווען איך בין א בחור וואלט איך מיט איהר וואס גיכער חתונה געהאט: כ'וואלט מורא האבען טאָמער כאפט זי ווער אוים.

— מ'כאפט אזוי גיך ניט אוים קיין כלות ביי היינטיגע צייטען...

— אויך אמת. אבער האָך אז א מיידעל זעהט ווי איינער קוויינקעלט זיך, ווארט, שווייגט, איז ני בע ני מע, קערט זי זיך בעסער צו אנדערע, צו אזעלכע וואס ווילען זי גיכער.

— זי... זי האט ניט קיין אנדערע. האט זי?...

— אפשר האט זי, ניט איך און ניט איהר קענט עס וויסען. וואס וויסען מיר מיט וועמען זי טרעפט זיך? אט איז זי נאָך היינט ניטא. עס קען זיין א יונגער מאן האט זי בעגעגענט און זי איז מיט איהם אוועק נעהמען א וואק...

— איז דאס פיין פון איהר? זאגט אליין, האבענדיג א חתן — געהן מיט אן אנדערען!...

— חתן היינט, חתן מארגען. אז ס'א חתן וואס ליגט אלץ אפּ אויף שפּעטער...

— און וואס האט זי אזוי קיין צייט ניט, וואס?

— וואס? איהר האט דאך מיר אליין געזאגט אז זי איז שוין ניט קיין יונגינקע מיידעלע.

— יא, עס קען זיין זי איז נאָך עלטער פון מיר.

— עלטער, אינגער, נאָך דער חתונה גלייכט מען זיך שוין אוים אין יאהרען. זי איז, א חוץ איהר חסרון, אויף מיינע קינדער געזאגט געווארען. — — הערט איהר, האב איך היינט געמאכט א בארשט מיט א טייגאכץ מעג עס דער פרעזידענט עסען! פערזוכט עס. איהר וועט דערפון לעקען די פינגער!

ער איז אוועק פערזוכען מיין מיסעס' מאכלים און איך בין מיר, אזוי שטיל ווי איך בין אריינגעקומען, צוריק פון מיין צימער ארוים. בין א צייט אין סטריט געווען, איינציגע זאכען איינגעקויפט און צו זעהן א מואווינג פיקטשור אריינגעגאנגען.

ווען איך בין צוריק צו זיך אהיים געקומען איז שוין ג. ניט געווען. מרס. קאטיק האט מיר דערצעהלט דאס ער האט פאר מיר

לאַנג געוואַרט. זי האָט געמיינט, עס וועט איהם די נשמה אַרויס וואַרטענדיג! ס'זיינען איהם נעבעך די מאכלים שוין ניט איינ־געגאַנגען...

ס'גוט אַמאָל, האָט זי מיט אַ דיפּלאָמאַטישען שמייכעל גע־זאָגט, אַ מאַטער צו טהאָן אַ חתן. זאָל ער ניט מיינען, אַז ער איז דער איינציגער אויף דער וועלט. נאַר מיט אַ מאָס. דאָס מאָל איז גראַדע גוט געווען, וואָס איך האָב איהם געמאַכט צו פיהלען שלעכט, אָבער נאָך אַמאָל טהאָן די זעלבע חכמה וועט שוין זיין אַ נאַרישקייט...

די מרס. קאַטיק האָט זיך דאָס געמאַכט פאַר איהר אויפגאַ־בע אויסצופיהרען דעם שידוך...

* * *

„איך בין דיין חתן", האָט ג. געזאָגט, „און האָב די רעכט פון אַ חתן. מעגען עס אַ ל ע וויסען".

איהם איז, זאָגט ער, פּשוט אַ שאַנדע פאַר די שכנים, וואָס זיין „כלה" פערהאַלט זיך צו איהם אַזוי קאַלט. ווער זאָל דאָס געווען דענקען, אַז נעהמענדיג אויף זיך אַזאַ נאָמען ווי ח ת ן, וועט ער מוזען זיין ווי אַ פערמדער! נאָך אַלעמען, איז ער דאָך, זאָגט ער, „געלאָפען אַ ריסק": איצט, אויב איך זאָל נאָר וועלען, קען איך איהם, מיט מרס. קאַטיק אַלס עדות, מאַכען אַ „בריטש אָוו פּראָמיס קיים"..

איך האָב איהם פערזיכערט, דאָס כ'וועל איהם אַזאַ קייס נ י ט מאַכען. און ער האָט געזאָגט, דאָס ער האָט עס אַליין געוואוסט: בין צו אינטעליגענט פאַר דעם, בין ניט פון די וואָס צווינגען איבער גוואַלד מיט זיך חתונה צו האָבען, און דאָס איז דאָך די הויפּט זאַך, פאַרוואָס ער האָט מיך א ז ו י ליעב! דערפאַר זעט ער דאָך איין, אַז פרייע ליעבע איז די בעסטע זאַך פאַר אונז..

איך האָב איהם געזאָגט, דאָס איך געפין, אַז דאָס איז די ערגסטע זאַך — פאַר מיר.

ער איז דערפאַר שטאַרק אין כעס געוואָרען, געזאָגט דאָס ביי מיר איז אַ קליין־קרעמערישער גייסט מיט קליין־בירגערליכע אנ־

שוויאונגען און ער וועט דעריבער מעהר מיט מיר וועגען דעם ניט ריידען. זאָל איהם דער צונג אָפּגענומען ווערען אויב ער וועט!

איך האָב אויף דעם איינגעשטימט...

כ'האָב פּאָר זיך עפּעס גענעהט און ער האָט זיך גענומען לע־זען א צייטונג.

— פע! — האָט ער פּלוצלונג אויסגערופען — איבער אזא לומפּיגע צערעמאָניע זיך אזוי צו בעצאָהלען!

איך האָב די אויגען פון מיין האנד־ארבייט אויפגעהויבען און פרעגענד אויף איהם א קוק געטהאָן.

— אזא סקאנדאל! — האָט ער, ווייזענדיג אויף דער צייטונג, געזאָגט. — איינער האָט גענומען אן אָרימע, א געפאלענע, מיינד יו א געפאלענע, און מיט איהר געזעצליך געהייראט. ער איז רייך געוואָרען, זעהר זעהר רייך גע־וואָרען און זיך גענומען אין דער העכערער געזעלשאפט געפינען. האָט ער זיך מיט א יונגע, שעהנע, אנשטענדיגע מיידעל געטראָפען, זיך מיט איהר געליעבט; האָט זיך די געזעצליכע דער־פון דערוואוסט און איהם פאר'ן געריכט פארקלאָגט, פארוואָס ער האָט זי פערלאָזען. און דאָס געריכט האָט צוגע'משפט, ער זאָל איהר, דער געזעצליכער און אנשטענדיגע סומע געלד יעדע וואָך אויף דער הוצאה געבען און דערצו נאָך א שטענדיגע העלפט פון די איינקינפטע פון זיין גאנצען פערמעגען. איז דאָס ניט א סקאנדאל?

— ניין.

— ניין? פאר וואָס קומט עס איהר? פאר וואָס?!

— פאר וואָס קומט איהר ער זאָל זי איבערלאָזען? ער האָט דאָך איהר הארץ צובראָכען...

— וועט זי דאָס מיט'ן געלד גאנץ מאכען!

— דאָס טאקי ניט. אָהן דאָס געלד וואָלט דאָך אָבער פאר איהר געוועזן נאָך ערגער.

— אזוי, ערגער! אָבער די הייראטה האָט איהם דאָך ניט געשטערט די איבערצולאָזען און ליעבען אן אנדערע! — האָט ג. מיט נצחון אויסגערופען.

— אמת, אָבער הייראטהען די אנדערע — ניט. מיט דער

אַ נ ד ע ר ע ר איז ער שוין ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן צו לעבען אין פרייע ליעבע...

ער האָט זיך אַ צייט איבער די אונגערעכטיגקייט פון דער ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט געערגערט: ס'לאָזט גאָר אַ פרייען מענשען די קאָפּ ניט אויפהויבען! ס'מישט זיך אין פּערזענליכע, פּריוואַטע אנגעלעגענהייטען! ער וועט וועגען דעם פּאַקט זיכער לעקטשורען, האָט ער געזאָגט; אויסגעריסען פון צייטונג דעם פּ אַ ק ט און עס צו זיך אין קעשענע אריינגעלייגט.

איין מאָל פאר אַלע מאָל: איך מ ו ז מיך פון דעם ג. בעפרייען!

היינט איז רעי צו איין צייט מיט ג. ארייגעקומען. ער האָט ביי איהר שפּאָטיש אויפ'ן געבורט־קאָנטראָל „העכט" גענומען נאָכ־פרעגען...

— מר. דייוויס, — האָט רעי געזאָגט, — איז אָלל־רייט.

— אָבער זיין געבורט־קאָנטראָל? און אייערע „וואו זיינען מיינע קינדער?"

— אַ סך בעסער פון אייערע „פרייע ליעבעס"...

— רעדט ניט צו מיר אַזוי אין דער אַנוועזענהייט פון מיין — כלה, פּליעז! — —

— אָה, זינט ווען!?

— דאָס איז פאר אייך ניט נויטיג צו וויסען.

— ס'דוקא יאָ נויטיג. אויב זי איז דאָס שוין פון לאַנג צו־ריק געוואָרען, האָב איך צו איהר אַ טענה פאר וואָס זי האָט עס מיר, איהר גוטע פריינדין, ניט אויסגעזאָגט. אויב ערשט איצט, — וועל איך אייך — — גראַטולירען...

— גראַטולירט אונז.

— זאָל זיין מיט — האָט רעי אָנגעהויבען, — און איך האָב איהר ניט געלאָזען ענדיגען, ערקלעהרענדיג אז דאָס איז אַ שפּאַס. מיר זיינען — ג אָ ר נ י ש ט. ער לאַכט עס.

— „אוי, טאַטע, דו לאַכסט? אז אָך און וועה איז צו דעם געלעכטער!" — האָט רעי מיט אַ געמאַכטען זיפץ אויסגערופען. — „איך האָב געקענט אַן אנדער יונגער מאַן וואָס האָט אַזוי געלאַכט — האָט זי לאַכענדיג צוגעגעבען — איז ער געשטאָרבען..."

ג. האָט איהר געזאָגט דאָס איהר אַרט אויסדריקען זיך איז אַזוי פּראָסט, אַזוי וואולגאַר ווי — — ז י איז. רעי האָט זיך פון איהם מיט פעראַכטונג אָפּגעקעהרט און צו מיר געווענדעט:

— שווייגען איהם, אָדער געבען איהם וואָס איהם קומט?

— ווי איהר ווילט.

— איהר זיינט דאָך נ י ט געוואָרען זיין כלה?

— ניין. וועל עס ניט זיין אויך.

— אויב אַזוי, מר. גאַלל, — האָט זי זיך צו איהם אַ קעהר געטהאָן, — אַזוי ווי דאָס קען אייך שוין, ווי איהר זעהט, צום שידוך ניט שאַדען, זאָג איך אייך דאָס איהר זייט אַ גרויסער — — נאַר!

— שאר — —

— נעווער מיינד „שאַראַפּ"; ס'פּאַסט ניט אַזאַ ה ו י כ ע ן וואָרט צו „יוזען" ווען מ'האַלט שוין באַלד ביי „ענדיגען". אַז איהר וועט מיט מיר זיין פּרעך וועל איך דאָ שוין אייער „כלה" דערצעהלען וואָס איהר האָט דאָרט, ביי מיר, צו מ י ר גערעדט...

— „אַ מיאוסע מיידעל טאָר מען טאַקע ניט אַ קוש טהאָן"...

די וועלט זאָגט עס און איהר בעשטעטיגט עס! — האָט ג. מיט אַ שפּאָטישען געלעכטער אויסגערופען. — זעהר גוט, זאָגט וואָס איך האָב דאָרט צו אייך גערעדט. איך האָב איהר וועגען אַ סך אַנדערע ערפאַהרונגען מיט פרויען דערצעהלט און א י ה ר וועט זי ניט איבעראַשען...

ווער ווייס צו וואָס זייער קריעג וואָלט זיי געבראַכט. ווען איך וואָלט איהם ניט געהייסען אַוועקגעהן און ווען מר. דייווויס וואָלט צו דער צייט ניט געקומען.

מיר דאַכט, דייווויס האָט ניט ערוואַרטעט זיי ביי מיר צו טרעפען... זיינע ליפּען האָבען זיך אין אַן אונצופרידענע גרימאַסע אויסגעקרימט...

איך האָב געמאַכט אַ פּאָרשלאַג מיר זאָלען זיך אַלע דורכגעהן. דער פּאָרשלאַג איז פון דייווויס אונטערשטיצט געוואָרען. ג. איז געווען דאַגעגען. רעי איז געווען נייטראַל.

ווען מיר זיינען אין סטריט געווען, האָבען זיך ג. מיט רעי

ווייטער אַנגעהויבן קריגען.ביידע זיינען זיי אויפגערעגט געווען איבער דעם וואָס דייוויס איז מ י ט מיר געגאַנגען. — — — — —

* * *

מיר האָט אַביסעל געוואונדערט פאַר וואָס רעי איז אַזוי געגען ג. אַרויסגעטראָטען. הערענדיג אָבער וואָס מר. דייוויס האָט דערצעהלט, איז שוין ניטאָ וואָס ס׳זאָל וואונדערן; ג. האָט איהר אין דער אַנוועזענהייט פון דייוויס שטאַרק בעליידיגט: ער האָט געזאָגט דאָס אַזעלכע מיידלעך ווי רעי איז, קענען נאָר צוניטצקומען אויף צו דערצעהלען זיי פון די ליעבעס צו אַנדערע...

דייוויס דענקט, אַז ער האָט עס געמיינט מיך. וואָרים רעי האָט איהם דערצעהלט דאָס די הויפּט טהעמע פאַר זייערע רייד בין איך געווען.

דייוויס זאָגט, ער גלויבט אַז דאָס א י ז אַזוי. וואָרים איך בין ווירקליך ווערט מען זאָל פון מיר אַ סך ריידען. טאַקי דערפאַר אַליין וואָס איך קען אַזוי פיעל, אַזוי גוט שווייגען. און שווייגען שווייג איך מיט אַזאַ מין שווייגען, וואָס ס ׳ ר ע ד ט...

ער האָט געזאָגט דאָס ער וואָלט גאָר ניט מיעד ווערען צו ריידען וועגען מיין שווייגען. און אַז איך זאָג שוין עפּעס, איז ד אָ וואָס צו הערען. און אַ שמייכעל האָב איך אַזאַ וואָס דער־געהט צום האַרצען. און מיין גאַנג איז אַזאַ מין פּערטראַכטער, אַ שטאָלצער, ווי איך קעהר מיך גאָר ניט אָן מיט די געוויינליכע מענשען וואָס טרעפען זיך מיט מיר אויף׳ן וועג...

נאָך דעם ווי ער האָט עס מיר אַלץ געזאָגט האָבען מיר אַ צייט געשוויגען און כ׳האָב געקענט הערען ווי ג. האָט צו רעי גערעדט:

„איהר האַלט אין איין ריידען וואס מ׳דאַרף ניט. אייער געלעכטער ברייגגט אַ מענשען פון געדולד אַרויס. אַלע זיינען ביי אייך פערדעכענט פאַר גלייכע מענשען. אַלע — אָהן אונטער־שיעד!“

און רעי האָט איהם געזאָגט:

„איהר קענט נאָר זעהן אויף אַנדערע, אויף זיך אַליין זעהט איהר ניט. איהר האָט אַזאַ בליק אויף פרויען, אַז ווען איהר טהוט אַ קוק, פיהלט זיך ווי מען וואָלט געווארען בעשפּייעט. דער ציני־

שער שמייכעל געהט פון אייערע ליפּען ניט אראפּ. איהר האָט נאָר א י י ן ז אַ ך אין זינען"...

זיך אויסגלייכענדיג אין גאנג מיט רעי האָב איך איהר ארם גענומען און פאראוים די „דזשענטעלייט" אוועק: כ'האָב ניט געוואָלט אין איז" א געפיהל פון ערביטערונג ערוועקען וואס כ'בין מיט דייוויס'ען געגאנגען...

— איהר געהט מיט מיר, — האָט זי געזאָגט, — און אין זינען האָט איהר זיי... איינע פון זיי, אַלענפאַלס!..

— ווען איך געה מיט זיי, מיט איינעם פון זיי, — האָב איך געענטפערט, — האָב איך א י י ך אין זינען.

— אַלס אַן איבעריגע זאַך...

— היינט אַלס אַ.... מאַרטירערין. צופעליג איז אייך אויסגעקומען צו געהן מיט דעם וועמען איהר האָט אַזוי פיינט.

— און אייך מיט דעם וועמען איהר האָט — ?

— ניט ליעב.

— א י ה ר האָט דאָך קיינעם ניט ליעב!...

— צום בעדויערען —

— אויב איהר ווילט, — האָט זי נאָך א קורצען נאָכדענקען געזאָגט — פערהאַלטען זיך ליעבליך צו מר. דייוויס אום דעם ציניקער צו ערגערן, וועל איך אייך אליין אין דעם העלפען... זאָל זיין ווי מ'זאָגט: „כאַטש זיך איין אויג, אבי יענעם צוויי"...

ניט ווארטענדיג אויף דעם וואס איך וועל איהר ענטפערן, האָט זי זיך מיט געמאכטען, בעהאַלטענעם כעס צו דייוויס'ן אַ קעהר געטהאָן און איהם געזאָגט דאָס מיט איהם וועט מיר געוויס אנגענעהמער זיין וועגען איהם צו ריידען ווי מיט איהר...

— מערקווירדיג! — האָט דייוויס פערנעהמענדיג רעי'ס פּלאַץ נעבען מיר געזאָגט. — איך האָב ג ע פ י ה ל ט דאָס איהר רעדט וועגען מיר. אויף וואס האָט איהר ביי רעי וועגען מיר נאָכגעפרעגט?

— אויף אייער יחוס....

ער האָט מיר גענומען פון זיין יחוס דערצעהלען.

רעי האָט דערווייל געשפּיעלט די אייפערזיכטיגע אום דער-

מיט ג. אייפערזיכטיג צו מאכען, און דאָס האָט זיך איהר איינגע־געבען...

— ס'איז נאָך גוט, — האָט מיר ג. שפּעטער בייסענד גע־זאָגט, — וואס מיר האָבען נאָך ניט חתונה געהאַט. וואס פאר אַן אומגליק, שטעלט זיך פאר, וואָלט געוועזן ווען — דו פערליעבסט זיך אין דעם אינזשעניער נ אָ ך דער חתונה וואָס וואָלסטו דאַן געקענט טהאָן?

— איך דענק, דאָס ליעבען איינעם ווערט ניט אונמעגליך נאָך דער חתונה אויך...

— אָה, געוויס, געוויס, ס'איז נאָך . . . בעקוועמער —

— אויף וואס זיינען דען גט'ען אויף דער וועלט?

— אָה, וואָלסטו זיך צוליעב אזא, ווי דער אידיאָט איז, וועלען גט'ן? זעהר פיין! אלזא, איז דיר איצט פערשפּאָרט צו גט'ן זיך. קענסט זיך מיט איהם אונגעשטערט ליעבען....

— טהענקס!...

— אָה, ס'איז ניטאָ פאר וואס צו דאנקען. ביזט דאָך פריי צו טהאָן ווי דו ווילסט.

— יעס, געוויס!

— האָסטו איהם טאַקי ליעב?

— ער געפעלט מיר....

מיט צייהן קריצעניש האָט ג. אויף מיר א קוק געטהאָן און ניט וועלענדיג מיט מיר וועגען דעם מעהר ריידען בייז געשוויגען...

* * *

היינט איז ג. צו מיר געקומען וויליג צו געהן געגען זיינע פּרינציפּען, ניט אין גאנצען, נאָר זיי אזוי אביסעל פערבויגען:

„אָלל־רייט, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל שוין נאָכגע־בען: אזוי גיך ווי איך וועל ענדיגען, וועלען מיר זיך אָפיציעל אַלס מאַן און ווייב פאר דער וועלט ערקלעהרען. דערוויילע וועלען מיר ארויסנעהמען ליייסענס. אין קאורט אָדער צו א רב וועלען מיר שוין שפּעטער געהן. דו וועסט זיך אליין, ווי ביז איצט, „סור־פּאָרטען". מיר'ן וואוינען, ווי ביז איצט, בעזונדער. קיין קינדער וועלען מיר ניט האָבען.

כ'האָב פערשטאַנען וואס ער מיינט. כ'האָב איהם אָבער דער־

פאר אויפ׳ן טהיר ניט אָנגעוויזען, ניט ארויסגעטריבען און ניט אויסגעזידעלט. כ׳האָב נאָר א ווײלע געשוויגען און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— ס׳איז צו שפעט....

— צו שפעט? א וועלכען ש פ ע ט מיינט איהר? אין צייט צי אין . . . לעבען? — האָט ער געפרעגט.

— אין ל ע ב ע ן — האָב איך געענטפערט — איך האָב שוין ליעב אַן אַנדערען...

ער האָט מיך צוטומעלט אָנגעקוקט און, ווי ער וואָלט ניט גלויבען וואס ער האָט געהערט, איבערגעפרעגט:

— ליעב אַן אַנדערען?

— יאָ.

— אזוי, ל י ע ב א ן א נ ד ע ר ע ן... נו, און דער א נ ־ ד ע ר ע ר, האָט ע ר אייך אויך ליעב?

— איך גלויב אזוי...

— ער... ער וויל מיט אייך חתונה האָבען?

— אָה, מיך אַרט ניט ו ו א ס ער וויל!...

— מיט איהם וואָלט רעכט געווען פרייע ליעבע?

— יאָ... — האָב איך ווי א פערזינדיגטע זעהר שטיל גע־ענטפערט.

— און... מיט מיר — נ י ט !?

— ניין...

— פאר וואס מיט איהם יאָ און מיט מיר ניט?

— ווײל... א י ה ם האָב איך ליעב...

— שוין לאנג אז... איהר ליעבט איהם? זאָגט, ווי לאנג?

— ליעבע רעכענט זיך ניט מיט דעם ו ו י ל א נ ג, נ אָ ר ו ו י ש ט א ר ק .

— ליעבט איהר איהם ש ט א ר ק ?

— זעהר!

א צייט האָט ער געשוויגען און דערנאָך אָנקוקענדיג מיך מיט א פינסטערען בליק געפרעגט וואס ס׳מאַכט מיך „איהם" א ז ו י צו ליעבען. איך האָב די פראגע ערוואַרטעט און אויף איהם דעם צוגעגרייטען ענטפער געגעבען:

— ס'איז אויף דעם שווער צו ענטפערן....

— איהר האָט איהם געזאָגט דאָס איהר ליעבט איהם?

— אַזאַ זאַך דאַרף מען ניט זאָגען...

ווי אַ סליעדאָוואַטיעל, האָט ער מיך אויסגעפרעגט. כ'האָב איהם „אָפען" געזאָגט דאָס כ'האָב די ליעבע צו י ע נ ע ם, — איהם, ג., צו פערדאַנקען: ע ר האָט מיר די אויגען אויפ'ן ל ע ב ע ן געעפענט... ער, ג., האָט מיר געוויזען ווי רעכענונג אין ליעבע ניט אַריינצורעכענען... ער, ג., האָט עס מיר צו פערשטעהן געגעבען אַז אי י נ מ אָ ל ליעבט מען... אַז מ'דאַרף פון לעבען נעהמען וואָס מען קען... ווארום היינט ליעבט מען און מאָרגען, קען זיין, שטאַרבט מען... קורץ, אַ לאַנגע ערקלעהרונג איבער אַ סך אויפקלעהרבאַרע ערקלעהרונגען זיינע האָב איך איהם געגעבען. מיין שטימע האָט דערביי פול מיט געהאָרכזאַמקייט צו דאָס אונפערמיידליכע געקלונגען: כ'האָב מיך, הייסט דאָס, דעם ל ע ב ע ן, וואָס איז שטאַרקער פון מיר, זיך אונטערטעניג ענטשלאָסען צו איבערגעבען...

— האָב איך אייך, הייסט דאָס, פאַר אַן א נ ד ע ר ע ן צום ל ע ב ע ן אויפגעוועקט... פאַר אַ צווייטען אויפגעקלעהרט! — האָט ער ווי אַ בעגראָבענער, פון אונטער דער ערד קוקענדיג פערביי מיינע אויגען געזאָגט. — צו וואָס האָב איך עס בעדאַרפט?!

כ'האָב געענטפערט אַז . . . יאַ: פאַר אַ צ ו ו י י ט ע ן. און איך וועל דאָס איהם ניט פערגעסען... וועל אייביג דאַנקבאַר זיין דערפאַר...

ווי אַן אָפּגעשמיסענער איז ער היינט מיט זיינע פרינציפּען אוועקגעגאַנגען...

* * *

ניטאָ קיין ערגערע זאַך ווי חרטה. דאָס איז אַזאַ מין קרייינק צו וועלכע מען קען קיין רפואה ניט געפינען...

ג. האָט חרטה. ש ט אַ ר ק חרטה פאַר וואָס ער האָט מיך פאַר ז י י נ ע ניט געמאַכט....

— עס איז דאָך געוועז אַ צייט, זייט מיר קענען זיך, — האָט ער מיר היינט געזאָגט, — וואָס דו האָסט מיך מיט'ן גאַנצען האַרצען געוואָלט אויף אַלע מאָל אַלס דיינעם האָבען! האָסט דאָך

געוואַלט מיט מיר פון דאַרט, פון יענער „הינטעליגענטער" פאַמיליע אין סיטי האָל פאָהרען לייסענס ארויסנעהמען?

— יא, געוואָלט, — האָב איך מעהר צו ערגערן, גערן צוגעגעבען.

— און עס זיינען דאָך געווען מאָמענטען ווען דו וואָלסט זיך אָהן לייסענס, קען זיין, אויך אָפּגעגעבען... פאר וואס האָב איך ניט אויסגענוצט די געלעגענהייט?!

— טאַקי פאר וואס?

— זאָגסטו עס ניט אום צו רייצען זיך מיט מיר? דו מיינסט עס דאָך ערנסט?

— פאר וואס זאָל איך דאָס ניט מיינען ערנסט?...

— . . . איך בין געווען א פערד!...

— יעס.

אייגענטליך, — האָט ער, אונצופריעדען אויף אזא צושטימונג געזאָגט, — איז אז איך זאָל איצט וועלען מיט דיר געזעצליך הייראטהען, וועסטו נאָך צושטימען....

— צו שפּעט!....

— ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט! — האָט ער אויסגעשריען: נאָך אַלעמען האָט ער מיך צום לעבען פון מיין לעטאַרגישען שלאָף אויפגעוועקט! ער וויל ניט פון דעם אַנדערען הערען. זאָל ער זיך הייגען, דער אַנדערער! וואו איז ער, דער „יאָלד" פריהער געווען איידער ער האָט מיך צום לעבען, צו פרייע ליעבע צוגעגרייט?! ניין, ער וועט שוין מעהר אזוי נידערשלאָגען ווי נעכטען פון מיר ניט אוועקגעהן. — ער וועט פאָדערען וואָס איהם קומט!

איך האָב איהם אויסגעלאַכט און... אויפ'ן טהיר געוויזען...

— וואָס האָט עפּעס אייער חתן היינט אזוי געשריען, — האָט מיר מיין מיסעס געפרעגט: זיך פאר עפּעס צואווערטעלט?

— יא, צואווערטעלט.

— וואָס וויל ער פון אייך?

— ... ער ווייס אליין ניט וואָס ער וויל.

— אפשר האָט ער שוין חרטה אויפ'ן שידוך?

— זאָל ער חרטה האָבען.

— אַ זאָרג האָט איהר! ס'וועט זיך געפינען אַן אַנדערער. ס'זיינען דאָ געגוג האַלאַדריגעס. לאָמיר זיך ניט נאַרען; וואָס טויג אייך וואַרטען ביז ער'ט ענדיגען? ס'איז דאָך אַ פאַרשלעפּטע קריינק. זוכט אייך בעסער אָפּ אַ „פליינערען" מענשען, ניט אַזאַ „געבולבעטען". אַזאַ וועט אייך שטענדיג קריכען אויפ'ן קאָפּ, אייך דערלאַנגען דעם לעבער. אַ קלייניגקייט עפּעס? אַ „קאַנאַוואַל", אַ „בוטשער"! — ער וואָלט דאָך געקענט נעהמען נדן אין די שווערע טויזענדער! דער באַבע'ס ירושה האָט ער צו אייך, וועט ער זאָגען, צוגעלייגט! איז וואָס דאַרפט איהר קריכען מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט? אַז ער געהט זיין אַ דאָקטאָר דאַרף ער אייך שוין, מיינט ער, קראַנק מאַכען? אַז קריינקען זאָלען די וואָס ווינשען אידען בייז!

אַ היבשע צייט האָט צו מיר די מיסעס אַזוי גערעדט. פאַר די לעצטע פאָאַר וואָכען האָט ג. דעם גאַנצען פריהערדיגען חן ביי איהר פערלאָרען. צי איז דאָס דערפאַר וואָס ער האָט איהרע מאכלים ניט פערזוכט נאָר טאַקע פּשוט ג ע ג ע ס ע ן, צי דערפאַר וואָס ער האָט איהר ניט געפאָלגט און ניט געוואָלט, ווי ביי לייטען, שטעלען אַ חופה און „אָראָפּ פון מאַרק", צי דערפאַר וואָס ער האָט פאַר די קינדער איהרע די צוגעזאָגטע ביכלאַך ניט געבראַכט, צי דערפאַר וואָס ער האָט זיי איינמאָל געבראַכט „קאָמענע קענדי", און זיי די בייכלאַך קאַליע געמאַכט, צי פאַר אַלץ אינאיינעם, אבי זי האָט שוין וועגען איהם מעהר אַזוי גוט ווי פריהער גערעדט און מיך פון איהם שטאַרק אָבגערעדט.

— וועט איהר מיך פאָלגען און זיך פון איהם אָפּטשעפּען?

— האָט זי מיך צולעצט געפרעגט.

איך האָב געזאָגט: יאָ, און זי האָט מיר דערפאַר אַ גוטען מזל פאָראויסגעזאָגט...

בין היינט, זונטאג פריה, צו מיין מיסעס אריין און איהר געזאָגט, אַז אַזוי ווי איך האָב מיך פון מיין „חתן" שוין אינגאַנצען אָבגעזאָגט, זאָל זי זיין אַזוי גוט און איהם, ווען ער וועט קומען, זאָגען, דאָס איך בין נ'דערהיים ניטאָ... ניטאָ און ניטאָ.

„גוט, גוט וואָס איהר האָט דאָס מיר אָנגעזאָגט, האָט זי מיט אַ מין בייזע פרייד געזאָגט. ער וועט אייך שוין ביי מיר

אָנזעהן ווי זיין לינקען אויער. זעהר גוט געטהאָן: „מימאָנעשאף“, אהער אָדער אהין. גלאט אזוי נודיענען איז ניטאָ וואָס. ס'ווייס נאָר ווי צו קומען זיצען און ברענען די געז. היינט גלייכט זיך דאָס ארומצוקריגען, אזוי ווי ס'וואָלט שוין כאָטש'בי א צעהן יאָהר נאָך דער חתונה געווען! וואָס קומט איהם דען פון אייך, וואָס מאָהנט ער? א ז א ניקס!

— הערט איהר, ווי מיין נאָמען איז מיסעס קאָטיק, איך פיהל איהם ווי די אויגען פאר אייך אויסצודראפּען! — האָט זי מיט טרעהרען אין קול געזאָגט — ווי קומט ער צו אייך? ער דארף דאָך אייערע פיס וואשען און די וואסער טרינקען! און איך, בהמה וואָס איך בין, בין דאָס פון איהם צום אָנהויב אזוי נתפעל געוואָרען!

מרס. קאָטיק'ס אָן עלטערע שוועסטער, וואָס איז צו זעהן וואָס ביי איהר הערט זיך, אזש פון „בראנזוויליע“ געקומען, האָט זעהענדיג דאָס איך געה צו זיך אין צימער, מיך מיט א גוט־מור־טיגען שמייכעלע אָבגעשטעלט און זיך גוט אין מיר איינגעקוקט: איהר שוועסטער האָט איהר שוין געהאָט דערצעהלט וואָס פאר א זעלטען, טייער, כשר קינד איך בין.

— נישקשה, — האָט זי מיך געטרייסט. — פאַלט ביי אייך ניט אראָפּ. אזא מיידעל ווי איהר וועט מיט גאָט'ס הילף ניט פערפאַלען ווערען. נישקשה. ס'איז דאָ נאָך א גוטער גאָט אין הימעל וואָס זיצט אויבען און פּאַסט אונטען. „וועט קומען דער בעשערטער, וועט'ס ווערען אין צוויי ווערטער“.

כ'האָב געמיינט דאָס זי וועט זיך ביי די „צוויי ווערטער“ אָפּשטעלען און איך וועל קענען פון איהר אוועקגעהן, אָבער זי האָט ווייטער גערעדט און איך, פון ערדלקייט וועגען, האָב געמוזט הערען...

— ביי מיר שטהט איין א באָרדער, — האָט זי דערצעהלט, — איך זאָג אייך, א זיידענער יונגער מאַנ'טשיק. פּאַרצייטען האָט מען א ז ע ל כ ע יאָהרען־לאַנג אויף קעסט געהאַלטען, גאָלד אין האַלז געגאָסען. אָבער דאָ, ס'דאָך אמעריקע, מאַכט עס א לעבען; וואָס טהוט ער? — וואָס טהוט ער ניט? סע'טהוט אלץ וואָס א מויל קען רעדען. קנעלען? איז קנעלען. זינגען

ביי א חזן? — איז זינגען. אויסקריצען אויף אַזעלכע בלעכעלאַך נעמען קען ער, און דוקא מיט'ן האַנד, מיט די פינף פינגער! און בריעף מיט אַדרעסען קען ער שרייבען. אין ענגאַליש. און קריסטליכע דייטש און פּויליש און לשון קודש, וועגען אידיש איז דאָך שוין אָבגערעדט, דאָס, זאָגט ער, דאַרף מען זיך גאָר ניט לערנען, ס'קען זיך אַליין!

— נו וואָס, — האָט זיך מרס. קאַטיק אריינגעמישט. — דערצעהלסטו פון איהם אַזוי די מעלות? ברייננ איהם אַהער, וועלען מיר אַליין זעהן!...

— געוויס אַזוי, ביזט גערעכט. כ'וועל איהם טאַקע ברייננ־גען. וואָס איז דער... געוועזענער חתן געווען, אודאי אַ סאָצעליסט, ניין?...

— נו, יע, וואָס דען? ער מיינט נאָר אַז די גאַנצע וועלט דאַרף צו איהם געהערען... — האָט מרס. קאַטיק געזאָגט.

— ס'איז זיין פּראָפּעסיע? ער רעדט ביי זיי?

— שור רעדט ער!

— רעדט סאָצעליזם! אָ, פינסטערע פּרנסות אידישע! אַ פיינעם לעבען קען מען דערפון מאַכען! איך זאָג אייך, — האָט זי זיך צו מיר געווענדעט, — ס'זיינען פאַראַן צווישען אָט די סאָציאַליסטען אַלערליי הינזיכטען! מ'דאַרף זיין זעהר ביקערפול. מ'קען פון זיי ניט פיעל רעספּעקטען. מיט'ן צינגעלע איז — גלאַטע ריידעלעך, און מיינען, מיינען זיי דוקא קאַפּויר... מיין באָרדער, ווען איהר זאָלט מיט איהם וועגען זיי ריידען, וועט ער אייך שוין זאָגען וואָס זיי זיינען. ער קען זיי. אין וועלכער יוניע ער האָט צו זיי געוואָלט אריינטרעטען האָבען זיי איהם ניט געוואָלט אריינגעהמען. געלד זאָל ער זיי דערפאַר אַ פריהער געבען! סאָצעליסטען און בעטען געלד. וואָס זאָלען שוין די קאַפּיטאַליסטען זאָגען? — אַמעריקאַ.

ווען איך בין שוין ביי זיך אין צימער געווען האָב איך נאָך געהערט ווי די צוויי שוועסטער האָבען וועגען מיר גערעדט. און ניט אַזוי וועגען מיר, ווי וועגען דעם וואונדערבאַרען „באָרדער“

וועלכע די עלטערע האָט צוגעזאָגט דער אינגערער פון מיינטוועגען צו ברייגנגען...

* * *

אַלעס מוז אמאָל נעהמען אַן ענדע, אַט דאָס איז די גרעסטע מעלה פון׳ם לעבען"...

גאָרקי׳ס ווערטער. איך האָב זיך אַ צייט איבער זיי פער־טראַכט: פאַר וועמען דאָס לעבען איז אַ פרייד, איז דאָס פערגעהן פון זאַכע: אַ קנאַפּער פערגעניגען. פאַר מיר אָבער, וועמעס לעבען איז אַזוי גרוי, וואָכעדיג, אַזוי בלאָס און אָפטמאָל שוואַרץ, איז דער בעוואוסטזיין פון דער ענדע — אַ טרייסט...

---

איך האָב אַ צייט צום אויסגעשטערנטען הימעל, אויף דער פולער לבנה געקוקט, און אַ גלויבען אין דעם, דאָס איך וועל נאָך ווען עס איז זיין גליקליך, האָט זיך אין מיין נשמה בעזעצט. — —

דער גלויבען איז ווי אַ לייטער פאַר מיין האָפנונג דורך וועלכע עס דערהויבט זיך מיין גייסט און מאַכט שטאַרקער קלאַפּען מיין האַרץ.

איך גלויב און איך צווייפעל. איך האָף און איך וואַרט. איך שטעל מיר פאַר זאַכען וואָס איך בין כמעט ווי זיכער דאָס זיי וועלען אין מיין לעבען ניט פּאַסירען. אָבער, איך וויל ביי מיר ניט אוועקנעהמען די מעגליכקייט פון קענען זיך כאָטש פאָרשטעלען אין געדאַנקען דאָס, וואָס איז אַזוי ווייט פון דער ווירקליכקייט.

מיט אַ מאָדנעם, אַ מין רעליגיעזען טרויער, טראַכט איך וועגען אַ. ווי אין געבעט רופען שטיל מיינע ליפען זיין נאָמען און איך פיהל דערביי אַזוי פיינליך גוט און שוואַך. איך האָב איהם ליעב פאַר די ליידען וואָס מיין ליעבע צו איהם פערשאַפט מיר. זיי ברייגנגען מיך צו אַ מין הייליגע שטימונג, זיי לייטערען מיין נשמה. זיי דיזענפיקצירען, וואָלט איך זאָגען, די אונריינע געדאַנקען וואָס ג. האָט אין מיין מח, פאַר דער צייט וואָס ער האָט מיך אַגיטירט, אריינגעוואָרפען.

אַ פערקעהרטע ווירקונג האָט ג.׳ס אַגיטאַציע פאַר לעבען אויף מיר געהאַט: זיי האָבען ניט ערוועקט קיין זינדיגע, ווי

ער האָט עס געוואָלט, פּערלאַנגגען, נאָר אַ פּערשטאַרקערטע ני גונג צו נשמה׳דיגע, שעהנערע, שטענדיגע איבערגעבענהייט צו איין איינ־ציגע, גאַנצע ליעבע בעשאַפען.

---

כ׳האָב עטליכע ווערטער פון ג. אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער אונ־טער מיין טיר געפונען:

„איך דאַרף אייך זעהן. מיר מוזען ריידען. בין געווען און אייך ניט געטראָפען. זעהט צו זיין נ׳דערהיים. זעהר וויכטיג“.

ז ע ה ר וויכטיג!...

מיר מוזען שוין גאָר ניט ריידען. ס׳איז ניטאָ מעהר וואָס צו ריידען. איך בעוואונדער מיין אייזערנעם געדולד ביז אהער. אויב מיר איז בעשערט צו שטאַרבען זאָל עס זיין פון אַ גרינגערען טויט, ניט פון לאָזען זיך ביז טויט פערנודיען!

---

איך בין אין דער היים נ י ט געווען. דאָס איז געווען זיכערער ווי זיין נ׳דערהיים און לאָזען מרס. קאָטיק זאָל איהם זאָ־גען דאָס איך בין ניטאָ... זי קען, אזוי ווי ער הויבט איהר אָן צו בעטען, איהם ניט אָפּזאָגען. זי הויבט איהם אָן צו גלויבען דאָס ער וויל ש ו י ן שטעלען אַ חופּה און איהר גוטע נשמה ווערט דערביי אזוי געריהרט אז טרערען שטעלען זיך איהר אין די אויגען פון דעם געדאַנק וועגען פערדינען אַ מצוה — אויסצופיהרען אַ שידוך...

איך פערשטעה ג.׳ס איצטיגע גאַנגען אזוי: עס שטעהט איהם ניט אָן וואָס מ י י ן ווארט איז געווען דער לעצטער. איהם דוכט דאָס עס איז געווען אַ צייט וואָס איך האָב מיך אין גאַנצען אונ־טער דעם איינפלוס פון זיין מאַכט געפונען, און ער האָט חרטה פאר וואָס ער האָט דעם ר י כ ט י ג ע ן מאָמענט פון ל י ע ב ע פאר׳ן ל ע ב ע ן ניט אויסגענוצט...

ער האָט זיך ערשט ארומגעזעהן ווי... ניט פּראַקטיש ער האָט געהאַנדעלט: ער, דער „סקולפּטאָר“, האָט אין זיינע הענד דעם „ליים“ געהאַלטען און, אנשטאט די געוואינשטע פיגור דערפון פאר זיך אויסצוקנעטען, האָט ער פון זיך אליין אַ גולם געמאַכט!...

* * *

מר. דייווים איז מיט צוויי טיקעטס פאר דער אָפּערא צו מיר געקומען און מיך געבעטען איך זאָל מיט איהם גיהן. מיר איז דאָס ניט געפעלען... פּלוצלונג מיט מ י ר, וואו איז דען רעי?...

איך האָב זיך איבער אַן אויסגעטראַכטען „אַפּאָינטמענט" דערפון ענטזאגט און, ער האָט רעי צו דער אָפּערא גענומען...

---

רעי האָט מיר דערצעהלט דאָס זי האָט שוין לאַנג אַזא גוטען אוועבד ניט געהאט. ער האָט זעהר גוטע סיטס גענומען, און פערטראַכט, שווייגענדיג איז ער א גאַנצען אוועגד געווען — ווי א . . . פערליעבטער!...

אָרימע רעי! ווי אַנדערש זי וואָלט וועגען זיין פערטראַכטקייט געטראַכט ווען זי וויים, דאָס זי איז אויף מ י י ן טיקעט צו דער אָפּערא געגאַנגען!...

„ס'איז בעסער, — האָט זי קוקענדיג פריינדליך אויף מיר געזאָגט, — צו האָבען אַ צד אין טיש ווי אַ טשאַד אין קאָפּ"....

— אנקעגען וואס זאָגט איהר דאָס? — האָב איך זי געפרעגט.

— „אנקעגען . . . דער לבנה!" — האָט זי געלאַכט און ערנסט צוגעגעבען דאָס ס'איז ניט אַנקעגען דער לבנה, נאָר אַנטקעגען מיר: מר. דייווים האָט איהר געזאָגט דאָס ער האָט מיך ב ע ג ע ג ע נ ט און געפרעגט אויב איך א ו י ך וואָלט געוואָלט מיט זיי גיהן צו דער אָפּערא און איך בין געווען טאַקטיש גענוג זיך דערפון אָפּצוזאָגען, ווייל... איך האָב, ווי ער האָט פערשטאַנען, זיי ניט געוואָלט שטערען...

דערפאַר, האָט צו מיר רעי געזאָגט, ווען אימיצער פון מ י יּנ ע וועט ז י בעטען זי זאָל מיט אונז מיטגעהן, וועט זי זיך אויך אַזוי טאַקטיש בעזייטיגען...

איך האָב איהר געזאָגט דאָס ז י זאָל עס ניט טהאָן, פון „מיינע" זיינען גאָר ניטאָ אַזעלכע מיט וועלכע מ'זאָל מיר שטערען. זי האָט אין ענטפער אויף דעם מיך אַ ווײַלע מיט איהרע צוגעזשמורעטע, קורצזיכטיגע אויגען אָנגעקוקט און געפרעגט, וואָס איז דער מעהר מיט מר. גאלל?..

— גאָרנישט.

— גאַר גאָרנישט?
— אַבסאָלוטלי גאָרנישט!
— דאָס קען ניט זיין!
— דער פאַקט איז, אַז עס איז.
רעי האָט זיך פערטראַכט און מיט בעדויערן אויף מיר געקוקט.
— אַ שאַדען, אַזוי פיעל צייט אויף איהם אומזיסט גע׳פטר׳ט...
— גאַר ניט אומזיסט: כ׳האָב אין דער צייט אַ סך געלערנט.
— וואָס האָט איהר געלערנט?!
— כ׳האָב געלערנט, דאָס איך און נאָך אַזעלכע מיידלעך זיינען בעשאַפען געוואָרען פאַר מעהר בעשטימטערעס, פאַר גאַנצערעס ווי די פרייע ליעבע איז.
— נו, דאָס קענט איהר זאָגען פאַר זיך, פאַר זיך אַליין,— האָט רעי געזאָגט, — איך, פערזענליך, וואָלט איינגעגאַנגען אויף פרייע ליעבע ווען, עס פערשטעהט זיך, מיר זאָלען זיך גוט פערשטעהן.
— וואָס בעסער איהר וואָלט זיך פערשטעהן, אַלץ וועניגער וואָלט איהר זיך ליעבען...
— פאַר וואָס? איך זעה ניט איין פאַר וואָס!? אָט האָב איך געזעהען אַזעלכע וואָס האָבען איינגעשטימט אַזוי צו לעבען און זיי זיינען צופרידען. ווען ס׳קומט אַ קינד איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דאָס בינדט איהם אַזוי צו ווי... אַן אמת׳ען טאַטען.
— יאַ, און וואָס הערט זיך עפּעס מכח געבורט־קאָנטראָל?...
— וועלל, דאָס איז טאַקע ניט גוט... ס׳איז זעהר טרויעריג. ס׳איז, מעג מען זאָגען, אַ פערברעכען אָפּצונעהמען ביי דער פרוי דאָס רעכט צו זיין אַ מוטער!..
— איז דאָס ניט?! ווי אָבער אַז די פרוי וויל דורך׳ן קינד בערויבען די פרייהייט פון איהר מאַן דעם „מענש“, איהם פשוט צובינדען דערמיט?
— יאַ... ס׳איז דאָס וואָס מר. דייווים זאָגט... ער האָט זעהר ליעב קינדער, זאָגט ער, אָבער די פרייהייט האָט ער נאָך ליעבער.
— זיך האָט ער ליעבער!
— אַלע האָבען זיך ליעבער פון אַנדערע, — האָט רעי מיט אַ טרויעריגען, ביטערען שמייכעל געזאָגט, — יעדער זוכט

נאָר ווי פאַר זיך איז בעסער. דערווייל געהט אוועק דער גאַנצער לעבען און מ׳בלייבט ביי גאָרנישט...

* * *

— איך האָב פאַר אייך אַ נייעס, — האָט מיך היינט מיין מיסעס מיט אַ געהיימניספולע מינע ביי מיין קומען צו זיך בעגעגענט. — ע פּ ע ס וואָס וועט אייך הנאה טהאָן!

— וואָס אַן ערך פאַר אַ נייעס איז דאָס?

— אייער חתן —

— גענוג!

— ער איז דאָ געוועזן —

— איך האָב געזאָגט „גענוג“, ס׳הייסט אַז איך וויל מעהר פון די „נייעס“ ניט הערען. —

— אָבער הערט זיך איין וו אָ ס!

— פּליעז, מרס. קאַטיק, דערצעהלט מיר עפּעס אַן אַנדער זאַך. וואָס מאַכט אייער קאַץ, זי האָט שוין ווייטער וועמען צודראַפּעט?

— „נעוועך מיין“ די קאַץ. לאָזט מיר נאָר דערצעהלען אייך וואָס ד ע ר האָט געזאָגט, — האָט זי זיך ניט געלאָזט פּערריידען, — איך האָב איהם, פערשטעהט איהר מיך, געגעבען אַ וואָרט דאָס איך וועל אייך אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט — איבערגעבען.

— ווי לאַנג האָט ער דאָ פערבראַכט?

— ביי אַ פּאָר שטונדען.

— „גוד נאַיט!“ איך וועל שוין פערשפּעטיגען וואוהין איך מוז אין צייט קומען!..

— אירה׳ט ניט פערשפּעטיגען. איך׳ל ס׳מאַכען קורץ. בקיצור, ער וויל שוין שטעלען אַ חופּה, מיט אַ רב, מיט אַלע זיבען זאַכען, טאַקע דאָ אין הויז. נאָר, איין זאַך: מ׳זאָל דאָס דערווייל, ביז ער׳ט ענדיגען, קיינעם ניט אויסזאָגען. און, מ׳זאָל ניט נעהמען קיין רומס. ביידע זאָלען, ווי ביז איצט, לעבען. האָב איך געזאָגט, אַז דאָס איז קיין לעבען ניט, אַזאַ לעבען — אויף הינט געזאָגט געוואָרען! האָט ער שוין איינגעשטימט צו וואוינען צוזאַמען, אין איין בעד־רום, טאַקע דאָ אין הויז. ער וועט מיר צוצאָהלען

וואָס אויף זיין חלק וועט אויסקומען, און ס'וועט זיין אַלל־ראַיט. איצט טרעפט וואָס א י ך האָב אויף דערויף געזאָגט?

— אז — — — איהר ווילט איהם ביי זיך ניט האָבען... — האָב איך פּרובירט טרעפען.

— ניין, איך האָב איהם געזאָגט: אָט געהט, פערדרעהט אייך א י י ע ר קאָפּ! זי האָט שוין, דאַכט זיך, אַן אַנדערן...

— גוט!

— האָט ער אָבער געזאָגט דאָס איהר האָט נ י ט, און ס'טוהט איהם וועה דאָס הארץ פאר אייך וואָס איהר געהט נעבעך אוים נאָך איהם ווי א ליכט. ער קען ניט שלאָפען פאר וואָס ער האָט שיער זיין וואָרט צו א יתומה, צו אַן עלענדע מיידעל געבראָכען. איהר וויינט געוויס גאַנצענע נעכט דערפאַר וואָס ער האָט אייך געלאָזען. און ער וויל ניט איהר זאָלט וויינען —

— אַלל־ראַיט, כ'וועל ניט וויינען. איז דאָס שוין גאָר?

— נאָך א ביסעלע; ער וועט דאָ זיין ——

— ווען? — האָב איך געפרעגט כדי צו וויסען ווען דאָ נ י ט צו זיין.

— אהא, גנב'טע! — האָט מרס. קאַטיק שעלמיש צוואווינ־קענדיג א לאַך געטהאָן. — איהר ווילט דאָך דאָס וויסען!

— אַלזאָ, ו ו ע ן?

— מאָרגען, זונטאג, פונקט צו דער צייט ווען מען מוז אייך נ'דערהיים טרעפען: אין דער פריה.

— אזוי, — האָב איך געזאָגט, — און בעשלאָסען — אויב איך וועל ביי דער מיסעס ניט פועל'ן זי זאָל איהם ניט אריינלאָזען, אָדער זאָגען דאָס איך בין נ'דערהיים ניטאָ, — ביי רעי צו נעב־טיגען. אָבער זי האָט עם מיר צוגעזאָגט. נאָך אַלעמען וועט זי, זאָגט זי, מעהר מ י ר נאָכגעבען ווי איהם. אמת, א חופּה איז א חופּה; מ'קען עס מיט'ן האנד ניט אוועקמאַכען. אָבער, אז א מיידעל שפּאַרט זיך איין דאָס זי וויל ניט, — ווייס זי שוין מסתמא פאר וואָס, און ס'איז ניט איהרע „ביזנעס" זיך אין דעם צו מישען.

— יאָ, האָט זי זיך דערמאָנט: — מיין שוועסטער פון בראָנז־וויל וועט דאָ מאָרגען זיין מיט איהר באָרדער. ער וויל זיך זעהר

שטאַרק מיט אייך בעקענען. פאַר דעם וועט איהר האָך זיין אין דערהיים?...

— פאַר דעם, פאַר אַלעמען, נאָר ניט פאַר יענעם!

— מילא, — האָט די מיסעס צוגעגעבען, — זאָל זיין אַזוי. איך בין מחויב געווען צו האַלטען מיין וואָרט. און צוריידען, איינריידען דאַרף מען קיינעם ניט; מ'קען גאָר ניט וויסען וועלכער ס'איז דער בעשערטער, אפשר גאָר דער שוועסטער'ס באָרדער וואָס וועט מאָרגען קומען? — — —

* * *

„גאָט, ווי גרויס איז דיין טהיערגאָרטען!“ — —

די ווערטער האָבען זיך ביי מיר אויסגערופען אַזוי גיך ווי מרס. קאַטיק'ס עלטערע שוועסטער'ס גערעטענער „באָרדער“ איז פון מיר אוועק.

דערפאַר וואָס מרס. קאַטיק איז געווען אַזוי גוט צו מיר און אַזוי שטאַרק אויסגעהאַלטען כאַראַקטער מיט ג., איהם צו מיר ניט אריינצולאָזען, האָב איך שוין ניט געקענט זיין אַזוי גראָב מיט איהרע געסט ניט צו פערברייינגען...

יאָ, זעהר שטאַרק האָט זי זיך דעם מאָל געגען ג. געשטעלט, איהם נאָהענט צו מיין טיהר ניט צו לאָזען צוגעהן!...

אַ זייגער 11 אין דער פריה איז ג. געקומען.

— ניטאָ נ'דערהיים, — האָב איך פון מיין רום געהערט ווי זי האָט א י ה ם געזאָגט.

— אָלל־ראַיט, — האָט ג. געענטפערט. — וועל איך אין איהר צימער אריינגעהן צו־וואַרטען ביז זי וועט זיין...

— נאָ־סער, איהר קענט צו איהר אין צימער ניט געהן.

— פאַר וואָס ניט?

— אַזוי.

— אַזוי.

— אָבער פאַר וואָס א ז ו י?

— אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיות ניט...

— ס'עפעס אַ מאָדנע מעשה, — האָט ג. געצוואונגען אַ לאַך געטהאָן, — ס'איז קאָמיש.

— ס'אי ווי דאָס איז, אַזוי איז דאָס, — האָט זי ברוגז'דיג

געענטפערט, —און שפּאַרען זיך וואוהין מ'בעט ניט, איז ניטאָ וואָס...

— איהר... האָט דאָך איהר איבערגעגעבען מיינע ווערטער? — האָט זי ג. נאָך אַ קורצער פּאוזע געפרעגט.

— איבערגעגעבען, איבערגעגעבען.

— נו, וואָס האָט זי אויף דעם געזאָגט?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט?

— אַט דאָס הייסט, גאָרנישט און גאָר!

— זייט ניט אַזוי עקסייטעד...

— „נעווער מיין" זייט ניט עקסייטעד! כ'האָב גענוג אַרבייט וואָס כ'דאַרף אַטענדען —

— טהוט אייך אייער אַרבייט...

— מיסטער, ס'וועט ניט געהן. איך וועל ניט טהאָן מיין אַרבייט וואו איהר וועט פון דאַנען ניט אַוועקגעהן. געהט!

— ווי בייז איהר זייט היינט... אַזאַ בייזע!

— ס'אָלרייט, אַז איך בין אַ בייזע — זאָל זיך מיין מאַן זאָרגען. אייך דאַרף פאַר דעם די קאָפּ ניט וועה טהאָן... כ'האָב פיינט אַז מ'שטופּט מיך.

— איך שטופּ אייך ניט.

— וואָ דען? איך שטופּ מיך? כ'פערשטעה די קונצען...

— איהר זייט אַ נאַרישע אידענע.

— אַרויס פון מיין הויז! קיינער האָט נאָך מיך ביי מיר אין הויז נאַר ניט גערופען. אַזאַ חוצפּה! אַזאַ העזה!

— אַז איהר טרייבט זיך, — האָט ער זיך פערענטפערט.

— אַז מ'האָט שכל דאַרפ'ן אַליין וויסען ווען אַוועקצוגעהן...

— טאָר איך ניט געהן צו מיין כלה?

— זי איז אַזוי אייער כלה ווי זי איז... מיין כלה! ט'צאָך צוגעטשעפּעט צו אַ מיידעל: האָב מיט מיר חתונה!

— אפשר האָט זיך די מיידעל גאָר צו מיר צוגעטשעפּעט? — האָט ער אין אַ שפּאַסיגען טאָן געפרעגט. — וואָס ווייסט איהר?

— אַ נעכטיגער טאָג! ס'ניט פון די מיידלאַך וואָס זוכען זיך

אַן וועמען אַנצוטשעפּען. זי איז גערן אז מ'טשעפּעט זיך צו איהר ניט.

— פון וואַנען קענט איהר זי אזוי? איך קען זי לייזנגער פון אייך. אויב זי איז ניט, איז זי דאָך גענוגען מיין כלה, קען איך זי בעסער —

— נו לייזנגער, בעסער, ערגער — ס'איז בלויז געשטויסען וואַסער.

— זי האָט מיט מיר געוואָלט חתונה האָבען —

— האָט איהר געזאָלט חתונה האָבען ווען זי האָט געוואָלט. איצטער וויל זי ניט.

— זי וויל יא. זי וויל כ'זאָל שטעלען א חופה —

— זי וויל ניט קיין חופה.

— איך וויל מיט איהר ריידען.

— ס'ניטאָ מיט איהר וואָס צו ריידען.

— פרעגט איהר. זאָגט איהר אז איך בין דאָ.

— ווי זאָל איך איהר זאָגען אז זי איז דאָ ניטאָ! — האָט די מיסעס אויסגעשריען, און זיך צו מיר אריינגעכאַפּט.

— וואָס זאָל איך מיט איהם טהאָן? — האָט זי פערצווייפעלט שטיל געפרעגט.

— הייסען איהם געהן...

— ס'העלפט ניט. איהר הערט דאָך!.. אפשר וואָלט איהר אליין?

— איך — — שלאָף...

— זי שלאָפט. — האָט זי איהם געמעלדעט.

— אָלל־רייט, וועל איך וואַרטען ביז זי'ט אויפשטעהן... — האָט ער געזאָגט און זיך דאָרט אוועקגעזעצט וואַרטען...

לאַנג האָט ער געוואַרט און איך האָב אַלץ „געשלאָפען"....

אָבער ענדליך האָט זיין בעלייידיגטער שטאָלץ אין איהם ערוואַכט און ער האָט זיך מיט א האַסטיגען הויב פון אָרט צום ארויסגאַנג געלאָזען און די טיהר מיט כעס נאָך זיך צוגעקלאַפּט.

„ברוך שפּטרני!" — האָט די מיסעס דאָרט א ברכה געמאַכט, און איך האָב דאָ געזאָגט: א מ ן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ס׳זיינען די געסט פון בראָנזוויל אָנגעפאָהרען!

דער מיסעס׳ס שוועסטער איז געקומען אויסגעפוצט ווי א מחותנת׳טע און איהר „באָרדער“ — ווי א חתן.

ער האָט געטראָגען א „פול דרעס“. דער ווייסער האַלזטוך איז שטייף ארום הארטען, הויכען, ווייסען קראגען געווען פער־צויגען. ער האָט פון דעם, ווי ס׳האָט אויסגעוויזען, זיך געפיהלט ניט בעקוועם, ווארום ער האָט אַלע רגע די האַלז פון קראגען ארויפ־געצויגען און די קאָפּ אויף א זייט געדרעהט.

ער האָט זיך אין גאַנצען, א קורצער און א מאָגערער, אין „פול דרעס“ ווי א לעבעדיגע זאַך אומגעדרעהט. די האָר זיינע, געדיכטע נאָר הארטע און שטעכיגע, האָבען ניט געוואָלט אויף זיין קאָפּ ליגען, און געמאכט אזא׳ן איינדרוק ווי זיי וואָלטען זיך איינ־מאָל פון שרעק געהאט אויפגעשטעלט און פון דאַן אָן אין אזא פּאָ־זיציע פערבליבען.

אויגען האָט ער אזעלכע גרוי־בלויע און זיי קוקען ג י ך, ביסטרע, דאָס נעזעל אביסעל ארויף־פערריסען און ס׳ציהט מיט זיך די אויבערשטע ליפּ ארויף איבער וואָס די אונטערשטע קוקט אויס ווי אָנגע׳ברוגז׳ט. אויף דער אויבערשטער ליפּ געפינען זיך א פּאָר געדיכטע ווי ארויפגעקלעבטע בערשטלאַך — וואָנצעלאַך, אַלאַ טשארלי טשאפּלין. און אין מאָרדע איז דאָ א גריבעלע. אין אַלגעמיין זעהר א פרעהליכע צורה׳צקע וואָס ערוועקט גלייך, ביים ערשטען קוק, א פערלאַנג צו שמייכלען. און, ווען צו דעם קומט צו די שטימע, און ניט אזוי די שטימע ווי די ווערטער, דער ארט ריידען, מוז מען — לאַכען!..

מען האָט אונז פּ אָ ר ג ע ש ט ע ל ט. ער האָט זיך ווי א מיליטאריסט אויסגעגלייכט, איינגעצויגען און נידעריג מיט גרויס ווירדע פערבויגען. דערביי האָט ער זיין מיסים „געפיקסט“ זיין נאָמען:

— „ענטשולדיגען זיי, ניכט זשווערקין, נור זוווערקין!“

— וואָס הערט זיך עפּעס אין בראָנזוויל? — האָב איך, צו פערבינדען א ו ו ע ל ט ל י כ ע ן און אַלגעמיינעם געשפּרעך, דער מיסעס׳ס עלטערע שוועסטער געפרעגט.

— וואָס זאָל זיך דאָרט הערען? — האָט זי „געענטפערט“ —

גאָר נישט: אַ וועלט מיט ציגען! בראַנזוויל, אויך מיר אַ מדינה! ס'האָט מיר אַ טעם! אָבער לאַטס און ווידער לאַטס!

— הלואי פערמאָג איך וואָס די לאַטס זיינען ווערט! — האָט זיך מיין מיסים געוואונשען.

— וואָלסטו וואָס געטהאָן? געהריזשעט די ערד? עס האָבען מיר אַ טעם די לאַטס. איין טענעמענט האיזקע אין ניו יאָרק פאַר הונדערטער לאַטס אין בראַנזווילע!

— און וואָס דענקען זיי וועגען דיזעס? — האָט מיך מר. זווערקין געפרעגט.

— איך דענק דאָס בראַנזוויל איז אָלל־רייט.

— ניכט פאַר סינגעל לייטע. ס'איז אָלל־רייט פאַר פערהייראַטע. פערשטעהען זיי?

— און וואָס זיינען פערהייראַטע? ניט קיין מענשען? — האָט זיך זיין מיסים ווי אַ בעליידיגטע אָפּגערופען. — ער מיינט אַז אונזער נשמה איז אַ ראַזשינקע. אַז מען איז פערהייראַט וויל מען אויך וואוינען צווישען מענשען, ניט צווישען ציגען.

* * *

מיין מיסעס האָט איהר שוועסטער מיט'ן באָרדער געבעטען בעסער עפּעס אין מויל נעהמען: זאָלען זיך גוים קריגען. ס'איז אומעטום די זעלבע וועלט. מ'קען אַ וועלט ניט איבערשטעלען: דער גלייכט איין זאַך און דער גלייבט אַן אנדער זאַך. און ס'גוט וואָס ס'איז אַזוי. ווען ניט, אַז אַלע וואָלטען גלייבען איין זאַך, וואָלט מען זיך איבער דעם כסדר האַלטען אין איין רייסען און בייסען. „ניט אַזוי, מר. זווערקין?"

מר. זווערקין האָט געזאָגט אַז דאָס איז זעהר אַזוי. „דאָס איז העכסט פּאָליטיקאַליש!"

נאָך דעם ווי ער האָט עס געזאָגט, האָט ער גענומען אַ נוס, איהם אין מויל אַריינגעלעגט און, צומאַכענדיג איין אויג זיך איינגעשפּאַרט מיט די צייהן דעם נוס צו קנאַקען.

— נעהמט אַ קנאַקער, — האָט איהם מיין מיסעס געבעטען, — ס'אַ שאָדען די צייהן.

ניין, ער האָט נאָר געוואָלט ווייזען ווי ער וועט דעם נוס דוקא מיט די צייהן צוקנאַקען!

— שפּיעלט זיך מיט זיינע צייהן? — האָט זיין מיסעס צו איהר שוועסטער געזאָגט. — אַלע אַזעלכע געזונטע, איינע אין איינע.

בקיצור, וויפיעל ער האָט זיך געמאַטערט, וויפיעל זיין מיסעס האָט זיינע צייהן ניט געלויבט, — ער האָט דעם נוס נ י ט גע־קענט צוקנאַקען. אַ נאַסען האָט ער איהם פון מויל צוריק ארויס־גענומען, מיט'ן נאַזטיכעל אַרומגעווישט און שטאַרק בעטראַכט:

— „אַ זאָנדערבאַרער נוס!“ אַ מערקווירדיגער, נעהמענדיג אין אַ נ ב ע ט ר א כ ט די ה אַ ר ט ק י י ט, איז עס ניט קיין נוס, זאָנדערן אַ שטיין!“

ער האָט דעם „שטיין“ צוריק אויף זיין פריהערדיגען אָרט פאַרזיכטיג אוועקגעלייגט און אַן אַנדער „שטיין“ זיך גענומען. דעב אַנדערן, און נאָך דעם אַנדערן אַ צווייטען, אַ דריטען, אַ פערטען, האָט ער ערפאָלגרייך צוקנאַקט און זיך גענומען, אין דער צייט פון אויסקאַלופען די יאָדרעס, אַ געשפּרעך מיט מיר פערפיהרען.

— זיי זיינען שוין לאַנג אין דיזער אַמעריקא, אויב איך מעגע אינען פרעגען?

— זיי? —

— ענטשולדיגען זיי מיר, פראַילעין, — האָט ער ווי פער־דריסליך געזאָגט, — כ'האָב עס געפרעגט וועגען א י נ ע ן.

— אַה, וועגען מיר! שוין עטליכע יאָהר.

— טרוימען זיי אָפט וועגען צוריק אינ'ם פינסטערען רוסלאַנד צו פאָהרען?

— ... יאַ, עס חלום'ט זיך מיר אָפט דאָס איך פאָהר אַהין. און, ווען איך כאַפּ מיך „דאָרט“ אויף, ווילט זיך מיר צוריק אַהער. איז דאָס ניט „פאַני“?... — האָב איך, כדי צו האָבען צוגעגרייט אַן אויסרייד פאַר לאַכען, געפרעגט און שוין בעצייטענס געשמיי־כעלט.

— ענטשולדיגען זי ווידער אַמאָל: איך מיין ניט טרוימען — חלום'ען. נאָ־מעם. איך מיין צי האָבען זיי ניט אין געדאַנק אַ פערלאַנג צוריקצופאָהרען אַהין פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

— אָה, — — — ניין.

— פון וואַנען קומען זיי?

— פון... מינסק.

— מערקווירדיג, אַלע קומען פון מינסק! מיט וועמען איך האָב פאַר דער לעצטער צייט געהאַט די ה ע ה ר ע צו שפּרעכען, קומען זיי פון מינסק. איך בין אַמאָל דורכגעפאָהרען מינסק. קענען זיי דאָרטען איינעם מיט'ן נאָמען רב יעקב מאיר?

— געוויס. אַ גוטער איד געווען. ער איז געשטאָרבען.

— האָבען זיי זיך צו איהם געגאַנגען בענטשען בעפאָר זיי האָבען די רייזע נאָך אַמעריקאַ געמאַכט?

— דאָס גראַדע ניט.

— אַלע געהען זיך צו איהם בענטשען. זיי שטאַמען, ווי איך מאָהל מיר, פון אָרטאָדאָקסאַלע עלטערן?

— ניין. איך שטאַם פון... פריידענקער.

— זאָ, זאָ, און זיי זעלבסט?

— איך זעלבסט? — — בין — — אָרטאָדאָקסאַל!...

—דאָס איזט מערקווירדיג, דאָס איזט וואונדערבאַר... זיי האָבען זיך ווארשיינליך אין אינענם גרויספאַטער איינגעגעבען?

— איך דענק דאָס אין דער גראָססמוטער, אין דער באָבען...

— זאָ, זאָ. איך וואָלט זעהר וועלען האָבען די העהרע אינענם משפחה צו קענען.

— ווי אַזוי? סיידען איהר זאָלט אַריבערפאָהרען אין „יור־ראָפּ" —

— ענטשולדיגען זיי, פּראַילעין, איך מיין ניט צו קענען זיי פּערזענליך, דאָס איז ליידער אונמעגליך; איך מיין זייערע פאָ־טאָגראַפיעס. איך קען נאָך בילדער אורטהיילען אַ מענשען.

מיין מיסעס האָט צו מיר מיט געבעט אין איהרע אויגען גע־זאָגט איך זאָל ברייננגען מיין אַלבאָם און זיי וועלען דאָס אַלע בע־קוקען. איך האָב איהר ניט געוואָלט ענטזאָגען, און בין צו מיר אין צימער אוועק איהם נעהמען.

ווען איך בין געווען אַ פּאָר טריט אַבגעגאַנגען, האָב איך געהערט ווי ער האָט געזאָגט:

— „זי איזט איין היבשעס מערכען“. און מיין מיסעס האָט אויף דעם הארציג געענטפערט: „אזא יאָהר מיר!“ — —

דער מיסעס׳ שוועסטער האָט, גלויב איך, מיט׳ן קאָפּ אויף דעם צוגעשאָקעלט.

* * *

נייגעריג צו הערען, ווי מר. זווערקין וועט מיינע אייגענע נאָך זייערע פאָטאָגראַפישע בילדער אורטיילען, האָב איך מיין אַלבאָם פון מיין צימער צו דער מיסעס׳ „דיינינג רום“ גענומען.

די מיסעס האָט מיט איין האַנד צוגעהאַלטען דעם ברעג טיש-טוך און מיט דער צווייטער די ברעקלאַך פון קעיקלעך און שאָלעכץ פון די ניס אָפּגעשאַרט. דאָס האָט זי געמאַכט א ריינעם אָרט וואו איך זאָל דעם אַלבאָם אוועקלייגען.

פון אָנהויב, ווען איך האָב איהם געבלעטערט, האָבען אַלע געקוקט אין איהם. אין מיטען דרינען האָט דער מיסעס׳ שוועסטער געזאָגט דאָס זי פערשטעהט ניט פאַר וואָס מען זאָל אריבערגעהן אין פראָנט-רום אום דאָרט עס צו בעקוקען; דאָרט איז א סך ליכטיגער און בעסער.

אין פראָנט-רום האָט זי אויך קיין בעזונדערן אינטערעס צו די בילדער ניט ארויסגעוויזען. אנשטאט צו קוקען אין אַלבאָם, האָט זי געקוקט צו דער שוועסטער, און — עס האָט לאַנג ניט גענומען ווי כ׳האָב מיך מיט מר. זווערקין ב י י דעם אַלבאָם אַליין געפונען...

—ענטשולדיגען זיי מיר,—האָט ער, זעהענדיג דאָס מיר זיינען אַליין, געזאָגט — איך וויל עס דורכקוקען פון אָנהויב —

איך האָב איהם ענטשולדיגט. כ׳האָב גאָר נישט געהאַט דאַגעגען, ער זאָל עס אָנהויבען זיבען מאָל פון אָנהייב. אָבער מיר האָט זיך געוואָלט הערען זיין אורטייל, און איך האָב איהם געפרעגט ווי די בילדער געפעלען איהם.

— אויסגעצייכנעט, היבשע פאָטאָגראַפיען! דיעזע, זעהען זיי, מוז זיין אינענם א שוועסטער? — האָט ער אויף מיינע א בילד אָנגעוויזען.

— ניין, דאָס איז גראָדע איך אַליין, — האָב איך געזאָגט.

— ווען זיי זיינען זעהר יונג געווען.

— יאָ!

— ווי אַלט זיינען זיי דאַן געווען?

— ווען איך בין יונג געווען?

— יעס־מעס!

— ווי אַלט קען מען זיין ווען מען איז יונג? מען איז דאָך יונג!

— 'טשולדיגען זיי מיר —

— און דאָס איז מיינע אַ בילד וואָס איך האָב שוין גענומען אויף דער עלטער... — האָב איך איהם אַנגעוויזען.

— איין פאַרטרעפליכעס בילד! נור עטוואָס צו... צו מעלאַנכאָליש. זיי זיינען אין גרונד גענומען אַ... פעסימיסטין? אויב איך מעג אינען פרעגען.

— ווי אַמאָל, היינט בין איך אָפּטימיסטיש.

— ווארום זאָ?...

— אַזוי, גלאַט אַזוי.

— זיי רעדע ווי אַ ריכטיגע ליטוויטשקע.

— און איהר רעדט ווי אַ דייטש...

— איך בין געבאָרען נעבען ריגאַ; זיך אין האַמבורג ערצויגען; אין לעמבערג האָב איך שטודירט. איינע פאַלקס שולע דורכגעמאַכט. און איינע פראָפעסיאָן ערלערענט.

מעהר ווי אויף אַלע האָט ער זיך אויף דעם טאַטענס בילד אָבגעשטעלט און איהם אַ צייט נעהמענדיג אין „האַנבעטראַכט“, אַזוי וואַזשנע געזאָגט:

— אינעם פאַטער זעהט אויס צו זיין ניכט קיין כניאָק!

— ? — ? —————

— וויסען זיי ניט וואָס דאָס מיינט? דאָס מיינט ניכט קיין שלומיעל, ניכט קיין טייגעניכטס, — האָט ער ערקלעהרט.

— מיר איז ווירקליך אַ וואונדער זיי זאָלען דיזען וואָרט ניט האָבען קיינמאָל פריהער געהערט.

— ס'איז דאַיטש?...

— אַך, גאָט ביוואַהר! דאָס איז פליין מאַמע־לשון. ס'איז אידיש, א י ד י ש. פערשטעהן זיי דען גאָר קיין דייטש ניכט? שאַדע, שאַדע. דאָס איז דאָך אַ נויטוועענדיגקייט אין דער הע־

בערער געזעלשאַפט. דיזע שפּראַך איז דאָך פון אַלעמען אַנער־קענט אַלס די קולטור־שפּראַך אין אַלע הינריכטונגען. זיי מוזען, ווייסען זיי, דיזע שפּראַך ערלערנען אויב זיי ווילען ווי־סען ווי אין דער העכערער געזעלשאַפט אינענס געדאַנקען אויס־צודריקען! — האָט ער בלעטערנדיג דעם אַלבאָם און ניט קוקענדיג אויף די בילדער ערנסט געזאָגט.

מיר האָט זיך געוואָלט פאַר שפּאַס איהם פרעגען אויב ער וואָלט ניט געוואָלט זיין מיין לעהרער, אָבער, כ'האָב עס ניט געפרעגט פאַר מורא ער זאָל דעם שפּאַס ניט נעהמען ערנסט און קריגען אַן אויסרייד מיך צו קומען נודיען.

— ווי, צום ביישפּיעל, — האָט ער נאָכדענקענד געפרעגט, — וואָלט איהר זיך אין דער העכערער געזעלשאַפט וועגען אייערע ערדלערע געפיהלען אויסגעדריקט ווען עס קומט אייך אויס בלויז אויף זשאַרגאָן צו ריידען?

— איך וויים טאַקי ניט ווי...

— טאַקע! זעהן זיי, טאַקע. נעהמען זיי, צום ביי־שפּיעל דעם וואָרט טאַקע, און זיי וועלען זעהן אַז דאָס איז גאָר קיין וואָרט ניט.

— נו, און ווי וואָלט איהר זיך אין דייטש אויסגעדריקט?

— האָב איך מיט אַן איינגעצוימטען אין א שמייכעל געלעכטער איהם געפרעגט.

— איך קען אין דייטש אַלעס אויסדריקען וואָס מיין אינסטינקטיוו זאָגט מיר. וואָס אייער אינסטינ־קטיוו זאָגט אייך וואָלט איהר ניט קענען אין אידיש אויס־דריקען. זיכער ניט. אָט, צום ביישפּיעל, זאָגט מיר, וואָס זאָגט אייך אייער אינסטינקטיוו איצט?...

— מיין אינסטינקט? — האָב איך איבערגעפרעגט, בדי איהם אויף אַן ערדלען אופן צו ווייזען ווי מ'דאַרף דאָס וואָרט זאָגען, אָבער ער האָט מיין „אינסטינקט" אין האַנבעטראַכט ניט גענומען און געזאָגט אינסטינקטיוו ביז די מיסים מיינע מיט איהרע שוועסטער מיט עטליכע קינדער פון סטריט, זיינען אין פראָנט רום אריינגעקומען.

* * *

א שפּאָגעל נייע „ליעבע", א — — ליטעראַרישע!

מיר האָבען זיך צו א ליטעראַריש־מוזיקאַלישען אָבענד בעקענט און ער האָט גלייך געזאָגט, אז דאָס בין איך. ד י מיידעל וועלכע ער זוכט אין זיינעם א ראָמאַן אריינצושטעלען.

ער האָט וועגען מיר געהערט, דאָס איך בין זעהר בעלעזען און... מ'קען מיט מיר ריידען. שוין לאַנג ווי ער האָט מיך געוואָלט קענען, אָבער, זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען האָבען איהם אין דעם געשטערט. די מוזע האָט איהם צום שרייב־טיש צוגעבונדען און געהייסען שאַפען, שאַפען, שאַפען!

אוים ליעבע צו דער קונסט האָט ער זיך מיר גענומען מאַכען ליעבע. איך מ ו ז — האָט ער געזאָגט — איהם געבען בעגייסטערונג פאַר דער נייער זאַך וואָס ער געהט, מיט מיר אלס העלדין, שרייבען.

— אלץ וואָס איך קען אייך געבען — האָב איך געזאָגט, — איז — א ש מ י י כ ע ל.

— דאָס איז ווייניג. מען דאַרף ניט זיין אַזוי. זייט, — האָט ער געזאָגט, — ווי א העלדין פון א מאָדערנעם ראָמאַן דאַרף זיין: פריי און אונגעצוואונגען.

— אלזאָ, צווינגט מיך ניט. —

— איהר זיינט מאָדעל איצט. מיין מאַטעריאַל פון וועלכען איך געה שאַפען א קונסט־זאַך וואָס וועט אויפרודערען די ליטעראַרישע וועלט. איך וועל אייך פעראייביגען, וועל אייך מאַכען אונשטערבליך. איך מיט מיין סטיל און שרייבען, וועל בעשאַפען א ווערק וואָס וועט זיין דער וואונדער פון צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט! אפילו מיינע שונאים, וואָס ווילען מיך ניט אנערקענען, וועלען מוזען צוגעבען דאָס איך בין אָריגינעל, מאָדערן, גרויס!

זעהענדיג ווי איך קוק אויף איהם, — האָט ער געפרעגט:

— וואָס, איהר גלויבט ניט אין מיר? דאָס איז ווייל איהר קענט מיך נאָך ניט. ווען איהר ווייסט ווי זיי אלע זוכען מיך נאָכצומאַכען! אָבער, זיי געלינגט עס ניט. מיין סטיל איז אַזאַ, וואָס מען ק ע ן נ י ט נאָכמאַכען. ס'איז גאָר א בעזונדערער סטיל, אַן אַבסאָלוט אייגענאַרטיגער. מיט אַזאַ סטיל מוז מען

געבאָרען ווערען. איך, מעג איך זאָגען, בין געבאָרען געוואָרען מיט א פעדער אין האנד.

— האָט איהר אָנגעהויבען שרייבען ווען איהר זיינט נאָך געוועזן א בייבי...

— כמעט א קינד. יא, דאָס איז א י ן מיר געוועזן, ווען איך בין נאָך געווען

— ווען איהר זייט נאָך גאָר ניט געווען!

— עס קען זיין. מיין נשמה איז געווען פול מיט דיכטונג אזוי גיך ווי זי איז אויף דער וועלט געקומען. איך האָב געהאט א מאָדנע נייגונג צו שרייבען און אָנגעפאנגען האָב איך דאָס, ביז איך בין צו פּאַפּיר דערגאנגען, אויפ'ן זאמד, אויפ'ן שנעע, אויף די ווענט. ווען איך פלעג דערזעהן טינט, פלעג איך עס אזש כאַפּען טרינקען, אזוי ליעב האָב איך דאָס געהאט! און וואו איך האָב געכאַפּט א בוך, האָב איך עס צוריסען. ווי די הארץ וואָלט מיר געזאָגט, דאָס איך וועל שרייבען בעסער פון די וואָס האָבען ביז מיר געשריבען. איז דאָס ניט כאראקטעריסטיש?

— זעהר!...

— ווען איהר זאָלט איבערלעזען אלץ וואָס איך האָב געשריעבען, — האָט ער בעגייסטערט פון מיין „זעהר“ געזאָגט, — וואָלט איהר זעהן, דאָס איך האָב קיין א י י ן שוואכע זאַך ניט געשאַפען. אלץ איז ביי מיר שטארק און פול מיט לעבען. זיי, די אנדערע, די לאַפּאַצאַנעס, בייסען זיך פאר כעס די פינגער, וואָס זיי קענען ניט אזעלכעס שאַפען. און פאר וואָס קענען זיי ניט, ווייסט איהר?

— פאר וואָס זיי — — קענען ניט? —

— יא. ס'איז ווייל זיי קענען ניט. און זיי קענען ניט ווייל ס'איז נ י ט א י ן ז י י. מען דארף, מען מוז האָבען א גרויסע נשמה אויף צו קענען שאַפען גרויסע זאכען.

— פון וואנען נעהמט איהר דאָס. איך מיין, נ י ט די נשמה, — האָב איך כדי צו קענען שמייכלען געזאָגט, — נאָר די זאכען פון וועלכע איהר שרייבט?

— פון לעבען. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס לעבען אליין איז ניט פיעל ווערטה ווען מ'האָט ניט דערביי קיין פאנטאזיע.

און איך האָב אַ רייכע פאַנטאַזיע מיט זעהר אַ טיעפע פּסיכאָ־לאָגיע — — —

* * *

— איך האָב ערשט לעצטע וואָך פערפערטיגט אַן ערצעהלונג, —האָט מיין ניי־בעקאַנטער ליטעראַט געזאָגט, — איז עס אַן אַנטיק! ס'איז ז ע ה ר אַ גוטע זאַך. די מעשה איז דערפון אַזוי: ווילט איהר איך זאָל אייך איבערגעבען דעם אינהאַלט? ס'איז ז ע ה ר אינטערעסאַנט.

— וועלל, —

און ער האָט איבערגעגעבען: דער נאָמען פון דעם איז: „די געפיהלען". אַ טאַלאַנטפאָלער שריפטשטעלער פערליעבט זיך שטערבליך אין אַ יונגער, בילד־שעהנער מיידעל און וויל זי מאַכען אונשטערבליך. ער זעהט אין איהר די פרוי, וויל ער זי בעזינגען, פעראייביגען. אָבער זי לאָזט זיך ניט. זי ווייס גאָר ניט וואָס דאָס איז. איהר נאַאיווע, אונערפאַהרענע נשמה שרעקט זיך פאַר דעם קינסטלער און זי בעט זיך ביי איהם, ער זאָל זי ניט ט ש ע־פּ ע נ ע ן. ענדליך זעהט זי איין, דאָס זי איז צו שוואַך געגען איהם און לאָזט זיך מאַכען אונשטערבליך. זי ווערט ווייך ווי וואַקס. גוט, מילד, נאָכגעביג און, ער פעראייביגט זי.

די מיידעל האָט אַביסעל געלד. אַזוי, אַ פּאָאָר הונדערט דאָ־לער. גיט זי דאָס איהם אַוועק, כדי ער זאָל דאָס ווערק וואָס ער האָט פון איהר געמאַכט — קענען אַרויסגעבען. ער קריגט אַ פערלעגער וואָס גיט עס פאַר איהם אַרויס און, זיי ביידע געפינען זיך אין זיעבעטען הימעל. ווארום אַלע ריידען וועגען דעם! זי זיצט מיט איהם אין זיין ליטעראַרישען קאַפע און איז שטאָלץ אויף איהם. די לאַפּאַצאַנעס, וואָס ווייסען ניט ווי אַ פען אין האַנד צו האַלטען, קוקען אויף איהר און זיי זיינען איהם מקנא. מיט אַ ז אַ „מוזע" ביים זייט, זאָגען זיי, וואָלטען זיי אויך גע־קענט עפּעס שאַפען. עפּעס אַזעלכעס וואָס זיי האָבען נאָך ביז איצט ניט געשאַפען. זי זעהט ווי זיי עסען זי מיט די אויגען, און שעהמט זיך.

אַזוי געהט עס ביז ס'קומט צו דעם שטעל וואו די מאַטעריעלע זייט, די עקאָנאָמישע, ווייזט איהרע נעגעל... דער פערלעגער

ווייזט זיך ארויס צו זיין א „פייקער“. ער זוכט צוליעב פּערזענ־ליכע אורזאַכען אן אנדערנ׳ס ווערק אין מאַרקעט צו ברענגען. די קריטיקער, גרויסע ניט פערגינער, זוכען די זאַך צו פערשטיקען, צו איגנאָרירען. — ער, דער פּערפאַסער, וואָלט שוין וועלען זיי זאָלען עס ארונטעררייסען אבי ניט פערשווייגען. אַבער, מאָלע וואָס ער וויל. געהט ער ארום אָהן א קאָפּ און זי ווערט פער־שוואַרצט, פעראומערט. זי קען ניט זעהן ווי ער ליידט.

איהר ניט קענען זעהן ווי ער ליידט, מאַכט איהם אויך שרעק־ליך צו ליידען. ער ווערט פערצווייפעלט, וויל זיך נעהמען דאָס לעבען, אָבער זי לאָזט ניט.

ער קוקט אויף איהר ווי זי געהט אונטער, וועלקט, פערוועלקט, ווערט אַלט פאַר דער צייט און ביי איהם ווערט דערפון געבאָרען א פּלאַן פאַר א טראַגעדיע. „דער קרבן פון קונסט“ זאָל זיך דאָס רופען: ווייזען דער וועלט ווי זי איז זיך מקריב פאַר דער קונסט און, כדי דער סוף זאָל זיין א גוטער, דרעהט ער איבער דאָס רע־דעל צום 4טען אַקט און מאַכט אז זי זאָל שוין זיין גליקליך אויפ׳ן גאַנצען לעבען. אָבער, דער מענש טראַכט און דער טייפעל לאַכט, זי שטאַרבט אַוועק מיט א ווילדע פריהער איידער די פאָרהאַנג לאָזט זיך אראָפּ. דער שאָפּ לעגט זי אין דער ערד אריין. די פּראָזע צוטרעט די פּאָעזיע. דער טויט בעזיעגט דאָס לעבען. דער שרייבער שפּאַרט צו זיין הייסען שטערען צום קאַלטען שויב און קוקט מיט פּעסימיזם אין דער ווייטער ווייט אריין. קוקט און... זעהט גאָרנישט...

— א וואונדערבאַרע ערצעהלונג? ! — האָט ער, מיך אָנקור־קענדיג, בעגייסטערט געפרעגט, און ניט וואַרטענדיג אויף מיין ענטפער אליין געזאָגט, אז דאָס איז א טייערע, א מ ע ר ק־ וו י ר ד י ג ג ר ו י ס ע ז א ך! דאָס פערדיענט דעם אויבען־אָן צווישען די גרעסטע ווערק, וואָס זיינען ווען אין אונזער און זייער ליטעראַטור געשאַפען געוואָרען! דאָס איז קונסט. א ז ו י דאַרף מען שרייבען. ער האָט זיך פיינט צו לויבען, ער האָט זיך פיינט צו בעריהמען. אָבער וואָס אמת איז אמת, און ער מוז דאָס אליין צוגעבען.

* * *

כדי זיך אָפּרוהען אביסעל פון זיין רייכע פאַנטאַזיע, טיעפע פּסיכאָלאָגיע, הויכע נשמה, גרויסען פערשטאַנד און קאָלאָסאַלען טאַלאַנט, האָב איך די אויפמערקזאַמקייט צו זיין אויסערן אויסזעהן געצויגען.

— פאַרוואָס זיינט איהר אַזוי בלאַס? — האָב איך איהם געפרעגט.

— איך בין אַ דיכטער, אַ א י ד י ש ע ר דיכטער, — האָט ער מיט בעדייטונג געענטפערט, — און איך בין אינטעליגענט.

— ביי אייך זיינען אַזעלכע טיעפע קנייטשען אויפ'ן שטערן...

— דאָס איז פון דענקען, פון טראַכטען, פון קלערען.

— און פון וואָס איז ביי אייך דער שניט אויפ'ן באַק?

— פון אַ „באַרבער".

— און דער שראַם ביים האַלדז?

— פון אַ ב אַ ר ב אַ ר.

— איהר האָט עפּעס אַזאַ מאָדנע טבע צו פערקוועטשען די ליפּען.

— יאָ? דאָס קומט ביי מיר פון וועלען אונטערדריקען מאַנכע ווערטער, וואָס ווילען זיך פון זיך אַליין ארויסזאָגען. עס זיינען פאַראַן זאַכען, וואָס מ'דאַרף האַלטען פאַר זיך, אַלענפאַלס פאַר שפּעטער. אָט, צום ביישפּיעל, מיר ווילט זיך אייך איצט זאָגען, ווי ליעב איך האָב אייך מיט אמאָל געקראָגען, און פיהל, אַז דאָס פּאַסט נאָך ניט צו זאָגען... איהר וועט זיך בעליידיגען, וואָס אַזוי גיך... ביי אַזאַ ווי איהר זיינט קען די ליעבע זיין מעהר אָנגעלייגט, ווען זי זאָל זיך ציהען ווי... פון פעך; ווען מען זאָל זיך פריהער ג ו ט אָנמאַטערען ביז מען מען זאָל זיך ערקלערען. איהר האָט מורא פאַר די שנעלקייט פון קומען צו אַזעלכע געפיהלען, ווייל דאָס מאַכט אייך צו גלויבען, אַז אַזוי שנעל ווי דאָס קומט, אַזוי גיך וועט דאָס אַוועקגעהן. מיר, קינסטלער, זיינען אָבער מענשען, וואָס ל ע ב ע ן ווען זיי ל ע ב ע ן; מיר גיבען זיך אָפּ מיט'ן מאָמענט; אונזער גאַנצער שאַפען קומט פון איינדריקע. „מר. טעמין, — האָט מיר איינע אַ מיידעל אַנומעלטען געזאָגט, — איהר זיינט דער גרעסטער פּסיכאָלאָג, וואָס כ'האָב

ווען אין מיין לעבען בעגעגענט. איהר קענט זעהן, וואָס ביי אונז אין דער נשמה טהוט זיך. איהר קענט אונז". און די מיידעל, וואָס האָט דאָס געזאָגט, האָט שוין אויף איהר לעבען א סך פּסי־כאָלאָגען, גרויסע און קליינע, טיעפע און פלאַכע, געזעהן!

— ווער איז די מיידעל? איך וואָלט זי ווערען קענען —

— ניין, איהר קענט זי ניט קענען. זי איז דאָ איצט ניטאָ. אַ שאָד וואָס ניט. איך וואָלט אייך מיט איהר בעקענען. זי וואָלט אייך זאָגען, וואָס די ליעבע פון אַ שרייבער איז. ס'איז גאָר ניט דאָס, וואָס די ליעבע פון אַן אַנדער מענשען, אַ פּראָסטען בשר ודם. עס פערשטעהט זיך, ס'זיינען פאַראַן פערשיעדענע ליעבעס, ווי ס'זיינען דאָ פערשיעדענע שרייבער: איינעם'ס ליעבע קומט אַרויס ווי אַ שטיק שונד, אַ צווייטענס — שעהן, פּאָעטיש און ליטעראַריש.

די ליעבע, וואָס ער פיהלט צו מיר, איז, זאָגט ער, אַ העכסט ליטעראַרישע ליעבע, און ווייל זי איז ליטעראַריש, הייסט עס נאָך ניט, — האָט ער געזאָגט, — זי זאָל ניט קענען זיין שפּאַנענד און רעאַליסטיש. אין נאָמען פון אונזער ליטעראַטור, זאָגט ער, מוז איך איהם ליעבען...

— דערצעהלט מיר, מר. ט. — האָב איך איהם, כדי אָפּ־ציהען פון דעם מוזען ליעבען, געבעטען, — ווי אַזוי איהר שאַפט. דאָס מוז דאָך זיין אַזוי אינטערעסאַנט...

— עס איז. ס'איז ז ע ה ר אינטערעסאַנט. איך מיין, אַז דאָס איז די אינטערעסאַנטסטע זאַך אין לעבען: איהר בע־שאַפט עפּעס און... אַלע קוויקען זיך דערמיט. איהר זעהט מיט אייערע אויגען, ווי די מענשהייט לעקט די פינגער פון דעם גייס־טיגען מאכל, וואָס איהר דערלאַנגט צום ליטעראַרישען טיש, און טראַכט זיך: ניט אומזיסט בין איך אויף דער וועלט געקומען. אָפּמטאָל, ווען איך פאָהר אין עלעווייטער, אין קאַר אָדער אין סאָבוויי און זעה, ווי מ'לעזט מ י י נ ע אַ זאַך, פיהל איך, אָה, דאָס איז אַ וואונדערבאַרער געפיהל! איך היט דעם אויסדרוק פון יענעם'ס געזיכט, און מיר דוכט, דאָס יענער פיהלט אַלץ, וואָס כ'האָב איהם, ביים שאַפען די זאַך, געוואָלט מאַכען צו פיהלען.

ווען איך שאַף, בין איך ניט נאָר אַ שרייבער, נאָר, דאַרפט איהר ווייסען, אַ לעזער אויך, אַ סך לעזער!

* * *

ז. האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג. עס פערשטעהט זיך, ער האָט מיך פריהער געפרעגט וואָס מיין אינסטינקטיוו זאָגט מיר. אויסגעפונען דאָס מיין אינסטינקטיוו שווייגט, האָט ער געזאָגט וואָס ז י י ן אינסטינקטיוו זאָגט:

— מיין א י נ ס ט י נ ק ט י ו ו זאָגט מיר, דאָס זיי זיינען די ריכטיגע פערזאָן פאַר מיר אין אַלע ה י נ ר י כ ט ו נ ג ע ן. נעהמענדיג אין האַנבעטראַכט אינענס אַנדלונגען, זיינען זיי זעהר איין פיינעס פראַילעין און קומען פון איין אַנשטאַנדיגעס פאַמיליע. זיי האָבען אין זיך עפּעס וואָס ציהט צו. איך וועל אינען גליקליך מאַכען. כ'וועל זיי געבען מיין נאָמען, פאָרשטעלען פאַר מיינע פריינדע און וועל מיט זיי מאַכען אַ לוסט-רייזע אין דייטשלאַנד ווען די מלחמה וועט זיך ה ע נ ד י ג ע ן —

— מר. זווערקין —

— ענטשולדיגען זיי מיר, א י ך רייד יעצט. זיי מוזען ווייסען דאָס איך האָב פיעל געטראַכט ביז איך האָב מיר בעשלאָסען צו אינען וועגען דיזעס צו ריידען. ווי זאָגט מיין מיסעס? זי איז איינע פליינע פרוי אָבער אַ קלוגע: „אַ שדוך טהאָן איז ניט אַ בייגעל אויפצועסען", דאָס מוז —

— אָבער —

— ענטשולדיגען זיי מיר, איך רייד. ווען איך וועל הענדיגען, וועלען זיי זאָגען וואָס זיי ווילען. אַז מען שלאָגט מיר איבער די רייד, פערגעס איך וואו איך האַלט און קען אַזוי, דאָס וואָס איז זעהר וויכטיג פאַר אונז ביידען, ניט אַרויסזאָגען. וואָס איך וויל אינען איצט פרעגען איז, צי וואָלטען זיי מיר קענען העלפען געהן אין ביזנעס. דאָס הייסט, ניט העלפען מיט האַרבייט, נור זאָנדערין, מיט געלד. איך מוז אינען פערזיכערען דאָס א י ך זוך קיין געלד. איך זוך דעם מ ע נ ש ע ן. זיי זיינען אַ פאָל־שטענדיגער, פאָלקאָמענער מענש אין פולען זינן דאָס וואָרטעס, אָבער, ווייסען זיי דאָס צו מענשליכקייט שאַדעט ניט דאָס מען האָט נאָך עפּעס? איינמ[illegible]ן צייטען —

— מר. זווערקין, איך בעט אייך —

— וואַרטעט זיי. איך וועל נאָר ענדיגען. ביי איינטיגע צייטען אַז מען האָט ניט קיין געלד, איז מען אַן אָרימאַן און, אַן אָרימאַן איז געגליכען צו אַ טויטען.

איך האָב מיך ערקלעהרט — — „טויט"...

— וועלל, ליעבעס פריילעין, — האָט ער מיט בעדויערען געזאָגט, — עס טהוט מיר זעהר לייד פאַר אינען, אָבער דאָס מאַכט ניט. זיי זיינען דאָך איין מענש. האָבען זיי ניט קיין געלד! געלד געהט אוועק אָבער דער מענש פערבלייבט... איך בין איין דזשענטעלמען... ביי מיר אַ וואָרט איז — אַ וואָרט. כ'האָב געזאָגט מיין מיסעס „ווי זי שטעהט און געהט" און אַזוי זאָג איך יעצט. וואָס זאָגען זיי דערצו? יעצט קענען זיי ריידען. —

— איהר זיינט ווירקליך אַ דזשענטעלמען, — האָב איך געזאָגט, — און דעריבער וועט מיר זעהר לייד טהאָן וואָס איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכען אויף דעם פאַקט דאָס... איך בין שוין ניט פ ר י י. איך, איך האָב שוין מיין... „יא וואָרט" געגעבען צו אַן אַנדערען..

— וואָס? זיי זיינען שוין פערלאָבט!? אונמעגליך! — האָט ער ווילד אויסגעשריען.

— פאַר וואָס איז דאָס אונמעגליך? —

— אָך, זאָ וואָס... סטייטש, מיין מיסעס האָט דאָך מיר געזאָגט דאָס אייער מיסעס האָט איהר געזאָגט דאָס איהר שטעהט אין שידוכים! זיי מוזען ווימען. — זיי האָבען דאָך געמוזט וויסען —

— וואָס ווייסען זיי! —

— אָך, ניט זיי, אינען מיין איך זיי — איהר, א י ה ר האָט דאָך געמוזט וויסען דאָס איך בין אינען אַלס אַ כלה געקומען זעהן.

— וועלל, האָבען זיי דאָך מיך געזעהן אַלס אַ כלה... נאָר אַן אַנדערנס...

— אונגלויבליך!... וואו איז דען אינענם חתן?

— ... ער איז איצט גראַדע דאָ ניטאָ... ער איז אוועק־געפאָהרען.

— פאַר וואָס איז ער אוועקגעפאָהרען?

— ...פּאַר — — ביזנעס.

— אזוי... וואָס איז דאָס פּאַר ביזנעס ?

— ...דאָס איז ז י י נ ע ביזנעס.

— וועט ער אהער צוריק קומען, אָדער זיי וועלען צו איהם פאָהרען ?

— וועגען דעם דאַרפען מיר זיך דורכשרייבען...

— און איך מאַך אינען איין פאָרשלאַג!... דאָס איז נאָך נימאלס דאָ פּאַסירט האָט! ווארום האָבען זיי עס מיר ניט גע־זאָגט ?

— כ׳האָב געוואָלט זאָגען, האָט איהר דאָך מיר ניט געלאָזען ריידען —

— זאָ, זאָ, זאָ...

* * *

מיין מרס.׳ס שוועסטער פון בראָנזוויל איז „עקסטרע" איבער מיר היינט אין ניו יאָרק געקומען.

— וואָס איז, פּאַר וואָס געפעהלט ער איהר ניט ? — האָט זי דער מיסעס ערשטווינט געפרעגט. — וואָס פעהלט איהם דען ? דאַכטצאַך אזא טייערער מענשעל, א גוטער, אָהן א גאַל, א גע־לערנטער, קומט אַרויס פון פיינע עלטערן, רעדט דייטש, פער־שטעהט א געשעפט, ס׳איז דאָ מיט וועמען צו ריידען, ס׳איז דאָ וועמען צו הערען. היינט זינגטאָס! ס׳קומען יום־טובים, מאַכט׳ס א פיינע פּאַר טאַלער ביי חזנות. וואָס הייסט, ע ר געפעהלט ניט ? וואו איז דער שכל דערפון ?

— דער שכל דערפון איז, — האָט מיין מיסיס, צו מיין גרויס נייגעריגקייט צו הערען וואָס זי וועט ענטפערען, געזאָגט:

— איז דער, וואָס די פראַגע אליין איז א... נאַרישקייט. איינער, וואָס האָט שכל, וואָלט אליין איינגעזעהן, וואָס פּאַר א קרומע זאַך דאָס איז און זיך געזוכט צו מאַכען א שליומפּער אלס א שדכנ׳טע ערגעץ אַנדערש. צו נעהמען א מיידעל, וואָס איז געוואַקסען ווי א סאָסנע, ווי א שעהנער בוים און איהר ריידען איינעם, וואָס קען אין א צילינדער־הוט געהן אונטער׳ן טיש שפּאַצירען!

— טפוי! — האָט די שוועסטער אויסגעשפּיִיט. — ג׳זעהן וואָס פּאַר א חסרון זי האָט געפונען ? די כלה איז צו שעהן!...

אַז אָך און אַז ווען איז שוין צו דער מיידעל, וואָס זוכט דאָס דער חתן זאָל זיין שעהנער פון איהר. ביי היינטיגע צייטען אַ מיידעל אָהן עלטערען, וואָס וואַלגערט זיך נעבעך אַרום צווישען פּרעמדע מענשען, דאַרף אויפהויבען ביידע הענט צום הימעל און אָפּדאַנקען דעם וואָס לעבט אייביג, פאַר וואָס ס׳געפינט זיך נאָך איינער, מיט אַזעלכע מעלות, וואָס קוואַפּעט זיך אויף איהר. ס׳זיינען דאָ ווייניג בעלנים היינט אויף חתונה האָבען אין גאַנצען! און ווארט נאָך אַביסעל — וועט זיין נאָך ווייניגער. דער יקרות ווערט גרעסער. די מלחמה וועט באַלד אויפהערען, וועלען מייד־לאַך ווערען מעהרער און ס׳וועט אַזאַ חתן זיין מיט ליכט צו זוכען! כ׳לעבען, אַז מ׳זאָל זיך גוט בעקלערען, דאַרף מען גאָר קיין סך ניט טראַכטען און מיט צוגעמאַכטע אויגען נעהמען ווי ס׳געהט, ווארום באַלד וועט דאָס אויך ניט זיין.

מיין מימים האָט געזאָגט, אַז: נישקשה, ס׳וועט נאָך זיין, די וועלט געהט נאָך ניט אונטער, און ס׳איז בעסער צעהן מאָל אַ זאַך איבערצוטראַכטען בעפאַר מ׳געהט איינמאָל טהאָן. גאָט איז טאַקע אַ פאָטער און שיקט צו דעם שפּינער זיין וואָל און דעם וועבער זיין פלאַקס, צי פערקעהרט. און אין איין וואָגען קען מען קיין פּאַווע מיט קיין באָק ניט איינשפּאַנען. ס׳איז טאַקע שווער זיך צו קלייבען אַ גלייכען. אָבער מ׳דאַרף אַזוי ניט כאַפּען, ס׳איז ניט קיין הייסע לאָקשען, זאָל בעסער גאָט צושיקען אַ בעסערען. גאָרניט, דער וועט אויך צוניץ קומען, ס׳וועט זיך פאַר איהם אויך געפינען אַ מיידעל.

אַזוי האָט מיין מימים געהאַלטען פאַר מיין צד און איהר שוועסטער פאַר׳ן „חתן׳ס״ צד. ס׳איז געווען זעהר אינטערעסאַנט צו הערען, אָבער איך האָב זיי געמוזט אין מיטען פון זייערע רייד איבערלאָזען און צו זיך אין צימער געהן, ווייל טעמין איז צו מיר געקומען.

* * *

מיט אַ פינסטערען בליק פאַר זיך אין דער וועלט אריין, איז רעי ביי מיר אַן אָבענד אָפּגעזעסען און פון איהר אומעט־לעבען גערעדט.

זי האָט איבער מר. דייוויס׳ס „ליעבע״, וואָס האָט אַזוי פיעל

צייט אויף „אויסגעהן" פערנומען, איהר פּאָזיציאָן פערלאָרען. איהר קאָפּ איז ניט געווען ביי דער ארבייט. זי האָט די פּאָדערונגען, וואָס די ארבייט האָט געשטעלט, ניט געקענט פּינקטליך נאָכקומען, און מען האָט אַן אנדערע אויף איהר פּלאַץ גענומען.

און מר. דייוויס? ער, ווען זי וואָלט איהם איצט די גאַנצע צייט איהרע קענען אָפּגעבען, איז... ניטאָ. ער איז מיט אַן אנדערע פערנומען, מיט קאַטיאַ'ן... ערשט איצט האָט זי אויסגעפונען, דאָס זיי האָבען זיך נאָך פון פריהער געקענט, זיי זיינען נאָך אַמאָל אַ צייט ארומגעגאַנגען און איצט, איצט האָבען זיי זיך ביידע אַ רום גענומען, צו לעבען כדת פרייע ליעבע און אפשר וועלען זיי חתונה האָבען...

זי איז געווען ביי ב. און פון דאָרט, פול מיט פערדרוס, אַוועקגעגאַנגען: זיי האָבען זיך פון די אַלטע רומס אין אַ שעהנעם פּלעט אויף דער וועסט סייד אריבערגעקליבען; אַ דיענסט אין הויז אריינגענומען, און, טרעפט, האָט רעי מיר געהייסען, ווער עס איז זייער „באָרדער" געוואָרען!?

מיין הארץ האָט אין מיר אַ זונק געטהאָן; ווי אַן איבערגעשראָקענע פויגעל מיט די פליגעל אַ קלאַפּ געטהאָן און ווי פערשטאָרבען... איך האָב, פיהלענדיג אויף זיך רעי'ס גוט-בעקאַנטע, דורכדרינגליכען בליק פון איהרע צוגעזשמורעטע, קורצזיכטיגע אויגען, מורא געהאַט צו טרעפען... אָבער זי האָט באַלד אַליין דאָס, וואָס איך האָב ערוואַרטעט, געזאָגט:

— אַ.! אַ. האָט צו זיי אריינגעמופּט. יאָ, יאָ, אַזוי איז דאָס! אָבער מיר דאַרפען זיי ניט בעריידען. וואָס מיר דאַרפען זעהן, איז — האָט רעי איראָניש אַ לאַך געטהאָן — ז י ך פון שלעכטע רייד פון ד ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט אויסהיטען. ס'זיינען, פערשטעהסט איהר מיך, פאַראַן אַזעלכע געזעצע, וואָס זיינען בלינד צו איינע און שטרענג צו אַנדערע.

מיט פערביטערונג און פעראַכטונג האָט רעי וועגען דער געזעלשאַפט מיט איהר מאָראַל גערעדט, און ביי מיר אַן עצה געבעטען, ווי זיך פון דעם אַלעמען ארויסצורייסען, ווארום ס'האָט איהר שוין דאָ אַלץ ביז צום טויט דערעסען: זי מוז זיך פון דאַנען אַוועקנעהמען, זי קען זיך מיט זיי קיינעם מעהר ניט בעגעגענען!

— אוועקפאָהרען פון דאַנען — האָב איך געזאָגט — וואָלט, דאַכט זיך, געווען דאָס בעסטע.

— אוועקפאָהרען, אוועקפאָהרען! — האָט רעי, טרויעריג מיט׳ן קאָפּ צושאָקלענדיג, איבערגערעדט — קומען אליין אין אַ פרעמדער שטאָדט...

און איך האָב אַ קלער געטהאָן: פאַר וואָס זאָל איך פון דאַנען ניט אוועקגעפּאָהרען? וואָס האָב איך דאָ אָנצואווע־רען? אפשר די ב.׳ס, די ג.׳ס, די ז.׳ס מיט די ט.׳ס אַ רחמנות איבערצולאָזען? — זיי וועלען זיך דאָ געמיטליך טרייסטען מיט אַנדערע. מיין ליעבע צו א.?... די קען איך דאָך מיטנעהמען!...

ווען איך האָב געזאָגט רעי, דאָס איך וואָלט מיט איהר אויך פּאָהרען, האָט זי מיט פרייד מיינע ביידע הענט געכאַפּט און זיך שיער וואָס ניט צוואויינט פאַר שמחה, וואָס זי וועט ניט אליין, ניט אַליין דאַרפען אוועקפאָהרען! זי האָט זיך שוין גענומען פאַרשטעלען ווי גוט מיר וועלען זיך אין דער אַנדער, שוין ניט פרעמדער, נאָר נייער שטאָדט איינאָרדנען. מיר וועלען ביידע, ווי שוועסטער, דאָרט לעבען. מיר וועלען נייע בעקאַנטשאַפטען מאַכען. מיר וועלען, מיר וועלען אַ נייעם לעבען אָנהויבען און אונז וועט אַ סך בעסער זיין, ווי איצט, דאָ!

— זאָל זיין אפילו ערגער, אבי אַנדערש — האָב איך גע־זאָגט. און איהר איז דאָס זעהר געפעלען געוואָרען.

— יאָ, כאָטש ערגער, אבי אַנדערש. לאָמיר זיך פריהער קיין צופיעל גליקען ניט פאַרשטעלען, וועלען מיר נאָכהער ניט ווערען ענטוישט. אָט וואָס, מיר׳ן דאָ ניט זיין, וועט שוין זיין בעסער. „ווייטער פון אויג — גרינגער פאַר׳ן האַרצען“...

וואוהין מיר פאָהרען, האָבען מיר דערווייל בעשלאָסען קיינעם ניט אויסצוזאָגען. וואָס אַלע מעגען וויסען, איז נאָר דאָס: מיר פאָהרען פון זיי אוועק; מיר וועלען מעהר דאָ אין גיז יאַרק ניט זיין. ס׳האָט דערעסען. און דאָרט — — —

— כאָטש ערגער, אבי אַנדערש! — — —

(ע נ ד ע).

# אונזער קליינער קאטאלאג

פרייז

פערליעבטע נשמות, פון מאַרסעל פרעוואָ — — 15 סענט

סודות פון אַ יונגער ווייבעל, פון מאַרסעל פרעוואָ 15 „

די קינדער כאַפּער, פון ג. באָגראָוו — — — — — 20 „

די פערפיהרטע, פון סעמיאָן יושקעוויטש — — 30 „

די אונשולד, פון פּראָפעסאָר פּ. מאָנטעגאַצצאַ — 15 „

די קונסט צו ליעבען און געליעבט צו ווערען,
פון פּראָפעסאָר מאָנטעגאַצצאַ — — — 15 „

די קונסט חתונה צו האָבען,
פון פּראָפעסאָר מאָנטעגאַצצאַ — — — 25 „

די ליעבעס פערקויפערין, פון פּראָפ. מאָנטעגאַצצאַ 30 „

געלד קענט איהר שיקען מיט פּאָסט סטעמפּס אָדער אַ
פּאָסט מאני אָרדער אין אַ פערמאַכטען בריעף, און אַדרעסירט:

S. Kantrowitz, 129 Lafayette St., N. Y.

## באלד ערשיינט אין אונזער פערלאַג:

די קונסט אויסצוקלייבען, פון פּראָפ. מאָנטעגאַצצאַ.

אַ פּאַריזער דיענסטמיידעל, פון אָקטאַוו מיראַבאָ.

באַלזאַקס זעמטליכע ווערקע.

פערלאַג

**S. KANTROWITZ, 129 Lafayette St., N. Y.**